STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06952

GESHIKHTE FUN HASIDIZM

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון ייוואָ
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע

שמעון דובנאָוו

געשיכטע פון חסידיזם

אויפן יסוד פון אָריגינעלע מקורים, געדרוקטע און כתב-ידן

צווייטער באַנד

ווילנע — 1933

איבערגעזעצט פון העברעישן אָריגינאַל
אונטער דער רעדאַקציע פון מחבר,
פון ז. קלמנאָוויטש

דעם האָנאָראַר פון דער ערשטער אויפלאַגע
האָט דער מחבר איבערגעגעבן אַלס מתנה
דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

PRINTED IN POLAND
SZYMON DUBNOW
HISTORJA CHASYDYZMU. Tom II
Zakłady Graficzne inż. G. Kleckina, Wilno, Kwaszelna 23

אינהאַלט פון צווייטן באַנד

דאָס צווייטע בוך

די תקופה פון וווקס און אויסשפרייטונג

(1815 — 1782)

פינפטער קאַפּיטל

דער חסידיזם אין פוילן און אוקראַינע ביזן סוף פון 18טן יאָרהונדערט

§ 27. די טיילונגען פון פוילן און די כיתות ביי חסידים

§ 28. רבי אלימלך פון ליזענסק און די טעאָריע פון פּראַקטישן צדיקיזם

דער צענטער אין גאַליציע. — די צוויי ברידער רבי אלימלך און רב זוסיה. — די גוף-פייניקונג פון אַ מקובל און דער ברען פון אַ חסיד. — דער צדיק אין ליזענסק. — די שיטה פון פּראַקטישן צדיקיזם אין ספר „נועם אלימלך"; דער צדיק איז משפיע אויף „בני חיי ומזוני"; צוליב דעם מוז ער אַראָפּנידערן פון זיין מדרגה און זיך אַראָפּלאָזן צום שטייגער פון המון-עם. — דער ערשטער תנאי: אַן אַבסאָלוטער גלויבן אין צדיק; דער צווייטער תנאי: „געבן דעם צדיק". — דער צדיק איז משפיע און ווערט מושפע; מעקלער-פעט. — דער קיבוץ פון חסידים אין ליזענסק. — אַ ויכוח צווישן ר' אלימלך און דעם רב איטינגא פון ריישע. — די „מיסיאָנערן" וואָס ציען צו יונגע לייט קיין ליזענסק. — דעם צדיקס בריוו צו זיינע חסידים מכוח דער מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים. — אַ התנצלות-בריוו קעגן די וואָס רעדן שלעכטס אויפן צדיק. — ר' אלימלך דער גוזמאָגטער. — זיין טויט און זיין קבורה. — שפּעטערדיקע לעגענדעס. . . . 6

§ 29. דער מגיד מיכל זלאָטשעווער און די אַנדערע גאַליציאַנער צדיקים

דער הייליקער ר' זוסי אַניפּאָלער און זיין אַסקעטיש לעבן. — דער מגיד מיכל זלאָטשעווער און די צרות וואָס ער איז אויסגע-

זייט

שטאַנען אין בראָד בעת די רדיפות קעגן די חסידים. — ער לערנט אַ דרך אין חסידות אין זלאָטשעוו און יאַמפּאָלע. — זיין דרשה אויפן קאַפּיטל ק״ז פון תהילים. — זיינע רייד קעגן די רבנים וואָס האַלטן זיך גרויס מיט זייער לומדות און זיינען מבטל די אמונה פון האַרצן. — זיינע גלייכווערטלעך. — מתנגדים „זוכן פעלערן“ אויף דעם דאָזיקן צדיק. — זיינע תלמידים. — דער וווּנדערמאַן ר׳ לייב שרהס, דער וואָס האָט געשטראָפט דעם קיסר יאָזעף II. — זיין פאַרבאָרגענע ווירקונג. — רזיאל המלאך האָט וועגן אים תפילה געטאָן אין אדם הראשונס צייט. — סביבה פון אָבערגלויבנס 23

§ 30. דער באַרדיטשעווער רב און דער מגיד נחום טשערנאָבילער

באַרדיטשעוו אַ נייער צענטער פון חסידיזם. — ר׳ לוי יצחק און זיינע טרעפּעניש. — „דער באַרדיטשעווער רב“ און די לעגענדעס וועגן זיין הייליקייט און וועגן זיין האַרציקער ליבשאַפט צו ייִדן. — דאָס עדות זאָגן פון אַ מתנגד וועגן זיינע נסיעות „אי־בערן ישוב“. — די תורה אין זיין ספר „קדושת לוי“: השגחה פּרטית און אַ שטענדיקע השפּעה פון דער אייבערשטער וועלט אויפן ייִדישן פאָלק; דער צדיק דער פאַרמיטלער צווישן באַשעפער און צווישן דעם כּלל פאָלק; אַ צדיק פאַר זיך און אַ צדיק פאַר דער וועלט; דער מאָראַלישער פּרינציפּ; אָפּטימיזם און אַ אַבסאָלוטער בטחון; די שפּעטערדיקע פאָלקס־לעגענדעס. — ר׳ נחום טשערנאָבילער, דער מגיד און בעל־שם. — געראודפט פון די מתנגדים. — זיין ספר „מאור עינים“: דער „סוד הזיוג“ וואָס אין דביקות; דער צדיק ווי „אַ צינור וואָס פירט אַראָפּ די שפע“ אויף דער ערד; דער פּרינציפּ פון ביטחון; ייִדן און די אומות העולם. — ר׳ זאב וואָלף זשיטאָמירער און זיין ספר „אור המאיר“ 31

§ 31. דעם בעש״טס אייניקלעך און דעם גרויסן מגידס זון.

ר׳ אפרים סודילקאָווער, דער דרשן און שרייבער, מחבר פון ספר „דגל מחנה אפרים“. — פאַרשפּרייט דעם בעש״טס שיטה און זיין לעבנס־לעגענדע. — קריטיק פון אויסוואַקסטן צדיקיזם. — ר׳ אפרימס חזיונות און חלומות. — ר׳ ברוך טולטשינער, דער צדיק וואָס געוועלטיקט און גרייסט זיך מיט זכות אָבות. — זיין שרייערישער לפּנימדיקער ברען. — די חסידישע און די משכּילישע טראַדיציע זאָגן עדות אויף זיינע מידות. — דעם רבּיס

הויף אין טולטשין און אין מעדזשיבאָזש; ר׳ ברוכס גאווה, זיין גלוסט צו עשירות און צו מאכט; קריגט זיך ארום מיט די אנדערע צדיקים.—ר׳ אברהם דער מלאך.—א צדיק פון הויילער רוחניות; פארוואָרפט דעם אויפפיר פון די חסידים נאָך זיין פאָטערס טויט, איז זיך מתבודד און שטאַרבט אין פאַסטיוו. — זיינע יורשים 51

§ 32. דער נייער צענטער אין קרוין-פוילן
די זיילן פון חסידות אין קרוין-פוילן: יעקב יצחק פון לאַנצוט און פון לובלין און דער מגיד ישראל קאָזשעניצער. — דער לאַנצוטער צדיק לויט די רייד פון די מתנגדים. — ר׳ ישראל קאָזשעניצער דער וווּנדערמאַן און קראַנקן-היילער. — מאַסן עולי רגל אין קאָזשעניץ. — די תרעומות פון די מתנגדים. — די פּרייסישע הערשאַפט און פּראָיעקטן פון רעפאָרמעס אין יידישן לעבן. — די שטים פון א בערלינער משכיל וועגן דער סכנה פון חסידיזם 69

זעקסטער קאַפּיטל

דער חסידיזם אין ליטע און רייסן און די שיטה פון חב״ד

§ 33. די „קאַרלינער" אין ליטע און זייער צעצווייגונג
דער קאַמף פארן קיום. — די חסידישע קלויז אין מינסק ווערט געשלאָסן. — דער פינסקער רב אביגדור בן חיים רודפט די סעקטע. — די „קאַרלינער" און זייערע צדיקים: ר׳ אשר סטאָלינער און ר׳ מרדכי לעכעוויצער. — פּראַקטישער צדיקיזם אין דער ליטע. — ר׳ מרדכי לעכעוויצער און זיין השפעה אין די וואָכעדיקע עסקים פון זיינע חסידים. — צוויי צדיקישע דינאַסטיעס אין דער ליטע: די סטאָלינער און די לעכעוויצער. — חסידישע „מגינים" אין ווילנע.—דער צענטער אין גראָדנער קרייז און ר׳ שמואל אַמדורער 76

§ 34. ר׳ שניאור זלמן ליאָזנער, דער ראש פון די רייסישע חסידים.
א יינגל א „מופלג" אין לערנען. א וויטעבסקער איידים, גייט אַריבער פון נגלה צו נסתר. גייט קיין מעזעריטש און טרעט

אריין אין דער גרופּע פון מגידס תּלמידים (אַן ערך 1768). — דער „ליטוואַק", צווישן אוקראַינער — שניאור זלמן לערנט תּורה מיטן מגידס זון, אברהם מלאך. — זיין אָנהייב אַרבעט אין אַ נייעם אויסשטעל פון דעם „שלחן ערוך". — די חרמות פון 1772. — נאָך זיין צוריקקער קיין רייסן: אַ תּלמיד און אַ חבר פון ר' מענדל וויטעבסקער, און דערנאָך דער ראש פון די חסידים („דער ליאָזנער רבּ"). — די נעסט פון פאַנאַטיקער אין שקלאָוו און די רדיפות פון 1784. — דער כּרוז פון יאָר 1784 און די גזירות קעגן חסידים — די שריפטן פון אַ חסיד פורץ גדר אין בראָד און דער טומל אין שקלאָוו. — דער צוציכּוח פון דעם ליאָזנער רבּ. 83

§ 35. דער „תּניא" און די פילאָסאָפיע פון חסידות

דער „תּניא" און זיין באַזונדער פאָרם. — ער ווערט פאַרענדיקט אין דרוק אין יאָר תּקנ"ז, נאָכדעם ווי ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אָפּשריפטן. — די טיילן פון ספר. — די לערנונג וועגן דער באַשאַפונג און דער גאָטהייט אין דעם טייל „שער היחוד והאמונה": רעליגיעזער פּאַנטעיִזם אַנטקעגן דער שיטה פון שפּינאָזע און פון די דעיִסטן; אַן אָפּקלאַנג פון דער פילאָסאָפיע תּאָס האָלט, אַז מען קאָן ניט באַנעמען די זאַכן ווי זיי זיינען פאַר זיך און דער רעליגיעזער באַשייד פון דער וועלט־רעטעניש. — „ספר של בינונים": פּסיכאָלאָגיע און עטיק. — די בהמהשע נשמה און די געטלעכע נשמה. — דער יסוד פון דער געטלעכער נשמה איז דער שכל אין דריי בחינות: חכמה, בינה, דעת. די בהמהשע נשמה און איר יניקה פון דער וועלט אומריינע און ריינע קליפּות; דער אונטערשייד צווישן יידן און אַנדערע פעלקער. — דער ראַציאָנאַליזם און די תּורה־קענטשאַפט אין דער שיטה פון „תּניא". — דער עקסטאַז וואָס קוואַלט אַרויס פון פאַרטיפטן דענקען. — פאַרבאָט פון „חכמות חיצוניות", וואָס זיינען מטמא די געטלעכע נשמה. — דער יאָך פון תּורה און דער יאָך פון מצוות. — קעגן אַסקעטיזם און עצבות; דאָס אויפהייבן די מחשבות זרות צו זייער שורש. — די מיכטיקסטע אויסבעסערונג: די אָפּשאַפונג פון דעם גלויבן אין צדיקים אין זיין עקסטרעמער פאָרם; ר' שניאור זלמנס בריוו צו זיינע אָנהענגער. — די שיטה פון חב"ד אין דער קרייז־באַוועגונג פון חסידיזם. — ערב דער דריטער מחלוקת 95

זיבעטער קאַפּיטל

די דריטע מחלוקת

(1801 — 1796)

§ 36. די באַנייונג פון דער מחלוקת אין ליטע (1796)

אַ נייע קריגס־טאַקטיק: די צדדים ווענדן זיך נאָך הילף צו רוסישע רעגירונגס־באַאַמטע. — די קאַרלינער אין מינסקער גובערניע און דער פינסקער רב אביגדור. — דער ספר „צוואת הריב"ש" ווערט פאַרבּרענט לויטן באַפעל פון ווילנער גאון. — די חסידים פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער גאון האָט חרטה אויף זיין געגנערשאַפט: דער אָפּבּאַרער אין דייטשע קהילות. — דער בריוו פון גאון (סיון תקנ"ו) וואָס זאָגט אָן, אַז ער שטייט אויף דער וואַך אין קאַמף קעגן דער סעקטע. — די שאלה פון די ראשי־הקהל אין מינסק און דער ענטפער פון „אליהו קנא" (תשרי תקנ"ז). — די גזרות אין מינסק און די פּראָפּאַגאַנדע פון די מתנגדים אין די איבעריקע קהילות. — אַלגעמיינער אָנפאַל. 112

§ 37. דער ענטפער פון די חסידים, דער טויט פון גאון און די גזרות פון ווילנער קהל (1797)

די ווילנער חסידים בעטן דעם רב שניאור זלמן, ער זאָל קומען צו אַ וויכּוח אָדער צו אַ משפּט מיטן גאון. — דעם רבס ענטפער: ניט געראָטענע פּרוון, שטראָף און התנצלות. — דעם גאונס פּטירה און די אבלות־טעג אין ווילנע (חול־המועד־סוכּות תקנ"ח). — אַ מיאוסע מעשה פון די חסידים: אַ נאַכט פון הוליאַנקע און שמחה און רייצן זיך מיט די מתנגדים. — די נקמה פון די מתנגדים; עס ווערט אויסגעקליבן אַ „וועד פון פינף" צוליב דער מלחמה מיט דער הסידות דורך דעם „רודף הנעלם". נייע גדרים. די רעליגיעזע מחלוקת גייט איבער אין צושטאַנד פון אַ בירגער־קריג 126

§ 38. דער רב אַרעסטירט אין פּעטערבורגער פעסטונג (1798)

די רודפים און די נקמה פון די געררודפטע. — דער מגיד ישראל לייבל און זיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער „כת". — זיין וואָרענונג די ליטווישע „צדיקים", זיי זאָלן זיך שטעלן צום משפּט מיט אים לויט „דעם קיסרס באַפעל". — אַ מסירה־שריפט

זייט

פון די ווילנער פאַנאַטיקער צום הויפּט־פּראָקוראָר אין פּעטערבורג מכּוח די „מלוכה־שעדלעכע מעשׂים" פון די אָנפירער פון די חסידים. — דער אַרעסט פון ר' שניאור זלמן און זיינע חברים. דער רב זיצט אין תּפיסה אין פּעטערבורג און ווערט געמשפּט אין דער געהיימער קאַנצעלאַריע.—די אויסלייזונג פון אַרעסטירטן. — זיין באַפרייונג י"ט כסלו תּקנ"ט. — זיינע בריוו וועגן דער אויסלייזונג 138

§ 39. די אַריינמישונג פון דער רוסישער רעגירונג אין דער רעליגיעזער מחלוקת

די ווירקונג פון דעם „פינפער־קאָמיטעט" און פון דעם „פאַרבאָרגענעם רודף". משה אָשעראָוויטש און די מתנגדישע קנאים שטופּן אַרויס די חסידים פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. די חסידים רייסן זיך אַריין אין קהל מיט דער הילף פון די רוסישע באַאַמטע.— ר' אביגדור פון פּינסק און זיין בקשה־שריפט צום קיסר פּאַוול (פרי־יאָר 1800): אַ מסירה אויף די „קאַרלינער", אַז זיי זיינען רעשטלעך פון די סעקטעס פון שבתי צבי און פראַנק. — די אויספאָרשונג פון דער מאַכט אין ליטע. די רעוויזיע פון דערזשאַווינען אין רייסן און וואָס ער זאָגט וועגן דער סעקטע חסידים און זייער פירער זלמן. — דער צווייטער אַרעסט פון ר' שניאור זלמן אין פּעטערבורג (נאָוועמבער 1800). די פראַגעס פון דעם באַשולדיקער אביגדור און ר' שניאור זלמנס ענטפערס. — ער ווערט באַפרייט פון דער טורמע פון דער געהיימער עקספּעדיציע און זיין ענין ווערט איבערגעגעבן דעם סענאַט.—דעם קיסר פּאַוולס טויט און די לעצטגילטיקע באַפרייונג פון ר' שניאור זלמן לויטן באַפעל פון אַלכּסנדר דעם ערשטן (מערץ 1801). קלאָג־שריפטן פון ביידע צדדים: אביגדורס תּביעות און ר' זלמנס טענ׳ות. — די פאַרענטפערונג פון דער חסידישער פראַגע און דער „געזעץ וועגן יידן" פון יאָר 1804: גלויבנס־פרייהייט אין די יידישע קהילות 149

§ 40. דער מגיד ישראל לייבל און זיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן חסידות

דער מגיד אין די רייסישע און ליטווישע קהילות. — זיין ברודער ווערט אַריבערגעצויגן צו חסידות. — לייבלס נסיעות צו ר' שניאור זלמנען און דער וויכּוח אין ליאָזנע.—דער „ספר הוויכּוח" אָפּ־געדרוקט אין וואַרשע. — די הקדמה פון ספר און דער עצם וויכּוח. — די חסידים רודפן דעם מחבר און פאַרברענען זיין

ספר. — זיין נסיעה קיין גאַליציע (ריישע, לעמבערג, קראָקע); ער גיט אַן אַ קלאָג-שריפט דעם קיסר פראַנץ. — זיין דייטשע בראָשור וועגן חסידות; דער בונד צווישן די משׂכּילים און די רבנים כּדי אויסצוּוואָרצלען די „שענדלעכע סעקטע״. . . . 173

§ 41. די פּאָלעמישע ליטעראַטור אין פּוילן

דער מגיד דוד מאַקאָווער און זיין ספר „זמיר עריצים״ (תקנ״ח).— מליצה-שטראָף-רייד קעגן חסידים און צדיקים. — דער מחבר ווערט געררודפט פון די סעקטאַנטן און איז זיך נוקם אָן זיי שריפטלעך. — ער באַקלאָגט זיך אויף דעם צווייענדיקן בראָך אין יידישקייט: מצד די משׂכּילים און מצד די חסידים.—„שבר פּושעים״ („זמרת עם הארץ״), אַ צווייטער טייל צו „זמיר עריצים״. — אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון חסידיזם. 186

אַכטער קאַפּיטל

דער חסידיזם אָנהייב 19טן יאָרהונדערט

(1800 — 1815)

§ 42. דער עקסטרעמער חסידיזם אין אוקראַינע: ר׳ נחמן דעם בעש״טס אייניקל

דער גורל פון חסידיזם אין צפון און אין דרום. — ר׳ נחמן דעם בעש״טס אייניקל אין דער אַטמאָספערע פון מעדזשיבאָזש. — אַ פאַנטאַזיאָר און אַ טרוימער. — האָט חתונה יונגערהייט און איז זיך מתבודד אַרום מעדוועדעווקע. — אַ יונגער צדיק וואָס גלייבט אין זיין געהויבענער באַשטימונג. — פאָרט קיין ארץ-ישראל אין דער צייט פון סכּנה (1798). — דער פראַנצויזישער קריג אין ארץ-ישראל און ר׳ נחמנס „קטנות דמוחין״. — זיין „גדלות דמוחין״ נאָכן קומען אַהיים. — „אַ נייער וועג״: אמתע צדיקים און פאַלשע צדיקים, די באַזונדערע באַשטימונג פון דעם בעש״טס אייניקל, זיין גרייסן זיך איבער די צדיקים פון דור.—זיין אויפהאַלט אין זלאַטאָפּאָל און זיין מחלוקת מיטן שפּאָלער זיידן (1801 — 1802) 193

§ 43. דער עקסטרעמער צדיקיזם. די בראַסלעווער חסידים (ביז 1811)

ר׳ נחמן בראַסלעווער און זיין שרייבער נתן נעמיראָווער. — די

תורות און די שמועסן ווערן פאַרשריבן. — „ליקוטי מוהר״ן“. — די טעאָריע פון צדיקיזם; „התקשרות מיטן צדיק“ איז דער יסוד פון חסידות. דער צדיק הייבט אַרויף אין הימל אַלע תפילות און בקשות. — ר׳ נחמן רוקט אָפּ אויף 25 יאָר די גזירה פון רעקרוטן. — זיין שנאה צו וועלטלעכע וויסנשאַפט, בפרט צו מעדיצין. — דער צדיק איז דער איינציקער היילער. — די שרעק פאַר דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע: אַן איסור אויף די ספרים פון רמב״ם און אַנדערע „חוקרים“. — דער עיקר פון אַלע עיקרים איז תמימות און פשטות; דער גרענעץ צווישן אַ תמים און שוטה. — ר׳ נחמנס בארימעריי — זיינע שונאים; די שפּאַלטונג אין דעם בעש״טס משפּחה. — פאַרברענונג פון די „שרעקלעכע“ שריפטן. — די בראַטסלעווער חסידים חוץ למחנה. — „די גרויסע נסיעה“ איבער אוקראַינע (1807). — ר׳ נחמנס קראַנקהייט. — זיינע „סיפורי מעשיות“: קינדער-מעשהלעך וואָס די מאַמינים האָבן דערין געזוכט טיפע סודות. — זיין אַריבער-פאָר פון בראַסלאַוו קיין אומאַן (1810). — ר׳ נחמנס טויט אין אומאַן (תשרי תקע״א) און זיין הייליקער קבר. — די ווירקונג פון זיין תלמיד ר׳ נתן אין דער רעדאַקטירונג פון זיינע ספרים און אין דער אָרגאַניזירונג פון די בראַטסלעווער חסידים. . . 205

§ 44. די צדיקים-הערשאַפט אין אוקראַינע

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אין זיינע לעצטע יאָרן. — די פאַר-זאַמלונג אין באַרדיטשעוו מכוח דער גזירה פון דער רעגירונג (1803). — דער גירוש פון די דערפער און ר׳ שניאורס זלמנס נסיעה קיין אוקראַינע. — דער צפונדיקער צדיק און דער דרום-דיקער צדיק (ר׳ ברוך טולטשינער). — דער שפּאָלער זיידע, דער המונישער צדיק. — ר׳ מרדכי נעסכיזשער. — דער „אַפּטער רב“ יהושע העשל אין מעדזשיבאָזש; זיינע גוזמאות, זיינע ברכות פאַר די פּריונות-ברענגערס און זיין תורה. — די טשערנאָבילער דינאַסטיע; ר׳ מאָטל און דאָס איינמאָנען אָפּצאָל פאַרן רבין; זיין מאָגערע תורה און זיין פעטע פרנסה. — ר׳ ישראל רוזשינער און דעם צדיקס „הויף“. — אינעווייניקסטע ירידה און אויסווייניקסטער אויפשטייג. 226

§ 45. דער ניצחון פון חסידיזם אין גאַליציע

די שוואַכקייט פון דער מתנגדות אין גאַליציע. — דער בונד פון די חסידים און מתנגדים קעגן דעם שותּפישן שונא אין עסטרייך: דער השכּלה. — דער צווישנשייד צווישן דער געמיינדע חסידים און דער אויסווייניקסטער וועלט אין נאַפּאָלעאָנס תקופה. — ר׳ אלימלך ליזענסקערס זון און זיינע תלמידים. — ר׳ מענדל

פריסטיקער אָדער רימאַנאָווער. — ר׳ נפתלי צבי ראָפּשיצער. — חילוקי דעות צווישן צוויי צדיקים בנוגע נאַפּאָלעאָנס נצחונות. — ר׳ וואָלף זבאַראַזשער און זיין הויכע מאָראַלישע געשטאַלט. — ר׳ משה לייב בראָדער אָדער סאַסאָווער. — ר׳ משולם פייבוש העליר פון זבאַראַזש און זיין תורה „לקוטי יקרים״, „דרך אמת״. — ר׳ אורי סטרעליסקער וואָס ווערט אָנגערופן „דער שרף״. 238

§ 46. נאַפּאָלעאָנס ניצחונות: חסידות נעמט איין קרוין-פּוילן

דער וווקס פון חסידיזם אין מהומה-צייט. — דאָס פּאָר צדיקים אין לובלין און קאָזשעניץ. — דער „לובלינער רב״ן; פאַרוואָס קומט אים דער נאָמען „חוזה״. — זיין ענטפער דעם רב וואָס איז מקנא זיין פירסום. — דער וואָרזאָגער און יועץ פאַר א „פדיון״. — צדיקיזם שטופּט אַרויס די חסידות. — דער קאָזשעניצער מגיד: דערהייבט מחשבות זרות צום מקור פון קדושה און לאָזט זיך אַראָפּ צו די טיפענישן פון טומאה; באַווייזט מופתים אין לעבן פון יחיד און פון ציבור. — די בהלה אין וואַרשעווער הערצאָגטום מחמת דער גזירה פון מיליטער-דינסט און דער פאַר-באָט צו האַנדלען מיט שאַרפע געטראַנקען. די צדיקים זיינען זיך משתדל אויבן און די גזירות ווערן בטל. — דער לובלינער און דער קאָזשעניצער בעת נאַפּעלעאָנס לעצטער מלחמה: דער פּרווו „אַראָפּצוברענגען משיחן״ און די שטראָף: דער קאָזשעניצער שטאַרבט און דער לובלינער פאַלט אַראָפּ אום שמחת-תורה תקע״ה. — דער דריטער פון דער קאָמפּאַניע, דער „ייד הקדוש״ פון פּשיסכע קאָנקורירט מיט זיין רבין דעם לובלינער און ווערט אַליין א רבי. — אויפשטייג פון דער חסידים-הערשאַפט 252

§ 47. דער צענטער אין רייסן בעת ר׳ שניאור זלמנס לעצטע יאָרן

משנה מזל — משנה מקום. דאָס אַריבערקלייבן זיך פון ליאָזנע קיין ליאַדי. — דער ליאַדיער רב זוכט שלום און באַזוכט די פירערס פון די מתנגדים אין זיין לאַנד. — זיין בריוו וועגן שלום צווישן די צדדים. — די מחלוקת צווישן די חסידים: ר׳ אברהם קאָליסקער אין ארץ ישראל און זיינע טענות קעגן דער שכלדי-קייט וואָס אין ספר „תניא״: „גאַר דאָס בייז קומט פון שכל״. — צו דעם שטרייט פון די מיינונגען קומט צו א מחלוקת וועגן דער גבאות פאַר ארץ-ישראל. — פּאָלעמישע בריוו צווישן ר׳ אברהם קאָליסקער, ר׳ שניאור זלמן און דעם באַרדישטעווער רב. — די מחלוקת צווישן ליאַדיער רב און רב ברוך טולטשינער: דער חילוק צווישן דעם פילאָסאָף פון חסידות און דעם סוחר

מיט חסידות. — דער רוסיש־פראנצויזישער קריג: ר׳ שניאור זלמן איז פארן קיסר אלכסנדר קעגן נאפאלעאן: זיין נבואה אום ראש־השנה תרע״ג (1812). — זיין אנטלויפן פון ליאדי און זיינע טילטולים אין טיף רוסלאנד קריגס־צייט (אויגוסט — דעצעמבער 1812). — זיין פטירה ניט ווייט פון קורסק און זיין קבורה אין האדיאטש (יאנואר 1813). — דאס הויז שניאורסאן. — ר׳ שניאור זלמנס ספרים וואס זיינען אפגעדרוקט נאך זיין טויט. — די צדיקישע הייזער אין ליטע: אין סטאלין־קארלין און לעכעוויץ־קוידענאוו : 264

דאס דריטע בוך
דאס לעבן פון די חסידים
נײנטער קאפיטל

דאס לעבן פון די חסידים און זייערע מידות אין דער ערשטער תקופה

§ 48. די חסידישע נשמה

די רעזולטאטן פון פסיכישער ווירקונג; דער אומבייט אין גייסט פון מאמין: א פארבעסערונג אדער א פארערגערונג? — דער „ביטול היש״ אדער די אפשאפונג פון דעם צווישנשייד צווישן ווירקלעכקייט און פאנטאזיע. — די מידה פון ביטחון און די אונטערדריקונג פון דאגות ברענגען נשמה־רו, אפטימיזם און פאטאליזם, דער חסיד מאכט צו־נישט די ווירקלעכקייט, אבער די ווירקלעכקייט מאכט אים פאר א גארנישט און ציט אים אראפ פון דער אויסגעפאנטאזירטער וועלט אין דעם ערדישן זומפ אראפ. — ווי ווייט האט חסידות מיטגעווירקט צו פארשטארקן דעם עלעמענט פון מאראל אין דער רעליגיע? — די געבאטן פון בין אדם למקום און פון בין אדם לחברו. דער שווער־פונקט ווערט אריבערגערוקט פון מאראל צום גלויבן. די אפשטויסונג פון עצבות און די פארשיכורטקייט מיטן גלויבן. — דער צדיקים־קולט, זיינע מעלות און חסרונות. — די פאזיטיווע און נעגאטיווע עלעמענטן אין חסידות : 287

§ 49. די חסידים און זייערע רביים

די דערציונג. — פריצייטיקע חתונות. — די לאגע פון דער פרוי. — שילדערונגען פון לעבן פון חסידים און צדיקים אין די שריפטן פון די מתנגדים און משכילים. — א מעשה מיט א חסיד וואס איז געפארן צום רבין, וואס ער האט געזען דארט און וואס אזא נסיעה האט געקאסט. — די ראלע פון „גבאי״ אין צדיקס הויז. — דער „פדיון״ איבער אלץ. — דער צדיק פארט

„איבער דער מדינה״; עסן און טרינקען אין די קרעטשמעס; דעם צדיקס ברכות און די קללות פון לעבן. — א מעשה מיט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער וואָס האָט מטמא געמאַכט א ריינע און מטהר געווען א „טמאה״. — די ראָלע פון א בעל־יועץ אין אלע ענינים פון לעבן 296

§ 50. אין די רבּישע הויפן

די הייזער פון די צדיקים און זייערע הויפן אין קליינע שטעט־לעך. — א צדיק קומט אין שטאָט אריין, קומט אריין מזל־ברכה אין שטאָט: מאַסן פאַרערס צום רבין, באַוועגונג און פרנסה. — די זאַמל־טעג אין תשרי, דער יריד אויפן הימל און אויף דער ערד. — שבת צו דער דריטער סעודה איז די באַהיליקטע הייליקע שעה; די פאַרזאַמלונגען אין בין־השמשות און אין נאַכטיקער פינסטערקייט, דעם רבינס דרשות, די באַגייסטערונג פון די צוהערער. — די פאַרזאַמלונגען פאַרבינדן דעם צדיק מיט דער וועלט ארום אים: דער סוד פון זיינע „וואונדער־מעשים״. — די פאַרזאַמל־ערטער פון חסידים: אין „קלייזל״ און אין מקווה. — ליידיק־גייערס פאַרלאָזן ווייב און קינדער און האַלטן זיך אויף אין רבינס הויף.—יונגע בחורים אנטלויפן פון זייערע עלטערנס היים און קומען אָן אין דעם רבינס „גוואַרדיע״. — דאָס לעבן פון די פרויען אין די רבּישע הויפן: די מתנגדים זיינען חושד יידישע טעכטער אין אָפּבייג פון צניעות; דאָס ארויפברענגען שלעכטע מחשבות און הרהורים וועגן פרויען בעתן דאַווענען.—די טיטלען: דער רבּי, דער גוטער ייד, דער רב 308

§ 51. אַ מוסטער פון אַ צדיקס הויז. רעליגיעזער פאַנאַטיזם

דאָס הויז פון דעם צדיק ר׳ חייקל אַמדורער.—באַזונדערע אגענטן ציען אריין יונגע לייט אין צדיקס שטאָט. — דעם רבינס „סגן״ דער בעל־אכסניא און זיינע באַהעלפערס. — אָפּנאַרעריי, גנבה און גזלה. — יונגע לייט וואַרפן אוועק ווייב און קינדער, און אנטלויפן קיין אַמדור. — אָרעמע לייט און גבירים אין צדיקס הויז.—שקאָצערייען אין בית־מדרש, כדי צו פאַרטרייבן עצבות און צו דינען גאָט מיט שמחה. — צדיקישע הייזען אין ליזענסק און אין אנדערע ערטער. — קאָמבינאַציע פון אָפּנאַרעריי און פאַנאַטיזם. — א מעשה מיט א מגיד אין דער שטאָט קאַמען. — א מאָרד־פאַל אין קראַסנאָסטאַוו. — רעליגיעזער פאַנאַטיזם קעגן נייעם שונא, דער השכלה. — די גערודפטע ווערן רודפים 317

דאָס צווייטע בוך

די תקופה פון וווּקס און אויסשפּרייטונג

(1815 — 1782)

פינפטער קאַפּיטל

דער חסידיזם אין פּוילן און אוקראַינע ביזן סוף פון 18טן יאָרהונדערט

§ 27. די טיילונגען פון פּוילן און די כיתות ביי חסידים

דריי און צוואַנציק יאָר, פון 1772 ביז 1795, האָט געדויערט די גסיסה פון פּוילן. ניט מיט איין מאָל איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער אָט די מלוכה, און מיט איר דער גרעסטער יידישער קיבוץ, נאָר עס זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע אָפּעראַציעס איבער איר קראַנקן גוף. אין יאָר 1772 זיינען אַריבער צו די גרויסע מלוכות רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן די פּראָווינצן רייסן (ווייסרוסלאַנד), מזרח־גאַליציע און אַ גרויסער טייל פון פּוזנער קאַנט. אין 20 יאָר אַרום, אין יאָר 1793, האָט רוסלאַנד, ביי דער צווייטער טיילונג, פאַרנומען אַלע פּראָווינצן פון מערב־אוקראַינע (פּאָדאָליע, וואָלין און קיעווער קאַנט), וואָס אין זיי איז די חסידות אויפגעבליט און אויסגעוואַקסן, און אויך מינסקער גובערניע אויפן גרעניץ צווישן ליטע און רייסן. לויט דער דריטער טיילונג איז אַריבער צו רוסלאַנד די גאַנצע פּראָווינץ צענטראַלע ליטע (ווילנע און גראָדנע); עסטרייך האָט צוגעכאַפּט צו מזרח־גאַליציע נאָך מערב־גאַליציע (קראָקע און איר קרייז) און דעם קרייז לובלין; און פּרייסן האָט אָפּגעריסן אויף צען יאָר צייט דאָס גאַנצע אינעווייניקסטע פּוילן (די רעשטן פון פּוזנער קאַנט, וואַרשע, קאַליש, פּלאָצק ביז ביאַליסטאָק אויפן גרעניץ פון ליטע).

צווישן די פּראָווינצן זיינען דורכגעפירט געוואָרן גרענעצן, און די איינגענומענע לענדער האָבן די נייע רעגירונגען איינגעשטעלט איטלעכע אירע באַזונדערע געזעצן — נאָר דער שטראָם פון דער חסידישער באַוועגונג האָט פון קיין אָפּהאַלט ניט געוווּסט, אים האָבן קיין גרענעצן ניט אָפּגעשטעלט, מיט אַ סטיכישער קראַפט האָט

ער מיטגעצויגן מיט זיך מאַסן גלויבנס-דאָרשטיקע גאָט-זוכער. די מאַסן-באַוועגונג איז זיך געגאַנגען ניט נאָר אויסער דעם אָרט, נייערט אויך אויסער דער צייט — דאָס איז דאָך געווען די צייט פֿון דער פּאָליטישער און גייסטיקער רעוואָלוציע אין מערב-אייראָפּע, די תּקופֿה פֿון אויפֿקלערונג, וואָס האָט גענומען אַריינדרינגען פֿון מערב קיין מזרח, אין דער עסטרייכישער גאַליציע, אין פּרייסישן פּוילן און אין אַ שטיקל צייט אַרום אויך קיין רוסלאַנד. אין גאַליציע האָט דער חסידיזם אָנגעטראָפֿן אויף דער אויפֿקלער-באַוועגונג אין דער צייט פֿון קיסר יאָזעף II (1780—1790), וואָס האָט אַרויפֿגעלייגט אויף די יידן אין זיין מלוכה די „גזירה" צו לאָזן זייערע קינדער לערנען אין „נאָרמאַל-שולן" אין דער לאַנד-שפּראַך און בכלל איבערצובייטן דעם אופֿן פֿון דערציִונג. איינער פֿון מענדעלסאָנס בערלינער תּלמידים הערץ האָמבערג איז געוואָרן דער פֿאַרמיטלער אויף דורכצופֿירן די רעפֿאָרם. זינט דעם יאָר 1787 האָט האָמבערג זיך באַזעצט אין לעמבערג ווי דער אייבער-אינספּעקטאָר איבער די „דייטשע" שולן און מיט דער הילף פֿון דער רעגירונג האָט ער זיך געמיט אַריבערצוציען די יידישע קינדער פֿון די חדרים און ישיבות אין די שולן אַריין. די חסידים אין גאַליציע האָבן דאָס באַטראַכט בפּועל ממש ווי אַ שמד-גזירה. און נאָך פֿרישע גזרות זיינען אויפֿגעקומען: מען האָט יידן פֿאַרבאָטן צו פֿאַרנעמען זיך מיט שענקעריי אין שטאָט און דאָרף — דערפֿון זיינען טויזנטער יידישע משפּחות געבליבן אָן חיונה, מען האָט אָנגעהויבן נעמען יידישע יונגעלייט פֿאַר סאָלדאַטן, און כּדומה נאָך אַזעלכע נייסן. גרויס איז געווען די שרעק און אויפֿרעגונג ביים עולם חסידים, אָבער דער גלויבן אין גוטע יידן האָט זיי געבראַכט שטאַרקונג און טרייסט.

וועגן איינעם פֿון דעם מעזריטשער מגידס תּלמידים, דעם „פֿאַרבאָרגענעם" צדיק ליב שרהס פֿון יאַלטישקעוו אין פּאָדאָליע דערציילט די לעגענדע, ווי אַזוי ער האָט זיך געפּלייסט מבֿטל צו זיין די ביטערע גזרות פֿון די צוויי קיסרלעכע עדיקטן: דעם אַלגעמיינעם „טאָלעראַנץ-פּאַטענט" פֿון יאָר 1782 און דעם ספּעציעלן פֿון יאָר 1789, וואָס איז געווען באַשטימט פֿאַר גאַליציע. דער דאָזיקער רב ליב, וואָס וועגן אים וועט זיין די רייד ווייטער (§ 29), איז געווען גאָר אַ גרויסער בעל-מופֿת: ער האָט געוווּסט דעם סוד, ווי אַזוי צו ווערן אַ „רואה ואינו נראה" און ווי אַזוי צו מאַכן אַ „קפֿיצת

הדרך". אָט די דאָזיקע צוויי סגולות האָט ער באַנוצט אין זיין „מלחמה" קעגן קיסר יאָזעף II, וואָס האָט געוואָלט אין גאַנצן איבעראַנדערשן דעם אַלטן לעבנס־סדר פון יידישן פאָלק. אין משך פון אַ צייט מיט יאָרן האָט ליב שרהס זיך געראַנגלט מיטן קיסר אויף אַזאַ אופן: ער פלעגט מיט אַ קפיצת הדרך קומען צו פאָרן פון זיין שטעטל יאַלטישקעוו אין דער קרוינשטאָט ווין אַריין, זיך אַריינגיין אין דעם קיסרס פאַלאַץ און חדר, אומבאַמערקט פאַר דעם קיסרס לייבוואַך, אַרויסנעמען אַ מעסער פון קעשענע און שניידן דעם קיסרס לייב און זאָגן: ביסטו מבטל דיינע גזרות אויף יידן— איז גוט, אַניט בלייבסטו אַ טויטער. דער קיסר שרייט געוואַלד פון ווייטאָג, זיינע באַדינערס הערן זיינע געשרייען, אָבער זיי זעען קיינעם ניט און קאָנען דעם „רואה ואינו נראה" ניט כאַפּן. פונקט אַזוי ווי פרעה בשעתו האָט יאָזעף דער צווייטער זיך איינגעעקשנט, און ליב שרהס גייט נאָך אַמאָל קיין ווין, גנבעט זיך אַריין אין קיסרס חדר, שלאָגט אים און סטראַשעט אים. אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן זיבן יאָר, ביז דער קיסר איז געשטאָרבן. אָבער אין דעם זעלביקן יאָר איז אויך אויף ר' לייבן נגזר געוואָרן צו שטאַרבן: ער איז נפטר געוואָרן אין חודש אָדר תקנ"א (1791)[1]. מיט אַזעלכע קינדערשע מעשיות האָט די חסידות איינגעשלעפערט די צערודערטע מאַסע.

1 דער „סדר הדורות החדש", ז' 43, שרייבט פאַרשטעלט: „זיינע (ר' ליב שרהס) נסיעות זיינען געווען מיט קפיצת הדרך, און ער איז נאָר אויסן געווען צו ראַטעווען יידן פון זייערע באַדריקער, און זיינע פאָרכטערלעכע אויפטוען זיינען מפורסם געוואָרן, ווי עס איז באַוווסט פון דער מעשה, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ מלך און מיט כמה דופסים, וואָס ער האָט זיי געשטראָפט אין פנים אַריין און האָט זיי געצוווּנגען צו טון גוטס יידן". דער גאַליציאַנער מחבר, וואָס זיין ספר איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין עסטרייך (לעמבערג 1865), האָט ניט געוואָלט אָנרופן בפירוש דעם נאָמען פון „מלך" מחמת מורא פאַר דער עסטרייכישער צענזור. די פרטים פון דער לעגענדע ווערן דערציילט אין פאַרשיידענע נוסחאות. זע „זכרונות אב"ג" [א. ב. גאָטלאָבער] אין „הבקר אור", תר"ם—תרמ"א; וואַסערמאַן, „לתולדותיו של ר' ליב שרהס" אין „השלח" 1904, ז' 481 א"ו. לויט דעם לעצטנס רייד, איז די מצבה ליב שרהס אויפגעהיט ביז איצט אויף דעם צדיקס קבר אין יאַלטישקעוו, און אויף איר שטייט אויסגעקריצט דער טאָג פון זיין טויט.

„ביטול היש“, די שטאַרקונג פון דער פאַנטאַזיע איבער דער ווירקלעכקייט אויך אין דער פּאָליטישער וועלט — דערין האָט געשטעקט דער כּוח פון דער נייער באַוועגונג.

דער דאָזיקער כּוח איז בייגעשטאַנען די חסידישע מאַסן אין אוקראַינע אין דער איבערגאַנגס-תּקופה צווישן די היידאַמאַקעס-אומרוען פון יאָר 1768 און צווישן דער פּויליש-רוסישער מלחמה, וואָס האָט געבראַכט צו דער צווייטער טיילונג פון פּוילן אין יאָר 1793. אונטער דער השפּעה פון די צדיקים, וואָס האָבן שטענדיק אַרומגעשוועבט אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט — האָבן די מאמינים מיט אַ כּיוון זיך אָפּגעווענדט פון אַלע צרות און מהומות, און פאַר זיי האָט עקסיסטירט נאָר דאָס, וואָס האָט זיך געטאָן אַרום זייערע גייסטיקע מלכים, וואָס האָבן איטלעכער אויף זיין אייגענעם שטייגער זיך אָפּגערופן אויף דעם וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי די גוישקע מלכים. אָט דערציילט די לעגענדע, אַז בעת די פּאָליאַקן און די רוסן האָבן געפירט צווישן זיך די מלחמה אין וואָלין, זיינען די צוויי חסידישע פירער מחולק געווען אין זייער פּאָליטישער אָריענטאַציע: רב שניאור זלמן פון ליאָזנע אין רייסן, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער ממשלה פון רוסלאַנד, האָט מתפּלל געווען פאַרן ניצחון פון די רוסן, און רבי שלמה קאַרלינער, וואָס האָט אין יענער צייט זיך אויפגעהאַלטן אין לודמיר אין וואָלין, האָט אין זיין תּפילה געבעטן, אַז די פּאָליאַקן זאָלן געווינען. געזיגט האָט מיט זיין השתּדלות דער רבי פון רייסן, און דעם פּאַזיגטן צדיק האָט בעתן דאַוונען אַוועקגעהרגעט איינער אַ גוי מיטן נאָמען אַרמילוס, אַ קאָזאַק פון די קאָזאַקן פון רוסישן מיליטער. אויף רבי שלמהן האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט די נשמה פון משיח בן-יוסף, וואָס אויף אים איז נגזר געוואָרן, ער זאָל שטאַרבן בעת דער מלחמה פון גוג ומגוג[1]. אַזוי האָבן זיך אויסגעמעלט די וועלט-געשעענישן אין שפּיגל פון חסידות.

אין יאָר 1795 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער גרעניץ צווישן די צוויי צענטערס פון דער רבנות, ליטע און רייסן, און אין אַ יאָר אַרום איז איבעראַניים פאַרשאַרפט געוואָרן דער קאַמף קעגן דער

1 זע ב. I, § 24, און אויך דעם ספר „בית רבי“ חלק א׳, ז׳ 128.

חסידות אין ווילנע און אין אַלע קהילות וואָס האָבן געפּאָלגט דעם גאון. אין דעם זעלביקן יאָר זיינען די רעגירונגען פון עסטרייך און פּרייסן אַריינגעדרונגען אין צענטראַלן פּוילן און האָבן דאָרט אָנגעטראָפן נייע צענטערס פון חסידות אַרום דער הויפּט־שטאָט וואַרשע. צוויי שטעט, לובלין און קאָזשעניץ, זיינען אין גיכן געוואָרן צענטערס פון באַרימטע צדיקים: דער לובלינער רבי און דער קאָזשעניצער מגיד. חסידות פאַרשפּרייט זיך אין אַלע לענדער, ניט געקוקט אויף די אומבייטן פון די רעגירונגען און פּאָליטישע אָרדענונגען. זי האָט זיך איר פּאָליטיק, וואָס איז אָפּגעהאַנגען פון הימלישן קיניגרייך, און אירע וואָרט־פירערס אין דער אונטערשטער וועלט, די וואָס פאַרמיטלען צווישן ביידע וועלטן, זיינען די צדיקים, די „יסודי־עולם“.

§ 28. רבי אלימלך פון ליזענסק און די טעאָריע פון פּראַקטישן צדיקיזם

דער צענטער אין גאַליציע. — די צוויי ברידער רבי אלימלך און רב זוסיה. — די גוף־פּייניקונג פון אַ מקובל און דער ברען פון אַ חסיד. — דער צדיק אין ליזענסק. — די שיטה פון פּראַקטישן צדיקיזם אין ספר „נועם אלימלך"; דער צדיק איז משפּיע אויף „בני חיי ומזוני"; צוליב דעם מוז ער אַראָפּנידערן פון זיין מדרגה און זיך אַראָפּלאָזן צום שטייגער פון המון־עם. — דער ערשטער תנאי: אַן אַבסאָלוטער גלויבן אין צדיק; דער צווייטער תנאי: „געבן דעם צדיק". — דער צדיק איז משפּיע און ווערט מושפּע; מעקלער־פּעט. — דער קיבוץ פון חסידים אין ליזענסק. — אַ ויכוח צווישן ר' אלימלך און דעם רב איטינגא פון ריישע. — די „מיסיאָנערן" וואָס ציען צו יונגע לייט קיין ליזענסק. — דעם צדיקס בריוו צו זיינע חסידים מכּוח דער מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים. — אַ התנצלות־בריוו קעגן די וואָס רעדן שלעכטס אויפן צדיק. — ר' אלימלך דער געיאָגטער. — זיין טויט און זיין קבורה. — שפּעטערדיקע לעגענדעס.

נאָך דעם מעזעריטשער מגידס טויט, אַז זיינע תּלמידים האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן, האָט איין גרופּע פון זיי זיך אומגעקערט אַהיים קיין גאַליציע און געגרינדעט דאָרט באַזונדערע צענטערס, וואָס האָבן צוגעצויגן מאַסן חסידים, סיי פון די פריערדיקע סיי פון נייע, וואָס זיינען צוגעקומען אונטער דער ווירקונג פון די צדיקים. דער גרעסטער צווישן אָט די צדיקים איז געווען רבי אלימלך פון ליזענסק, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון דער „קהלה קדושה" יעראָסלאַוו אין גאַליציע, וואָס אין די פריערדיקע דורות האָט זי צוזאַמען מיט דער גרויסער שטאָט לובלין געדינט ווי אַ פאַרזאַמלונגס־אָרט פאַרן „ועד אַרבע הארצות". אונטער דער ווירקונג פון זיין ברודער זוסיה אַניפּאָלער איז ער געוואָרן דעם מעזעריטשער מגידס תּלמיד אין יענעם לעצטע יאָרן, בעת ער איז געזעסן אין ראָוונע[1]. ביידע ברידער פלעגן אַרומפאָרן איבער די גאַליצישע שטעט

---

[1] ר' אלימלך דערמאָנט זיין לערער אונטערן נאָמען „הרב המגיד דק"ק ראווני": „איך האָב געהערט פון מיין רבין און לערער הרב הגאון הקדוש דעם פאַרשטאָרבענעם מ' דוב בער מק"ק ראָוונע" (נועם אלימלך, פרשה וישב און שלח לך). דערפון מעג מען דרינגען, אַז ר' אלימלך האָט זיך געפונען אין

און פֿאַרשפּרייטן זייער רבינס תורה. „זייער גאַנצע כוונה איז געווען— זאָגט איינער פֿון זייערע פֿאַרערערס—אָפּצווענדן וואָס מער מענטשן פֿון זינד, צו מאַכן בעלי-תשובה אין דער וועלט, צו ריייניקן די הערצער פֿון ייִדן און איינפֿלאַנצן אין זיי פֿאָרכט פֿאַרן איבערשטן און ליבשאַפֿט צו אים". ר' אַלימלכס תלמיד, מענדיל פֿריסטי-צער, זאָגט עדות אויף זיין גוואַלדיקן ברען: „איך פֿלעג זען מיין הייליקן רבין אַלע טאָג, בעת ער פֿלעגט טראַכטן וועגן יראת-השם, פֿלעגן אַלע זיינע ביינער קלאַפּן איינס אָן אַנדערן, און אַלע האָבן געזען, ווי זיין גוף ציטערט מחמת שרעק פֿאַר גאָט און פֿאַר זיין גרויסקייט"[1]. אַז רבי אַלימלך איז מפֿורסם געוואָרן פֿאַר אַ גוטן ייד, האָט ער זיך באַזעצט אין ליזענסק, און אין משך פֿון צען יאָר (אַן ערך צווישן 1775 און 1786) פֿלעגן קומען צו אים חסידים פֿון גאַליצישע שטעט, צו הערן זיין תורה און תפֿילה און אויך צו קריגן פֿון אים אַ ברכה אין זייערע געשעפֿטן און אַ מופֿת אין אַ נויט-פֿאַל.

וואָס איז געווען ר' אַלימלכס דרך אין עבודת השם? אין דער דאָזיקער פֿראַגע שטימען ניט די לעגענדעס צווישן אַנאַנד. טייל זאָגן, אַז ער איז געווען נוטה צו דער שיטה פֿון אַסקעטיזם: „גאָר זיין גלוסט איז געווען זיך אָפּצושיידן פֿון דער מאַטעריעלער וועלט און צו בלייבן אין דעם מקור פֿון הייליקייט, אָן דעם גראָבן חומרדיקן לבוש". און אַן עד ראיה שרייבט: „גאָר אַפֿילו סיגופֿים האָט דורכגעמאַכט דער דאָזיקער הייליקער מאַן, און אַז איך בין געווען ביי אים, איז ער שוין געווען אין דער העכסטער מדרגה און ער פֿלעגט פּייניקן און שלאָגן זיך אַלע טאָג מיט די שטעכע-דיקע און ברענענדיקע גראָזן, וואָס מען רופֿט אין דייטש ברענעסטלין (ברעננעסעל — קראָפּיווע), חוץ די איבעריקע סיגופֿים און תעניתים און מקוואות, וואָס דער דערמאָנטער הייליקער רבי האָט געמאַכט"[2]. און אַנדערע זאָגן פֿאַרקערט עדות, אַז אַלימלך האָט אָפּגעהיט דעם

ראָוונע אַרום יאָר 1772, אין דער זעלבער צייט ווען דער מגיד האָט דאָרט גע-וווינט (ז׳ ב. I, § 21).

1 סדר הדורות החדש, ז׳ 57.

2 זיין תלמיד דער מגיד ר׳ ישראל קאָזשעניצער אין זיין ספר „עבודת ישראל", פרשה חיי שרה, און זיין זון ר׳ משה אין זיין ספר „באר משה",

בעש״טס רייד און איז געווען קעגן דער שיטה פון אַסקעטיזם און פלעגט זאָגן, אַז „מען קאָן ניט איינשאַפן זיך שלימות דורך די תעניתים״. און איין מאָל האָט ער געזאָגט צו זיין תלמיד דעם אַפּטער רב: „ווען איך וואָלט געהאַט נאָך צוויי, זיי זאָלן זיך מצרף זיין מיט מיר (צו אַ בית־דין פון דריי) כדי מבטל צו זיין די תעניתים, וואָלט איך זיי מבטל געווען״[1]. אַז עס איז געקומען צו אים איינער אַ חסיד אַ בעל־תשובה, וואָס איז שלאַף געוואָרן מחמת זיינע תעניתים, האָט ער פּאַרזאָגט, מען זאָל אים גוט פּילנעווען, ער זאָל עסן צו זאַט און שטאַרקן זיין גוף, און דערנאָך האָט ער אים אָנגעוויזן אַ תשובה דורך תפילה און געבראָכענעם האַרץ[2]. קענטיק, אַז ביי ר׳ אלימלכן אין האַרצן האָבן זיך נעראַנגלט צוויי שטרעבונגען: צו דעם אַסקעטיזם פון די מקובלים און צו דער התלהבות פון די חסידים, אָבער מיט ביידע איז אים געראָטן צוצוציען צו זיך די מאַסע און דערהויבן צו ווערן צו דער מדרגה פון אַ „צדיק״.

דאָס קליין שטעטל ליזענסק איז געוואָרן אַ גרויסער צענטער פאַר די גאַליציאַנער חסידים. דער רב פון דער קהילה, רבי אלימלכס אַן אַלטער באַקאַנטער, זאָגט עדות, אַז „צו אים איז מען געקומען פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן״ און „אַ סך האָבן געטרונקען פון דעם קוואַל לעבעדיק וואַסער״, וואָס האָט זיך געעפנט אין ליזענסק[3].

פ׳ מסעי. — אין אַ שפּעטערדיקער דערציילונג („עשר צחצחות״ פון דעם בוקאַרעשטער רב ישראל בערגער, געדרוקט מיט הסכּמות פון רבנים אין יאָר 1909) שטייט געשריבן: „אונדזער רבי אלימלך האָט געהאַט אַ מנהג צו זיצן אונטער די ביימער צווישן שטעכעדיקע מוראַשקעס, וואָס מען רופט זיי מ ו ר אַ ו ו ק י ס, ביז זיין גוף איז אויסגעדאַרט געוואָרן פון די פּיין פון די יסורים, און זיי האָבן נים געהאַט מער חאָס צו שטעכן. דעמאָלט האָט ער געשריען אויף זיך: מלך, מלך! ביסט דאָך נים ראוי, אַז אַפילו די מוראַשקעס זאָלן דיך עסן, אַזוי זינדיק ביסטו״ (ז׳ 17).

1 „מאור ושמש״, שבת תשובה; „עירין קדישין״ פון ר׳ ישראל רוזשינער, פרשה ויקרא (וואַרשע תרמ״ה).

2 סדר הדורות החדש, 58; זע „רמתים צופים״, צווייטער טייל פּרק כ״ד (וואַרשע תרמ״א).

3 אין דער הסכּמה פון ליזענסקער רב זאב וואָלף צום ספר „נועם אלימלך״ אין ערשטן דרוק (לעמבערג תקמ״ח). אין די שפּעטערדיקע דרוקן איז די דאָזיקע הסכּמה און אויך די הקדמה פון מחבּרס זון אויסגעלאָזן. זע דעם שם הגדולים החדש, ערשטער טייל, בלאַט י״ח (אונטערן קעפּל „וואָלף מליזענסק״).

ר' אלימלך פלעגט ווירקן אויף דער מיַסע ניט אַזוי מיט זיין חסידישער תורה, ווי מיט זיין תפילה, מיט דער הייליקייט פון זיין לעבן און מיט יענע „נסים ונפלאות“, וואָס די גלויבערס האָבן געזוכט און געפונען אין זיינע רייד, אין זיינע עצות און סגולות, וואָס ער האָט געגעבן אַלעמען ווער עס האָט זיך צו אים געווענדט. דער צדיק האָט ניט געקאַרגט קיין ברכות און סגולות פאַר די וואָס האָבן געבעטן. פאַר איטלעכן מאמין איז געווען קלאָר, אַז אים האָט אָפּגעגליקט אין זיינע עסקים, ערשט נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן פון צדיק די עצה אָדער די ברכה, און נאָר דאָס האָט אים געבראַכט די הצלחה; ווער עס איז אויפגעשטאַנען פון אַ קראַנקהייט, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט געשיקט אַ „פדיון נפש“ דעם צדיק, האָט געגלייבט באמונה שלמה, אַז נאָר דעם צדיקס תפילה האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון טויט; און ווער עס איז געשטרויכלט געוואָרן אין אַן עבירה און האָט פון צדיק געקראָגן אַ „תשובה“, איז געווען זיכער, אַז אויבן וועט מען זיין זינה אויסמעקן. דורך אָט דעם גלויבן אין צדיק האָט ר' אלימלך איינגעהאַלטן די צוהערערס פון זיין תורה. פון די צוויי הויפט-עיקרים פון דער חסידות — דאָס באַהעפט-זיין מיט גאָט און דאָס צוגעבונדן זיין צום צדיק — איז אין דער שיטה פון ליזענסקער צדיק געווען צום מיינסט אַנטוויקלט דער צווייטער. בעת ווען טעאָרעטיש האָט ר' אלימלך אין דער תורה פון בעש"ט און פון מעזריטשער מגיד קיין זאַך ניט מחדש געווען, האָט ער אָבער אויפגעטאָן אַ סך נייס אין דער פראַקטישער שיטה פון צדיקיזם, דאָס איז געווען דורך דעם וואָס ער האָט פון איר געמאַכט אַ באַגרינדעטע שיטה פון דער חסידות.

די דאָזיקע שיטה ווערט פירגעטראָגן מיט באַזונדער אויספירלעכקייט אין זיין ספר „נועם אלימלך“[1]. דאָרט ווערט איינגעשטעלט איין כלל גדול: אַלע מאַטעריעלע נויטבאַדערפעענישן דעם מענטשנס—

---

1 דער דאָזיקער ספר, וואָס איז אָפּגעדרוקט אַ יאָר צוויי נאָך דעם מחברס טויט (לעמבערג תקמ"ח), איז איינגעטיילט אין פיר טיילן: א) „נועם אלימלך“ — דרשות לויטן סדר פון די פרשיות פון דער תורה; ב) „לקוטי שושנים“ — קורצע פירושים אויף איינציקע פסוקים פון די נביאים און כתובים און מאמרים פון דער תלמודישער אַגדה; ג) „אגרת הקדוש“ — פינף בריוו געשריבן פון מחבר, זיין זון און זיין תלמיד; ד) „צעטיל קטן“ און „התנהגות האדם“ — אַ מין צוואה פון מחבר.

לעבן, געזונט, פרנסה און קינדער, — דאס אלץ ווערט אראפגעבראכט פון הימל אויף דער ערד דורך דער פארמיטלונג פון יעם צדיק, וואס זיין באַרוף איז מתפלל צו זיין דערויף און צו „דערוועקן רחמים“ אויף יידן. „דער צדיק איז דער וואס ציט אראפ די שפע פאר יידן, — קינדער, לעבן, פרנסה“. „אט די דריי זאכן: בני חיי ומזוני באדארפן האבן די אתערותא דלתתא (ה"ה, די אויפוועקונג, דעם אנרייץ פון אונטן, פון דער אונטערשטער וועלט), אז דער צדיק זאל זיך ארייננטון אין אט די זאכן, אז זיי זיינען נייטיק פאר דער וועלט, און דורך דעם קאן דער צדיק זיי אראפברענגען אויף דער וועלט; אבער אויב עס וועט קיין אתערותא דלתתא ניט זיין, איז ניט מיגלעך, אז זיי זאלן אראפגעבראכט ווערן אויף דער וועלט, אפילו אויב ער וועט זיין א צדיק מיט אלע זיינע געדאנקען און א הייליקער מאן, נייערט דער צדיק מוז א ביסל אראפנידערן פון זיין מדרגה, כדי צו טראכטן וועגן זיי, אז זיי זיינען נייטיק פאר דער וועלט, דעמאלט ווערן זיי אראפגעצויגן אויף דער וועלט“. „דער צדיק ציט אריין די פנימיות וואס דאס איז דער שם הוי"ה אין יעטווידער אויסווייניקסטער זאך, אפילו אין עסן און טרינקען און אין יעדער גשמיותדיקער זאך ציט ער אריין די הייליקייט פון אויבערשטנס נאמען. און ווער עס דארף האבן פרנסה אדער רפואה, דעם זאגט דער צדיק, אז ער וועט האבן פרנסה אדער רפואה, וואס זיי זיינען אויסווייניקסטע זאכן, און ציט אריין אין דעם דעם שם הוי"ה דורך זיין כוונה און תפילה, און ער איז מסכים אז אזוי זאל ווערן“. אז מענטשן קומען צום צדיק פון וועגן זייער הצטרכות, למשל, ער זאל אויספועלן פאר זיי עפעס ביים שררה אדער ביי דער מאכט, דעמאלט זאגט דער צדיק צו דעם מענטשן: דער שררה וועט אויספאלגן דיין פארלאנג, און עס וועט שוין אנדערש ניט זיין, און נאר אזוי ווי דער צדיק האט באַווילן“[1].

אזוי ארום האבן מיר אין דער וועלט א ראד וואס דרייט זיך: דער מאסן-מענטש וועקט אויף פון אונטן דעם אויפמערק פון דעם צדיק אויף זיינע מאטעריעלע נויטבאדערפענישן, דער צדיק לאזט זיך אראפ פון זיין מדרגה און מאכט אראפנידערן זיין געדאנק אין

1 „נועם אלימלך“, פרשה וירא, תולדות, וארא און נאך אין א סך ערטער.

דער אונטערשטער וועלט אראָפּ, און דערנאָך הייבט ער אים ווידער ארויף דורך זיין תפילה אין דער איבערשטער וועלט — און אָט דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס פון אראָפּנידערן און אַרויפשטייגן ציט ער אַראָפּ פאַרן מענטשן די שפע דורכן זאָגן אַליין, דורכדעם וואָס ער זאָגט אים צו רפואה אָדער פרנסה אָדער ער בענטשט אים, אַז דער שררה וועט טון זיינע פאַרלאַנגען וכדומה. דעם צדיקס פאַרזאָג איז אַ באַפעל בנוגע צום פאָטער אין הימל. „דורך זיינע גוטע מעשים קאָן דער צדיק מבטל זיין אַלע שלעכטע גזרות פאַר יידן: ווי ער באַשטימט, אַזוי פירט גאָט ברוך הוא אויס זיינע רייד... דער צדיק איז גוזר און גאָט איז מקיים... דער צדיק מאַכט ווייס די זינה און מאַכט איבער דעם דין צו רחמים"[2].

בכדי דער צדיק זאָל פועלן מיט זיין השתדלות, איז נייטיק איין תנאי, דאָס איז אַז דער חסיד זאָל גלייבן — מיט אַ פולער אמונה אין זיין צדיק און אין זיין כוח צו ווירקן אויפן גורל פון די מענטשן. דעם דאָזיקן תנאי שטעלן אַלע וווּנדערטוער דעם תמימותדיקן גלייבער: גלייבסטו אין מיר מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה, דעמאָלט וועט מיין תפילה און מיין השתדלות פאַר גאָט ברוך הוא דיר העלפן, און טאָמער וועט דאָס ניט העלפן, איז דאָס אַ סימן, אַז דיין גלויבן אין מיר איז ניט קיין פולקומענער. אַזוי אַרום פאַראַסעקורירט דער צדיק דעם רעזולטאַט פון זיין השתדלות: טאָמער ווערט זיין הבטחה ניט מקוים, איז ניט ער שולדיק, נאָר די קנאַפּע אמונה פון דעם מענטשן, וואָס האָט זיך געווענדט צו אים נאָך הילף.

רבי אלימלך וואָרנט כסדר די מאמינים, זיי זאָלן ניט פאַרלירן זייער אמונה, בעת זיי זעען, אַז „דער צדיק פאַלט אַראָפּ פון זיין מדרגה". „פאַראַן מענטשן וואָס קומען צו די גרויסע צדיקים און פרעגן אויף זיי קשיות"... „די צדיקים וואָס היטן זיך אָפּ פון עברות טוען אַמאָל אַן עבירה לשמה, אַזוי ווי מיר געפינען: „מען מעג משנה זיין (זאָגן ליגן), פון דרכי שלום וועגן"... דער צדיק

---

1 דאָרט, פרשה דברים, אין אָנהייב. אין פרשה בחר צום סוף דער-גיים דער מחבר פּמעט ביז נאָט-לעסטערונג: „אין איטלעכן דור פאָלגט השם יתברך איטלעכן צדיק, אַזוי ווי אַ קנעכט וואָס פאָלגט זיין האַר... און דאָס איז דווקא ביי אַ צדיק גמור, וואָס גייט שטענדיק מיט דבקות און יחודים"...

טוט אַן עבֿרה און דורך דעם קאָן ער זיך פֿאַרבינדן מיטן בעל־עבֿרה און אים אַ טובֿה טון". „דער צדיק מוז קומען צו קטנות צוליב דער וועלטס וועגן... כּדי צו דערהייבן דאָס פֿאָלק מיט זיך"...[1] „דער אויבערשטער אין זיין לייטזעליקייט שיקט צו עפּעס אַ חטא דעם צדיק, כּדי ער זאָל אויך אַריינקומען אין קטנות, און נאָכדעם ווי ער וועט זיך שטאַרקן צו דערהייבן זיך אין זיין הייליקייט, זאָל ער דערהייבן מיט זיך אויך די וועלט". דער מחבר שיידט אונטער צוויי מדרגות צדיקים[2]: „פֿאַראַן אַ צדיק וואָס קוקט גאָרניט אויף דער וועלט, גאָר זיין טועכץ איז צו לייטערן און מתקן צו זיין זיין נשמה, אַרויפֿצוברענגען זי צו איר שורש, צום קוואַל פֿון וואַנען זי שטאַמט. און פֿאַראַן אַ צדיק אַ הייליקער און לויטערער, וואָס ער זאָרגט און וויטאָגט שטענדיק אויף יידישע צרות, און אַלע זיינע שטרעבונגען און געדאַנקען זיינען משפּיע צו זיין אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט". רבי אלימלך האַלט דעם לעצטן מין העכער פֿאַרן ערשטן; ער שטעלט אַוועק אויף דער העכסטער מדרגה יענע צדיקים, „וואָס קומען אַריין תּמיד אין פּיין און זאָרג וועגן כּלל ישראל", הגם זיי זיינען געצוווּנגען אַראָפּצונידערן פֿון זייער מדרגה צו די טיפֿעניש פֿון דער וועלט, וואָס איז איינגעזונקען אין זינד.

נאָך אָט די אַלע הקדמות, וואָס פֿאַרענטפֿערן פֿון לכתּחילה די סתּירות אין דעם צדיקס לעבן, באַשטימט רבי אלימלך אַ צווייטן תּנאי, וואָס איז נייטיק, כּדי דער צדיק זאָל קאָנען פּועל זיין לטובֿת די מאמינים: דאָס איז, אַז זיי דאַרפֿן אים אויסהאַלטן בכּבֿוד און פֿאַרזאָרגן אים מיט אַלצדינג וואָס ער האָט נייטיק צום לעבן. „אַ נתינה דעם צדיק" — דאָס איז זייער אַ וויכטיקער פּרינציפּ אין דער שיטה פֿון „נועם אלימלך". „דורך אַ נתינה דעם צדיק ווערן צעבראָכן די כּוחות פֿון דער קליפּה און [דער מאמין] ווערט צו־נויפֿגעבונדן מיטן צדיק דורך אַ פֿעסטן קנופּ, אַז דער יצר־הרע זאָל ניט קאָנען אים אָנרעדן צו זינדיקן... און אויב [די מאמינים] וועלן זיך פֿאַרשולדיקן דורך אַ זינד און וועלן תּשובֿה טון, וועט די נתינה זיי העלפֿן, אַז זייער תּשובֿה זאָל זיין אַ גאַנצע". דער פּסוק: הנה נתתי לך את משמרת תּרומתי לכל קדשי בני ישראל (במדבר

1 דרוש, פּרשה תּולדות, נשא, ויחי, קורח.

2 דרוש, שמות, אמור.

י״ח 8: „איך האָב געגעבן דיר [אהרן כהן גדול] די היטונג פֿון מײַנע תרומות פֿאַר אַלע הייליקייטן פֿון די בני ישראל“ ווערט איינגעטייטשט אויף אַזאַ אופֿן: דאָס פֿאָלק דאַרף ברענגען זיינע תרומות צו די הייליקע פֿון ישראל (קדושי ישראל געלייענט אָנשטאָט קדשי ישראל), דאָס זיינען די הייליקע צדיקים, און דערפֿאַר „זיינען די צדיקים גורם אַראָפּצובֿרענגען פֿאַר יידן בני חיי ומזוני“[1]. אַ וועסטו פֿרעגן: פֿאַרוואָס זאָל דער וואָס בֿאַזאָרגט פֿאַר איטלעכן מענטשן זיינע מאַטעריעלע נויטבאַדערפֿענישן ניט פֿאַרזאָרגן זיך אַליין אויך?[2] האָסטו דערויף אַזאַ תירוץ: „פֿאַרן צדיק איז דאָס גוטס אויף דער וועלט נייטיק כדי צו קומען אויף יענער וועלט, און צוליב יענער וועלט דאַרף מען האָבן תורה און מצוות“, אָבער דאָס קאָן מען מקיים זיין בשלמות נאָר „ווען מען האָט אַלע באַדערפֿענישן פֿון דער וועלט בריוות, ווי למשל הכנסת אורחים, סוכה און אתרוג, ציצית און מזוזה, פֿרוי און קינדער און כדומה אַזעלכס, — צוליב דעם איז נייטיק, דער צדיק זאָל האָבן געלט בריווח“[3]. און דאָס דאָזיקע געלט באַדאַרף דער חסיד אים צושטעלן אויף דער וועלט, כדי דער צדיק זאָל קאָנען אָפּגעבן אַלע זיינע כוחות אויף אַראָפּצובֿרענגען אַל דאָס גוטס פֿון הימל אויף דער ערד אַראָפּ.

און אָט איז נאָך אַ פּלפּולדיקער תירוץ: „דער צדיק גלוסט ניט צו קיין זאַך פֿון זיין אייגענעם ווילן, וואָרעם ער איז אַזוי [דערהויבן] אויף זיין הייליקער מדרגה, אַז ער האָט ניט קיין גלוסט צו קיין זאַך. פֿון וואַנען אָבער נעמט זיך, אַז דער צדיק דאַרף יאָ עפּעס האָבן: שפּייז אָדער אַ בגד אָדער זילבער און גאָלד און כדומה נאָך אַזעלכע זאַכן? — איז דאָס אַלץ צוליב דער וועלטס וועגן, וואָרעם דער עולם באַדאַרף דאָס אַלץ שטענדיק האָבן און זיי גלוסטן שטענדיק נאָך דעם און זיי זיינען מתפּלל דערויף, נאָר זיי זיינען ניט בכוח געהאָלפֿן צו ווערן דורך זייער תפֿילה, ווייל

1 דאָרט, פּרשה קורח.

2 די דאָזיקע קשיה ווערט געשטעלט אויך אין דער תלמודישער אגדה: „די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט דורך זייער [די צדיקימס] זכות, און זיי אַליין ווערן אין זייער אייגענעם זכות ניט געשפּייזט (ברכות י״ז עמוד ב׳). קיין תירוץ דערויף איז ניט געגעבן.

3 דאָרט, „לקוטי שושנים“ אין אָנהייב (אויפֿן פּסוק „אשריך וטוב לך“).

זי קאָן ניט אַרויסשטייגן, און אַז דער צדיק דאַרף אויך האָבן אָט די זאַך און ער איז מתפלל דערויף, און זיין לויטערע תפילה שטייגט אַרויף אָן אַ שטער, דעמאָלט כאַפּן זיך אָן אַלע יידישע תפילות אָן דער דאָזיקער תפילה, און גאַנץ ישראל ווערן געהאָלפן אין זיין זכות[1].

אָט דער גאַנצער פּילפּול איז אויסן נאָר צו פאַרענטפערן די סתירה צווישן דעם צדיק וואָס איז משפיע אין רוחניות און קריגט השפעה אין חומריות, אין דער געשטאַלט פון אַ פּשוטער „נתינה". דער חסיד דער תמים האָט די אַלע תירוצים ניט באַדאַרפט האָבן, נאָכדעם ווי ער האָט געהערט פון דעם זעלביקן צדיק אין זיינע דרשות אַזעלכע פּשוטע ווערטער: „דער צדיק וואָס דינט גאָט מיט אַן אמת איז אַזוי ווי אַ סרסור צווישן פאַרקויפער און קויפער"[2] און ממילא באַקומט ער מעקלעריי־געלט. און וואָס האָט ער ניט צו טון? „דעם צדיקס תפילה ווערט דערהערט, ווען ער איז מתפלל אויף אַ קראַנקן"; „די צדיקים האָבן כוח אויסצוהיילן און לעבעדיק צו מאַכן דורך זייער תפילה"; „און פון וואַנען קומט דאָס צום צדיק, וואָס ער קאָן אויסהיילן אַ קראַנקן דורך זיין תפילה און אַראָפּציען אויף אים דאָס חיות?... מחמת דער צדיק באַהעפט זיך מיט גאָט ברוך הוא, ממילא קומט אויס, אַז זיין חיות איז באַהעפט מיטן אייביקן לעבן... און דערפאַר איז ער בכוח צוצוציען חיות צום קראַנקן". און דאָס נעמלעכע איז ביי אַלע מענטשלעכע באַדערפעונישן, און אַפילו ביי די גייסטיקע באַדערפעונישן. „מענטשן וואָס האָבן ניט קיין שכל און פאַרשטאַנד צו באַנעמען די גרויסקייט פון בורא און צו דינען אים מיט אמת און שלמות... [זיי באַדאַרפן] זיך באַהעפטן מיט די צדיקים... דעמאָלט ווערט דאָס זיי פאַררעכנט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געטאָן זייער עבודה ווי די פולקומענע צדיקים[3].

אַ סך עלעמענטן פון דער שיטה פון צדיקיזם האָבן מיר שוין געפונען אין די רייד פון די ערשטע רביים: דעם בעש"ט, דעם מגיד און רבי יעקב יוסף. אָבער קיין מאָל איז אַזוי ניט אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער מאַטעריעלער גרונט פון דער דאָזיקער שיטה.

---

1 דאָרט, אויפן פסוק „רצון יראיו יעשה".

2 דאָרט, אויפן פסוק „ועמך כולם צדיקים".

3 דאָרט, פרשה וישלח, וישב, ויחי, ואתחנן, עקב.

אַזוי ווי אין די דרשות פֿון רבי אלימלך ליזענסקער, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זיי פֿאַרנעמט זיך נאָר מיט דער פֿראַגע פֿון דעם צדיקס „מעקלעריי“. און רבי אלימלך האָט פּונקט אַזוי געטאָן, ווי ער האָט געדרשעט: ער פֿלעגט נעמען „פּדיונות“ פֿון די וואָס פֿלעגן קומען פֿרעגן ביי אים אַן עצה אָדער בעטן ביי אים אַ ברכה אין פּרנסה אָדער משפּחה-ענינים, אָדער מתפּלל צו זיין אויף אַ קראַנקן, ער זאָל געזונט ווערן, אָדער אויף אַן עקרה, זי זאָל האָבן קינדער וכדומה אַזעלכע זאַכן. „רבי ...מלך ליזענסקערס“ שטוב איז געווען פֿול מיט אַזעלכע מענטשן. „גאָר די וועלט פֿלעגט שרייען פֿאַר אים — דערציילט אַ שפּעטערדיקע לעגענדע: — דער בעט, זיין קינד זאָל געזונט ווערן, יענער שרייט אויף פּרנסה, דער אויף לעבן“. און רבי אלימלך האָט געזאָגט, אַז דורך דער שפּאַרעניש (דוחק), וואָס מען שפּאַרט זיך ביים צדיק, ווערט מען פּטור פֿון דער דחקות פֿון אָרעמקייט“[1]. בנוגע צום צדיק גופא איז דאָס קיין ספק ניט.

האָבן זיך צווישן פֿאָלק פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אויפֿן ליזענסקער רבין רוט דער רוח הקודש, און אַז ער איז בכּוח וואָרצואָגן וואָס עס וועט זיין און צו טון „מופֿתים“. דעמאָלט האָבן די גאַליציאַנער רבנים, און בראש פֿון זיי דער רב פֿון ריישא (Rzeszów) ר׳ אהרן איטינגאַ, זיך צונויפֿגענומען אַרויסצוטרעטן קעגן דעם נייעם נביאות-זאָגער[2]. אין זיין וויכּוח מיט ר׳ אלימלכן האָט אים דער ריישער רב געפֿרעגט: „די שכינה רוט דאָך ניט אין חוץ לארץ, טאָ ווי אַזוי קענסטו האָבן רוח הקודש?“ דעריף האָט רבי אלימלך איך געענטפֿערט מיט אַ תּלמודישן דרש: „אויפֿן פּסוק „ותלבש אסתּר מלכות“ (אסתּר ה׳ 1) האָבן די חז״ל געדרשנט, אַז זי האָט זיך אָנגעקליידט מיט רוח הקודש, און אסתּר איז דאָך געווען אין חוץ לארץ. האָט אים דער רב געענטפֿערט: פֿון דיינע רייד איז צו זען, אַז דו ביסט אַן עם-הארץ, „וואָרעם עס איז באַוווסט, אַז

---

1 עשר צחצחות, 28, 30 (פּעטריקאָוו 1910).

2 שבר פּושעים, סימן 42; זמרת עם הארץ, סימן מ״ט. דער וויכּוח, וואָס וועגן אים ווערט ווייטער דערציילט, איז ווייזט אויס פֿאָרגעקומען אַן ערך אין יאָר 1780. שלמה בובער האָט אַ טעות געהאַט אין זיין השערה („אנשי שם“, 25), אַז ר׳ אַהרן איטינגא איז געשטאָרבן אין יאָר 1769.

אויף אסתר המלכה האָט די שכינה גערוט צוערשט אין ארץ ישראל". ווייטער האָט דער רב געפרעגט, פאַרוואָס זיינען די חסידים עובר אויף דער צייט פון קריאת שמע אין דערפריענדיקן דאַווענען, וואָרעם זיי הייבן אָן דאַווענען אום ניין און זאָגן קריאת שמע אום עלף. דערויף האָט ר' אלימלך געענטפערט מיט כעס: „און איר [מתנגדים] דאַווענט גאָר ניט", דאָס הייסט אין אייער דאַווענען איז קיין כוונה ניטאָ. די חסידישע לעגענדע גיט איבער דעם דאָזיקן וויכוח אין אַן אַנדער נוסח. דער מתנגדישער רב האָט געשריבן צו ר' אלימלכן און געפרעגט ביי אים: „דו באַרימסט זיך, אַז דו האָסט גילוי אליהו, טאָ לערן מיך אויס, ווי אַזוי קען איך קומען צו דער דאָזיקער מדרגה". האָט דער צדיק אים געענטפערט אין אַ בריוו: „איך האָב קיין מאָל ניט געזאָגט, אַז איך האָב גילוי אליהו, אָבער איצט, ווייבאַלד אַז איר פרעגט ביי מיר, זאָג איך אייך, אַז דער קלענסטער פון מיינע תלמידים האָט גילוי אליהו, אָבער איר זייט געשאַפן געוואָרן נאָר פאַר נגלה, און מיט נסתר דאַרפט איר זיך ניט פאַרנעמען"[1].

רבי אלימלך האָט געהאַט שליחים, וואָס פלעגן אַרומפאָרן איבער די גאַליציאַנער קהילות און צוציען קיין ליזענסק יונגעלייט, צוליב דעם „תיקון פון זייער נשמה". איינער פון די „מיסיאָנערן", ר' משה ראָהאַטינער, האָט איינגערעדט איינעם אַ גבירס אַ יינגל, ער זאָל גנבענען געלט ביים פאָטער און עס געבן דעם צדיק צוליב „פדיון שבויים". פלעגט דאָס יינגל אַרויסגנבענען פון אַ קעסטל וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן אין אַ קעלער אַ באַשטימטע סומע געלט און אַוועקלייגן דאָרט אַ קבלה געחתמעט מיטן נאָמען פון מלאך גבריאל אָדער אַן אַנדער מלאך. דער פאָטער דער חסיד האָט בתמימות געמיינט, אַז עס קומען טאַקע צו אים מלאכים און נעמען פון זיין געלט צוליב זייערע באַדערפענישן. נאָר אַז ער האָט פון דער מעשה דערציילט דעם רב פון שטאָט, האָט יענער געהייסן נעמען דאָס יינגל אויפן פאַרהער, ביז ער האָט זיך מודה געווען אין דער

---

1 עשר צחצחות, 21 — 22. דער מחבר שרייבט צו דעם ברוו ר' מרדכי זאב איטינגא און זאָגט עדות, אַז ער האָט דאָס געהערט פון אַ מענטשן, וואָס האָט געזען דעם בריוו ביי איינעם אַ רב פון דער פאַמיליע איטינגא אין לעמבערג.

אָפּגעריי. דעמאָלט איז דער אַנדערער משה ראָהאַטינער אַנטלאָפן קיין ליזענסק. און רבי אלימלך האָט אים געזאָגט: דו האָסט גוט געטאָן, וואָרעם דאָס אַלץ איז געשען אין דעם סוד פון גלגול[1].

די בריוו, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ר' אלימלכס נאָמען אַן ערך צוויי יאָר נאָך זיין טויט אין זיין ספר „נועם אלימלך", דערציילן וועגן דער באַציונג פון דעם דאָזיקן צדיק צו די „רייסערייען און קריגערייען", וואָס זיינען אין יענע צייטן אויסגעבראָכן אין גאַליציע צווישן די חסידים און מתנגדים. נאָך די חרמות פון 1781, ווען די רבנים מיט רבי אברהם קצינלבויגן פון בריסק אין דער שפּיץ זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם צדיק לוי יצחק זשעליכאָווער (אויבן כ' I, § 24), האָבן ר' אלימלכס חסידים ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס שווייגן די צדיקים און ענטפערן גאָרנישט זייערע יאָגערס. דערויף האָט דער ליזענסקער רבי דורך זיין זון אליעזר געענטפערט מיט אַ לאַנגן בריוו, וואָס האָט אַ היסטאָרישן באַטייט[2]. קודם כל טרייסט דער צדיק זיינע חסידים, זיי זאָלן זיך ניט מייאש זיין אין דער שלעכטער צייט, וואָרעם „אַזעלכע זאַכן זיינען שוין געווען": אברהם אבינון האָט נמרוד הרשע אַריינגעוואָרפן אין אַ גליענדיקן קאַלך-אויוון און ער איז פון דאָרט אַרויס בשלום, און דערנאָך איז ער באַשטאַנען דעם נסיון פון מצרים און אַנדערע נסיונות. אַזוי איז אויך אין אונדזער דור נגזר געוואָרן צו שטעלן אין אַ נסיון פון יסורים דעם צדיק, וואָס ער „דינט גאָט מיט פאָרכט און ליבשאַפט, און די ליבשאַפט ברענגט אים כמעט צו שגעון". דער שרייבער איז מרמז אויפן ווילנער גאון („גדול הדור... וואָס לאָזט זיך אַריין אין מחלוקות") און זיינע טענות קעגן די שינויים אין די נוסחאות, וואָס די חסידים טראָגן אַריין אין דאַווענען. ער באַווייזט, אַז „אויך דער ראש פון אַלע פוסקים" ר' יוסף קארו איז ניט געווען קעגן די נוסחאות פון די מקובלים, און דער צווייטער פוסק אין זיין דור, דער רמ"א, האָט איינגעשטעלט דעם אַשכנזישן

1 שבר פושעים, סימן 43; זמרת עם הארץ, סימן מ"ט.

2 אגרת הקודש, הוספה צום ספר „נועם אלימלך", דרוק תקמ"ח: „נידון המחלוקת שנתעוררת על הרב החסיד המפורסם דק"ק זעלחאב".

נוסח נאָר פאַרן כלל פון קהל און ניט פאַר חסידים וואָס האָבן דערגרייכט צו אַ העכערער מדרגה אין גלויבן. „מיין געליבטער, מיין ברודער, — שרייבט דעם צדיקס זון מיט באַגייסטערונג, — זאָלסט ניט אַכטן אויף די דאָזיקע שקרים [בלבולים אויף די חסידים און צדיקים]!... און מיינע אויגן האָבן געזען, ווי מענטשן זיינען אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט מחמת אַזעלכע מחלוקותן. און וואַרט אַ ווײַלע, וועסטו זען וואונדערלעכע זאַכן". און ער דערווייזט, אַז עס האָבן אַ טעות די וואָס מיינען, אַז נאָר פאַרצייטיקע דורות האָבן זיך געטראָפן נסים: דער אמת איז, אַז אין יעדער דור שטייען אויף צדיקים וואָס טוען וואונדער, נאָר ביי זייער לעבן קריגן זיך אַ סך מענטשן מיט זיי, און נאָך זייער טויט זיינען אַלע מודה אין זייער הייליקייט און לויבן זיי. און וואָס מען רעדט אויף די נייע צדיקים, וואָס טייל פון זיי זיינען ניט קיין שונאי בצע, נאָר פאַרקערט, „זיי נעמען געלט פון מענטשן, אַפילו אויב מען וואָלט זיי געגעבן אַ גאַנצן טאָג" — דערויף ענטפערט דער שרייבער: „איך האָב מכוח דעם אַ סך פאַרבאַהאַלטענע טעמים, וואָס מען קאָן זיי ניט אַרויסברענגען אויף דער שריפט. נאָר דער פשוטער [טעם] איז אויך אמת: אַז קיין מאָל לייגן זיי ניט אַריין אין קאַסטן. און דאָס געלט נעכטיקט ניט ביי זיי איבער אַפילו איין נאַכט, נאָר זיי גיבן דאָס אויס צוליב די נויטן פון יידישע אָרעמעלייט און צוליב חתונה מאַכן יידישע בתולות[1], וואָרעם ניטאָ קיין

1 אין דעם ספר „מאמר קדישין" (דרוק מונקאַטש, תר"ן) איז אָפּגעדרוקט אַ קורץ בריוול פון יאָר תקמ"א, געחתמעט פון ר' אלימלכן אַליין, וואָס אין דעם פאַרענטפערט זיך דער צדיק, וואָס אויף דער עלטער איז ער ניט ביכולת צו העלפן איינעם זיינעם אַ קרוב מיט געלט אויף חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער: „ביז אַהער האָב איך זיך פאַרנומען מיט רפואות פאַר מענטשן מיט גאָטס הילף און זיי האָבן מיר נעגעבן איטלעכער וויפיל זיין האַרץ האָט אים געהייסן, און דערפון פלעג איך אויסגעבן און צעטיילן דעם ערשטן אָרעמאַן וואָס פלעגט אונטערקומען, און קיין מאָל האָט קיין געלט ביי מיר ניט איבערגענעכטיקט. אָבער איצט בין איך עטלעכע וואָכן געווען זייער קראַנק, און איך קאָן ניט אויפנעמען מענטשן אַזוי ווי פריער, און מיר איז זייער ענג די צייט". — אָט דער בריוו, וואָס אַן אָפּשריפט פון אים האָט זיך געפונען ביים פלאָנסקער רב (זע אויך „עשר צחצחות", 41), קומט ביי מיר אויס חשודיק, וואָרעם אין גרונט איז ער נאָר אַן איבערחזרונג פון דעם בריוו אין „נועם אלימלך" אין פרט פון דעם, וואָס דער צדיק פאַרענטפערט זיך, וואָס מען באַשולדיקט אים אין גלוסט צו געלט.

גרעסערע מצווה פֿאַר דער [חתונה צו מאַכן בתולות], בעת ווען עס איז בעוונותינו הרבים אַרויס אַ גזירה אין אונדזערע קאַנטן, ווי דאָס איז באַוווסט[1]. און מיין האַר און פֿאָטער זאָל לעבן האָט געזאָגט, אַז זיי וואָלטן אַוודאי ניט געהאַט קיין כּוח גוזר צו זיין די גזירה, אויב ניט די קריגערייען וואָס זיינען געווען קעגן די צדיקים, און זיי האָבן אָפּגעדרוקט מיאוסע בריוו, און נאָך איצט שיקן זיי פֿונאַנדער יענע בריוו[2]. מיין געליבטער ברודער, מייד אויס פֿון איינצוקוקן זיך אין זיי, וואָרעם מיין האַר און פֿאָטער אין רבי זאָל לעבן האָט געזאָגט: ווער עס קוקט זיך איין אין זיי און פֿרייט זיך מיט זיי, וועט ניט זוכה זיין צו זען די טרייסט פֿון ציון און די פֿרייד פֿון לויתן און די חופּה פֿון די צדיקים".

ווען דעם אויפֿפֿיר פֿון דעם צדיק אין יענער צייט זאָגט עדות אויך ר' אלימלכס תלמיד, ר' זכריה מנדיל פֿון יעראָסלאַוו און אַ בריוו געשריבן לויט זיין רבינס באַפֿעל[3]. דער דאָזיקער רב וואָס איז געוואָרן אַ חסיד, דערקלערט זיין פֿעטער דעם מתנגד, ווי גרויס עס זיינען די מעלות פֿון די חסידישע מנהיגים, "די מוסטערן פֿון דור, וואָס אין זייער זכות לעבן מיר אין דעם דאָזיקן ביטערן גלות". און ער דערציילט אַ טייל שבחים פֿון די צדיקים, רבי אלימלך און זיינע חברים. זיי דאַווענען און לערנען מיט כּוונה און מיט גרויס התלהבות, און מחמת דעם געשעען זיי "ניסים ונפֿלאות, אַזוי ווי אין אַמאָליקע דורות, און זיי היילן אויס קראַנקע און זיי ציִען אַראָפּ שפֿע אויף כּל ישראל" און זיי "הייליקן זיך אַזוי פֿיל, אַז עס איז ביי זיי בטל געוואָרן די גשמיותדיקע תאווה און זיי האָבן קיין שום גלוסטונג ניט צו די תענוגים פֿון דער וועלט,

1 דאָס איז די גזירה, וואָס איז געקומען לויט דעם "טאָלעראַנץ-עדיקט" פֿון קיסר יאָזעף II פֿון יאָר 1782, אַז עס איז פֿאַרבאָטן חתונה צו מאַכן קינדער פֿאַר 18 יאָר און בחורים וואָס האָבן זיך ניט געלערנט אין אַ "נאָרמאַלער" שולע; דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ בהלה אין גאַליציע, נאָך איידער דער געזעץ איז דאָרט געוואָרן גילטיק.

2 מיר דוכט, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַן אָנצוהערעניש אויף די בריוו "דברי שלום ואמת" פֿון ר' נפֿתלי הירץ וויזל (דער ערשטער בריוו אין יאָר 1782), וואָס איז אַרויס צו דערווייזן, אַז יידן דאַרפֿן נייטיק האָבן רעפֿאָרמירטע שולן.

3 אגרת הקודש, דאָרט אין דער הקדמה און אין צווייטן בריוו.

צום עסן און טרינקען און צו א פרוי" וכדומה. (דא ברענגט דער שרייבער אין זיין רבינס נאמען א תירוץ אויף דער פראגע: ווי אזוי איז דאס דער רבי מקיים „די מצווה פון עונה וואס שטייט אין דער תורה וואס איז דאך א חוב פאר איטלעכן מענטשן": דער אייבערשטער מיט זיין גרויס גענאד „גיט אים אין דער נייטיקער צייט א גשמיותדיקן כוח און תאווה נאר פאר יענער צייט אליין, כדי ער זאל קאנען מקיים זיין די מצווה, און דערנאך קערט ער זיך אום צו זיין מדרגה און בלייבט אן יעטווידער גשמיותדיקער תאווה". „שוין א סך יארן, ווי איך געפין זיך ביי זיי — דערציילט ווייטער ר' זכריה מנדיל וועגן די צדיקים — און האב ניט געזען פון זיי קיין שום שפלותדיקע זאך, און קיין מאל האט ביי זיי אין קעסטל ניט איבערגענעכטיקט קיין געלט אפילו איין נאכט, און שטענדיק זיינען זיי זיך עוסק גאנצע טעג אין תורה, מצוות און מעשים טובים, חתונה צו מאכן יתומים און יתומות און אלמנות און פריי צו מאכן געבונדענע און אויסצולייזן געפאנגענע און צו היילן קראנקע און טרייסטן טרויערנדיקע און טון גוטס מיט אלע מענטשן און אויפצונעמען אורחים, און זיי וויטאגן שטענדיק מיט יידישע צרות... און זיי אנטפלעקן די פארבארגענישן פון דער תורה און אירע סודות, און אלע זייערע רייד זיינען זיסער פון האניק און פון צוקער. אז זיי זאגן אווארט תורה אדער יראה, דעמאלט פאלט אן אויפן מענטשן וואס הערט דאס אן אימה און א פחד פאר דער פארכטיקייט פון גאט ברוך הוא... און באלד ווי עס קומט האלבע נאכט כאפן זיי זיך אויף פון שלאף מיט פארכט און ציטערניש פון גוף און זעצן זיך אוועק אויף דער ערד מיט אש אויפן קאפ און וויינען מיט א צעבראכענעם הארץ אויפן גלות פון דער שכינה און אויף יידישע צרות און אויפן יאך פון גלות און אויף דעם קיניגס גזירות... און דערנאך לערנען זיי גמרא און תוספות מיט די מפרשים פון ש"ס און פוסקים ראשונים און אחרונים און רמב"ם. און דערנאך זיינען זיי עוסק אין די פארבארגענע ספרים ווי דער הייליקער זוהר און די כתבים פון אר"י... און דערנאך הייבן זיי אן זיך מתבודד צו זיין מיט זייער באשעפער און זיך צוגרייטן צום דאווענען... און זיי באהעפטן זיך [מיט דער גאט-הייט], ביז זיי דערגרייכן כמעט צו התפשטות הגשמיות... און עס ברענט אין זייער הארץ א גרויסע ליבשאפט, אזוי אז די ליב-

טיקייט איז צו זען אויף זייער פנים... און בעלי־עבירות אנטלויפן פאר גרויס פחד"... דער שרייבער פארענדיקט זיין בריוו מיט גרויס התפעלות: „זאל מיין געליבטער פעטער מיר גלויבן די דאזיקע רייד. ווארעם אין אונדזער מדינה זיינען זיי שוין באוווסט צו מענטשן, צו הונדערטער און צו טויזנטער, און זיינען בארימט מיט אפענע מופתים... אויב מיין געליבטער פעטער וואלט געוואלט זיין דא, וואלט איך אים דאס געוויזן דייטלעך און פאר די אויגן, און איצט זאל ער מיר גלויבן אויף נאמנות: פאראן צווישן זיי צדיקים וואס קאנען כמעט לעבעדיק מאכן טויטע דורך זייער תפילה. איך אליין האב דאס געזען מיט מיינע אויגן, אז מען האט צו זיי געבראכט א סך מאל קראנקע, וואס אלע האבן זיך שוין געהאט פון זיי מייאש געווען, און דורך זייער לויטערער תפילה זיינען זיי געווארן געזונט... און פאראן צדיקים וואס ווייסן, צי עס וועט קומען א ווייטאג אדער א קרענק אויף א מענטשן, דעמאלט זיינען זיי מנדר פאר אים אויף צדקה און פעדערן זיך מיט דער תפילה, איידער די צרה קומט, און טיילמאל ווערט א מענטש געראטעוועט פון ווייטאג אויף דער צייט, וואס דער צדיק האט באשטימט... און מיט מיר האט געטראפן עטלעכע מאל, אז עס איז פאראן איינער א צדיק אין אונדזער מדינה, וואס ער שפירט וועגן מיר שטענדיק איידער די יסורים קומען, און ער זאגט בפירוש, אז מארגן וועט זיין מיט מיר אזוי און אזוי, און איז מנדב צדקה פאר מיר, און על־פי־רוב פועלט ער מיט זיין תפילה, אז איך ווער ניצול פון זיי [פון די יסורים]"...

דער דאזיקער פארענטפער־בריוו זאגט עדות פון איין זייט, ווי גרויס עס איז די אמונה אין „צדיקים" (דער שרייבער באנוצט די מערצאל), און פון דער אנדער זייט איז פון אים צו זען, אז דער ליזענסקער צדיק, וואס דער שרייבער האט זיך געפונען אין זיין רשות און האט לויט זיין אנזאג דעם בריוו פארפאסט, האט זיך געניטיקט אין דער דאזיקער התנצלות. דעם דאזיקן סוד האט אויסגעזאגט ר' אלימלכס זון ר' אליעזר אין זיין הקדמה צו דער „אגרת הקודש" („והשיב הרבני מו"ה זכריה מענדיל ע"פ צווי הרב החסיד מו' אלימלך"). דער צדיק האט געמוזט אנקומען צו דער באַרטיידיקונג פון זיינע חברים און תלמידים. מחמת זיינע געגנער האבן ארויסגעשטעלט באשולדיקונגען קעגן אים און האבן אים גערודפט. דערויף

וואָגט עדות ר׳ אלימלך אַליין אין זיין קורצן בריוו צו זיינעם אַ תלמיד, ר׳ יהודה, וואָס אים האָט מען אויך גערודפט אין זיין קהילה[1]. „איך ווער גערודפט פון די גדולי הדור, פון דער צירונג פון ישראל. אַוודאי איז דאָס ניט אומזיסט, נייערט פון גאָט איז דאָס באַשטימט, וואָס מען לאָזט אייך [דעם אַדרעסאַט פון בריוו] ניט זיצן שבת צו שלש סעודות... אָבער דאָס איז מיין בקשה צו אייך: זעט וואָס איך טו, און אַזוי זאָלט איר אויך טון. ווארעם מען האָט צעשטערט מיין מנין, וואָס דאָס איז מיר שווער ווי דער טויט, און איך זיץ איינזאַם און שווייג". די צייט פון דעם בריוו איז ניט פאַרצייכנט, נאָר פון די ווערטער צום סוף („און מחמת מיינע הענט זיינען שווער פון אַלטקייט און פון צער, וועל איך מקצר זיין") איז קענטיק, אַז ער איז געשריבן אין רבי אלימלכס לעצטע טעג, און אַז די רדיפות וואָס ווערן אין אים דערמאָנט האָבן אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן פון יאָר 1781 און שפּעטער (אויבן, ב׳ I, § 26).

רבי אלימלך איז געשטאָרבן אין יאָר 1786[2]. אויף זיין קבר אין ליזענסק איז אויסגעבויט אַן אוהל, און אַלע יאָר אין טאָג פון זיין יאָרצייט (כ״א אדר) קומען אַ סך גאַליציאַנער חסידים צו זיין קבר מתפלל זיין[3]. די חסידישע לעגענדעס וועגן רבי אלימלכס לעבן זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין משך פון הונדערט יאָר אויף אויסווייניק, און ערשט אין די לעצטע יאָרצענדלינגער האָט מען זיי גענומען דרוקן אין פאַרשיידענע קונטרסים[4], וואָס אין זיי איז שווער אונטערצושיידן צווישן אַ פאָלקסטימלעכע טראַדיציע און אַן אויסטראַכטעניש פון אַ חסיד אַ פאַנטאַסט, וואָס דערציילט „מעשיות" צוליב מצווה וועגן: כדי צו לויבן די הייליקע צדיקים.

1 אגרת הקודש, צום סוף.

2 שם הגדולים החדש, אונטער זיין נאָמען.

3 עשר צחצחות, ז״ז 18, 32, 35.

4 בית מלך, מונקאַטש תרנ״ד; אוהל אלימלך, פּרעמישלע תרע״ד; עשר צחצחות, ז״ז 17—41 (תר״ע).

§ 29. דער מגיד מיכל זלאָטשעווער און די אַנדערע גאַליציאַנער צדיקים

דער הייליקער ר׳ זוסי אַניפּאָלער און זיין אַסקעטיש לעבן. — דער מגיד מיכל זלאָטשעווער און די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין בראָד בעת די רדיפות קעגן די חסידים. — ער לערנט אַ דרך אין חסידות אין זלאָטשעוו און יאַמפּאָלע. — זיין דרשה אויפן קאַפּיטל ק״ז פון תהילים. — זיינע רייד קעגן די רבנים וואָס האַלטן זיך גרויס מיט זייער לומדות און זייגען מבטל די אמונה פון האַרצן. — זיינע גלייכווערטלעך. — מתנגדים „זוכן פעלערן״ אויף דעם דאָזיקן צדיק. — זיינע תלמידים. — דער וווּנדערמאַן ר׳ לייב שרהס, דער וואָס האָט געשטראָפט דעם קיסר יאָזעף II. — זיין פאַרבאָרגענע ווירקונג. — רזיאל המלאך האָט וועגן אים תפילה געטאָן אין אדם הראשונס צייט. — סביבה פון אָבערגלויבנס.

נאָכן טויט פון רבי אלימלך ליזענסקער האָבן זיינע חסידים געוואָלט אויסקלייבן פאַר אַ רבין זיין ברודער משולם זוסי אַניפּאָלער (אַנאַפּאָל אָדער האַניפּאָליע איז אַ שטעטל אין אָסטרער קרייז). אָבער דער דאָזיקער הייליקער מאַן איז געווען אַ צו גרויסער עניו און האָט ניט געפּאַסט פאַר אַ מנהיג. אויף אים פלעגט מען זאָגן, אַז זיין דבקות ביים דאַווענען און לערנען איז דערגאַנגען ביז התפשטות הגשמיות. איינער פון זיינע תלמידים דערציילט: „מיט מיינע אויגן האָב איך געזען פון מיין רבין דעם פּאָרטיקן געטלעכן מאַן משולם זוסי, ווי אַ סך מאָל, ווען ער פלעגט זיך דערהייבן צו באַהעפטן זיך מיטן בורא, פלעגט ער זיך אינגאַנצן אויסטון פון דער וועלט, אַזוי אַז ער איז געווען ממש נאָענט בטל צו ווערן אין דער ווירקלעכקייט״. ער האָט ניט געהאַט קיין פעיקייט פון אַ דרשן און אַ שרייבער, און זיין נאָמען איז פאַרבליבן אין דער חסידישער לעגענדע נאָר ווי אַ מוסטער פון אַ הייליקן אַסקעט, אַ מענטש „ניט פון דער וועלט״ [1]. ר׳ זוסי האָט לאַנג געלעבט און איז געשטאָרבן

---

1 סדר הדורות החדש, 31—32: דאָס עדות-זאָגן פון ר׳ משה קאָזשעניצער, דעם מחבר פון ספר „באר משה״. צווייפל דערציילט אין זיין ספר „שלום על ישראל״ (חלק ג׳, ז׳ 43, זשיטאָמיר 1870), אַז ער האָט בעזען די

פֿופֿצן יאָר נאָך זיין ברודערס טויט[1]. זיינע מימרות און די לעגענדעס וועגן אים זיינען אויפֿגעהיט אין דער שפּעטערדיקער חסידישער ליטעראַטור, און עס איז שווער צו אורטיילן וועגן זייער ריכטיקייט.

אַ בן־דור פֿון ר׳ אלימלך און זיין חבר אין פֿאַרשפּרייטן חסידות אין גאַליציע איז געווען דער מגיד יחיאל מיכל זלאָטשעווער. ער איז געבאָרן געוואָרן אין בראָד ביי זיין פֿאָטער, יצחק פֿון דראָהאָביטש, איינער פֿון דעם בעש״טס תלמידים, און בחורוויז האָט ער זיך אַליין אויפֿגעהאַלטן אין מעזשיבאָזש און געהאַט די זכיה צו הערן תורה פֿון דעם גרינדער פֿון חסידות. אַז דער בעש״ט איז געשטאָרבן, איז ער אַוועק קיין מעזעריטש, און איז געוואָרן אַ תלמיד מובהק פֿון גרויסן מגיד[3]. אין בראָד פֿלעגט ער דאַוונען אין „חסידים־שטיבל“, וואָס לויט דעם באַוווסטן כרוז פֿון 1772 האָט מען דאָרט געמעגט דאַוונען פֿון דעם אר״ים סידור (אויבן ב׳ I, § 20). אין יאָר 1781 האָט ר׳ מיכל מיט אַ צעבראָכענעם האַרצן געמוזט צוזען, ווי פֿאַר זיין שטוב פֿאַרברענט מען די ספֿרים „תולדות יעקב יוסף“, בעת זיין זון איז געלעגן אַ גוסס (אויבן, באַנד I, § 26). ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אַליין אויך געליטן בעת די רדיפֿות קעגן די חסידים אין בראָד, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן דער גאון יחזקאל לנדא פֿון פּראָג. ר׳ מיכלס חבר פֿון מעזעריטשער בית־מדרש, דער פֿראַנקפֿורטער רב פּנחס הורוויץ, האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר אים ביים פּראָגער רב און געבעטן, אַז די מתנגדים זאָלן ר׳ מיכלען ניט מצער זיין און ניט שטערן אים אין זיין עבודה, „וואָרעם אַלע זיינע כוונות זיינען לשם שמים“[4]. אַן ערך אין יענער צייט איז ר׳ מיכל אָנגענומען געוואָרן

שטוב אין אַניפּאָלע ווו רבי זוסי האָט אַמאָל געוווינט, און ער האָט אויסגעפֿונען, אַז דער צדיק איז כל ימיו געווען אַן אָרעמאַן.

1 אין יאָר תקנ״ו האָט ער געגעבן זיין הסכמה אויף דעם ספֿר „תניא“ פֿון ר׳ שניאור זלמן פֿון ליאָזנע, וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין כתב־יד און שפּעטער אָפּגעדרוקט אין סלאַוויטע.

2 טייל פֿון זיי זיינען איבערגעגעבן אין אַ שיינער פֿאָרם אין בוך פֿון מאַרטין בובער „די חסידישען ביכער“, ז״ז 430—441 (דייטש, 1928).

3 שבחי הבעש״ט, דף כ״ו עמוד א׳; קבוצת יעקב, דף נ״ז — נ״ח.

4 שם הגדולים החדש, חלק א׳, דף ס״ה.

ווי אַ מגיד אין דער גאַליצישער קהילה זלאָטשעוו, און אין די לעצטע יאָרן אין דער קהילה יאַמפּאָלע אין פּאָדאָליע. דאָרט איז דער צדיק געשטאָרבן אַרום יאָר תקנ״ב (1792)[1].

ר׳ יחיאל מיכל האָט ניט געהערט צו דעם מין צדיקים וווּנדער־טוערס, ער איז נאָר געווען אַ לערער אין דעם חסידישן דרך, איינער פון יענע „מגידים“, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון דער נייער רעליגיעזער באַוועגונג. אַ באַזונדער חיבור האָט ער נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט, אָבער אויסצוגן פון זיינע דרשות זיינען אָפּגע־דרוקט אין איינעם פון די גרונד־ספרים פון דער חסידות: אין דער זאַמלונג „לקוטי יקרים“ פון די „ארבעה מטיבי לכת“ — דעם בעש״ט, דעם מעזעריטשער מגיד, ר׳ מנדיל פּרימישליאַנער, ר׳ יחיאל־מיכל זלאָטשעווער (אויפן שער־בלאַט ווערט ער אָנגערופן „מגיד מישרים מק״ק יאַמפּולי“). אין ר׳ מיכלס רייד געפינען מיר עפּעס פון דער פּאָלעמישער שאַרפקייט פון זיין חבר ר׳ יעקב יוסף. אין זיין דרשה איבן קאַפּיטל ק״ז פון תהלים[2] טיילט ער איין די מענטשן אין פיר כיתות: די ערשטע כת זיינען „עם הארץ“, אָבער ערלעכע יידן און גאָטספאָרכטיקע, וואָס זיי דאַרפן האָבן אַ תלמיד חכם פאַר אַ וועגווייזער; די צווייטע כת זיינען רשעים און בעלי־עברה, וואָס סוף־כל־סוף האָבן זיי חרטה און טוען תשובה; די דריטע כת זיינען בעלי תשובה שוטים, וואָס ווייסן ניט, ווי אַזוי צו טון תשובה: זיי טוען פאַרקערט ווי זיי פלעגן טון פריער, נאָר זיי פייניקן זיך אַפילע, ביז זייער קערפּער ווערט אָפּגעשוואַכט, און זיי דאַרפן האָבן ווער עס זאָל זיי ווייזן דעם וועג פון דער ריכטיקער תשובה; „די פערטע כת זיינען מענטשן גרויס אין תורה, זיי לערנען טאָג און נאַכט, אָבער זיי ווייסן גאָר נישט אין עבודת הבורא: זיי לערנען תורה צוליב כבוד און ניט לשמה... און זיי גיבן ניט קיין אַכט אויף

1 אין ספר „לקוטי יקרים“ (דרוק 1792) ווערן געבראַכט לקוטים אין זיין נאָמען, אַמאָל מיט דער ברכה זצ״ל און אַמאָל נ״י (——נרו יאיר—אַ סימן אַז ער האָט נאָך געלעבט); אפשר איז ער געשטאָרבן בעתן דרוקן דאָס בוך. אין דעם ספר פון דעם מקובל יוסף בלאָך „גנזי יוסף“, וואָס איז געדרוקט אין לעמבערג 1792, ווערט דערמאָנט דעם זלאָטשעווער מגידס נאָמען מיט דער הוספה זצ״ל.

2 לקוטי יקרים, דף ט״ו.

דער עבודה פון הארצן, דאס הייסט תפילה, און אויף די מצוות, זיי זאלן זיי מקיים זיין מיט פארכט און ליבשאפט... די דאזיקע לומדים נידערן אראפ אין די טיפעניש פון תורה און תלמוד, און אויב [אזא למדן] קאן זאגן א וואסער עס איז פשט אדער דרש אין תורה, דעמאלט האלט ער זיך נאך גרעסער און מיינט, אז עס איז ניטא אין דער וועלט נאך א למדן ווי ער... און אפילו ווען ער זעט מענטשן צדיקים און חסידים, זאגט ער, אז ער וועט זיין אין גן־עדן און זיי וועלן זיין אין גיהנם... אבער אז זיי וועלן זיך אויפכאפן און אויפוואכן פון זייער שלאף [אט די לומדים די בעלי־גאווה], דעמאלט וועלן זיי חרטה האבן אויף זייערע מעשים און וועלן אויף זיך נעמען די מידה פון עניוות". אין די אלע רייד איז פאראן א שטאך קעגן די רבנים און וויל־לערנערס, וואס דאס לערנען און דאס דאוונען זייערס זיינען, לויט דער מיינונג פון די חסידים, „אן א נשמה". ר' מיכל האט איינגעשטעלט א כלל גדול אין לערנען: „אז מען זאגט תורה, דארף דער געדאנק זיין אזוי ווי מען וואלט גערעדט ניט פאר א מענטשן, נאר פארן בורא יתברך, און מען דארף דעם געדאנק באהעפטן נאר מיט אים". דאס תורה־לערנען דארף אויך זיין ווי א מין תפילה, און דארף זיין געווענדט אויף צו אנטפלעקן די „פארבארגענע ליכטיקייט" פון דער תורה[1]. אין זיינע דרשות פלעגט ר' מיכל אליין ווערן באגייסטערט און באגייסטערן די הערצער, און ער פלעגט זיך מודה זיין פאר זיינע צוהערער: „ניט אייך אליין זאג איך אן און באפעל, נאר אין איינעם מיט אייך טרייב איך אן זיך אליין"[2].

מיט אזעלכע הארציקע ווערטער פלעגט דער מגיד איינעמען די הערצער פון זיינע צוהערער. אין חסידישע קרייזן פלעגט מען זאגן אויף אים, אז ער איז א גילגול פון חבקוק הנביא[3]. די מתנגדישע רבנים און מגידים פלעגן מקנא זיין די חסידישע זאגערס, ווען זיי האבן געזען, „אז יענע האבן א גוטן שם, און מענטשן פון המון עם ציען זיך צו זיי, און צו די רבנים ווענדט זיך קיינער ניט", און דערפאר פלעגן זיי „געפינען פעלערן" (מטילים

1 דארט, ט"ו, כ"א, כ"ו.

2 אור המאיר פון ר' וואלף זשיטאמירער, פרשת צו.

3 שבר פושעים, סימן 40.

מום) א״ן די צדיקים און „אויסקלערן שקרים און כזבים“[1]. אויך קעגן דעם זלאָטשעווער מגיד האָבן די מתנגדים געווענדט זייערע אָנפאַלן. אין די מתנגדישע שריפטן שטייט געשריבן: „איינער פון זייערע פירער, מיכל זלאָטשעווער, פלעגט זיך שטענדיק מאַכן קראַנק, בכדי מען זאָל פאַר אים קאָכן אום שבת. און שטענדיק פלעגט מען אים קאָכן צוויי טעפ: איינעם מיט אַ געקעכטס פון רינד־פלייש און איינעם מיט פלייש פון אַן עוף. און מען האָט בײַ אים געפרעגט, פאַרוואָס איז ער מחלל שבת מיט צוויי טעפ? און ער האָט געענטפערט, אַז רינדפלייש איז גוט, אָבער די יויך איז ניט גוט, און די פלייש פון אַן עוף פאַר זיך איז ניט גוט, אָבער די יויך דערפון איז גוט, און דערפאַר מוז ער האָבן צוויי טעפ, פאַר פלייש און פאַר יויך. און דער רב פון שטאָט האָט גענומען און האָט אים (ר׳ מיכלען) מחרים געווען און האָט געאסרט אַלע כלים, אָבער ער (דער רב) האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאָרט, מחמת אַלע די ערגסטע מוסרים העלפן די חסידים די רשעים, און דער רב האָט געשפּילט כמעט מיטן לעבן, ער איז געווען איין טריט פון טויט“[2].

דער מגיד רבי מיכל איז געווען דער שטאַמפאָטער פון אַ חסידישער דינאַסטיע, וואָס האָט אויסגעשפּרייט איר ממשלה איבער גאַליציע און אוקראַינע. וועגן ר׳ מיכלס פינף זין (יוסף אַניפּאָלער, מרדכי קרעמעניצער, יצחק ראַדיווילער, משה זוויהילער און זאב וואָלף זבאַראַזשער) פלעגן חסידים זאָגן, אַז זיי באַשטייען אַנטקעגן די פינף חומשים. נאָר שטאַרק באַרימט געוואָרן איז נאָר איינער פון זיי, וואָלף זבאַראַזשער, וואָס וועגן אים וועט ווייטער זיין די רייד. פון זלאָטשעווער מגידס תלמידים זיינען געוואָרן מפורסם צוויי: פייבוש

1 לקוטי יקרים כ״ד עמוד ב׳.

2 שבר פושעים סימן 42; זמרת עם הארץ, סימן מ״ט. אַנטקעגן אַזעלכע מעשיות פון די מתנגדים פלעגן די חסידים פאַרשפּרייטן לעגענדעס וועגן ר׳ מיכלס פרישות און הייליקייט. דער מחבר פון „סדר הדורות החדש“ (ז׳ 52) טראָגט אַריבער אויף דעם זלאָטשעווער מגיד די מעשה וועגן דעם נסיון וואָס עס איז באַשטאַנען זיין רבי דער מעזעריטשער מגיד, בעת ער האָט געזען די אַנטבלויזטע פריצטע (אויבן ב׳ I, § 15). משמעות, אַז ער האָט פאַרביטן די לעגענדע וואָס שטייט אין ר׳ וואָלף זשיטאָמירערס „אור המאיר“ (פ׳ חיי שרה) אין דעם „מגידס“ נאָמען, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס רעדט זיך וועגן זלאָטשעווער מגיד.

ז ב א ר א ז ש ע ר אין גאַליציע און מרדכי פון נ ע ס כ י ז ש אין וואָ־לין (ווייטער § 45).

אַ צדיק פון אַ באַזונדערן מין איז געווען דער אויבן דער־מאָנטער ר׳ ל י ב ש ר ה ס (§ 27), וואָס איז געוואָרן באַוווּסט דורך זיין „מלחמה“ מיטן קיסר יאָזעף II. נאָר דערפאַר מעגן מיר אים צורעכענען צו די גאַליציאַנער צדיקים, וואָרעם אַ געבירטיקער איז ער געווען פון וואָלין אָדער פּאָדאָליע: אַמאָל ווערט ער דערמאָנט אונטערן נאָמען ר׳ ל י ב מ ר אָ וו נ י, און זיין מצבה געפינט זיך אין יאַלטישקאָוו. ער איז געווען אַ וואַנדערנדיקער צדיק, איינער פון די „ל״ו צדיקים נסתרים“ פון דער פאָלקס־לעגענדע. בחורוויז האָט ער געזען דעם בעש״ט, און דערנאָך איז ער געווען אַ תלמיד פון ר׳ דוב בער מעזעריטשער, וואָס איז אויך געווען מגיד אין ראָוונע. דעם דאָזיקן רבין זיינעם האָט ער געהאַלטן פאַר אַ הייליקן מאַן און פלעגט זאָגן: „איך פאָר צום גרויסן מגיד אין מעזעריטש ניט כדי צו הערן פון אים תורה, נאָר צו זען, ווי אַזוי ער טוט אויס זיינע זאָקן און ווי ער פאַרבינדט זיי“. וועגן די רבנישע דרשנים פלעגט ער זאָגן: „וואָס איז דער מער וואָס זיי זאָגן תורה? איטלעכער מענטש דאַרף דאָך זען, אַז אַלע זיינע טועכצן און פירעכצן זאָלן זיין תורה, און ער אַליין זאָל זיין תורה, דאָס הייסט, אַז ער זאָל זיך פירן אין אַלע זיינע וועגן אַזוי, אַז מענטשן זאָלן זיך לערנען פון אים“[1]. ר׳ ליב האָט געהאַט אַ באַזונדער אויפ־גאַבע אין דעם קרייז פון דעם מגידס תלמידים. עס איז פאַרבליבן דער רעקאָמאַנדיר־בריוו, וואָס דער מגיד האָט אים געגעבן אין אַזאַ נוסח: „איך בין פון די אָנזאָגערס בנוגע אָט דעם מאַן... יהודה ליב בר׳ יוסף, וואָס ווערט פון אַלעמען גערופן ר ב י ל י ב ש ר ה ס פ ו ן ר אָ וו נ ע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ גרויסער מצווה, וואָס קיין העכערע פון איר איז ניטאָ, ווי ער ווערט דאָס אויסטייטשן אין זיין שמועס פון מויל צו מויל, זאַכן וואָס מ ע ן ט אָ ר נ י ט א ו י ס ב ר ע נ ג ע ן א י ן ש ר י פ ט. בכן אויב עס וועלן אים זען מענטשן וואָס הערן זיך צו צו מיין שטים און וואָס פאָלגן מיין באַפעל, איז מיין עצה צו זיין אים צו הילף און צו שטיצן אים און צו שטאַרקן זיך מיט אַלע אָנשטרענגונגען, סיי מיט זייער גוף

---

1 סדר הדורות החדש, 46.

און סיי מיט זייער געלט, וואָרעם איך זאָג עדות אויף אים, אַז אין זיינע רייד איז ניטאָ קיין געקרימטס און געדרייטס און קיין עוולה געפינט זיך נישט אויף זיינע ליפּצן... און עס איז ניטאָ קיין גרעסערע מצווה פאַר דער"[1]. (געחתמעט איז דער בריוו אָן אַ דאַטע: „דוב בער במו' אברהם מ"מ דק"ק מעזריטש ודק"ק קאָריץ"). וואָס איז דאָס אַזוינס „די גרויסע מצווה" און „די זאַכן וואָס מען טאָר ניט אַרויסברענגען אין שריפט", בנוגע דער שליחות פון ר' ליב שרהס? די לעגענדע דערציילט, אַז דער דאָזיקער צדיק פלעגט אַרומפאָרן איבער אַלע גרויסע ירידים און צונויפקלייבן געלט „צוליב פדיון שבויים (אויסצוצאָלן די חובות פון יענע יידן וואָס די קרעדיטאָרן פלעגן זיי לאָדן צו אַ קרוינישן געריכט, אויף אַ השתדלות צוליב די באַשולדיקטע אין אַן עלילת דם וכדומה אַזעלכע זאַכן) און אויף מפרנס צו זיין פאַרבאָרגענע צדיקים". און אַ חסידישע לעגענדע איז מוסיף, אַז „אַלע זיינע נסיעות זיינען געווען דורך אַ קפיצת הדרך און גאָר זיין שטרעבונג איז געווען מציל צו זיין יידן פון זייערע באַדריקערס". אין די פאָלקס-לעגענדעס ווערט דערציילט, ווי אַזוי ער פלעגט אַריינגיין אין די פּאַלאַצן פון גבירים און באַפעלן זיי מנדב צו זיין גרויסע סומעס לטובת אָרעמע לייט, ווי אַזוי ער האָט געהיילט קראַנקע און לעבעדיק געמאַכט טויטע דורך קמיעות און תפילות וכדומה אַזעלכע זאַכן[2].

---

1 אין דער הוספה צום ספר „דרכי ישרים" פון ר' מנדיל פרימישלאַ-נער (לעמבערג 1862).

2 סדר הדורות החדש, ז"ז 43 — 46. דער מחבר, וואָס בדרך כלל ברענגט ער ניט קיין סך פוסטע מעשיות, האָט דאָס מאָל געמאַכט אַן אויסנאַם און דערציילט גוזמאות וועגן ר' ליבס גרויסקייט, אַזוי אַז ער כאַראַקטעריזירט אים ווי אַ „קדוש עליון כמלאך ה' צבאות"... צום סוף פון זיין דערציילונג גיט ער צו: „דאָס איז אַ ביסל פון די זאַכן וואָס איך האָב געהערט וועגן דעם הייליקן רבי ר' ליב שרהס ז"ל, און איך האָב זיי פאַרשריבן אין בוך, עס זאָל זיין אויף אַן אייביקן געדעכעניש, וואָרעם דער דאָזיקער הייליקער מאַן איז גע-ווען אַ וווּנדער אויף דער ערד, און דער אָרט פון זיין געבוירן איז פאַרהוילן פון אַלעמען... נאָר דאָס האָבן מיר געהערט, אַז ער פלעגט אַרומפאָרן פון אָרט צו אָרט און טון גרויסע און פאָרכטיקע מופתים" (ז' 47). אין דער אמתן טאַ-קע איז ר' ליב שרהס געוואָרן אַ העלד פון דער פאָלקס-לעגענדע, ווי אַ צדיק וואָס זאָרגט פאַר אַלע געפּלאָגטע און געיאָגטע. אַ סך מעשיות ווערן דערציילט וועגן אים אין די פּאָפּולערע מעשה-ביכלעך, ווי „מפעלות צדיקים", „ספורי צדיקים", „קהל חסידים" א"אַנד. אויך אין דער אוקראַינישער ליטעראַטור זיינען

בעת זיינע רייזעס פלעגט ר' ליב זיך אָפּשטעלן אָפּט אין בראָד און לעמבערג, און דאָרט משמעות זיינען צו אים דערגאַנגען די קלאַנגען מכוח דעם, אַז דער קיסר יאָזעף II האָט אַרויסגעגעבן אַ גזרה אויף די עסטרייכישע יידן, אַז זיי מוזן זיך לערנען אין גוייִשע שולן, דינען אין מיליטער און טאָרן ניט חתונה האָבן ביז 18 יאָר. דאָ האָט ער געטאָן זיינע סגולות, ווי עס איז דערציילט אויבן (פאַרשטייט זיך, ניט אין קיסרס פּאַלאַץ). און הגם ער האָט קיין זאַך ניט געפּועלט, אָבער דאָך האָט ער אויסגענומען ביים פאָלק, וואָס האָט געשאַפן אין זיין פאַנטאַזיע די געשטאַלט פון אַ צדיק אַ קעמפער קעגן די „געפערלעכע“ גזרות.

נאָך דעם טויט פון בעל־מופת האָבן די וואָס גלויבן אין אים געפונען אַ וווּנדערלעכע זאַך, וואָס זאָגט עדות אויף זיין הייליקייט. אין דעם קבלה־ספר „רזיאל המלאך“, וואָס נאַרישע מקובלים האַלטן אַז ער שטאַמט פון אדם הראשונס צייטן (געדרוקט אין אַמשטערדאַם 1701), איז אָפּגעדרוקט אַ נוסח פון אַ קמיע צו באַשווערן מלאכים, „זיי זאָלן עפענען דאָס האַרץ פון ל י ב ב ן ש ר ה צו לערנען תורה... און זאָלן אים אָפּהיטן פון כל מיני כישוף ופורעניות“. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אַ שאַבלאָן פון אַ השבעה, און דער נאָמען ליב בן שרה איז גענומען נאָר ווי אַ ביישפּיל אָנשטאָט פלוני בן פלונית (אין די השבעות און קמיעות פאַרשרייבט מען ניט דעם פאָטערס נאָמען, נאָר דער מוטערס), אָבער די חסידים האָבן בתמימות געגלויבט, אַז רזיאל המלאך האָט נאָך אין אדם הראשונס צייטן מתפלל געווען אויף דעם קומענדיקן צדיק ליב שרהס, און זייערע געשיכטע־שרייבערס האָבן געשריבן מיט פולן גלויבן: „און אין דעם הייליקן ספר רזיאל המלאך גע־

די פאָלקס־לעגענדעס אַריינגעדרונגען, ז' טאַרנאָווסקי, ראַבי לייב סורעס: פון די יידישע לעגענדעס (רוסיש, קיעווסקאַיאַ סטאַרינאַ, 1883, בוך 7, 473 — 491). די מעשה אין בוך פון מאַרקוס „דער חסידיסמוס“ (ז' 111, 1901), אַז ר' ליב שרהס האָט זיך משתדל געווען אין אַן ענין פון אַן עלילת דם אין יאָר 1774 און האָט געבראַכט צו דער באַוווּסטער בולע פון פויפּס קלעמענס דעם 14טן מבטל צו זיין דעם בלוט־בילבול, — האָט ניט קיין שום גרונד: די בולע פון דעם פויפּס איז אַרויס שוין אין יאָר 1763 לויט דער השתדלות פון די פרנסים פון דעם ועד הארצות אין פוילן.

פינט זיך אַ תּפילה וואָס קדמונים האָבן מתפלל געווען אויף אים (אויף ר' ליב שרה'ס)"[1]. אין דער סביבה, ווו עס איז אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן דער גרענעץ צווישן ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, צווישן דער רעאַלער וועלט און דער נשמה־וועלט, האָבן מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט אין „רואה ואינו נראה" און אין קפיצת הדרך, געקאָנט גלויבן אויך, אַז מלאכים האָבן מתפלל געווען וועגן דער נשמה פון אַ צדיק וואָס דאַרף געבוירן ווערן אין פינף טויזנט יאָר אַרום, און דעם דאָזיקן אָבערגלויבן איבערלאָזן בירושה שפּעטערע דורות.

---

§ 30. דער באַרדיטשעווער רבּ און דער מגיד נחום טשערנאָבילער

באַרדיטשעוו אַ נייער צענטער פון חסידיזם. — ר' לוי יצחק און זיינע טרעפעניש. — „דער באַרדיטשעווער רבּ" און די לעגענדעס וועגן זיין הייליקייט און וועגן זיין האַרציקער ליבשאַפט צו יידן. — דאָס עדות זאָגן פון אַ מתנגד וועגן זיינע נסיעות „איבערן ישוב". — די תורה און זיין ספר „קדושת לוי": השגחה פּרטית און אַ שטענדיקע השפעה פון דער אייבערשטער וועלט אויפן יידישן פאָלק; דער צדיק דער פאַרמיטלער צווישן באַשעפער און צווישן דעם כּלל פאָלק; אַ צדיק פאַר זיך און אַ צדיק פאַר דער וועלט; דער מאָראַלישער פּרינציפּ; אָפּטימיזם און אַ אַבסאָלוטער בטחון; די שפּעטערדיקע פאָלקס־לעגענדעס. — ר' נחום טשערנאָבילער, דער מגיד און בעל־שם. — געראָדפט פון די מתנגדים. — זיין ספר „מאור עינים": דער „סוד הזיווג" וואָס אין דביקות; דער צדיק ווי „אַ צינור וואָס פירט אַראָפּ די שפע" אויף דער ערד; דער פּרינציפּ פון ביטחון; יידן און די אומות העולם. — ר' זאב וואָלף זשיטאָמירער און זיין ספר „אור המאיר".

אין דער תקופה, וואָס מיר האַלטן איצט ביי איר, איז די חסידישע גאַליציע געווען ניט מער ווי אַ צווייג פון אוקראַיִנע,

---

1 שם הגדולים החדש, אונטער „ליב בן שרה", וואָס ווערט דאָרט אָנגערופן „עיר קדיש נחית מן שמיא"; סדר הדורות החדש, 46—47; ז' גאָטלאָבער, זכרונות מימי נעורי („הבקר אור", תרמ"א, העפט 1).

דעם גרעסטן צענטער פון חסידיזם. דארט האט די נייע תורה זיך באַרשפּרייט אומגעשטערט. די פּוילישע רעגירונג אין די לעצטע יאָרן און די רוסישע רעגירונג אין די ערשטע יאָרן נאָכן איינגעמען אוקראַינע (1793) האָבן זיך ניט אַריינגעמישט אין דעם רעליגיעזן לעבן פון זייערע יידישע אונטערטאַנען. אויך מצד די רבנים אין אוקראַינע איז ניט געווען קיין שום סכנה פאַר דער באַוועגונג פון חסידיזם, וואָס האָט אַרומגענומען כמעט אַלע קהילות און האָט אַריינגעצויגן אין איר ווירקונגס-קרייז דעם גרעסטן טייל רבנים. דער צענטער אין וואָלין, וואָס איז געווען אַראָפּ פון זיין גדולה נאָכן מעזעריטשער מגידס טויט, האָט אין צען יאָר אַרום ווידער אויפגעלעבט אין באַרדיטשעוו, ווו עס האָט זיך באַזעצט אַרום 1785 איינער פון די באַרימטסטע פירער פון חסידיזם, ר' לוי יצחק, וואָס איז באַוואוסט פון דער צייט פון דער ערשטער מחלוקת (אויבן, בּ' I, § 21, 24).

דעם לעבנס-גאַנג ר' לוי יצחקס און זיין ערשטער ווירקונגס-תקופה קאָן מען באַשטימען נאָר על פי השערה, אויפן סמך פון טראַדיציעס וואָס לאָזן זיך ניט קאָנטראָלירן. ער איז געבאָרן געוואָרן אַן ערך אין יאָר 1740 ביי זיין פאָטער מאיר, וואָס איז געווען רב אין זאַמאָשטשער קרייז אין פּוילן. זיין יוגנט-צייט האָט ער פאַרבראַכט אין דער שטאָט לעוואַרטאָוו; צווישן די יאָרן 1761 און 1770 פלעגט ער קומען קיין מעזעריטש, כדי צו הערן די תורה פון חסידות פון דעם גרויסן מגיד; אַ קורצע צייט איז ער געווען רב אין ריטשיוואָל, נאָכדעם ווי עס איז פון דאָרט אַוועק זיין חבר ר' שמעלקא הורוויץ, און אין יאָר 1771 איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב פון דער גרויסער קהילה פּינסק. די רדיפות קעגן חסידים, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין ליטע אין יאָר 1772, האָבן אים געצוווּנגען אַריבערצופאָרן אין דער שטאָט זשעליכאָוו אין פּוילן. אונטערן נאָמען „זשעליכאָווער רב" האָבן מיר אים געזען אין די יאָרן 1781 — 1784 אין דעם וויכּוח, וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשע מיטן בריסקער רב, און דערנאָך אין דעם שריפטלעכן וויכּוח. אַרום 1785 האָט ר' לוי יצחק פאַרנומען די שטעלע פון אַ קהילה-רב אין דער שטאָט באַרדיטשעוו, וואָס איז אין יענער צייט געוואָרן די צענטראַלע שטאָט פון וואָלין (אין יאָר 1765 האָט די פּוילישע רעגירונג באַשטימט אין באַרדיטשעוו די גרויסע יאָר-

ירידים, און דער האַנדל וואָס האָט אויפגעבליט אין שטאָט האָט צוגעצויגן מאַסן יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט צייטווייליק און אויך אויף שטענדיק). דאָרט איז ער געווען רב און „צדיק" אין משך פון 25 יאָר, ביזן טויט 25 טעג אין תשרי פון יאָר תק"ע (1809).[1]

„דער באַרדיטשעווער רב" איז מפורסם געוואָרן צווישן חסידים ווי אַ הייליקער מאַן, וואָס זינגט דעם מעזעריטשער מגיד איז זיין גלייכן ניט געווען. וועגן זיין „הייליקייט" פלעגט מען זיך אָנדערציילן חידושים: „זיין שטייגער איז געווען בשעת דער תפילה צו דאַווענען מיט שרעקעניש און ציטערניש, און ער האָט פון פחד ניט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט, און אַז אַ מענטש לאָזט אים שטיין אין איין ווינקל, געפינט ער אים אין אַ צווייטן ווינקל. און אַלע וואָס שטייען דערביי ביי זיין דאַווענען, שטעלט זיך זיי דאָס האָר אויפן לייב קאַפויער, און דאָס האַרץ צעגייט ביי זיי... און ערב דעם הייליקן טאָג (יום כיפור) איז געווען זיין מנהג צו גיין אין שול אַריין אויף די הענט און פיס, און אַז ער פלעגט זאָגן „יתגדל ויתקדש שמיה רבא" מיט אַ הויכן און פאָרכטלעכן קול, פלעגט געהייליקט ווערן דעם אויבערשטנס נאָמען אין אַלע הערצער פון די צוהערערס, ביז זיי פלעגן זיך אין גאַנצן אויסטון פון דער ווירקלעכקייט און איבערגעבן זיך מיט התלהבות צו השם יתברך. און ער פלעגט תמיד געפינען אַ זכות אויף יידן, בפרט ערב דעם הייליקן טאָג, ער פלעגט דעמאָלט זאָגן (בעת דער עולם פלעגט זיין צונויפגעקליבן אין שול): זע, רבונו של עולם, דיין פאָלק ישראל, אַלע ווי איינער געפינען זיי זיך אין שול, עס פעלט קיין איינער ניט, ניטאָ ביי זיי קיין שיכור וואָס זאָל פאַרשלאָפן, עס איז קיינער ניט געבליבן ליגן אין שטוב מחמת ער האָט זיך איבערגעגעסן, אַלע שטייען זיי באָרוועס פאַר דיר, זיי פאַסטן און בעטן

---

1 שם הגדולים החדש, אונטער ר' לוי יצחק; סדר הדורות החדש, 35; גאָטלאָבערס זכרונות — „הבוקר אור", תר"מ; עשר אורות פון ר"י בערגער, 44 און 11 (וואַרשע תרע"ג).

רחמים ביי דיר". אָט דאָס עדות־זאָגן פון תמימותדיקע חסידים[1] ווערט באַשטעטיקט דורך דער דערציילונג פון אַ וואָלינער משכיל פון אַ שפּעטערער תקופה[2]: „ר' לוי יצחק האָט געקריגן אַ גרויסן שם אין דער וועלט דורך זיינע געניג אין עבודת השם, וואָרעם זיין שטייגער איז געווען מיט רעש און טומל, מיט געוויין און געבעט. ווען ער פלעגט קומען אין גאָטס הויז אַריין, פלעגן די ווענט ציטערן פון זיינע קולות. אַז ער פלעגט גיין ערב ראש־השנה צום דאַווענען אין זיין בית מדרש אַריין, פלעגט ער ניט גיין גלייך אויפגעשטעלט, נאָר אויף אַלע פיר, מיט צוויי שופרות אין די הענט, און ער פלעגט ווי אַ שופר אויפהייבן זיין קול, און דער גאַנצער עולם אַרום פלעגט זיין אַ צעציטערטער און פאַרגיין זיך אין געוויין. אַז ער פלעגט זיך שטעלן פאַרן עמוד דאַווענען, פלעגט ער ניט איינשטיין אויף איין אָרט, נאָר ער פלעגט פּלוצים זיין אָרט פאַרלאָזן און נעמען אַרומלויפן אַהין און אַהער, אונטערשפּרינגען מיט גאָר זיין כּוח, שרייען מיט אַן אימהדיקן קול. מיט אַמאָל פלעגט ער אָנכאַפּן עמעצן פאַר אַ פּאָלע און אָנשרייען אויף אים: צו וועמען דינסטו? און יענער פלעגט נטפערן מיט ציטערניש: דעם אויבערשטן גאָט פון הימל און ערד דין איך. דעמאָלט פלעגט רבי לוי יצחק אָנהייבן מלמד זכות זיין אויפן כּלל ישראל: האַר פון אַלע וועלטן! דאָס פאָלק ישראל דינען צו דיר, נאָר דיך אַליין הייליקן זיי און אַכפּערן, און ווו איז נאָך אַזאַ הייליק פאָלק אויף דער וועלט ווי דיין פאָלק ישראל!...

עס האָט אָבער געטראָפן, אַז ער האָט איין מאָל אַזוי אָנגעכאַפּט אַ פּראָסטן מענטשן אַן אַרבעטער ביי אַ שוסטער, און אַז ער האָט אים געפרעגט: צו וועמען דינסטו? האָט דער בחור זיך צעטומלט און געענטפערט: ביי דעם און דעם שוסטער דין איך". אָבער אויך אָט דער משכיל און שרייבער זאָגט וועגן ר' לוי יצחק, אַז ער איז געווען אַ „למדן מופלג, אַ רעכטפאַרטיקער און ערלעכער מאַן און האָט אַ סך אָפּגעהאַלטן פון זינד".

ר' לוי יצחקס „הייליקייט" איז ניט געווען די הייליקייט פון אַ נזיר, וואָס דערווייטערט זיך פון מענטשן, נאָר אַדרבא, דאָס

1 ספר הדורות החדש, 35—36; עשר אורות, 48.

2 גאָטלאָבער, זכרונות ימי נעורי („הבוקר אור", 1880, ז' 385).

איז געווען די רעליגיעזע באַגייסטערונג פון אַ געזעלשאַפטלעכן מענטשן, וואָס קומט אַריין אין עקסטאַז גראָדע בעת ער געפינט זיך צווישן עולם, אין אַ „קהל חסידים". אין נאָמען פון דעם מגיד ישראל קאָזשעניצער דערציילט מען וועגן באַרדיטשעווער רב, „אַז ער איז געווען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און פלעגט שמועסן מיט יעדער מענטשן מכוח וועלט־ענינים און זאַכן פון ערדישקייט", אַזוי ווי אַ „פשוטער מענטש פון פאָלק", אָבער בעת אָט די דאָזיקע וואָכעדיקע שמועסן „פלעגט ער ניט איבעררייסן זיין פאַרהעפטונג מיט דער גאָטהייט אפילו אויף קיין איין רגע ניט" — און ער פלעגט דערהייבן „די רייד פון די פשוטע פאָלקסמענטשן צום אויבערשטן שורש"[1]. עס איז קיין ספק ניט, אַז ר' לוי יצחק האָט זיך פאַרנומען אויך מיט „צדיקישע געשעפטן": געבן עצות און ברכות פאַר גלייביקע, טון תפילה פאַר קראַנקע און דערשלאָגענע, נעמען „פדיונות" פון זיינע פאַרערערס. נאָר ניט דערין איז געווען זיין הויפּט־ווירקונג. מער ווי ער פלעגט מתפלל זיין פאַר יחידים, פלעגט ער מתפלל זיין פאַרן ציבור, בעטן פאַר כלל־ישראל. ער איז געווען שטענדיק אַ פייערדיקער „אוהב ישראל" און פלעגט מיטפילן די צרות פון פאָלק, אָבער ער פלעגט זיך אויך מיטפרייען אין דעם פאָלקס שמחות. אַז ער פלעגט אַרויספאָרן „אויפן ישוב" און זיך אויפהאַלטן ביי זיינע חסידים אין די שטעטלעך און דערפער פון באַרדיטשעווער געגנט, פלעגן אים באַגלייטן אין וועג זיין גבאי און אַ מנין חסידים, און אומעטום ווו ער פלעגט קומען פלעגט מען אָפּריכטן לכבוד די אורחים סעודות מיט גרויס פּראַכט און פריילעכקייט.

איינער פון די שונאים פון חסידות אין יענער צייט[2] שילדערט אַזאַ נסיעה מיט אַ באַזונדער פאַרביטערטקייט. „דער רב יער חסיד

---

1 אין ספר „באר משה" פון דעם קאָזשעניצער מגידס זון, פרשה ויקרא; ז' סדר הדורות החדש, 36—37.

2 דער מחבר פון דעם פאַמפלעט „זמיר עריצים" פון יאָר 1798 (דף ד' ע' ב'). ער רופט אָן ר' לוי יצחק „הרב החסיד אב"ד דק"ק זעלחאָוו", הגם אין יענער צייט איז ער שוין געווען מפורסם ווי „דער באַרדיטשעווער רב", אפשר דערפאַר, ווייל דער מחבר, אַליין אַ פּוילישער (דוד מאַקאָווער), האָט אים געקענט פון פריער, ווען ער איז געווען רב אין זשעלעכאָוו, ניט ווייט פון זיין שטאָט.

פון זשעלעכאָוו, וואָס איז פול מיט תורה און ער איז דער עלטסטער (לו משפט הבכורה), אויך ער פירט זיך ניט אויף ווי געהעריק. אַז ער קומט אויפן ישוב מיט זיין מנין חסידים... שרייט דער גבאי אויפן קול: אויסשווענקען דעם טאָפּ און אַריינגיסן אין אים וואַסער (אויף צו קאָכן די סעודה), איינער ברענגט בייער, דער צווייטער ברענגט האָלץ, דער דריטער צעלייגט פייער אין אויוון (מסדר המערכה לכרות להם כירה)... און דער אָרעמאַן האָט גאָר־נישט, נייערט איין קליין לעמעלע, וואָס ער האָט געקויפט אויף שפייז פאַר זיין הויזגעזינד און ברויט אויף צו דערהאַלטן די נשמה. און מחמת ער שעמט זיך פאַר די גרויסע אורחים, זשאַלעוועט ער ניט דעם גוטן שעפּס און ער טוט דעם אורח זיין רעכט. און אַז די פלייש איז אויסגעקאָכט, קומט צו גיין דער גבאי מיט אַ גאָפּל אין האַנט און וואָס ער כאַפּט אָן מיטן גאָפּל, דאָס איז זיין חלק. און דער רבי זיצט אויפן כבוד־שטול און דער טיש פאַר אים איז געגרייט, און דער רבי זאָגט צום בעל־הבית: דערלאַנג מיר, און איך וועל עסן פון דיינע שפייז, כדי מיין נשמה זאָל דיך בענטשן. דער רבי מאַכט אַ ברכה הויך אויפן קול, און נאָך דער ברכה וואַרפט ער זיך אַרויף ווי אַ לייב אויף זיין פאַרצוקונג און זיינע ציין טוט ער שטשירען, און ער עסט אויף די פלייש און די יויך, ביז עס בלייבט אַ לעק ניט איבער... דערנאָך לייגט ער זיך אַריין אין בעט און שלאָפט זיין נאָכמיטאָג־שלאָף... און אַז עס קומט דער פרימאָרגן, ווערט דעם בעל־הבית קאַלעמוטנע אויפן האַרצן (ותפעם רוחו של בעל הבית), וואָרעם ער איז געבליבן ווי אַ וואַסער אָן פיש, ניטאָ קיין מאָלצייט און ניטאָ קיין שפייז, ניטאָ קיין נביא און ניטאָ קיין נביאות“... אויב מיר זאָלן פון דער שילדערונג אַראָפּנעמען די גוזמאות און די סאַטירע פון דעם פיינטלעכן מתנגד, האָבן מיר דאָ אַ געוויינטלעך בילד פון אַ צדיק, וואָס באַנוגנט זיך ניט מיט אויפנעמען די חסידים, וואָס קומען צו אים צוליב גייסטיקער הילף, נאָר ער באַזוכט זיי אויך טיילמאָלס מיט זיין סוויטע ביי זיי אין זייערע ישובים, טראָגט אַריין אַ טומל און פריילעכקייט אין זייערע הייזער, עסט מיט זיי צוזאַמען און איז זיי מצרף אין דער „עבודת השם מתוך שמחה“, ווי דער בעש“ט האָט באַפוילן. אַוודאי פלעגט אויך ר' לוי יצחק אָדער זיין גבאי נעמען „פדיונות“ ביי די פאַרמעגלעכע צווישן זיינע פאַרערערס, אָבער מיר האָבן קיינ־

מאָל ניט געהערט — אַפילו פון אַ מתנגד וואָס וויל דערציילן זיינע מיאוסע מעשים. — אַז נאָר דאָס איז ער געווען אויסן. ער איז געווען אין זיין עצם אַרבעט אַ לערער אין אמונה און פלעגט די גלויביקע געבן אָנווייזן דורך ווערטער און מעשים, ער איז געווען אַ רב און אַן אויסגעצייכנטער זאָגער, און אין זיין תורה האָט ער דעם צדיק ניט אַוועקגעשטעלט אין דער בחינה פון אַ מעקלער, וואָס שטעלט צו זיינע חסידים „בני חיי ומזוני", ווי דאָס האָט געטאָן ר' אלימלך ליזענסקער.

ווען מיר קוקן אַריין אין ר' לוי יצחקס זאַמלונג דרשות, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן צום טייל ביי זיין לעבן און צום טייל נאָך זיין טויט אונטערן נאָמען „קדושת לוי"[1], פאַרשטייען מיר דעם אונטערשייד צווישן זיין תורה און דער תורה פון דעם גאַליציאַנער צדיק. אויסגעצייכנט איז זיין פשוטער סטיל און זיינע קלאָרע מימרות, וואָס אין זיי איז פאַראַן נאָר ווינציק פון דעם דרש־פילפול פון דעם גרעסטן טייל חסידישע שרייבערס. דעם מחבר'ס זון זאָגט אויף אים עדות, „אַז טויזנטער יידן וואָס האָבן געהערט זיינע הייליקע רייד, איז זייער האַרץ און זייער נשמה אָנגעצונדן געוואָרן צו עבודת השם"[2]. סימנים פון דער דאָזיקער באַגייסטערונג זיינען צו מערקן אין אַ סך ערטער פון זיין ספר. די ערשטע שורות אין דעם ספר „קדושת לוי" זיינען אַ מוסטער פאַר זיין סטיל: „דער באַשעפער האָט באַשאַפן אַלצדינג, און ער איז אַלצדינג, און זיין השפעה הערט קיין מאָל ניט אָפּגעשטעלט, וואָרעם אין יעדער רגע איז ער משפיע שפע פאַר זיינע באַשעפענישן און פאַר אַלע וועלטן... און דער־

1 אין סלאַוויטע אין יאָר תקנ"ח זיינען אָפּגעדרוקט דרשות צו ימים טובים און חידושי אַגדות, און אין באַרדיטשעווער דרוק פון יאָר תקע"ו איז דער ספר אַ פאַרענדיקטער אין צווי טיילן: דער ערשטער טייל האַלט דרשות אויף פרשיות פון דער תורה און ליקוטים פון פירושים אויף די נביאים און כתובים און מאמרים פון דער אַגדה, און דער צווייטער טייל האַלט — חידושי הלכה ואגדה; אין דעם טייל זיינען אויך געבראַכט שריפטן פון דעם מחברס זון. אין אַ שפּעטערדיקער צייט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך אַ קונטרס „קדושת לוי על פרקי אבות", וואָס איז געפונען געוואָרן צווישן די כתבים פון דעם מגיד ישראל קאָזשעניצער (לעמבערג 1863), אָבער די אויטענטישקייט פון דעם דאָזיקן „געפינס" איז מוטל בספק.

2 קדושת לוי, חלק ב' (ז' 32 אין וואַרשעווער דרוק פון יאָר 1876).

פֿאַר זאָגן מיר (אין דאַוונען): „יוצר אור ובורא חושך“ און ניט יָצַר אור ובָרא חושך“ („ער באַשאַפֿט“ — און ניט „ער האָט באַשאַפֿן“). וואָרעם אין יעדער רגע באַשאַפֿט ער און איז משפּיע חיות פֿאַר אַלץ וואָס לעבט“. אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „ניט אַזוי ווי די פֿילאָסאָפֿן האַלטן, אַז השם יתברך קוקט ניט אויף דער אונטערשטער וועלט, וואָרעם ער איז הויך און דערהויבן; דער אמת איז, אַז השם יתברך גיט אַכטונג אויף אַלע באַשעפֿענישן אין דער וועלט און האַלט זיי אונטער בײַם לעבן יעדער רגע“[1].

אָט אויף דעם פּרינציפּ פֿון שטענדיקער השגחה פּרטית האָבן זיך געשטיצט די אָנהענגער פֿון דער צדיקיסטישער שיטה, כּדי צו דערווײַזן, אַז די שפֿע נידערט אַראָפּ פֿון הימל אויף דער ערד דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון צדיק, וואָס פֿאַרשאַפֿט אַלע די וואָס גלייבן אין אים זייערע מאַטעריעלע הצטרכותן. אָבער בעת ווען ר׳ אלימלך און זײַנע חברים האָבן געמאַכט דעם צדיק פֿאַר אַ כּרסור צווישן דעם בורא און צווישן איטלעכן אייניציקן ייִדן אין די ענינים פֿון פּרנסה און משפּחה־זאַכן, האָט ר׳ לוי יצחק אַוועקגעשטעלט אַ כּלל, אַז דער צדיק איז מחויב מתפּלל צו זײַן אויף די נויטן פֿון כּלל ישראל און אײַנצוגעווינען דאָס פֿאָלק אין אַזעלכע תּפֿילות. „הקדוש ברוך הוא גלוסט תּמיד משפּיע צו זײַן טובות אויף זײַן פֿאָלק ישראל, נאָר די סיטרא אחרא איז מעכּב די שפֿע; אָבער ווען ייִדן זײַנען זיך מתעורר מיט שמחה (צו עבֿודת השם), דעמאָלט שטופּט די דאָזיקע שמחה אָפּ די חיצונים וואָס פֿאַרהאַלטן די שפֿע, און דעמאָלט איז השם יתברך מיט זײַן גרויס רחמים משפּיע אַ שפֿע פֿון ברכה אויף זײַן פֿאָלק ישראל“. „און ער זאָל זײַן [דער חסיד] תּמיד אין שמחה, אויב ער זעט, אַז ייִדן האָבן גוטס אויף דער וועלט, און אויב חס ושלום פֿאַרקערט — מוז ער זיך מצרף זײַן אין זייער צער“. — „דער צדיק גוועלטיקט איבער דעם אייבערשטנס גזירות, כּדי מבטל צו זײַן אַ שלעכטע גזירה אויף ייִדן, און דאָס איז באמת דער אייבערשטער רצון פֿון גאָט פֿון ישראל, וואָס וויל דאָס גוטס פֿון ייִדן“. „דער צדיק קאָן

1 דאָרט, חלק א׳, פּרשה בראשית אין אָנהייב און פּרשה וארא צום סוף.

מבטל זיין, ווען הקדוש ברוך הוא" האָט גוזר געווען צום שלעכטן, אָבער ווען ער איז גוזר צום גוטן אויף דער כנסת ישראל, דעמאָלט קאָן קיין שום מענטש דאָס ניט מבטל זיין"[1].

די מידה פון פולקומענעם ביטחון צייכנט באַזונדערס אויס דעם באַרדיטשעווער רב. אין זיין דרוש צו מגלת איכה זאָגט ער: „הכלל דאָס וואָס השי"ת האָט צעשטערט אונדזער בית המקדש, און מיר יידן זיינען אין גלות — דאָס אַליך איז געווים אַ טובה פאַר יידן". „ווען הקדוש ברוך הוא שיקט אַראָפּ אויף אַ מענטשן חס ושלום ניט קיין גוטע זאַך, דעמאָלט זאָל ער ניט טון קיין שום גשמיות־דיקע טועכץ, נייערט ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, און ער וועט אַוודאי דאָס פאַרקערן אים פאַר אַ טובה. און דאָס איז די מידה פון נחום איש גם זו, וואָס ער פלעגט תמיד זאָגן: גם זו לטובה"[2]. אין זיין שמועס מיטן רבונו של עולם באַדאַרף דער צדיק מלמד זכות זיין אויף יידן און זיי פאַרענטפערן פאַרן בית דין של מעלה. „הכלל, מען באַדאַרף מלמד זכות זיין אויף יידן: וואָס זיי טוען ניט דעם אויבערשטנס רצון שטענדיק, אַזוי ווי די מלאכים — איז דאָס מחמת זיי זיינען טרוד מיט זייער פרנסה". „אין אַ מוסיף זיינען פאַראַן צוויי בחינות: איינער שטראָפט מיט גוטע רייד, דהיינו ער זאָגט איטלעכן יידן די גרויסקייט פון זיין מעלה... און פאַראַן אַזעלכער וואָס שטראָפט מיט האַרטע רייד און מיט פאַרשעמענדיקע ווערטער... דער וואָס שטראָפט יידן מיט גוטן דער הייבט די יידישע נשמה אַרויף, און ער איז ראוי צו זיין אַ מנהיג פון יידן"[3]. דאָס נעמלעכע שיידט ר' לוי יצחק אונטער צוויי מינים צדיקים: „פאַראַן אַ צדיק וואָס דינט דעם בורא מיט גרויס התלהבות, און ער איז פאַר זיך און איז ניט מקרב די רשעים, זיי זאָלן אויך ווערן דינערס פון בורא; און פאַראַן אַ צדיק וואָס דינט דעם בורא און קערט אום די רשעים, זיי זאָלן אויך ווערן דינערס פון בורא". אַ צדיק פון דער ערשטער מדרגה איז געווען נח, און פון דער צווייטער מדרגה — אברהם אָבינו, און די צווייטע איז די העכערע מדרגה. אַ צדיק פאַר זיך און אַ צדיק פאַר

---

1 דאָרט, פרשה ויצא, וישלח, דרוש לראש השנה.

2 דאָרט, מגלת איכה און פרשה וישב.

3 דאָרט, פינחס, חוקת.

דער וועלט — איז דער לעצטער גרעסערע פארן ערשטן[1]. ווי דורך ר' לוי יצחק שטעלט די מעלה פון דעם צדיק, דאך ווארנט ער אים, ער זאל זיך ניט איבערנעמען מיט זיין גרויסקייט: „באמת א צדיק טאר זיך ניט גרייסן אליין און טראכטן אין זיין הארצן, אז זיינע מעשים באשיצן די וועלט און אז ער גיט שפייז אלע ברואים"[2] — דאס איז אנטקעגן דער שיטה פון „בני חיי ומזוני", וואס ווערן ארפגעבראכט דורך ר' אלימלכס צדיק.

דער בארדיטשעווער רב שטעלט אוועק אויפן ערשטן פלאץ דעם מאראלישן פרינציפ פון דער רעליגיע. די מצות שבין אדם לחברו זיינען ניט ווינציקער חשוב ווי די מצוות שבין אדם למקום, וואס די חסידות האט אין זיי אריינגעטראגן א סך מיסטישע רמזים. די מצווה „ואהבת לרעך כמוך" איז פארבונדן מיט דעם פרינ־ציפ פון אחדות הבורא: „וויבאלד אז איין גאט האט אונדז בא־שאפן און אלע יידן צוזאמען ווערן אנגערופן כנסת ישראל, דערפון איז געדרונגען, אז מיר קומען פון איין שטאם, און אז איין מענטש האט צער, שפירט דאס אויך זיין חבר, אזוי ווי א מענטש וואס ווען עס טוט אים ווי איין אבר, שפירט דער גאנצער גוף דעם ווייטאג, און אז ביי איין יידן איז א שמחה, שפירט אויך זיין חבר די פרייד". און דאס איז דער טייטש פון פסוק: „ואהבת לרעך כמוך, אני ה'" (ויקרא יט 18): דאס וואס איך זאג דיר אן, דו זאלסט ליב האבן דיין חבר ווי זיך אליין, — איז דאס ווייל איך בין גאט, און איין גאט האט אונדז באשאפן"[3].

א שטראם פון געהויבענע מאראלישע געפילן דרינגט ארויס פון דעם בארדיטשעווער רבס רייד, וואס בכלל שפאנען זיי ניט אריבער דעם באגרענעצטן קרייז פון דער חסידות. א טעמפעראמענט פון אן אפטימיסט און א פילעוודיק הארץ האט אט דער צדיק געהאט. אין זיין הארץ האט געלעבט אן „אהבת ישראל", א ליב־שאפט צו אלע מענטשן אן אונטערשייד פון שטאנד. זיין הויפט־אויפגאבע האט ער געזען אין איינשטעלן זיך פאר יידן אנטקעגן גאט. און דערפאר טאקע איז ער געווארן שטארק באליבט ביים פאלק.

---

1 דארט, פרשה נוח אין אנהייב.

2 דארט, דרוש לפסח.

3 דארט, חלק ב', פירוש אגדות, נים ווייט פון סוף.

אָן אַ צאָל מעשיות זיינען פאַרשפרייט צווישן פאָלק וועגן זיין הויכן גייסט, וועגן דעם ווי אַזוי ער פלעגט זיך אויסשטעלן מיט גאָט וועגן זיינע יידעלעך. ראש השנה פלעגט ער אָנהייבן דאָס דאַווענען מיט אַ באַוווּסטן זמר אין יידיש: „איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו בין געקומען פאַר דיר בעטן אויפן כלל ישראל. וואָס האָסטו געהאַט צו דיין פאָלק ישראל? ווי נאָר וואָס: דבר אל בני ישראל — צו וועמען רעדסטו? אל בני ישראל! אמור: צו וועמען זאָגסטו? — אל בני ישראל! כה תברכו: וועמען הייסטו בענטשן? את בני ישראל! מחמת דעם פרעג איך דיך: וואָס האָסטו צו די בני ישראל? האָסט דאָך כמה אומות בעולם: כשדיים, בבליים, פרסיים, אמוריים. איז וואָס האָסטו צו די בני ישראל? אלא וואָס דען? מוז געדרונגען זיין: חביבין ישראל שנקראו בנים למקום — געלויבט זיינען יידן וואָס זיי ווערן גערופן דעם אייבערשטנס קינדער. ובכן ברוך אתה אלוהינו”... אאַז"וו. איין מאָל האָט דער באַרדיטשעווער רב דערלאַנגט אַ גלעזל בראָנפן זיינעם אַן אורח, ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט אָבער יענער ניט געוואָלט טרינקען, איידער ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער; דערמאָלט האָט ר' לוי יצחק אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און אויסגערופן מיט התלהבות: זע, רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ חילוק צווישן יידן און די אומות העולם[1]!

אין דער צייט ווען דער באַרדיטשעווער צדיק האָט פאַרמיטלט צווישן זיינע חסידים און דעם בורא עולם מיט רעש און מיט קולי־קולות, איז זיך געזעסן אין קליינעם שטעטל טשערנאָביל (קיעווער געגנט) אַן אַלטער מגיד, מיטן נאָמען מנחם נחום אָדער „דער טשערנאָבילער מגיד”, און האָט געלערנט דאָס פאָלק אַ דרך אין חסידות דורך זיינע דרשות און תפילות, און ער פלעגט אויך שטילערהייט טון „מופתים” דורך השבעות און אָפּשפּרעכענישן אויפן שטייגער פון די „בעלי שמות”. ר' נחום, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1730, איז געווען אַן אָרעמער מלמד און אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געזען דעם בעש"ט אין מעדזשיבאָזש, אָבער זיין תורה האָט ער איבערגענומען פון דעם מעזעריטשער מגיד[2].

1 עשר אורות, 47, 48.

2 שבחי הבעש"ט, בל' י"ב און נאָך; סדר הדורות החדש, 41. אין

וויזט אויס, אַז צוערשט פלעגט ער פאַרשפּרייטן די חסידישע תורה אין פאַרשיידענע קהילות ווי אַ מגיד אַן ארומפאָרער, און נאָר אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוואָרן שטאָט־מגיד אין טשערנאָביל. ר' נחום איז געווען כל ימיו אַן אָרעמאַן און אַ ייד אַ חלוש. אַזוי זאָגט אויף אים עדות ר' שניאור זלמן פון ליאָזנע אין זיין רעקאָמענדאַציע־בריוו, ווו ער בעט, מען זאָל אונטערשטיצן ר' נחומען, „וואָס גאָטס האַנט האָט אים אָנגערירט שוין אַ צייט מיט יאָרן, און די הוצאה איז געווען גרויס (אויף רפואות פאַר אים), און נאָך איצט איז ער באַשווערט מיט יסורים“[1]. וויזט אויס, אַז ניט קיין סך זיינען געווען די וואָס פלעגן קומען צו אים נאָך אַן עצה, אָדער אַ מופת, און זיינע הכנסות פון די פדיונות־געלטער זיינען געווען קליינע. דער מחבר פון דעם פאַמפלעט „זמיר עריצים“ (1798) לאַכט זיך אויס פון די וואָס פאָרן קיין טשערנאָביל, בכדי צו בעטן הילף ביים צדיק; ער עצהט זיי, „זיי זאָלן ניט אויסמאַטערן זייערע כוחות אין וועג“ און זאָלן זיך ניט שלעפּן מיט ווייבער און קינדער „צו ר' נחום מצערנאָבל, וואָס ער איז אַ זקן און אַ שלאָפער, און מען טראָגט אים אויף די אַקסלען, און מען הייבט אים אויף און מען לאָזט אים אַראָפּ, בלייבט ער שטיין און רירט זיך פון אָרט ניט, אַפילו ווען מען שרייט צו אים, ענטפערט ער ניט, פון אַ צרה העלפט ער ניט“[2]. די מתנגדים האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס שנאה צו אָט דעם חסידישן מגיד, און עס פלעגט טרעפן, ווען ער פלעגט אַרויספאָרן „אויפן ישוב“ און זיך שטעלן זאָגן אַ דרשה אין שול, פלעגן זיי אים זידלען און אַרויסטרייבן. איין מאָל איז ער געקומען אין אַ שטעטל

זיינע ספרים דערמאָנט ר' נחום אַ סך מאָל דעם בעש"ט אַזוי: „הבעש"ט נבג"ם [=נשמתו בגנזי מרומים] אמר"... אָבער אַז ער ברענגט עפּעס אין דעם מגידס נאָמען שרייבט ער דייטלעך: „מורי ורבי דוב בער מק"ק מעזיריטש" („מאור עינים", פרשה נשא און נאָך; „ישמח לב", בל' א') אָדער „שמעתי ממורי". נאָר איין מאָל האָב איך געפינען: „אמר מורי הבעש"ט (פרשה כי תשא). זע אויך א. ש. האָראָדעצקי: ר' נחום מטשרנוביל וצאצאיו (בערדיטשוב תרס"ב); האָראָדעצקי איז אַן אוראייניקל פון אייניקל פון די טשערנאָבילער צדיקים.

1 האָראָדעצקי, אין דערמאָנטן ביכל, 23, 24; בית רבי, ערשטער טייל, 127.

2 זמיר עריצים, דרוק 1798, בל' י"ב עמוד ב'.

ווי דער רוב יידן זיינען געווען מתנגדים און האָט געקראָגן פון דעם פּרנס הקהל אַ דערלויב צו זאָגן אין שול. אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן זיין דרשה, האָבן זיך פון צווישן עולם צוהערערס געלאָזט הערן זידלערייען, און טייל זיינען אַרויף אויף דער בימה און האָבן אַראָפּגעשלעפּט דעם דרשן און געשלאָגן אים ביטערע קלעפּ. דער אָרעמער מגיד, וואָס איז געווען געוויינט צו אַזעלכע זאַכן, איז אַוועק אין אַן אַנדער קלויז, ווו עס זיינען געווען מער זיינע אָנהענגער און האָט דאָרט געענדיקט זיין דרשה[1].

ר׳ נחום האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט ליטעראַרישע פעיקייטן, און דערפאַר האָט ער איבערגעגעבן זיינע תלמידים, זיי זאָלן מסדר זיין זיינע דרשות שריפטלעך, און אַז ער האָט איבערגעלייענט דעם כתב־יד וואָס איז געוואָרן צוגעגרייט צום דרוק, האָט ער איינגעזונען, אַז דאָס שטימט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט אין זיינע דרשות. דער ספר, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן „מאור עינים“, איז געענדיקט געוואָרן דרוקן אין סלאַוויטע אין יאָר תקנ״ח. נאָך איידער דער ספר איז אַרויס, איז דער מחבר געשטאָרבן (י״א חשון תקנ״ח— אָקטאָבער 1797). אויף דעם ספר האָבן געגעבן הסכמות די גרעסטע פון די אוקראַינער צדיקים: ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ זוסי אַניפּאָלער און ר׳ יעקב שמשון שעפּעטיווקער[2]. די דרשות אין דעם ספר „מאור עינים“ זיינען אויסגעשטעלט לויט דעם סדר פון די פּרשיות פון דער תורה מיט אַ צוגאָב פון „ליקוטים“ אויף אַגדות און מדרשים. אין דעם זעלביקן יאָר איז אויך אַרויס אין סלאַוויטע זיין קלענערער ספר „ישמח לב“ — פּירושים אויף די אַגדות לויטן סדר פון די מסכתות פון תלמוד, און אין צוויי יאָר אַרום (1800) האָט מען אים אָפּגעדרוקט אַ צווייט מאָל אין זשאָלקווע צוליב די גאַליצישע חסידימס וועגן, מחמת עס איז גע=

---

1 י. האָראָדעצקי, החסידים והחסידות, פרק ב׳ עמוד ס״ז (קענטיק לויט אַ פאַמיליען־טראַדיציע).

2 די הסכמות פון באַרדיטשעווער רב און פון ר׳ זוסי אַניפּאָלער זיי־נען געחתמעט מרחשון תקנ״ח אָן דער הוספה „ז״ל“; די דאָזיקע הוספה איז פאַראַן ביי די אַנדערע צוויי הסכמות, וואָס די צייט פון חתמען איז ביי זיי ניט פאַרצייכנט. אין דער הקדמה פון אַרויסגעבער שטייט, אַז דער פאַרשטאָר־בענער מחבר האָט איבערגעגעבן דעם זכות צו דרוקן זיין תלמיד אליהו מק״ק יורעוויטש.

ווען אַ דעקרעט פון דער עסטרייכישער רעגירונג, אַז מען טאָר ניט אַריינפירן חסידישע און קבלה־ספרים פון רוסלאַנד קיין גאַ־ליציע, און די דרוקזאַכן פון סלאַווישע און רוסישן וואָלין זיינען געווען פאַרבאָטן אין עסטרייך[1].

דער טשערנאָבילער מגיד האָט קיין סך מיט זיין תורה ניט מחדש געווען, און אין דעם גרעסטן טייל פון זיינע דרשות חזרט ער איבער די רייד פון עלטערע מחברים. ער האָט אָבער געהאַט אַ באַ־זונדערן טבע: ער פלעגט זיינע געדאַנקען איינקליידן אין דער פאָרם פון קבלה און ברענגען זייער אָפט דעם „זוהר", און גראָד די ערגסטע ערטער זיינע. אַזוי למשל דערקלערט ער דעם פּרינציפּ פון ד ב ק ו ת, פון באַהעפטונג מיט גאָט, דורך דעם „סוד הזיווג". די כנסת ישראל איז אין דער בחינה פון דער פרוי, וואָס נעמט אויף די שפע פון דעם באַשעפער, זי גלוסט שטענדיק צו אים, און ער כביכול שטרעבט זיך צו באַהעפטן מיט דער כנסת ישראל, און דער זיווג קומט צו שטאַנד דורך דער תורה. און דאָס איז דער טייטש פון פסוק: תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב (דברים ל"ג 3) — מען דאַרף ניט לייענען „מורשה", נאָר „מאורסה", דורך דער תורה ווערט די כנסת ישראל פאַרבונדן מיט הקדוש ברוך הוא. און דער־פאַר איז געזאָגט געוואָרן צו משה רבינו: לך אל העם וקדשתם (שמות י"ט 10) — דאָס הייסט, דו זאָלסט דאָס פאָלק מקדש זיין, ווי מען איז מקדש אַ כלה. „און דעמאָלט ווערט כביכול אַן איינ־הייט דורך דער פאַרבינדונג פון ווייבלעכן און מענלעכן פּרינציפּ (התכללות בחינת נוקבא ודוכרא), דורך דער גרויסקייט פון דער תשוקה און ליבשאַפט צו אים יתברך, אַזוי ווי באַלד אלפי הבדלות דער קערפּערלעכער זיווג, וואָס דורך דער פאַרבינדונג פון וויב־לעכן מיטן מענלעכן קומט דאָס געבוירן"[2]. „עס איז באַוווסט, אַז אַלצדינג איז געווענדט אָן דער אתערותא דלתתא... און אַז מיר דערוועקן זיך צו באַהעפטן זיך מיט אונדזער באַשעפער פון אונטן

1 ז' די הסכמה פון די רבנים פון יאָר תקנ"ט צום זשאָלקווער דרוק, אין די שפּעטערע דרוקן פון דעם ספר „מאור עינים" זיינען צוגעגעבן צום סוף די פירושים אויף די אַגדות פון דעם ספר „ישמח לב".

2 מאור עינים, פרשה בראשית, און נאָך אַ סך מאָל; ישמח לב, מסכת ברכות, אין אָנהייב.

אַרויף, דערוועקן מיר כביכול א תשוקה און אונדזער באַשעפער משפּיע צו זיין אויף אונדז אַל דאָס גוטס און ברכה און לייטזעליקייט און לעבן און שלום. און מיר, די כנסת ישראל, זיינען מיטן בורא יתברך איין גאַנצע זאַך, ווען מיר זיינען באַהעפט מיט אים, און איינער אָן דעם אַנדערן ווערט ניט אָנגערופן גאַנץ, אַזוי ווי דער מאמר זאָגט: „דער שטול איז ניט גאַנץ (אין הכּסא שלם), וואָרעם מיר ווערן אָנגערופן אַ שטול פאַרן בורא, און ער כביכול ווערט אָן אונדז אויך ניט אָנגערופן גאַנץ"[1]. אַזוי אַרום איז פון דער „ליבשאַפט צו גאָט" געוואָרן אַ תשוקה צו גאָט אָדער תאווה צו גאָט. צו דער מדרגה דערהייבט זי זיך (די מתנגדים האָבן געמעגט זאָגן: „דערנידעריקט זי זיך") דורך דער פאַרמיטלונג פון צדיק, וואָס זיין באַהעפטונג מיט דער אויבערשטער וועלט איז אַ שטענדיקע.

דער צדיק איז דער „צינור", דער קאַנאַל, וואָס פירט אַראָפּ די שפע פון דער אויבערשטער וועלט אויף דער אונטערשטער וועלט. דער גאַנצער דור לעבט אין זכות פון צדיק. און די פאַרצייטיקע דורות פלעגן ביי יידן אויפשטיין צדיקים פאַרן גאַנצן כלל, וואָס איטלעכער פון זיי איז באַשטאַנען פאַרן גאַנצן דור; איצט אָבער אַז די מענטשן זיינען געפאַלן, מוז מען האָבן אַ סך צדיקים, כּדי אויפצוהאַלטן די וועלט. אין אונדזערע צייטן איז שווער צו געפינען אַזעלכע פרומע לייט, וואָס אין זייער זכות זאָל לעבן דער כלל, צווישן „די וואָס לערנען די תורה מיט גרויס פּילפּול, וואָרעם זיי זיינען ווייט פון דער פאָרכט פאַר גאָט און פון צו דינען אים". און דעריבער מוז דער חסיד זיך ווענדן צו די אמתע צדיקים, וואָס גייען אין דעם בעש"טס וועגן, וואָס פלעגט טון מופתים נאָר דורך „יחודים" מיט דער שכינה און תפילה. זיי וועלן שוין פאַרזאָרגן זייערע מאמינים מיט „אַלץ וואָס זיי באַדאַרפן — היילונג, פּרנסה און אַנדערע זאַכן"[2]. אַז מען מוז געבן אַ „נתינה דעם צדיק", פאַרשטייט זיך ממילא, און ר' נחום טוט דאָס ניט אַזוי אונטערשטרייכן, ווי עס האָט געטאָן זיין חבר ר' אלימלך, ער באַרירט דאָס מערניט פאַרבייגייענדיק. „על פּי רוב זיינען די צדיקים ניט

1 מאור עינים, פּרשה נוח.

2 דאָרט, פּרשה יתרו; נשא.

קיין מענטשן פון משא ומתן און פארנעמען זיך ניט מיט עסקים פון פרנסה, ווי דער שטייגער פון דער וועלט, און פונדעסטוועגן ווערן זיי געשפייזט בכבוד אן גרויסער מי, און פאראן פון זיי וואס ווערן געשפייזט און אויסגעהאלטן מיט אלע זייערע באדערפענישן אין א סך א העכערער מדרגה פון די גבירים, וואס פארנעמען זיך מיט עסקים פון פרנסה, ווארעם דאס אליץ איז מחמת זייער גרויסן ביטחון צום בורא"[1]. דער מחבר האט דא ניט אויסגעטייטשט, אז דער מקור פון דעם „ביטחון" איז דאס, וואס די צדיקים ציען זייער חיונה פון די „נתינות" פון יענע, וואס גלויבן אין זייערע תפילות און מופתים.

ביטחון איז בכלל איינער פון די הויפט-עלעמענטן פון דער חסידישער פסיכאלאגיע, און פון אים נעמט זיך דער אפטימיזם פון דער דאזיקער שיטה. „פון אדם הראשונס זינד איז געווארן (אין דער וועלט) אן אויסמישונג פון גוטס און שלעכטס, און דער מענטש איז אויך אויסגעמישט פון גוטס און שלעכטס, וואס ער איז אין דער בחינה פון יצר טוב און יצר הרע, און דאס שלעכטס פון דעם מענטשן ציט זיך צום שלעכטס פון אביעקט (אין דער גארער וועלט), און דאס גוטס פון דעם מענטשן ציט זיך צום גוטס פון אביעקט". אזוי ארום איז די אויפגאבע פון דעם מאמין צו מאכן שטארקער אין זיין הארץ דאס גוטס איבער דאס שלעכטס און אריינציען צו זיך פון גאר דער וועלט דעם עלעמענט פון גוטס[2].

אין דער מלחמה, וואס עס פירן אין מענטשן דער יצר טוב מיטן יצר הרע, בייטן זיך ניצחונות און מפלות, און מען טאר ניט אראפפאלן ביי זיך אפילו בשעת א מפלה. „און זע, איך וועל דיך לאזן וויסן א גרויסע זאך — זאגט ר' נחום: אויב עס טרעפט אמאל, אז א מענטש שפירט ביי זיך, אז ער איז אריינגעפאלן אין שלעכטע מידות, בפרט אין דעם שלעכטס פון דער ליבשאפט און דער תאווה צו פרויען, זאל ער וויסן אויף זיכער, אז מען וויל אים אויפהייבן ארויף אויף א העכערער מדרגה מיט די מידות וואס זיינען איינגעבוירן אין אים און עפענען זיין הארץ

---

1 דארט, פרשה ואתחנן.

2 דארט, פ' ראה.

פֿאַר דער ליבשאַפֿט צו אים יתברך. און פֿאַר דער דערהייכונג גייט די דערנידעריונג (וקודם ההגבהה היא ההשפלה)[1]. און דער עיקר, אַז דער מענטש זאָל שטענדיק איבערקלערן אַלץ וואָס ער טוט און שטרעבן צו אַנטוויקלען אין זיין נשמה איטלעכע גוטע מידה און אויסצוואָרצלען איטלעכע שלעכטע מידה. „אַ מענטש באַדאַרף לייטערן זיינע מידות אַלע טאָג, דהיינו, זונטאָג די מידה פֿון אהבה, מאָנטאָג די מידה פֿון יראה, און אַזוי אַלע, — ער דאַרף מתקן זיין איטלעכן טאָג באַזונדערס איין מידה, און אויב דאָס איז אים ניט געגוג, זאָל ער בלייבן שטיין ביי דער מידה, ביז ער וועט זי אויסלייטערן. און מיין רבי [דער מעזעריטשער מגיד] האָט געזאָגט, אַז ער פֿלעגט זיך אַזוי נוהג זיין אין אָנהייב: ער פֿלעגט זיך אויסטון פֿון זיין לערנען און פֿון אַלע זיינע עסקים, כדי זיך אַריינצוטון אַ שעה אָדער צוויי שעה אין איין מידה, ביז זי איז ביי אים אויסגעלייטערט געוואָרן אַ קלאָרע און אַ גאַנצע“[2]. אונדזער צדיק האָט געוויס קיין מאָל ניט געהערט וועגן בענדזשאַמען פֿראַנקלין און האָט ניט געוווסט, אַז דער דאָזיקער בן־דור זיינער האָט אויך איינגעשטעלט אַן ענלעכן „כלל גדול“ אין מידות, נעמליך: אַז איטלעכע וואָך דאַרף מען זיך איינגעניטן אין איינער פֿון די דרייצן גוטע מידות, וואָס ער האָט קאָנסטאַטירט ביים מענטשן, און אַלע אָוונט מאַכן ביי זיך דעם חשבון, וויפֿיל איז צוגעקומען אָדער אָפּגעקומען אין דער דאָזיקער מידה פֿאַרן טאָג[3]. דאָ האָבן דער עקסטרעמער מיסטיקער און דער ראַציאָנאַליסט זיך באַגעגנט אין איין עטישן פּינטל.

אָבער דער אוקראַינישער חסיד האָט דאָך בכלל אָפּגעלייקנט, אַז ביי די אומות העולם קאָן געמאָלט זיין חכמה אָדער מאָראַל, ער האָט געהאַלטן אַפֿילו, אַז אַ ניט־ייד האָט גאָר קיין געטלעכע נשמה ניט. אמת, דער טשערנאָבילער צדיק איז מודה, „אַז צווישן די אומות זיינען צעשפּרייט אַ סך הייליקע נשמות“, אַז „עס זיינען אַריינגעפֿאַלן הייליקע ניצוצות און נשמות צווישן די פֿעלקער, און דורך דעם האָבן זיי חיות און שפֿע“, אָבער בכלל האָט אַ גוי נאָר

1 דאָרט, פּ׳ לך לך; ווייטער יתרו, נצבים.

2 דאָרט, פּ׳ בשלח.

3 Mémoires de B. Franklin, p. 89—93 (Paris 1841).

אַ בהמישע נשמה און ניט קיין געטלעכע. „און קיין שום אומה, — זאָגט ר' נחום נאַיוו, — פאַרמאָגט ניט קיין באַוווסטזיניקייט (דעת), חוץ די יידן, און קיין שום מלוכה קאָן זיך ניט באַגיין אָן יידן, מחמת זיי האָבן ניט קיין דעת, און דערפאַר האָט זיך איטלעכער מלך אַ יידן, אַפילו אין די ערטער ווו עס זיינען געווען גירושים און אונטערדריקונגען"[1]. אָט אַזוי ווייט פוןווירקלעכן לעבן זיינען דאָס געווען די מנהגים פון חסידות אין פוילן און רוסלאַנד אין זייער קוק אויף דער „אייסווייניקסטער וועלט", אין יענער צייט ווען די יידן אין מערב-אייראָפּע האָבן גענומען זיך דערנעענטערן צו איר. מען קאָן אָבער געפינען די סיבה, וואָס האָט געבראַכט צו אָט דעם אומגעלומפּערטן קוק: פאַר די אוקראַאינער יידן פלעגט די אַרומיקע וועלט זיך אַנטפּלעקן אין דער געשטאַלט פון שונאים און באַדריקער, פון רוצחישע היידאַמאַקעס און אויספּרעסערישע פּריצים. ר' נחום אַליין האָט געזען מיט זיינע אויגן די שחיטה פון אומאַן און אַלע רציחות פון די באַנדעס פון גאָנטע און זשעלעזניאַק אין יאָר 1768. וועגן אים דערציילט מען, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט די טשערנאָבילער קהילה פון די הענט פון אַן אַטאַמאַן מיטן נאָמען באָנדאַרענקאָ: לויט דעם צדיקס תפילה איז געשען אַ נס, און די שטאָט איז איבער נאַכט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ מויער, און דערוויילע איז אָנגעקומען דער פוילישער חיל, האָט צעטריבן די באַנדע, געכאַפּט דעם אַטאַמאַן און זיך אָפּגערעכנט מיט אים אויף זיין שטייגער[2].

ר' נחום איז געווען דער אָנהייבער פון אַ צדיקישער דינאַסטיע— די טשערנאָבילער, וואָס וועגן איר וועט זיין די רייד אין די וייטערדיקע קאַפּיטלען. פון זיינע בני-דור איז אין וואָלין געווען מפורסם דער מגיד זאב וואָלף זשיטאָמירער, דער מחבר פון דעם ספר „אור המאיר" (קאָרעץ תקנ"ח). אין אָט דער גרויסער זאַמלונג דרושים ברענגט דער מחבר אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבין דעם מעזעריטשער מגיד און אויך אין דעם בעש"טס נאָמען. הגם דער זשיטאָמירער מגיד ווערט גערעכנט צווישן די באַ-

---

1 מאור עינים, פ' לך לך, תולדות, יתרו, אמור.

2 אַ פאַרשריבענע פאָלקס-לעגענדע, וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן מיט עטלעכע צענדלינג יאָר צוריק.

רימטע צדיקים[1] ווייסן מיר וועגן אים גאָרנישט, חוץ זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. ווי עס ווייזט אויס, איז דרשנות און ליטעראַרישע אַרבעט געווען זיין פּראָפעסיע. דער סטיל פֿון זיין ספר „אור המאיר" צייכנט זיך אויס צום גוטן פֿון דעם גרעסטן טייל חסידישע ספרים, וואָס זיינען פֿול מיט גרייזן און געפּלאָנטערט אין אינהאַלט. מען איז אָבער חושד, אַז ניט ר' וואָלף אַליין האָט דעם ספר געשריבן, נאָר אַן אַנדערער, וואָס האָט ניט פּינקטלעך אויסגעדריקט זיינע געדאַנקען[2]. בכל אופן זיינען אין אים אַריין אַ סך זאַכן, וואָס זאָגן עדות, אַז דער מחבר האָט זיך דערהויבן איבער דעם פֿאָרשטעלונגס־קרייז פֿון זיינע בני־דור. ר' וואָלף שטעלט זיך איין אָנצווייזן אויף די פֿעלערן פֿון די חסידים: „מיר זעען מענטשן [וואָס ווען זיי זיינען פֿאַרטאָן] מיט לערנען און דאַווענען, הייבן זיי אויף זייער קול צופֿיל און פּאַטשן אַ האַנט אָן אַ האַנט וכדומה נאָך אַזעלכע תנועות פֿון די איברים און שפּרינגען אונטער מיט די פֿיס, און אַ סך זיינען עמי־הארצים וואָס ריידן זיך איין, אַז דערין איז דער עיקר פֿון דאַווענען. און אין דער אמתן איז ניט אַזוי: געדאַרפֿט האָט זיין, אַז דער מענטש זאָל שטיין ביים דאַווענען מיט אימה און יראה און מיט גלייכע פֿיס, און זיין קול זאָל ניט ווערן געהערט, מער ניט זיינע ליפּן זאָלן זיך באַוועגן" (פּרשה תרומה). אַנטקעגן די צדיקים וואָס פֿאָרן אַרום פֿון אָרט צו אָרט און מאַכן געשעפֿט מיט זייער חסידות זאָגט ער: „ווער האָט דאָס געזען אין דעם דור וואָס פֿאַר אונדזערע עלטערן: די ערשטע צדיקים האָבן געהונגערט נאָך ברויט און געדאָרשט נאָך וואַסער און זיינען אַרומגעגאַנגען נאַקעט אָן אַ בגד, און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך ניט פֿאַרנומען מיט אַרומפֿאָרענישן און מיט רבנות, צו מאָנען מיטן מויל, ווי מען איז זיך נוהג אין דעם דור, וואָס האָט אַוועקגעגעבן גאָר

---

1 אין דער רשימה פֿון די צדיקים אין כ"י „שבר פושעים", סימן י"ח, און אין „זמרת עם הארץ", סימן כ"ז.

2 שם הגדולים החדש, חלק ב', אונטער „אור המאיר", אין נאָמען פֿון מחבר פֿון ספר „נתיב מצוותיך" (לעמבערג תרי"ח). אויך צווייפֿל האָט דאָס גע־הערט (זע „שלום על ישראל" אין די לקוטים צום ערשטן טייל, ז"ז 50 — 51), און פֿונדעסטוועגן האָט דאָס אים ניט אָפּגעהאַלטן פֿון צו ברענגען אַ סך לקוטים פֿון ספר „אור המאיר" (דאָרט, ז' 69 — 73).

זייערע גלוסטיקייטן, דאָס איז די תורה, פאַר עסן צו לאָזן דעם נפש, און אין דער היים טוען זייערע פיס ניט רוען, און זיי האָבן פאַרוואָרפן און פאַרשטויסן התבודדות" (פרשה צו, בקיצור). דער זשיטאָמירער מגיד באַקלאָגט זיך אויף דער אַלגעמיינער ירידה פון די מידות: „מיר זעען, אַז עס האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט אַזעלכע וואָס פאַרברענגען זייער צייט, גאָר די צאָל טעג וואָס איז זיי באַשטימט אויף דער ערד, כּדי אָנצופילן זייערע הייזער מיט גאָלד און זילבער, און פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרדינגען זיך צו יוונים און צו העפּפּאָטישע פריצים און קויפן פאַר זיך אַ האַר, און דאָס אַלץ כּדי צו פאַרמערן זייער פאַרמעגן, כּדי צו קויפן גילדענע אוירינגלעך פאַר זייערע ווייבערס אויערן... זיי זיינען להוט און יאָגן זיך נאָך מותרות" (פרשה כּי תשא). דער מגיד געפינט אײַן, אַז די נייע גזירות אין דער שכנישער גאַליציע זיינען געקומען ווי אַ שטראָף פאַר די זינד פון דור: „פאַר אונדזערע פיל זינד האָט זיך געשמאַרקט די האַנט פון שונא דעם קיסר [פון עסטרייך] צו נעמען זעלנער פון יידן, און נאָך אַ סך צרות וואָס זיינען אויף אונדז געקומען" (פרשה בלק). דאָס וואָס מען האָט דעמאָלט (1790—1798) אָנגעהויבן נעמען אין גאַליציע יידישע בחורים אין מיליטער, דאָס האָט דערוועקט אַ בהלה צווישן די חסידים, און אַ סך יונגע לייט זיינען אַנטלאָפן קיין וואָלין און אַנדערע פוילישע פראָווינצן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער רוסישער ממשלה, כּדי פּטור צו ווערן פון מיליטער־דינסט און אויך פון דער „גזרה" פון די נייע שולן, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט געגרינדעט.

§ 31. דעם בעש״טס אייניקלעך און דעם גרויסן מגידס זון.

ר׳ אפרים סודילקאָווער, דער דרשן און שרייבער, מחבר פון ספר „דגל מחנה אפרים״. — פאַרשפּרייט דעם בעש״טס שיטה און זיין לעבנס־לעגענדע.—קריטיק פון אויסוואַקסן צדיקיזם.— ר׳ אפרימס חזיונות און חלומות.—ר׳ ברוך טולטשינער, דער צדיק וואָס געוועלטיקט און גרייסט זיך מיט זכות אָבות.— זיין שרייערישער לפנימדיקער ברען. — די חסידישע און די משכילישע טראַדיציע זאָגן עדות אויף זיינע מידות.—דעם רבים הויף אין טולטשין און אין מעדזשיבאָזש; ר׳ ברוכס גאווה, זיין גלוסט צו עשירות און צו מאַכט; קריגט זיך צרום מיט די אנדערע צדיקים.—ר׳ אברהם דער מלאך.—א צדיק פון הויכער רוחניות; פאַרוואַרפט דעם אויפפיר פון די חסידים נאָך זיין פאָטערס טויט, איז זיך מתבודד און שטאַרבט אין פאַסטיוו. — זיינע יורשים.

דעם ייִדנס זכות איז בייגעשטאַנען דעם בעש״טס צוויי אייניקליך, אַז זיי זאָלן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געשיכטע פון חסידיזם אין אוקראַינע—איינער אויפן טעאָרעטישן געביט, דער צווייטער אויפן פּראַקטישן געביט. דעם בעש״טס טאָכטער, אָדיל אָדער האָדל, האָט געהאַט צוויי זין: משה חיים אפרים (געבאָרן אַרום יאָר 1737) און ברוך (געבאָרן אַן ערך 1750)[1]. וועגן דעם געבוירן פון דעם ייִנגערן זון דערציילט די לעגענדע אָט וואָס: איין מאָל אום שמחת תורה האָבן די לייט פון דער „חבורה הקדושה״ געטרונקען, געהוליעט און געטאַנצט אין בעש״טס שטוב אין מעדזשיבאָזש. בעתן טאַנצן איז ביי איינעם אַ חסיד, אַ ייִד אַן אָרעמאַן, צעריסן געוואָרן דער שוך, און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן.

---

1 צום סוף פון זיין באַוווסטן בריוו וועגן נס פון דער „עלית נשמה״ פון יאָר תק״י שרייבט דער בעש״ט: „און אויך מיין אייניקל החתן החשוב אפרים איז אַ גרויסער עילוי אין לערנען״. אין יענער צייט פלעגט מען אָנרופן „חתן״ איטלעכן בחור, וואָס איז געקומען צו די יאָרן, ווען ער הייבט אָן שטיין אין שידוכים, און דאָס הייסט פון בר מצוה אָן; און אויב אפרים איז אין יאָר תק״י געווען אַלט דרייצן יאָר, ממילא איז ער געבאָרן געוואָרן אַן ערך אין יאָר תצ״ז. בנוגע דער געבוירן־צייט פון ברוכן דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף דער שפּעטערדיקער לעגענדע. ער איז געווען נאָך אַ קליין קינד אין דער צייט, ווען

וואָס ער קאָן זיך ניט באַטייליקן אין דער שמחה של מצווה. האָט דעמאָלט דער בעש"ט טאָכטער, וואָס איז געווען מעוברת, געזאָגט צו אים: איב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז איך וועל דאָס יאָר האָבן אַ בן-זכר, וועל איך דיר באַלד געבן נייע שיך; האָט דער חסיד איר צוגעזאָגט — און אין דעם זכות איז געבוירן געוואָרן ברוך[1].

די יינגלעך האָבן זיך געהאָדעוועט אין זיידנס שטוב, און די מעזשיבאָזשער סביבה האָט אויף זיי געווירקט. דער עלטערער אפרים האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיין לערנען תלמוד, אַזוי ווי דער זיידע זיינער האָט אויף אים עדות געזאָגט. נאָכן בעש"טס טויט איז ער משמעות געווען אַן איינגייער ביים מעזעריטשער מגיד און דערנאָך ביי ר' יעקב יוסף, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּאָלאָנע אין וואָלין. דאָס וואָס דער צענטער פון חסידות איז אַריבער פון פּאָדאָליע קיין וואָלין, האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך אפרים איז אַריבער אַהין און האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ רב און אַ מגיד אין דער שטאָט סודילקאָוו. דאָרט האָט ער געוווינט אַ יאָר צוואַנציק ביז זיין טויט (פאַר 1803), און נאָך פון צייט צו צייט פלעגט ער אַראָפּ־פאָרן קיין מעזשיבאָזש אויף קבר אבות צום בעש"ט און זען זיך מיט זיין ברודער ר' ברוך[2].

ר' אפרים סודילקאָווער (אַזוי ווערט ער אָנגערופן אין דער חסידישער ליטעראַטור) געהער ניט צו די צדיקים וואָס האָבן געדינט ווי אַ צענטער פאַר אַ גרויסן קרייז חסידים. דער מאַן איז געווען אַ באַשיידענער און אַן עניו און האָט זיך באַפרידיקט מיט האַלטן דרשות און מיט פאַרשרייבן זיי. זיין ספר מיטן נאָמען „דגל

דער בעש"ט איז געשטאָרבן. די השערה פון דעם מחבר פון „שם הגדולים החדש" אונטער „ברוך"), אַז די ברידער זיינען געווען אַ צווילינג, איז ניט גענוג באַגרינדעט.

1 שבחי הבעש"ט, דף ל"א, עמוד ב'.

2 פון עטלעכע נאָטיצן אין זיין ספר „דגל מחנה אפרים" (פרשה בוא, צו און די „חלומות" צום סוף פון ספר) איז קענטיק, אַז ער איז געזעסן אין סודילקאָוו אין די יאָרן 1750 — 1788 און האָט אין יענער צייט געמאַכט אויך נסיעות קיין מעזשיבאָזש. די צייט פון זיין פטירה דרינגען מיר אַרויס דערפון, וואָס אין די הסכמות פון די צדיקים אויף זיין ספר פון יאָר תקס"ג ווערט צום נאָמען פון מחבר צוגעגעבן דער ר"ת ז צ "ל. ווייזט אויס, אַז געוואָלט האָט מען אָפּדרוקן דעם ספר באַלד נאָכן מחברס טויט, אָבער אַרויסגעגאַנגען איז ער ערשט שפּעטער.

מחנה אפרים" האָט אָפּגעדרוקט נאָך זיין טויט (אין יאָר תקע"א אין קאָרעץ) זיין זון מיט די הסכמות פון די גרעסטע צדיקים פון יענעם דור: ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער מגיד ישראל קאָזשעניצער, ר' יעקב יצחק לובלינער, ר' יהושע העשל אַפּטער און נאָך. ר' אפרים ברענגט אַ סך זאַכן אין נאָמען פון בעש"ט אונטער דער איבערשריפט: „שמעתי מאא"ז [= מאַדוני אבי זקני] ז"ל", און אַמאָל אונטער: „שמעתי בעצמי מפי אא"ז" (פרשה עקב און אין די ליקוטים צום סוף ספר), אָדער „קבלתי מחכמי הדור שהיו אצל אא"ז" (פרשה שמיני און א'). ער דערמאָנט אויך די רייד פון „המגיד ר' דוב בער ז"ל", פון ר' יעקב יוסף פּאָלינאָער, ר' נחמן האָראָדענקער. אַליץ וואָס איז אַרויס פון דעם בעש"טס מויל איז פאַר אים הייליק. רעדנדיק וועגן דער אור־ליכטיקייט (אור הקדמון), וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער תורה און וואָס צדיקים באַנוצן זי, כדי צו זען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, שרייבט ער: „אַזוי ווי מיינע אויגן ממש האָבן געזען, וואָס ער [דער זיידע מיינער] האָט געשריבן צו מיין עלטער־פעטער ר' גרשון קיטעווער אין הייליקן לאַנד, ווי ער האָט אים [דעם פעטער] געזען אין חוץ לארץ און וואָס ער האָט געטאָן אין חוץ לארץ", און דער פעטער האָט אים געענטפערט, אַז יענעם שבת האָט איינער אַ גביר געמאַכט אַ ברית אין חוץ לארץ און האָט נאָך אים געשיקט, ער זאָל זיין ביי איבּ אַ מוהל[1]. פאַר אים איז אַ באַגלויבטע זאַך דאָס וואָס דער בעש"ט האָט אים דערציילט, „אַז איין מאָל איז ער אַריבער דעם נעסטער (דעם טייך דניעסטער אין פּאָדאָליע) אָן שום שם (השבעה), מער ניט ער האָט אַוועקגעלייגט זיין גאַרטל [אויפן וואַסער], איז אויף אים אַריבערגעגאַנגען, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז ער אַריבערגעגאַנגען מיט גרויס אמונה"[2]. דאָס אייניקל גלויבט באמונה שלמה אין זיין זיידנס נבואה, אַז די פאַרשפּרייטונג פון חסידות

1 דגל מחנה אפרים, פ' בראשית. דער זינען פון דער דאָזיקער דער־ציילונג איז דער, וואָס דער בעש"ט האָט געוווסט, אַז זיין שוואָגער האָט ג ע־ ט ר אַ כ ט וועגן פאָרן קיין חוץ לארץ, הגם געפאָרן איז ער אין דער אמת ניט.

2 דאָרט, פ' וישלח.

אין דער וועלט וועט פארגיכערן דאָס קומען פון משיח[1]. פון ר׳ יעקב יוסף הכהן האָט ער געהערט, אַז דער בעש״ט האָט איין מאָל געזאָגט: „אַמאָל טרעפט, אַז די וועלט שטייט אויף די אייבערשטע שטאַפּלען, און אַמאָל שטייט די וועלט אויף די אונטערשטע מדרגות; און איצט, אַז איך בין אויף דער וועלט, שטייט די וועלט אויף אַ הויכער מדרגה״. און ר׳ אפרים טייטשט אויס די דאָזיקע מימרא אויף אַזאַ אופן: „אַז עס איז פאַראַן אַ צדיק און אַ חכם אַ מנהיג הדור, און די וועלט איז מיט אים פאַרבונדן און באַהעפט, דעמאָלט ווערן אַלע חכמים, וואָרעם אַלץ גייט נאָכן קאָפּ, גופא בתר רישא גרירא״ (דער גוף ציט זיך נאָכן קאָפּ)[2].

דער אויפפיר פון די חסידים אין זיין דור איז ר׳ אפרימען ניט געפעלן געווען. „איבער אונדזערע פיל זינד האָט דער שקר זיך פאַרמערט אין דער וועלט, און איטלעכער וויל אויפשטייגן אויפן שטאַפּל פון שלומי אמוני ישראל: ער זעט, זיי גייען אָנגעטאָן שבת ווייסע בגדים און טוען אָן אַ טלית ערב שבת צו מנחה, און ער זאָגט: איך וועל אויך זיין ווי ער״. — „טייל ווייזן זיך פאַר צדיקים און זאָגן: מיר וועלן אָנטון ווייסע בגדים, אַזוי ווי די ריינע צדיקים און מיר וועלן פאַטשן אַ האַנט אָן אַ האַנט מיט התלהבות [אין דאַוונען] און מיר וועלן זיך בויען אַ שטאָט־איינצונעמען שטעט [פאַר די צדיקים צום זיצן]... און דורך זיי זיינען אויפגעוועקט געוואָרן רייסעריי און קריגעריי און שנאת חנם״. און ער דערציילט אַ לעכערלעכע זאַך: איינער אַ חסיד איז געקומען צו ר׳ נחמן (האָראָדענקער) און האָט געזען, אַז ער זיצט אין טלית ותפילין און טרינקט „קאַווע״, איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים און האָט אויך אָנגעהויבן צו פירן זיך אַזוי[3].

ר׳ אפרים וויל אומקערן די חסידות צוריק צו דער פשטות פון די צייטן פון בעש״ט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן קדושה אין איט־

---

1 דאָרט, פ׳ בשלח. און ר׳ אפרים האָט געפונען אַ רמז דערפאַר אין אַ גימטריא: „מען קאָן זאָגן, אַז עס איז פאַראַן אַ רמז אין פסוק (לויטן „זוהר״): ובני ישראל יוצאים מן הגלות בריש גלי. ב ר י ש זיינען די ראשי תבות פון: רבי ישראל ב״שן גלי באַטייט „אַז עס וועט נתגלה ווערן זיין תורה און עס וועלן זיך אויסשפרייטן זיינע קוואַלן, דעמאָלט וועלן זיי אַרויסגיין פון גלות״.

2 דאָרט, פ׳ בלק.

3 דאָרט, פ׳ נוח, וישלח, במדבר.

לעכער וואָכעדיקער זאַך. „עס טרעפט אַמאָל, דער צדיק זיצט צווישן מענטשן און רעדט מיט זיי וועגן גשמיותדיקע זאַכן און דערציילט מעשיות, וואָס אין פּלוק זיינען זיי דברים בטלים, און ער טראַכט און באַטראַכט [און זעט] דעריין רוחניותדיקע זאַכן. און אַזוי אין אַלע וועלטלעכע מעשיות באַטראַכט ער [און זעט] הייליקע זאַכן. און אַזוי ווי איך האָב געהערט פון מיין זיידן, זיין ליכט אין גן־עדן, איז דאָס וואָס די אומות העולם זינגען לידער[1] איז אין זיי אַלע פאַראַן די בחינה פון יראה און אהבה אין דער אויס־שפרייטונג פון אויבן אַראָפּ (בהתפשטות מעילא לתתא) דורך אַלע אונטערשטע מדרגות"[2].

אמת אַזאַ „אַרויפברענגען די ניצוצין" פון אַלע לעבנס־דער־שיינונגען איז אָן ענין נאָר פאַר פולקומענע צדיקים. און דאָ חזרט ר' אפרים איבער וואָס עס שטייט געזאָגט וועגן דער ווערדע פון די צדיקים „אין די הייליקע ספרים פון דעם כהן הגדול, הרב מפולנאה"[3]. דער צדיק שטייט לגבי זיינע בני־דור ווי דער קאָפּ אַנט־קעגן די אַנדערע אברים פון גוף. פון דער דאָזיקער הנחה איז געדרונגען אַזאַ פראַקטישער אויספיר: „בעת דער קאָפּ איז פריי, דאָס הייסט ווען דער צדיק האָט הרחבת הדעת און ער איז פריי פון אַלע עסקים און טרדות, דעמאָלט קאָן ער ממילא אויפהייבן אַלע אברים, דאָס הייסט די פאָלקס־מאַסן, און ברענגען פאַר זיי קלאָרקייט און זריזות פאַר דער עבודת הבורא". אָט די שותפות פון די „אנשי הצורה" (די מענטשן פון פאָרם — די צדיקים) מיט די „אנשי החומר (די מענטשן פון דער מאַטעריע — די מאַסע) — דער דאָזיקער יסוד פון יעקב יוספס שיטה ווערט אויף פאַרשיידענע אופנים אויסגעטייטשט אין ספר „דגל מחנה אפרים". „פאַראַן מענטשן וואָס דער צדיק דערהייבט זיי [צו אַ גייסטיקער מדרגה] דורך זיין תורה און תפילה, און פאַראַן מענטשן וואָס ער קאָן זיי דערהייבן נאָר מיט זיין שמועס, אַפילו מיט אַ וואָכעדיקן שמועס"[4].

---

1 אַזוי שטייט אין טעקסט — לידער.

2 דאָרט, פ' וירא.

3 אַזוי רופט ער אָן טיילמאָל ר' יעקב יוסף הכהן (דאָרט, פ' מקץ, ויגש און נאָך).

4 דאָרט, פ' כי תשא' צו, מצורע.

וואס איז דער חילוק צווישן חסידים און מתנגדים בנוגע דעם לערנען די תורה? „וואס די וועלט זאגט, אז די לומדים [די מתנגדים] לערנען יוא והחסידים לערנען ניט[1], איז דער אמת דערין דאס, וואס די ערשטע וואס מער זיי לערנען אלץ גרעסער זיינען זיי בײַ זיך אין די אויגן, און די חסידים — וואס מער זיי לערנען אלץ קלענער זיינען זיי אין די אייגענע אויגן און זיי לערנען זיך צו זיין קליין און נידעריק". ווען איז דאס גערעדט — ווען מען לערנט די יידישע תורה ממש, אבער „פרעמדע חכמות" — צו זיי טאר מען זיך ניט צורירן. „אזא חכמה איז גאר קיין חכמה ניט, ווארעם זי האט א סוף ווי אלע תענוגים פון דער וועלט און אלע גשמיותדיקע זאכן... און נאר די חכמת התורה איז אן אין סוף ווי דער השם יתברך וואס ער איז אין סוף, ווארעם אוריתא וקודשא בריך הוא וישראל איז אלץ איינס". פאראן אויך א לערנען תורה אויפן שטייגער פון פרעמדער חכמה: „אלע אפיקורסים און מינים ברענגען פאר זיך א ראיה פון דער תורה פאר זייער שטותעריי"[2] — און מען דארף זיין אפגעהיט פון דעם. בכלל דארף דער שכל זיין אן אייביקער קנעכט צו דער אמונה.

און ר' אפרימס אמונה איז טאקע געווען גרעסער פון זיין שכל. ער גלייבט אין אלץ וואס זיין זיידע האט אים דערציילט קינדווייז און וואס ער האט אים געזאגט אין חלום. ער פארשרייבט זיינע חלומות, פונקט ווי עס האט געטאן אין זיין צייט דער מקובל חיים וויטאל. איין מאל, מוצאי ראש השנה, האט אים דערציילט זיין זיידע דער בעש"ט, האט ער געווען אין הימל דעם יום הדין, ווי עס שטייען די „אבות העולם" פארן „מלך המשפט" און זיינען מלמד זכות אויף יידן, און משה רבינו לויפט ארום אין אלע ווינקעלעך „אזוי ווי א סרסור", און טראגט אריין אין בוך אלע זכיות און גיט אכטונג, עס זאלן ניט אריינקומען די מקטרגים און קאליע מאכן. ווידער אמאל האט אים זיין זיידע געזאגט: אויב נאך איין מענטש וואלט געקאנט זאגן די תפילות „אל רחום וחנון" אדער „עננו", אזוי ווי איך זאג זיי, וואלט איך אראפגעבראכט

---

1 די שפאצירטע ווערטער שטייען אין העברעישן טעקסט.

2 פ' ויקרא, חיי שרה, מקץ.

משיחן. נאָך האָט ער אים געזאָגט: „דאָ שווער איך אייך[1], אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש אויף דער וועלט וואָס הערט תורה פון קודשא בריך הוא און זיין שכינה און ניט פון אַ מלאך"[2]. דער בעש"ט פלעגט נאָכן טויט אָפטמאָל קומען צו חלום זיין אייניקל. „אין דער נאַכט אויף מאָנטאָג פּינחס תקמ"א האָב איך געזען מיין זיידן ז"ל און איך האָב געגעגנט צו אים ממש פּנים אל פּנים, און ער האָט מיך אַרומגענומען מיט ביידע הענט און האָט צו מיר געזאָגט בזה הלשון: „מיין נאָמען און דיין נאָמען וועלן קלינגען אין דער וועלט, מיין בעל־שם און דיין גוטער נאָמען, אַז דו וועסט דינען דעם אויבערשטן און לערנען און זאָגן תורה פאַר יידן"[3]. מיט דעם דאָזיקן גלויבן פון אַן אייניקל פון „געטלעכן מאַן" האָט ר' אפרים געלעבט אַלע זיינע יאָרן און מיטן דאָזיקן גלויבן איז ער אַריבער אויף יענער וועלט, וואָס דאָרט איז ער זיכער געווען צו טרעפן זיין זיידן צווישן די צדיקים וואָס קוויקן זיך אין שיין פון דער שכינה.

גאָר אַן אַנדער מענטש איז געווען זיין ברודער ר' ברוך טולטשינער אָדער ברוך מעדזשיבאָזשער. פּונקט ווי דער איז געווען אַן עניו און אַ שטילער, אַ פאַרטיפטער אין זיינע מחשבות און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, איז יענער געווען אַ בעל־גאווה, אַ שטרעבער צו מאַכט, צו כבוד און צו עשירות. אין משך פון 30 יאָר (אַן ערך 1780—1811)[4] איז ר' ברוך געשטאַנען בראש פון דער געמיינדע חסידים אין פּאָדאָליע. פון זיין פאָטער־שטאָט מעדזשיבאָזש איז ער אַוועק קיין טולטשין, וואָס איז באַוווסט פון דער צייט פון גזרות ת"ח, און אין די עלטערע יאָרן האָט ער זיך אומגעקערט אין דעם בעש"טס היליקער שטאָט[5]. פון דער גאַנצער

---

1 די 4 ווערטער שטייען אַזוי אין טעקסט.

2 דאָרט, ליקוטים צום סוף: „אלה הדברים אשר שמעתי מפי אא"ז ז"ל".

3 דאָרט, „החלומות שנמצאו בכתב ידו של המחבר", צום סוף ספרי

4 אין דעם יאָר, ווען זיין בר־פּלוגתא ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער איז געשטאָרבן (תשרי תק"ע), האָט ער נאָך געלעבט (ז' סדר הדורות החדש, 25) און איז געשטאָרבן, ווייזט אויס, אַ יאָר שפּעטער.

5 אין ר' ברוכס בריוו צו ר' מנחם מנדיל וויטעבסקער אין ארץ־ישראל שטייט געשריבן: „אין אָנהייב חודש חשון בין אָנגענומען געוואָרן צו באַזעצן

חסידישער תורה איז ביי אים געבליבן נאָר יענע שרייערישע התלהבות אין דאַווענען וואָס איז געווענדט מער אויף אויסווייניק, ווי אויף אינעווייניק, וואָס דינט נאָר ווי אַ מיטל איבערצושרעקן די צוהערערס, אַרויסצוּוואַרפן אויף זיי אַן אימה און אַ שרעק פֿאַר דער גרויסקייט פֿון צדיק, און ניט צו באַגייסטערן זיי צו דער עבודת הבורא. מען דערציילט וועגן אים, אַז ערב שבת נאָך דער טבילה פֿלעגט ער זאָגן „שיר השירים" מיט אַזאַ ברען, אַז אַלעמען וואָס איז געשטאַנען דערביי פֿלעגט זיך אויסדוכטן, אַז אַ פֿייער פֿלאַקערט אַרום אים. דער גאַליציאַנער צדיק צבי הירש זידיטשעווער דערציילט, אַז איין מאָל אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געקומען קיין מעדזשיבאָזש מיט נאָך איינעם אַ חבר זיינעם, אַ חסיד, און זיי האָבן זיך ביידע באַהאַלטן אין אַ צימער אין ר' ברוכס שטוב, כדי צו הערן אים לייענען שיר השירים. אַז ער איז געקומען צום פּסוק „כי חולת אהבה אני", איז ר' הירשס חבר אַזוי פֿאַרציטערט געוואָרן, אַז פֿון גרויס שרעק איז ער אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער. ער אַליין האָט זיך געשטאַרקט צו הערן נאָך, נאָר אַז ער האָט געהערט, ווי ר' ברוך האָט געזאָגט די פּסוקים „אני לדודי ועלי תשוקתו" און צולעצט „כי עזה כמות אהבה רשפיה רשפי אש שלהבתיה" — איז ער כמעט אַראָפּ פֿון זינען „פֿאַר גרויס התלהבות און גלוסטונג"[1].

דערשיינונגען פֿון דעם מין זיינען געווען מיגלעך אין דער סביבה, וווּ מען האָט געדרשעט וועגן „סוד הזיווג" אין דאַווענען. אין דעם ליבע־דיאַלאָג צווישן דער כנסת ישראל און דער שכינה, ווי די מיסטיק האָט אויסגעטייטשט דעם ספֿר „שיר השירים", איז דער רעליגיעזער עקסטאַז געווען קאַפּאַבל אָפּצומעקן דעם גרענעץ צווישן דער שכלדיקער ליבע, דער amor Dei intellectualis און צווישן קערפּערלעכער גלוסטונג און תאווה. מיר האָבן אַ ביישפּיל

זיך אויף שטענדיק אין ק"ק טולטשין" (בוצינא, דנהורא, 52). דאָ פֿעלט דאָס יאָר, אָבער בכל אופן איז דאָס פֿאַרן יאָר תקמ"ח, ווען ר' מנדיל איז געשטאָרבן. עס איז שווער צו באַשטימען נענוי, ווען ר' ברוך איז געזעסן אין יעדערער פֿון די צוויי שטעט, און אפשר פֿלעגט ער אַרומפֿאָרן פֿון איינער אין דער צווייטער.

1 סדר הדורות החדש, 23—24; מעשי צדיקים 13—17; בוצינא דנהורא, ז' 51 (וואַרשע תרמ"ט).

דערפֿון אין דער קריסטלעכער קירך אין מיטלעלטער, ווען די מאָנאַכן פֿלעגן זיך צעהיצן אין זייערע תּפֿילות צו דער „הייליקער בתולה" אָדער ביים לייענען „שיר השירים", וואָס אויך זיי פֿלעגן אים אויסטייטשן ווי אַ דיאַלאָג צווישן דער קירך און גאָט. די חסידים פֿלעגן זאָגן אויף ר' ברוכן, אַז ער פֿלעגט זיך אַזוי באַגייסטערן דורך שיר השירים, ווייל אין אים איז אַריין די נשמה פֿון שלמה המלך. מען קאָן טאַקע געפֿינען אין אָט דעם צדיק געוויסע מידות פֿון אָט דעם פֿאַרצייטיקן הערשער: די שטרעבונג צו אויסווייניקסטער פּראַכט און צו אומבאַגרענעצטער הערשאַפֿט.

מיר האָבן צוויי טראַדיציעס וועגן ר' ברוכס לעבן: איינע קומט פֿון חסידישע קרייזן און די צווייטע פֿון דעם קרייז פֿון די ערשטע משכּילים אין אוקראַינע. ביידע, ווי ווייט זיי זיינען אויך אָפּגעשיידט לויט זייער אָפּשטאַם, זיינען לויטן עצם אינהאַלט ניט סותר איינע די אַנדערע. די חסידישע טראַדיציע[1] איז געצווונגען אויסצוזאָגן דעם אמת, אַז ר' ברוך האָט זיך ניט אויסגעצייכנט ניט מיט זיין קע-

---

1 „בוצינא דנהורא: לקוטים יקרים, אמרי נועם... של מורינו ורבינו ר' ברוך ממעזיבוז, נכד הבעש"ט". געדרוקט אין לעמבערג תר"מ און אַ צווייט מאָל מיט הוספות אין פּעטריקאָוו תרמ"ט, מיט הסכּמות פֿון דעם רב צבי אָרנשטיין פֿון לעמבערג און פֿון די צדיקים פֿון סאַדיגערע, טשאָרטקאָוו און הוסיאַטין פֿון די יאָרן תרל"ט און תר"מ. אין דער הקדמה פֿון דעם אַרויסגעבער שטייט געזאָגט, אַז די דאָזיקע כּתבים האָבן זיך געפֿונען ביי איינעם פֿון ר' ברוכס קרובים, אָבער די דאָזיקע באַהויפּטונג שטייט אונטער אַ ספק. צום סוף פֿון ספר (ז"ז 51—53) איז אָפּגעדרוקט דער אויבן דערמאָנטער בריוו פֿון ר' ברוך צו ר' מנדיל וויטעבסקער, וווּ ער איז מודיע, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין טולטשין, מחמת די שטאָט-לייט האָבן ביי אים שטאַרק געבעטן זיך, און אַז ער איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט די קהלשע עסקים, אַ סך ווענדן זיך צו אים מיט איטלעכער „גרויסער און קליינער זאַך". פֿון טולטשין האָט ער געשיקט קיין ארץ ישראל אַ סך זילבערנע חפֿצים, וואָס ער און די מענטשן וואָס דאַוונען אין זיין שטוב האָבן מנדב געווען אויף צו בויען אַ שול אין הייליקן לאַנד. אין צווייטן בריוו (פֿון יאָר תקס"א), וואָס איז געשיקט געוואָרן פֿון דעם צדיק יעקב שמשון שעפּעטיווקער פֿון טבריא צו ר' ברוכן אין מעדזשיבאָזש, פֿאַרענטפֿערט זיך דער שרייבער פֿאַר זיינע „פּשעים" ביים צעטיילן דאָס געלט פֿאַר אָרעמעלייט אין ארץ ישראל און בעט ביי זיין מעדזשיבאָזשער חבר מיט גרויס הכנעה, ער זאָל אים מוחל זיין.—עטלעכע ליקוטים מיט אַ קליינעם ווערט, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן פֿון ר' ברוכס רייד, זיינען אויך אָפּגעדרוקט צום סוף פֿון ספר „חסד לאברהם", פֿון ר' אברהם דעם מלאך, דעם מעזעריטשער מגידס זון (טשערנאָוויץ, תרי"א).

נען לערנען, ניט מיט זיינע גוטע מידות. אַז ער האָט פאַרבראַכט אין זיינע יונגע יאָרן אין דער שטאָט אָסטראָ און דער צדיק פינחס קאָרעצער האָט אים געבעטן, ער זאָל „זאָגן תורה", האָט אים ר' ברוך געענטפערט דורך הלצה מיט אַ פסוק פון שיר השירים (ח' 8): „אחות לנו קטנה" — מיר האָבן אַ קליינעם שכל, „ושדים אין לה" — ניטאָ פון וועמען צו זייגן נייעם שכל; „מה נעשה לאחותינו ביום שידובר בה" — וואָס זשע וועלן מיר טון מיט אונדזער שכל, ווייבאַלד מיר וועלן אים אויסליידיקן דורך זאָגן, און עס וועט ביי אונדז גאָרנישט ניט בלייבן?[1].

להיפוך צו דער אָנגענומענער מיינונג, אַז דער צדיק באַדאַרף זיך אויפפירן מיט מער קדושה, ווי סתם אַ מענטש, זאָגט דעם בעש"טס איינקל אָט וואָס: „די צדיקים דעם אייבערשטנס זייליקע, ווען זיי פירן זיך ווי דער שטייגער פון גאָר דער וועלט, זיי עסן און טרינקען און שלאָפן און דאַוונען ווינציק און דאָס רוב וואָס זיי רעדן איז מכוח די עסקים פון דער וועלט, איז [אפילו] מיט די דאָזיקע מידות דינען זיי גאָט, און קיין מענטש טאָר פון זיי קיין ראיה ניט נעמען, וואָרעם דעם צדיקס מחשבות זיינען נאָר באַרן שם יתברך... אָבער אַ [פשוטער] מענטש, וואָס באַדאַרף מתקן זיין זיינע מעשים, ווען ער וועט אויך וועלן דינען גאָט אויפן זעל־ביקן שטייגער, וועט דער יצר הרע אים פאַרפירן"[2]. אַזוי אַרום מאַכט דער צדיק זיך גרינג און זיינע חסידים מאַכט ער שווער.

ער האָט פיינט צו בלייבן איינער אַליין און צו פאַרטיפן זיך אין דער תורה. דעם ניט־קלאָרן מאמר (אין אבות, פרק ב' משנה ג'): „אל תהי רשע בפני עצמך" טייטשט ער אין אַזוי: „איטלעכער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, כדי עפּעס מתקן צו זיין אין דער וועלט. דערפון איז געדרונגען, אַז אָדער ער דאַרף האָבן די וועלט אָדער די וועלט דאַרף אים האָבן. און פאַראַן אַ מענטש וואָס זיצט שטענדיק איינגעשלאָסן אין חדרי חדרים און לערנט דאָרט שטענ־

---

1 בוצינא דנהורא, ז' 9. אין אַן אַנדער אָרט ווערט דאָרט (ז' 23) דערציילט, אַז איין מאָל איז ר' ברוך געווען צו גאַסט ביי איינעם אַ באַרימטן גביר, „און ער האָט שבת ניט געקענט זאָגן קיין תורה", האָט ער געפונען אַ תירוץ דערפאַר, „אַז געוויס איז דאָרט געווען אין שטוב איינער אַ רשע".

2 דאָרט, ז' 10.

דיק און גייט ניט אַרויס אין דרויסן צו ריידן מיט מענטשן, און דערפֿאַר ווערט ער אָנגערופֿן רשע, וואָרעם אויב ער וועט רעדן מיט מענטשן, וועט ער מתקן זיין די זאַך, וואָס צוליב דעם איז ער באַשאַפֿן געוואָרן. און דאָס איז דער טייטש פֿון „ואל תהי רשע בפני עצמך״ — זיי ניט קיין רשע פֿאַר זיך, ווען דו ויצסט אַליין אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט״[1]. ער הערט אויך איבער דעם פּרינציפּ פֿון חסידות, אַז מען מוז זיך דערווייטערן פֿון עצבות, ער גיט אָבער דערפֿאַר אַ מער קאָנקרעטן טעם: „טרויעריקייט פּטרט אַוועק די פּרנסה, דערפֿאַר דאַרף אַ מענטש זען, ער זאָל האָבן שמחה״[2]. אויף דעם סמך האָבן חסידים געזאָגט, אַז מען מעג דערוועקן פֿרייד אַפֿילו דורך טרינקען בראָנפֿן. און דער צדיק, וואָס איז אַליין אויך געווען ווייט פֿון אַ נזיר אין דעם פּרט, האָט אויף די אָנגעשריען אויף קאַטאָוועס: „פֿאַראַן מענטשן וואָס ווען זיי טרינקען משקה דעמאָלט ווערן זיי פֿרום, דערויף זאָגט דער פּסוק ואלהי מסכה לא תעשו לכם״[3].

די מידה פֿון ענוות האָט ניט געהערט צו ר׳ ברוכס גוטע מידות, הגם איין מאָל האָט ער געהאַט די העזה צו זאָגן וועגן זיך: „אויב זיי [די ענווים] זיינען טויזנט, בין איך פֿון זיי, און אויב זיי זיינען צוויי — בין איך פֿון זיי״. די זעלביקע חסידישע לעגענדע, וואָס דערציילט אַזוינס[4], גיט איבער אַ סך ווערטער זיינע, וואָס ווייזן פּונקט דעם היפּוך: „פֿאַר מיין נשמה איז ניטאָ קיין שום פֿאַרבאַהאַלטענע זאַך, מיר זיינען קלאָר אַלע פֿאַרהוילענע זאַכן אין דער תורה״. „איין מאָל איז ער געזעסן ביי דער סעודה המשה עשר בשבט און איז געווען שטאַרק אויפֿגעלייגט און האָט דערציילט אַ חלום וואָס האָט זיך אים געחלומט: „עס זיינען געזעסן אַרום טיש כמה וכמה צדיקים, פֿון זיי אַזעלכע וואָס האָבן נאָך

1 דאָרט, ז׳ 12.

2 דאָרט, ז׳ 16.

3 דאָרט, 37. די צעוואָרפֿענע יידישע ווערטער שטייען אין טעקסט. די וואָרט־שפּיל באַשטייט אין דעם גלייכן קלאַנג פֿון דעם וואָרט „משקה״, ווען מען לייענט עס, ווי טייל ליטוואַקעס, „מאַסקע״ און דאָס וואָרט „מסכה״, ווען מען זאָל אַריינשטעלן אין דעם כ אַ דגש.

4 דאָרט, ז׳ 4; דאָס ווייטערדיקע דאָרט, ז״ז 43—48.

געלעבט און טייל וואָס זיינען געווען אויפן עולם האמת, און רבי שמעון בן יוחאי איז געזעסן אויבנאָן, און איך בין געשטאַנען ביים עק טיש אַנטקעגן אים. און רבי שמעון בן יוחאי האָט זיי געזאָגט שטראָף־רייד און מוסר בזה הלשון: „אַזוי דינט מען דאָס אַ גרויסן און פּראַקטיקן גאָט, ווי איר דינט? און פון גרויס שרעק האָט מיין פּנים גענומען געל ווערן. איז רבי שמעון בן יוחאי אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און איז צוגעגאַנגען צו מיר ביים עק טיש און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיר אויפן אַקסל מיט ליבשאַפט און געזאָגט צו מיר: „בריכיל סערצי, ניט דיך מיין איך, דו ביסט איין אדם השלם". און איין מאָל האָט ער צוגעדריקט דעם זוהר צו זיין האַרץ און האָט געזאָגט: „רבי שמעון בן יוחאי, איך קען דיך און דו קענסט מיך".

דעם בעש"טס אייניקלס גאווה איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פון די איבעריקע צדיקים גאָרניט געהאַלטן, און „פלעגט רעדן וועגן זיי מיט כעס, אַז זיי וויקלען זיך איין אין אַ פרעמדן טלית און זאָגן תורה על פּי קבלה און דאַווענען מיט כוונות". אין דער קהילה טולטשין איז אויפגעשטאַנען אַ געגנערשאַפט קעגן דעם רבין דעם בעל־גאווה, און דערפאַר איז ער אַוועק צוריק אין זיין געבוירנשטאָט מעדזשיבאָזש[1]: דערצו האָט געבראַכט די פּשוטע סוחרישע קאָנקורענץ: ר' ברוך האָט געהאַלטן די גאַנצע געמיינדע חסידים פאַר זיין ירושה, וואָס ער האָט געקראָגן פון זיין זיידן, און ער איז געווען ברוגז אויף די „פרעמדע" מענטשן, ניט פון דער הייליקער משפּחה, וואָס רייסן זיך אַריין אין זיין גבול. אַז זיין הויפּט־שטרעבונג איז געווען צו קריגן „פּדיונות" — דערויף זאָגט עדות בתמימות די חסידישע טראַדיציע גופא. ר' ברוך רעדט וועגן דעם קלאָרערע דיבורים אַפילו ווי ר' אלימלך ליזענסקער. ער פרעגט: אויף וואָסער אופן האָט דער צדיק אַ פאַרבינדונג מיטן המון עם? און ער ענטפערט: „דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין זייערע [די צדיקימס] הערצער, זיי זאָלן גלוסטן נאָך געלט, און דורך דעם פאַרבינדן זיי זיך מיטן כלל יידן און דערהייבן

---

1 דאָרט, ז' 46—48; זע נאָך ז' 22 און ז' 38: „איין מאָל האָט ער אָנגעהויבן זידלען און מבזה זיין אַלע צדיקים... האָבן אַלע צוהערערס זיך געחוּנדערט".

זייער תפילה״. די צדיקים זיינען די עפּענונגען פון די טויערן, וואָס דורך זיי גייען דורך די יידישע תפילות אויפן הימל אַרויף, און דעריבער מוז מען זיי באַצאָלן פאַר זייער טרחה. „אַ משל צו אַ מלך וואָס האָט אַ סך טויערן אין זיין פּאַלאַץ און וועכטערס ביי איטלעכן טויער״; „און ווער עס וויל גענענען צום מלך, לאָזט אים צוערשט דער פּשוטער וועכטער ניט דורכגיין דורך זיין טויער, און ער [דער אורח] גיט אים געלט און גייט דורך; און איטלעכס מאָל ווען ער קומט צו אַ טויער וואָס איז נעענטער צום מלך און עס שטייט דאָרט [אויף דער וואַך] אַ מער בכּבודיקער שר, איז ער געצוווּנגען צו געבן אַליין מער געלט, כּדי ער זאָל אים לאָזן דורכגיין דורך זיין טויער, ביז ער קומט צום גרעסטן שר, און ער איז געצוווּנגען אויסצוגעבן פון זיינטוועגן אַ סך געלט, ער זאָל אים לאָזן אַריינגיין אינעווייניק אין מלכס הויז״[1]. דער נמשל איז פאַרשטענדלעך פון זיך.

נאָך דעם אַלעמען מעגן מיר גלויבן דער משכּילישער טראַדיציע (מער ניט אָן די גוזמאות) וועגן דעם „קיניגלעכן הויף״ אין טולטשין און מעדזשיבאָזש[2]. ר׳ ברוך, וואָס האָט געהאַט גאָר ווינציק פון זיין זיידנס גייסטיקייט, האָט געשטרעבט נאָר צו הערשאַפט און צו תענוגים. אין טולטשין, און בפרט אין מעדזשיבאָזש, האָט ער געהאַט אַ „הויף״, וואָס איז שטענדיק געווען פול געפּאַקט מיט חסידים, וואָס האָבן געבראַכט מתנות דעם רבין און געדינט צו גאָט מיט שמחה, ממילא אויך גענומען אַ טרונק בראָנפן. דער צדיק פלעגט גערן אויפנעמען זיינע געסט, און אַמאָל פלעגט ער אַליין צופאָרן צו זיינע חסידים אין די פּאָדאָליער קהילות, כּדי צו פאַרגרעסערן זיינע הכנסות. און געלט האָט דער צדיק באַ־

1 החסידים והחסידות ספר ג׳, ז׳ ט״ו, וו עס איז אָנגעוויזן דער מקור — „בוצינא דנהורא״. אָבער אין דער צווייטער אויפלאַגע פון דעם ספר האָב איך ניט געפונען ניט דאָס ווערטל ניט דעם משל; אפשר האָט דער מחבר גענומען פון דער ערשטער אויפלאַגע (הר״מ), און אין דער צווייטער אויפלאַגע איז דאָס אַרויסגעלאָזט געוואָרן, מחמת דאָס דערנידעריקט דעם צדיק.

2 „זכרונות ימי נעורי״ פון א״ב גאָטלאָבער (הבוקר אור״, תר״מ, 321 א״וו). גאָטלאָבער איז געבאָרן אין יאָר 1811, דאָס יאָר ווען ר׳ ברוך איז געשטאָרבן, בכן האָט ער געקאָנט הערן דערציילן פון מענטשן וואָס זיינען אַליין געווען אין ר׳ ברוכס הויף.

דאַרפט האָבן גאָר אַפולע. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון די הענוגים פון דער וועלט און האָט זיך געפירט מעשה פוילישער פריץ אָדער ביסקופ: פלעגט פאָרן אין אַ קאַראָט געשפּאַנט מיט ברענענדיקע פערד, האָט געוווינט אין אַ פיינעם הויז, אַרומגערינגלט מיט גבאים און משרתים, און פלעגט מאַכן סעודות און הולאַנקעס פלומרשט לשם מצווה.

אין דעם צדיקס הויף איז אויך געווען אַ „ליץ" אָדער „בלאַזען", אַ מין „הויף־נאַר" וואָס ביי די פּאַרצייטיקע מלכים, וואָס זיין עובדא איז געווען צו מאַכן פריילעך דעם האַר און זיינע געסט. דאָס איז געווען הערשעלע אָסטראָפּאָלער, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זיינע שאַרפזיניקע וויצן. הערשעלע האָט ניט נאָר פריילעך געמאַכט דעם רבין, ער פלעגט אויך מיט אַ משל און אַ מעשהלע אַמאָל זאָגן אים מוסר און אָנווייזן אויף זיין שלעכטן אויפפיר. איין מאָל האָט ר' ברוך געפונען זיך אַזוי באַליידיקט פון דעם קלוגן לצס קלאָרע אָנצוהערענישן, אַז ער האָט געהייסן זיינע שיכורע חסידים אַראָפוואַרפן אים פון אַלע טרעפּ. זיי האָבן עס געטאָן, און דער אומגליקלעכער ליץ איז געפאַלן און צעבראָכן אַלע ביינער. אַ צייט לאַנג איז ער נאָכדעם געלעגן קראַנק, ביז ער איז געשטאָרבן.

פון די עדות־זאָגונגען פון ביידע צדדים קומט אַרויס אַ קלאָרער היסטאָרישער אויספיר. אַ באַגרענעצטער אין שכל און אַ שלעכטער אין זיינע מידות, האָט ר' ברוך געוואָלט אויסנוצן זיין יחוס ווי אַן אייניקל פון בעש"ט צוליב זיין אייגענעם נוצן, אָנצוקלייבן געלט און צו לעבן ווי אַ שררה, צו געוועלטיקן איבערן פאָלק און אַפילו איבער די איבעריקע צדיקים. די מאַסן חסידים, האָט פלעגן קומען אַלע יאָר קיין מעדזשיבאָזש מתפלל זיין אויפן בעש"טס קבר, פלעגן זיך שטעלן מיט יראת הכבוד פאַרן בעש"טס אייניקל. יענע וואָס פלעגן אַוועקלייגן „קוויטלעך" מיט בקשות אויפן זיידנס קבר פלעגן געבן זייערע מתנות דעם אייניקל און קריגן אָנשטאָט דעם ברכות און הבטחות. אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן איז ר' ברוך געוואָרן אַזוי גרויס ביי זיך, אַז ער האָט גענומען זיך אַרומקריגן מיט די גרויסע צדיקים, וואָס ער האָט מקנא געווען זייער השפעה, אָדער ער האָט געהאַלטן, אַז זיי רייסן זיך אַריין אין זיין גבול. ער האָט זיך אַפילו ניט אָפּגעשטעלט פון צו באַ־

ליידיקן די גרעסטע צדיקים — דער באַרדיטשעווער רב און ר' שניאור זלמן ליאָזנער. צו דער „מחלוקת פון די צדיקים" וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

אַנטקעגן דעם פּאָדאָליער צדיק, וואָס איז געווען אין גאַנצן גשמיות, שטייט פאַר אונדז די געשטאַלט פון אַ וואָלינער צדיק, וואָס איז געווען כולו רוחניות לויט זיין מהות און אויך לויט זיין נאָמען: ר' אברהם מלאך, דער זון פון מעזעריטשער מגיד. אברהם האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דעם קדשי־קדשים פון דער חסידות, אין דעם שטאַם־אָרט פון צדיקיזם, וואָס פון דאָרט האָט ער זיך פאַרשפרייט איבער דער וועלט. זיין נאָענטסטער חבר נאָך פון זיינע יונגע יאָרן ביים פאָטער אין שטוב איז געווען זיין עלטער־חבר ר' שניאור זלמן ליאָזנער.ביידע יונגעלייט האָבן צוזאַמען געלערנט תלמוד און קבלה: דער ליטוואַק דער חריף האָט אַריבערגעשטייגט זיין חבר אין „נגלה" — מיט זיינע ידיעות אין תלמוד, און ר' אברהם האָט זיך מער פאַרטיפט אין „סתרי תורה", אַזוי אַרום האָבן זיי ממלא געווען איינער דעם צווייטן. נאָך דעם ווי די חברים האָבן זיך צעשיידט, זיינען אויך זייערע וועגן זיך צעגאַנגען: ר' שניאור זלמן האָט צונויפגעמישט דעם נגלה און דעם נסתר און געמאַכט דערפון איין תורה — די תורה פון חב"ד, און ר' אַברהם האָט זיך אַזוי אַריינגעטאָן אין קבלה און חסידות, אַז ער איז געוואָרן „אַ מענטש נית פון דער וועלט", אַ מין מלאך פון הימל, וואָס עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן צו פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין ערדישן גלות. מען דערציילט וועגן אים, אַז ווען זיינע עלטערן האָבן אים יונגערהייט חתונה געמאַכט (דער חתן איז דעמאָלט געווען אַלט 13 יאָר און די כלה 12) און מען האָט דאָס פאָרפאָלק אַריינגעפירט נאָך דער חופה אין אַ באַזונדער חדר, „האָט דער בחור אויפגעהויבן אַ קול יללה, מחמת עס איז אים געווען שווער צו דערנידעריקן זיך צו אַ גשמיותדיקן זיווג, און פון דער יללה איז געפאַלן אין חלשות זיין פרוי און איז געווען אַ צייט לאַנג קראַנק". אויך שפּעטער האָבן געטראָפן אַזעלכע פאַלן[1]. אָט דער נאַטירלעכער רעזולטאַט

---

1 סדר הדורות החדש, ז' 29; זע אויך שבחי הבעש"ט, דף י"ב, י"ג.

פון אומצייטיקע שידוכים, ווי זיי האָבן זיך געפירט אין יענע צייטן, האָט דאָ באַקומען דאָס אויסזען פון אַ באַזונדער הייליקייט.

נאָך ר' אברהם איז טאַקע געווען ווייט פון די „הבלים פון דער וועלט". אַז זיין פאָטער דער מגיד איז געשטאָרבן, האָבן זיינע תלמידים איינגעזען, אַז זיין זון איז ניט מסוגל צו זיין זיין יורש אין דער אָנפירונג פון די חסידים, און ער אַליין האָט דאָס פאַרשטאַנען מער פאַר אַלעמען. אין דעם ספר וואָס ווערט צוגעשריבן צו ר' אברהם מלאך[1] זאָגט ער: „פאַראַן אַ געהויבענער צדיק, וואָס קאָן ניט פירן דעם דור, וואָס דער דור קאָן אים ניט פאַרטראָגן; ער שטייט איבערן גאַנצן פאָלק, דהיינו זיין השגה איז אַזוי גרויס, אַז דער דור קאָן אים ניט פאַרטראָגן: ער איז פון דער אייבערשטער חכמה און ער קאָן ניט קומען צו דער מדרגה פון די אונטערשטע, כדי אויפצוהייבן דעם דור". דעם מחבר האָט אויסגעוויזן, אַז ער שטייט העכער פון דער נייער חסידות, אַז ער דערהייבט זיך צו דער הויכער מדרגה פון דער טעאָרעטישער קבלה. און קוקט אַריין אין די סודות פון דער וועלט. די הקדמה צו זיין ספר הייבט ער אָן מיט אַזאַ מעלדונג: „די אַנטפלעקונג פון דעם מהות פון השם ברוך הוא איז פאַרקערפערט געוואָרן אין דער אמתער תורה וואָס ווערט אָנגערופן קבלה. און זי איז די אמתע תורה, מער ניט וואָס זי איז פאַרפינסטערט און פאַרגשמיותט געוואָרן שטאַרק פאַר אונדזערע זינד... דער אייבערשטער האָט געזאָגט „ויהי אור" און האָט אָנגעהויבן צו לייכטן אויף זיינע קנעכט: אונדזער לערער [דער בעש"ט?] און מיין רבי און לערער, די ליכטיקייט פון אונדזערע אויגן [דער גרויסער מגיד?]. און אָט האָבן מיר געזען, אַז אויך דאָס האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרגשמיותט". אָט

1 „חסד לאברהם — דרושים על התורה מקדוש ה' אשר פי כל יקבנו בשם ר' אברהם המלאך". דערצו זיינען צוגעגעבן ווי ליקוטים בריוו פון ר' אברהם קאָליסקער אין ר' ברוך דעם בעש"טס אייניקל און נאָך. טשערנאָוויץ תרי"אַ; וואַרשע תרמ"ג. דער אַרויסגעבער דערציילט (ז' 70 פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע), אַז ר' אברהם מלאכס שריפטן זיינען געווען באַהאַלטן ביי זיין אייניקל דעם באַרימטן צדיק ר' ישראל רוזשינער, אָבער „מען האָט זיי אַרויסגעגנבעט בעת דעם פאַרשאָלטענעם טומל", דעמאָלט בעת דער צדיק איז אַרעסטירט געוואָרן לויטן באַפעל פון דער רוסישער רעגירונג, און דערפאַר האָט ער זיי אַרומגעזוכט און מיט מי געפונען אַן אָפשריפט ביי ר' אהרן טשערנאָבילער, און לויט דער אָפּשריפט איז דער ספר אָפּגעדרוקט. ר' ישראל רוזשינער

די באַהאַלטענע טענה קעגן די אָנפירער פון חסידות נאָכן טויט פון בעש״ט און דעם מגיד דערקלערט אונדז צום טייל, פאַרוואָס ר׳ אברהם איז ניט געגאַנגען אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון די צדיקים פון זיין דור. דורך דער פאַרמיטלונג פון ר׳ נחום משערנאָבילער איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ מגיד אין דער שטאָט פאַסטיוו (פאַסטאָוו) קיעווער גובערניע, אָבער ער פלעגט זיצן „איינגעשלאָסן״ (סגור ומסוגר) ביי זיך אין שטוב, און נאָר זעלטן וועגן פלעגט ער זיך באַווייזן צווישן זיינע חסידים[1]. און עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז יונגערהייט אַוועקגעשטאָרבן[2]. די מענטשן פון זיין דור האָבן געדרשעט אויף אים דעם פסוק: „ויתהלך חנוך את אלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים״. „דער מלאך״ האָט זיך אומגעקערט צו זיין שורש.

נאָר אין דעם עולם השפל האָט דער „מלאך״ איבערגעלאָזן יורשים, וואָס האָבן אויסגענוצט די ירושה פון זייער זיידן דעם גרויסן מגיד פונקט אַזוי, ווי ברוך מעדזשיבאָזשער האָט אויסגענוצט זיין זיידנס ירושה. ר׳ אברהמס זון, שלום שכנא פאָהרעבישטשער (קיעווער גוב׳) איז נאָך געווען אַ פּראַקטישער צדיק

האָט געגעבן אַ הסכמה צום ספר אין תשרי תרי״א און איז מעיד, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געחאַט מייאש געווען פון זיין זיידנס כתבים, וואָס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, „בעת די גויים האָבן גערופן רשעות אויף מיר״ (בעת משפחות גויים קראו עלי שטנה), האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער צווייטער אָפּשריפט, וואָס האָט זיך איינגעפונען ביים אַרויסגעבער. צו דער דאָזיקער הסכמה האָבן צוגעגעבן די ברידער שלום יוסף און אברהם יעקב, די זין פון רוזשינער צדיק, וואָס איז געשטאָרבן אין השון תרי״א, אין אַ חודש אַרום נאָכדעם ווי ער האָט געחתמעט זיין דערמאָנטע הסכמה. מען מעג משער זיין, אַז אויך אין דער צווייטער אָפּשריפט זיינען געבליבן אייניקע זאַכן וואָס זיינען טאַקע אָפּגעשריבן פון ר׳ אברהם מלאכס כתב־יד אָדער פון דעם כתב־יד פון זיינעם אַ חבר, אָבער געווים זיינען אין אים אַריין הוספות און שינויים. די ציטאַטן וואָס ווערן וויי־טער געבראַכט אין טעקסט זיינען גענומען פון דעם מחברס הקדמה אין אָנהייב און נאָענט צום סוף.

1 שבחי הבעש״ט, דף י״ב; ז׳ האָראָדעצקי, החסידות והחסידים, ספר ב׳, ז׳ נ״ג—נ״ו (צוגעגעבן לעגענדעס בעל־פה).

2 יוסף לעווינשטיין, דור דור ודורשיו, ז׳ 19, סימן תת״ו (וואַרשע תר״ס) גיט אָן די דאַטע פון זיין טויט תקל״ז דער מקור איז ניט אָנגעוויזן, ווייזט אויס, אַז דער מחבר האָט באַשטימט די צייט לויט אָפּשאַץ אָדער לויט אַ טראַדיציע.

פון די קליינע, וואָס זייער שם האָט ניט אַריבערגעשפּרייזט דעם גרענעץ פון זייער שטאָט און איר סביבה[1], אָבער ר׳ שלומס זון, ר׳ ישראל רוזשינער (פון יאָר 1813) איז געוואָרן אַ צדיק באַרימט אין דער גאַנצער חסידישער וועלט. אַז עס איז אונטערגעגאַנגען די זון פון ר׳ ברוך אין מעדזשיבאָזש, איז אויפגעגאַנגען די זון פון ר׳ ישראל אין רוזשין (קיעווער גוב׳). דעם מעזעריטשער מגידס אייניקל האָט נאָך אין אַ ברייטערער מאָס געטאָן דאָס, וואָס דעם בעש״טס אייניקל האָט געטאָן אין דעם פריערדיקן דור: דער דאָזיקער כהן גדול פון חסידות איז רייך געוואָרן פון מתנות פון זיינע מאמינים און האָט געגרינדעט אַ דינאַסטיע צדיקים, וואָס אירע צווייגן האָבן זיך אויסגעשפּרייט פון אוקראַינע ביז בוקאָווינע און רומעניע (די סאַדיגערער דינאַסטיע).

---

[1] גאָטלאָבער דערציילט אין זיינע זכרונות („הבוקר אור״ תרמ״א), אַז ר׳ שלום „האָט זיך מתקנא געווען אויף ר׳ ברוכן דעם בעש״טס אייניקל און האָט זיך אויך געמאַכט אַ קאַראָט מיט פערד און איז געוואָרן ר ב י אין לאַנד״. פון אַנדערע מקורות הערן מיר גאָר נישט וועגן דעם כבוד. ר׳ שלום איז טאַקע געווען אַ „רבי״ אין פּאָהרעבישטש און דער סביבה, אָבער אין לאַנד איז ער נים געווען באַוווסט. זיין נאָמען ווערט ניט דערמאָנט אין דער רשימה פון די באַרימטע צדיקים פון דעם דור, וואָס עס האָבן צונויפגעשטעלט די מתנגדים אין יאָר תקנ״ח (אין „שבר פושעים״, „זמרת עם הארץ״ און דעם צווייטן „זמיר עריצים״). אמת, עס זיינען דאָרט אויך ניט דערמאָנט די נעמען פון דעם בעש״טס אייניקלעך און ר׳ אברהם מלאך.—געדרוקט זיינען געבליבן נאָר „הנהגות ישרות״ פון ר׳ שלום שכנא (אין דעם אויבן דערמאָנטן ספר „חסד לאברהם״, ז״ז 75—79 פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע).

§ 32. דער נייער צענטער אין קרוין־פוילן

די זיילן פון חסידות אין קרוין־פוילן: יעקב יצחק פון לאַנצוט און פון לובלין און דער מגיד ישראל קאָזשעניצער. — דער לאַנצוטער, צדיק לויט די רייד פון די מתנגדים. — ר׳ ישראל קאָזשעניצער דער וונדערמאַן און קראַנקן־היילער. — מאַסן עולי רגל אין קאָזשעניץ. — די תרעומות פון די מתנגדים. — די פּרייסישע הערשאַפט און פּראָיעקטן פון רעפאָרמעס אין יידישן לעבן. — די שטים פון אַ בערלינער משכיל וועגן דער סכנה פון חסידיזם.

אַ צייט לאַנג איז קרוין־פוילן מיט אירע צענטערס לובלין, וואַרשע און גאַנץ מאַזאָוויע געשטאַנען אויסער דעם ווירקונגס־קרייז פון דער חסידות. אָבער אין די לעצטע צען יאָר פון 18טן י״ה, בעת דאָס גוססדיקע קיניגרייך פוילן האָט געקעמפט זיין לעצטן קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס פּרייסן און עסטרייך האָבן פאַרכאַפּט די דאָזיקע צענטערס, האָט זיך דאָ די חסידישע באַוועגונג אויסגעשפּרייט מיטן אימפּעט פון אַ שטראָמענדיקן טייך. עס האָט געהאַט דאָס אויסזען, אַזוי ווי אָט די נייע באַוועגונג איז געקומען גראָדע אין דער צייט פון די פּאָליטישע איבערקערענישן, בכדי אָנצוואַרפן אַ שווערן שלאָף אויף דעם יידישן קיבוץ, ער זאָל ניט שפּירן גאָר די אָפּעראַציעס וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן איבער אים גופא, בעת די לעצטע יאָרן פון די פּוילישע טיילונגען, בעת דער פּרייסישער און עסטרייכישער איבערהערשאַפט און שפּעטער בעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, בעת דעם וואַרשעווער הערצאָגטום און די איבעריקע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס פון דער שטורעמדיקער תקופה. בראש פון דער באַוועגונג אין קרוין־פוילן זיינען געשטאַנען צוויי פירערס: ר׳ יעקב יצחק הורוויץ פון לאַנצוט, וואָס איז געוואָרן שטאַרק באַרימט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין לובלין („דער לובלינער רבי״) און דער מגיד ר׳ ישראל קאָזשעניצער („דער קאָזשעניצער מגיד״).

דער קוואַל פון חסידות אין קרוין־פוילן איז געווען די שטאָט זשעליכאָוו (שעדלעצער קאַנט), וואָס דאָרט האָט זיך באַזעצט ר׳ לוי יצחק, נאָכדעם ווי ער איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן פּינסק מחמת די רדיפות אויף חסידים (§ 30). צו אים פלעגן קומען צוויי יונגע לייט, יעקב יצחק און ישראל, צו הערן פון אים

חסידישע תורה, און אַז זייער רבי איז אַוועק קיין באַרדיטשעוו און האָט דאָרט באַנייט דעם וואָלינער צענטער, האָבן זיי געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זייער ווירקונג אין קרוין־פוילן. די לעגענדע רעכנט זיי צו צו די „הערּאָען" — די תלמידים פון מעזעריטשער מגיד, נאָר ריכטיקער איז מסתמא, אַז זיי זיינען געווען תלמידים פון זיינע תלמידים. ר' יעקב יצחק פון לאַנצוט אין גאַליציע האָט געוווינט ניט ווייט פון ליזענסק און איז געווען אַ מקורב סיי ביי ר' אלימלך, דעם באַשעפער פון דער שיטה פון פראַקטישן צדיקיזם, סיי ביים מגיד יחיאל מיכל פון זלאָטשעוו[1]. אין די לעצטע צען יאָר פון 18טן י"ה איז דער „לאַנצוטער צדיק" באַרימט געוואָרן פאַר אַ הייליקן מאַן, אַ וואָרזאָגער און וווּנדער־טוער. צו זיין וווינאָרט פלעגן זיך ציען מאַסן חסידים, וואָס האָבן געלעכצט נאָך גלויבן און געטראָגן „פדיונות". וועגן זיין לעבן אין לאַנצוט האָבן מיר נאָר די שילדערונגען פון די מתנגדים, וואָס אין זייערע גוזמאדיקע מליצות איז פאָרט פאַראַן אַ שטיק אמת[2]. דער שרייבער וואָס וויל דערציילן וועגן די צדיקים פון זיין דור מיאוסע זאַכן רופט אים אָן „איציק לאַנצוטער" — וואָס ביי חסידים אין מויל האָט דאָס געקלונגען ווי אַ צערטל־נאָמען, און אין מויל ביי די מתנגדים האָט עס געהאַט אַ טעם פון ביטול. און זיין געגראַמטער מליצה שפעט ער פון אים: „ער האָט אָנגעהויבן צו זיין אַ העלד פון געיעג אין לאַנד[3], צו אים פאַרזאַמלען זיך חסידים טשערעדעסווייז (עדרים עדרים)... אין די ימים נוראים ווערן אַלע חסידים פאַרוואָגלט צו זוכן שוץ אין זיין שאָטן... ער יאָגט זיך נאָך געצאָלט, מיט די באַשווערער און מכשפים (רודף שלמונים, עם האובות והידעונים), און זאָגט: איך בין אַ היילער"... „איציק לאַנצהוטער וואָס איז קיין מאָל קיין תלמיד־חכם ניט געווען און וועט ניט זיין... אַן

1 אין זיינע ספרים „דברי אמת", „זאת זכרון" און „זכרון זאת" ווערן געבראַכט מימרות פון זיינע רביים אַ סך מאָל אונטער אַזעלכע קעפלעך: „שמעתי בשם הרב המגיד ממעזיריטש" (טייל מאָל „מראָוונא", און אויך מיטן טיטל „רבי"), „שמעתי מרבי ר' אלימלך", „שמעתי מהרב המגיד ר' מיכל מזלוטשוב" (טייל מאָל צוגעגעבן „מורי"), „שמעתי מהרב דפינסק שיחיה, שהיה רב בק"ק זעלה־ב" און אויך „מהרב הגאון דק"ק באַרדיטשוב".

2 „זמיר עריצים" פון יאָר תקנ"ה, ז"ז ד', ט', יוד, י"א.

3 לויטן פסוק אויף נמרודן, בראשית י, 8—9.

אָנבּרוכטיקער בּוים פון די בּוימער אין וואַלד, אַ נאַר און אַ ניט־ווייסער (אילן סרק מעצי היער, כסיל ובער). אַט איז ער פאַרכאַפּט פון גאָלד און זילבּער, און גאָר קיין גייסט איז אין אים ניטאָ". „און מיר זעען, אַז ר' איציק לאַנצוטער און דער רב פון נעסכיזש זיינען נתעשר געוואָרן און זיינען אויפגעקומען פון פרעמדן געלט, פון דעם פּדיון נפש וואָס זיי נעמען פון אומגליקלעכע אָרעמע לייט, ניט צו העלפן און ניט צו נוצן, נאָר צו שאַנד און צו חרפה... און מיר זעען, אַז דאָס רוב חסידים (צדיקים) זיינען פעט געוואָרן און בּאַוואַקסן מיט שמאַלץ (שמנו ועשו פימה עלי כסל)... און רבּי איציק לאַנצהוטער צווישן זיי, און זיי פאַרבּרענגען זייערע טעג אין פרייד און וווילטאָג און האַלטן [דאָס אַלץ] פאַר אַ שמחה של מצווה".

אַ צווייטער מתנגדישער שרייבּער שפּעט אָפּ פון בּיידע פּוילישע צדיקים, וואָס מען האָט וועגן זיי דערציילט, אַז זיי דערקענען דעם מענטשנס געדאַנקען, ווען זיי גיבּן אַ קוק אויף זיין פּנים: „דער קאָזשעניצער רב און רבּי יצחק לאַנצוטער האָבּן ניט פאַרשטאַנען ווער איך בּין, בּעת איך בּין געווען בּיי זיי דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער (תקנ"ז) און האָבּ זיי געזאָגט, אַז איך בּין אַ חסיד פון זייער כּת, און זיי האָבּן געגלויבּט און האָבּן אַפילו מתפּלל געווען פאַר מיר, אַז עס זאָל אויסגעפירט ווערן מיין פאַרלאַנג און ווילן. און וואָס איז געווען מיין ווילן? צו בּאַשטיין קעגן די אַפּיקורסים וואָס גייען אַרויס פון זיי"[1].

פון דעם אַלעמען קאָן מען אָפּלערנען, אַז די צוויי צדיקים זיינען שוין געווען היפּש בּאַרימט צום סוף 18טן י"ה, אָבּער ר' יעקב יצחקס נאָמען איז בּאַזונדערס גרויס געוואָרן, ווען ער האָט זיך אַריבּערגעקליבּן פון לאַנצוט אין דער גרויסער שטאָט לובּלין (אַרום 1800) און איז מפורסם געוואָרן אונטערן נאָמען „דער לובּלינער רבּי". וועגן דעם וועט ווערן דערציילט אין דער געהעריקער צייט, אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

צווישן די פאָלקס־מאַסן אין פּוילן איז די השפּעה פון קאָזשעניצער מגיד געווען גרעסער ווי ר' יעקב יצחקס. אין זיינע יונגע

1 ספר הויכוח פון ר' ישראל לייבל, דף י"ח, עמוד א' (וואַרשא תקנ"ח).

יאָרן האָט רבי ישראל, אַ זון פון אַן אָרעמען איינבינדער אין אָסטראָווצע, געלערנט מיט גרויס התמדה און איז געווען אַריינגעטאָן אין סיגופים. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ער איז זייער אָפּגעשוואַכט און זייער מאָגער געוואָרן, ממש אַ „זאַק מיט ביינער", און איז געלעגן אַ צייט לאַנג אין בעט[1]. אָבער ווען ער פלעגט עפענען זיין מויל תפילה צו טון, „האָט ער געברענט ווי אַ פייערדיקער שטורקאַץ" און האָט אויסגעוויזן אַלע צוהערערס ווי אַ העלד וואָס איז אָנגעגורט מיט אַ שווערד און רייסט אין הימלען. אַ סך האָט ער געלערנט ביי די חסידישע גדולים[2]. פון רבי אלימלך ליזענסקער האָט ער אָפּגעלערנט די מלאכה פון „מעקלערייי" צווישן מענטשן און צווישן דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט זי אויסגעפירט מיט דער גרעסטער קונציקייט. אַז ער איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ מגיד אין קאָזשעניץ, האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט וועגן אים דער שם, אַז ער באַווייזט וואונדער אין היילן קראַנקע דורך תפילות און קמיעות, און דער עיקר אַז ער היילט אויס ווייבער עקרות, וואָס בעטן ביי גאָט קינדער. ער האָט געהאַלטן, אַז אָט די היילונג איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון צדיק: „דער צדיק באַדאַרף מתפלל זיין פאַר יידן און אַראָפּברענגען היילונג פאַר קראַנקע און דערמאָנונג פאַר עקרות און פאַר איטלעכן זיין נויטבאַדערפעניש"[3]. דער צדיק פלעגט היילן קראַנקע ניט נאָר מיט תפילות און קמיעות, ער האָט אויך געהאַט ביי זיך אין שטוב צוגעגרייט פאַרשיידענע קרייטעכער און זאַלבן. מען דערציילט, אַז אַלע זיינע זאַלבן זיינען געווען אויסגעמישט מיט שטויב פון צעשטויסענעם בורשטין און בוימל, וואָס די קראַנקע האָבן געדאַרפט קויפן ביי דעם צדיקס טאָכ=

---

1 דאָרט, דף י"ח ע"ב: „דער קאָזשעניצער מגיד איז אַ גרויסער חלוש, מחמת ער האָט זיך געפייניקט אין זיינע יונגע יאָרן, און דערפאַר האָט דער דאָקטאָר אים געהייסן איצט אויף דער עלטער טרינקען וויין".

2 אין זיין ספר „עבודת ישראל" דערמאָנט ער אָפּטמאָל זיינע לערערס: דער מעזעריטשער מגיד, אלימלך ליזענסקער און ר' לוי יצחק, און אַפילו זיין בן־דור „הצדיק קדוש ה' ר' ברוך נכד הריב"ש". ז' סדר הדורות החדש, ז' 40, און די לעגענדן־זאַמלונג „עשר אורות", ז' 68 א"וו.

3 עבודת ישראל, פרשה ויגש אין אָנהייב. דער מחבר ברענגט דעם דאָזיקן כלל אין נאָמען פון דעם גרויסן מגיד דוב בער: „ושמעתי מפה הקודש אדמו"ר הגאון מו"ה הר"ב זצ"ל".

טער אין קראָם[1]. באַלד האָט מען גענומען פאָרן קיין קאָזשעניץ פון אַלע עקן.

די בני־דור, די מתנגדים האָבן זיך געמיט אויפצודעקן די אָפּנאַרעריי פון דעם וונדערמאַן, נאָר עס איז זיי ניט געראָטן. איינער פון די באַשולדיקער[2] ליקנט אָפּ די רייד פון די חסידים, וואָס זאָגן אויפן צדיק, אַז ער איז אַ גרויסער תלמיד חכם און ער לערנט תורה טאָג און נאַכט, און פרעגט זיי מיט ביטערן שפּאָט: „ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז ער פאַרנעמט זיך נאָר מיט לערנען תורה? ער מוז דאָך לאָזן צייט אויף צו היילן די קראַנקע און צו בענטשן די ווייבער און צו נעמען פדיונות און צו געבן רפואות לויט קבלה, אויפצוריכטן עקרות און צו געבן תשובות צו זינדיקע מענטשן (און צו מאַכן) עליות נשמה... און נאָך די אַלע טרדות האָט ער געוויס קיין צייט ניט צו לערנען (אַפילו) איין שעה אַ חודש אָדער אַ גאַנץ יאָר, סיידן אין אַ צייט וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט". מיט שטעכיקער איראָניע לויבט דער קריטיקער דעם קאָזשעניצער קדוש: „וויל דיר ישראל, ווער איז דיר גלייך! אַלע מיילער לויבן דיך, איבער גאָר דער וועלט איז דיין כבוד, אַ שטרויכלענדיקן שטעלן דיינע רייד אויף, און ווייבער גיסטו אַ קינד, דיין שטוב איז ברייט אָפן..., דו זיצסט אויף אַ בכבודיקן שטול ביי אַ גרייטן טיש... און די פרויען די לייכטזיניקע האָבן דיין שיינקייט געקרוינט... דו האָסט אויסגעשפּרייט דיינע פליגלען צו בענטשן זיי מיט הונדערט ברכות, געהיטע און איינגעשטעלטע, פון האָבן און פון לייב און פון טראָגן, און זיי האָבן דיך געשטיצט מיט ערשטלינג־מתנות... און געלויבט איז זיין ליבער נאָמען וואָס האָט געקרוינט ישראל אין פּראַכט, צו פאַרזיכערן איטלעכער עקרה מיטן פולן מויל: דו ביסט טראָגעדיק"[3]. אין אַ צווייטן ספר פון

---

1 דעם דאָזיקן סוד האָט אויסגעזאָגט איינער פון די משכילים פון יענעם דור אין אַ בוך אונטערן נאָמען Das Wesen der Sekte Chassidim, וואָס געפינט זיך נאָך אין כתב־יד (זע ב. III אַנאַליז פון די מקורים, נומער 19 אין דער ערשטער הוספה).

2 זמיר עריצים (תקנ״ח), דף ח׳ עמוד ב׳.

3 דאָרט, דף יוד.

דעם זעלביקן בן־דור[1] איז נאָך צוגעגעבן: „דער מגיה אין קאָזשעניץ קלייבט צונויף זילבער ווי שטויב און גאָלד ווי ליים פון די ווייבער וואָס קומען מיט פדיונות אויף צו דערמאָנען עקרות און געווינען זכרים. און אַ באַגלויבטער מענטש האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געזען דעם קאָזשעניצער מגיד ראש־השנה, ווי ער איז געזעסן אויף אַ שטול בעת דער תפילה פסוקי דזמרה... און אַז דער בעל־תפילה האָט אָנגעהויבן „המלך“, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול מיט אַ ברומען ווי אַ בער און האָט זיך אַריבערגעזעצט אויף אַ צווייטן שטול, צו ווייזן אַז ער שטייט אויף פון כסא דין און זעצט זיך אויפן כסא רחמים“.

אין יענער צייט איז די שטאָט וואַרשע און דער גרעסטער טייל קרוין־פוילן געשטאַנען אונטער דער פרייסישער איבערהערשאַפט (1806—1796). די וואַרשעווער רעגירונג פון דעם פרייסישן שטאָט־האַלטער הוים Hoym האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן איינפירן רעפאָרמעס אין לעבן פון יידן אין פוילן. פון בערלין, דער היים פון דער נייער השכלה פון מענדלסאָן און זיינע תלמידים, האָבן אַ צי געטאָן נייע ווינטן. עס האָבן זיך געפונען „בערלינטשיקעס“, וואָס שטרעבן צו השכלה, אויך אין וואַרשע. איינער פון זיי, יעקב קלמנסאָן, האָט אין יאָר 1796 אָנגעשריבן אין פראַנצויזיש אַ ביכל אונטערן נאָמען: „אַ פרווו וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון די יידן אין פוילן און וועגן דער מיגלעכקייט זיי אויסצובעסערן“[2], וואָס איז געווען געהייליקט דעם שטאַטהאַלטער הוים. צווישן די פראָיעקטן פון רעפאָרמעס, וואָס דער מחבר לייגט פאָר דער פרייסישער רעגירונג, איז פאַראַן אַ באַזונדערער פונקט וועגן דער פאַרטיליקונג פון חסידיזם. „די סעקטע חסידים“ איז, לויט קאַלמאַנסאָנס מיינונג, אַ חברה פאַנאַטיקער (Zélateurs, piétistes) וואָס איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק אויפגעקומען אין פאָדאָליע צווישן די אומוויסנדיקע מאַסן, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן צו איינעם אַ „פאַנאַטישן רבי“ און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ נביא, בעל־מופת

---

1 כתב־יד „זאת תורת הקנאות“, און דעם בריוו פון ר׳ דוד מאַקאָוו וואָס שטייט דאָרט צום סוף (ז׳ ב. III פון דעם ווערק די דריטע הוספה).

2 Jacques Calmanson, Essai sur l'état actuel des juifs de Pologne et leur perfectibilité. Varsovie 1796. דער נאָמען פון מחבר שטייט ניט אויפן שער־בלאַט, נאָר אין דער הקדמה, אין דער הייליקונג צו דעם גראַף הוים.

און קראַנקען־היילער. די סעקטאַנטן זיינען קעגן לערנען תּורה און אָנערקענען נאָר די קבלה. זיי האַלטן פֿון האַרצנס־גלויבן און קאָנטעמפּלאַציע אָדער באַהעפֿטונג מיט דער גאָטהייט אין געדאַנק. זיי לעבן אין געמיינשאַפֿט פֿון אייגנטום(?), וואָס זיי גיבן דאָס איבער זייערע רביים, די „אָנפֿעלערדיקע" (infaillibles) צדיקים. דער מחבר זעט איין אין אָט דער באַוועגונג פֿון פֿאַרפֿירערישע און פֿאַרפֿירטע פֿאַנאַטיקער אַ סכּנה פֿאַרן יידישן קיבוץ אין פּוילן. לויט זיין מיינונג, באַדאַרף מען אָפּשטעלן די אויספֿרייטונג פֿון דער דאָזיקער סעקטע, און טון דאָס דאַרף די נייע רעגירונג. חוץ דעם לייגט דער מחבר פֿאָר רעפֿאָרמעס אין די יידישע קהילות און אין זייער פֿירונג, אין דער קינדער־דערציונג, אין די אויסוויינקסטע מנהגים פֿון יידן וואָס שיידן זיי אָפּ פֿון די אַנדערע איינוווינער פֿון לאַנד און כּדומה אַזעלכע זאַכן.

אייניקע רעפֿאָרמעס פֿון די וואָס די משכּילים האָבן פֿאָרגעלייגט האָט די פּרייסישע רעגירונג טאַקע אָנגענומען און אַריינגעטראָגן זיי אין דעם באַוווסטן געזעץ פֿון פּרייסישן קיניג פֿון יאָר 1797 („גענעראַל־יודענרעגלאַמענט פֿיר זיד־ אונד נייאָסטפּרייסען"): עס זיינען פֿאַרבאָטן געוואָרן פֿריצייטיקע שידוכים, עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן שטרענגע כּללים וועגן יידישע פּרנסות און וועגן דער אייבער־השגחה פֿון דער רעגירונג איבער דער פֿירונג פֿון די קהילות[1]. אָבער די חסידישע באַוועגונג האָבן די נייע אויבערהאַרן ניט אָנגערירט — און האָבן ניט געקאָנט טון מיט איר עפּעס. עס איז געווען אַן אומרויִקע צייט אין פּוילן און אין אַלע לענדער פֿון מערב־אייראָפּע, די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן אויפֿגערודערט די וועלט, און די רעגירערס האָבן געמוזט האָבן אין זינען וויכטיקערע זאַכן, ווי די יידישע פֿראַגע. די חסידים ווידער האָבן אין די מהומות און מלחמות איינגעזען אַ סימן פֿון „קץ" און האָבן געגלייבט, אַז זייערע צדיקים זיינען טאַקע צוליב דעם אַראָפּגעקומען אין דער צייט אויף דער וועלט, כּדי מקרב צו זיין די גייסטיקע גאולה. באַלד וועלן מיר זען, ווי אַזוי די פּוילישע צדיקים האָבן זיך אַריינגעמישט אין דער אייראָפּעישער פּאָליטיק אויף זייער שטייגער, ווי פֿאַרמיטלערס צווישן מלכותא דארעא און מלכותא דרקיעא[2].

1 דובנאָוו, וועלטגעשיכטע דעם יידישען פֿאָלקעס, VIII, § 27 און אויך 42.

2 זע ווייטער אַכטער קאַפּיטל.

זעקסטער קאַפּיטל

דער חסידיזם אין ליטע און רייסן און די שיטה פון חב״ד

§ 33. די „קאַרלינער״ אין ליטע און זייער צעצווייגונג

דער קאַמף פאַרן קיום. — די חסידישע קלויז אין מינסק ווערט געשלאָסן. — דער פּינסקער רב אביגדור בן חיים רודפט די סעקטע. — די „קאַרלינער״ און זייערע צדיקים: ר׳ אשר סטאָלינער און ר׳ מרדכי לעכעוויצער. — פּראַקטישער צדיקיזם אין דער ליטע. — ר׳ מרדכי לעכעוויצער און זיין השפּעה אין די וואָכעדיקע עסקים פון זיינע חסידים. — צוויי צדיקישע דינאַסטיעס אין דער ליטע: די סטאָלינער און די לעכעוויצער. — חסידישע „מגינים״ אין ווילנע. — דער צענטער אין גראָדנער קרייז און ר׳ שמואל אַמדורער.

בעת אין אוקראַינע האָט די חסידות געוועלטיקט אין דעם רוב קהילות, זיינען די חסידים אין ליטע געווען גענויט צו באַשיצן זייער קיום קעגן דעם מתנגדישן רוב. אמת, די גרויסע אָנפאַלן פון די יאָרן 1772 און 1781 זיינען שוין ניט געווען, אָבער די צוזאַמענשטויסן פוןביידע לאַגערן אין אַלע קהילות האָבן נאָך ניט אויפגעהערט. די מענטשן פון דער „כּת״ — און אין דער ליטע האָבן די חסידים נאָך געפונען זיך אין מצב פון אַ „כּת״ — זיינען געשטאַנען אונטער אַ שטרענגער השגחה פון די פּרנסים און רבנים, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב אָפּצוהיטן די פריערדיקע חרמות און ניט צו דערלאָזן, אַז די „אַנשיקעניש״ זאָל זיך אויסשפּרייטן. אין די קרייזן ווילנע, מינסק (פּינסק), גראָדנע און סלוצק איז דער קיום פון די חסידישע מנינים געווען געווענדט אָן דער דעה פון די קהלשע תקיפים, און יענע פלעגן בײַ יעדן מאָל אויסנוצן זייער מאַכט אויף צו שעדיקן די סעקטע.

אַזוי האָבן די ראשי הקהל אין מינסק אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל 21 טעג אין תמוז תקנ״ד (יולי 1794) צו פֿאַרמאַכן די חסידישע קלויז. אויף דאָס אויסצופֿירן זיינען באַשטימט געוואָרן דריי פֿאַרטרעטערס און עס איז זיי געגעבן געוואָרן רשות אויסצוגעבן פֿון דער קהלשער קאַסע געלט וויפֿיל עס איז נייטיק לויט זייער איינזען, און אויף די שמשים איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן דער חוב צו פֿאָלגן וואָס אָט די באַפֿולמעכטיקטע וועלן זיי הייסן טון[1]. דאָס איז געשען באַלד נאָכדעם, ווי אוקראַינע און דער מינסקער קרייז זיינען פֿאַראייניקט געוואָרן מיט רוסלאַנד, און אַן ערך מיט אַ יאָר פֿריער, איידער רוסלאַנד האָט צוגענומען אויך דעם מיטלסטן טייל ליטע (ווילנער און גראָדנער קאַנט). קענטיק, אַז די מינסקער מתנגדים האָבן אויסגענוצט דעם איבערבייט פֿון דער פּאָליטישער הערשאַפֿט, כּדי אָנצוהייבן פֿון דאָס ניי די רדיפֿות אויף די חסידים. און אפֿשר איז דאָס געלט פֿון דער קהלשער קאַסע נייטיק געווען, כּדי אונטערצוקויפֿן די באַאַמטע פֿון דער נייער רעגירונג, וואָס האָבן געקאָנט נעמען שוחד אויך פֿון צווייטן צד. אין יענער צייט האָבן טאַקע ביידע צדדים אָנגעהויבן צו באַנוצן די דאָזיקע טאַקטיק אין קאַמף. אין פּינסק איז דעמאָלט געזעסן פֿאַר אַ רב הגליל אביגדור בן חיים, וואָס האָט גערודפֿט די חסידים אין זיין קרייז און האָט קעגן זיי אויפֿגערייצט דעם ווילנער גאון. שפּעטער איז דער דאָזיקער אביגדור געוואָרן מפֿורסם לגנאי דורך זיין מסירה אויף די אָנפֿירער פֿון דער סעקטע אין פּעטערבורג[2]. דער חסידישער צענטער אין קאַרלין ביי פּינסק איז צעפֿאַלן געוואָרן, און די „קאַרלינער“ (ווי מען האָט יענע צייטן גערופֿן אין ליטע די חסידים) האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן.

---

1 די באַשטימונג פֿון קהל איז אָפּגעדרוקט אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין דעם „בוך פֿון קהל“ פֿון דעם באַוווסטן משומד יעקב בראַפֿמאַן (צווייטער באַנד, נ׳ 9, פּעטערבורג 1888), וואָס ער האָט געהאַט דעם פּנקס פֿון אַלטן מינסקער קהל. אין דער ריכטיקייט פֿון דאָקומענט קאָן קיין ספֿק ניט זיין, הגם ער איז אָפּגעדרוקט אין אַ טריפֿענעם מקור. דער אָריגינעלער טעקסט פֿון פּנקס איז נאָך עד היום ניט אָפּגעדרוקט.

2 לויט אביגדורס עדות זאָגן אין דער בקשה־שריפֿט, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם קיסר פּאַוול אין יאָר 1800, זאָל ער דאָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז די חסידישע ספֿרים זיינען פֿאַרברענט געוואָרן אין ווילנע. זע Еврейская Старина 1910, pp. 104 sq.

אָבער די יורשים פון ר׳ אהרן „דעם גרויסן“ און פון ר׳ שלמה קאַרלינער זיינען ניט געפּאַלן ביי זיך איבער די צרות און האָבן געפּרוווט זייער מזל אין אַנדערע ערטער. שוין אין דער צייט ווען ר׳ שלמה איז געווען אין גלות אין וואָלין (אויבן ב. I § 24), האָבן זיינע תּלמידים געגרינדעט צוויי נייע צענטערס פאַר דער חסידות אין מינסקער גובערניע: ר׳ אשר, ר׳ אהרן דעם גרויסנס זון, האָט זיך אַריבערגעקליבן פון קאַרלין אין דער שטאָט סטאָלין אין פּינסקער קרייז, און ר׳ מרדכי האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט לעכעוויץ אין סלוצקער קרייז (Lachowicz)[1]. און אַז ר׳ שלמה איז דערהרגעט געוואָרן אין וואָלין בעת דער מלחמה (1792), זיינען די דאָזיקע צוויי צדיקים געוואָרן זיינע אָפיציעלע יורשים און האָבן צווישן זיך צעטיילט די ממשלה איבער די חסידישע קהילות אין דער ליטע.

ר׳ אָשר סטאָלינער האָט זיך ניט אויסגעצייכנט ניט מיט זיין תּורה, ניט מיט זיינע מעשים, אים איז נאָר בייגעשטאַנען דער זכות פון זיין פאָטער און פון זיין רבין, און עס האָבן זיך אַרום אים צונויפגעקליבן חסידים פון וויט און ברייט און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פירער. ער האָט זיך געחברט מיט די גרויסע צדיקים פון זיין דור, מיט ר׳ שניאור זלמן ליאָזנער פון איין זייט און מיט ר׳ ברוך מעדזשיבאָזשער פון דער צווייטער זייט; ער האָט זיך דורכגעשריבן אויך מיטן קאָזשעניצער מגיד[2]. פון זיינע ווערטלעך וואָס זיינען אָפּגעדרוקט איז צו זען, אַז ער איז געווען נוטה צום פּראַקטישן צדיקיזם פון די צוויי צולעצט אָנגערופענע חברים זיינע: „דער וואָס איז אַ מקורב צום צדיק זיינען אַלע גוטע טועכצן (דעם צדיקס; כל העשיות הטובות) אַזוי ווי ער האָלט זיי אַליין געטאָן“; „מען קאָן זיך ניט דערנעענטערן צום צדיק סיידן אָדער מען זאָל אים עפּעס געבן אָדער מען זאָל פון אים נעמען“;

---

1 „דברי שלום“ פון ר׳ שלום פּערלאָוו פון קוידאַנאָוו, די הקדמה (ווילנא תּרמ״ב); שם הגדולים החדש אונטער די געהעריקע זוך-ווערטער; סדר הדורות החדש, ז׳ 74.

2 „בית אהרן“, דרושים וליקוטים לר׳ אהרן השני מקאַרלין (בראָד תּרל״ה), עמוד 27, 293—297.

„דאָס געבן עסן דעם צדיק איז אין דער בחינה פון שושבין, וואָס דערנעענטערט די ניצוצות כּדי זיי צו דערהייבן"[1].

אין זיין טעאָרעטישער תּורה האָט ר' אשר קיין זאַך ניט מחדש געווען. אין זיינע דרשות אויף דער תּורה, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט פראַגמענטנווייז, חזרט ער איבער די רייד פון די פריערדיקע צדיקים און ברענגט אַ סך ווערטלעך אין נאָמען פון זיין רבין „הקדוש מקרלין"[2]. אין דעם צעטל פון זיינע „אַזהרות" שטעלט ער איין אַזאַ כּלל גדול פאַר אַ חסיד: „אַז מענטשן וועלן אים זידלען פאַר זיין עבודה אין דאַוונען אָדער אין אַנדערע זאַכן, זאָל ער זיי ניט ענטפערן אַפילו מיט גוטן, כּדי זיי זאָלן ניט קומען צו מחלוקת און צו באַרימעניש (גבהות)"[3].

פון ר' אשר סטאָלינערס איבעריקע פּירעכצן איז אונדז באַוווּסט נאָר דאָס וואָס ווערט דערציילט אין דער חסידישער לעגענדע: „עס פלעגן זיך צונויפקלייבן ביי אים אַ סך יידן צו הערן תּורה פון זיין מויל און צו ווילן אונטער זיין הייליקן שאָטן. און מיר האָבן געהערט וונדער פון זיין עבודה, אַז ער איז געווען ווי אַ מלאך ה' צבאות און מיט זיין תּפילה פלעגט ער שפּאַלטן הימלען, און אַלע וואָס זיינען געשטאַנען אַרום פלעגן אַנטלויפן פאַר זיין קול, ווייל ער פלעגט שרייען ווי אַ לייב און אויסגלייכן אַלע קרומקייטן (מפשיט כּל העקמומיות) אין האַרץ פון זיינע הערערס"[4].

ווי עס ווייזט אויס, האָט די ממשלה פון סטאָלינער צדיק געדויערט אַרום 20 יאָר, לערך צווישן 1792 און 1812. אין יאָר 1799, בעת ר' שניאור זלמן ליאָזנער איז געוואָרן אַרעסטירט און געבראַכט קיין פּעטערבורג, איז אויך ר' אשר געווען צווישן די אַרעסטירטע צדיקים, אָבער ער איז אין גיכן באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע (ווייטער, § 38).

מער באַרימט דורך זיין געזעלשאַפטלעכער ווירקונג איז געוואָרן דער צווייטער ליטווישער צדיק פון יענעם דור, ר' מרדכי

---

1 דאָרט, 285, 286.

2 דאָרט, 18, 29, 37.

3 דאָרט, ז' 4.

4 סדר הדורות החדש, ז' 74.

לעכעוויצער (אַן ערך 1785 — 1815)[1]. די מתנגדישע שרייבערס פון זיין דור האָבן אים אַריינגעשטעלט אין דער רשימה פון די באַרימטע צדיקים פון סוף 18טן י״ה[2]. ר׳ מרדכי האָט זיך אויפגעפירט לויטן מנהג פון די נייע אוקראַינער צדיקים: ער פלעגט צונויפקלייבן אַרום זיך חסידים, פירן זיי ניט נאָר אין ענינים פון תורה, נייערט אויך אין וועלט־זאַכן, ער פלעגט געבן זיינע באַזוכערס עצות און ברכות, ער פלעגט היילן קראַנקע און בענטשן עקרות. דערפאַר האָבן די מנהיגים פון דער קהילה אין דער קרייזשטאָט סלוצק אים גערודפט[3]. דער סלוצקער מגיד ר׳ ישראל לייבל, וואָס איז געוואָרן דער שליח פון די מתנגדים צוליב פראָפּאַגאַנדע קעגן חסידות אין אַלע לענדער, זאָגט עדות אין זיין „ספר הויכוח״ (1798) אויף ר׳ מרדכי לעכעוויצער, אַז ער פלעגט זיינע חסידים געבן עצות אין מסחר־זאַכן; פלעגט דער עסק זיך ענדיקן גוט, פלעגן זיי לויבן דעם צדיק און קרוינען אים פאַר אַ נביא, טאָמער פלעגט דער סוחר אָנווערן ביים עסק, פלעגט מען זאָגן מיט הכנעה, אַז מסתמא האָט ער ניט זוכה געווען, אַז דעם צדיקס ברכה זאָל אויף אים מקוים ווערן. „אין ר׳ מרדכיס כת, אַז זיי האָבן ביי אים געפרעגט וועגן קויפן קאָסעס (עסק קנית הקסעת), וואָס מען שניידט דערמיט היי, האָט ער געזאָגט חס ושלום, אַז זיינע לעכעוויטשער זאָלן דאָס קויפן, און עס האָבן געקויפט קלעצקער און

1 אין „סדר הדורות החדש״ און אין „שם הגדולים החדש״ ווערט זיין נאָמען דערמאָנט מיט גרויסע לויב־געזאַנגען, אָבער אָן שום כראָנאָלאָגישע דאַטן. איינער פון זיינע אייניקלעך, דער מחבר פון אויבן דערמאָנטן ספר „דברי שלום״, דערמאָנט אים אין זיין הקדמה און אין טעקסט פון ספר, אָבער אויך אָן ידיעות וועגן זיין צייט. אָבער פון אַ בריוו פון ר׳ מרדכיס זון, נח לעכעוויצער, וואָס איז געשריבן אין יאָר תקפ״ד (דאָרט, ז׳ 25), איז קענטיק, אַז זיין פאָטער איז שוין דעמאָלט געווען געשטאָרבן.

2 שבר פושעים, סימן י״ח; זמרת עם הארץ, סימן כ״ז; ספר הויכוח, הקדמה.

3 „די איינוווינער פון סלוצק זיינען אויך שונאים אונדז, זיי האָבן געמאַכט גרויסע רדיפות קעגן די חסידים פון לעכעוויץ, ווי דאָס איז באַוווסט און מפורסם, וואָס וועגן דעם איז אַרויס אַ פסק דין פון דער פראַוולעניע אין מינסק״ — אַזוי שרייבט ר׳ שניאור זלמן צום פעטערבורגער געריכט אין זיין ענטפער אויף די פראַגעס פון דעם פינסקער רב אביגדור. זע „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ״ פון יאָר 1910, ז׳ 267.

האָבן פאַרדינט כמה אלפים; און איינעם האָט ער געזאָגט, ער זאָל קויפן האָניק אויף צו פירן קיין ווילנע — און ער האָט אָנגעוואָרן“. און פונדעסטוועגן גלייבן די חסידים נאָך אַלץ אין צדיק און דערציילן וועגן זיינע מעשים, „ווי וועגן יציאת מצרים, ביינאַכט און בייטאָג און אין מסיבות, און אַלע האָרכן און נעמען אָן פאַר אמת אַלע שטותים און ליגנס“. אַזוי האָבן די חסידים בתמימות געמיינט, אַז דער מינסקער גובערנאַטאָר („וואָיעוואָדאַ“) איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט נאָר דערפאַר, „ווייל ער איז געווען שלעכט צו חסידים, און דער לעכעוויצער רבי האָט אים אַראָפּגעזעצט און איבערגעגעבן די שטאָט לעכעוויץ אין די הענט פון אַן אַנדער שר“[1]. דער צדיק אַליין פלעגט געבן אָנצוהערעניש זיינע מאמינים, אַז מער ווי ער טוט בנגלה, טוט ער בנסתר. איינער פון ר׳ מרדכים אייניקלעך דערציילט וועגן אים, אַז ווען דער זון זיינער האָט איין מאָל געפרעגט ביי אים, צי ווערן די חסידישע צדיקים פאַררעכנט צווישן די ל״ו פאַרבאָרגענע צדיקים פון איטלעכן דור, האָט דער צדיק געענטפערט בזה הלשון: „אַ שיינער משא ומתן וואָלט געווען, אַז מיר וואָלטן מער ניט געווען נאָר ווי מען זעט אונדז“[2]. ר׳ מרדכי האָט ניט געלאָזן נאָך זיך קיין שום חיבור אין חסידות, און זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע איז געבליבן אַ מטושטשדיקע — אפשר איז זי טאַקע געווען אַזעלכע אין דערווירקלעכקייט.

די צוויי ליטווישע צדיקים, ר׳ אשר סטאָלינער און ר׳ מרדכי לעכעוויצער, זיינען געווען די גרינדערס פון צוויי רביישע דינאַסטיעס, איינער פון דער קאַרלינער-סטאָלינער און דער צווייטער — פון דער לעכעוויצער-קוידענאָווער, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון חסידיזם אויפן גרענעץ צווישן ליטע און רייסן אין משך פון גאַנצן 19טן י״ה. אויף יענער זייט פון דעם גרענעץ, דאָס הייסט אויסער מינסקער גובערניע, וואָס איז העלפט ליטע און העלפט רייסן, האָט די השפּעה

---

1 ספר היפוח פון ר׳ ישראל ליבל, אין דער הקדמה דף ב׳. זע רמזים וועגן דעם אין דער בקשה-שריפט פון דעם פינסקער רב אביגדור, אין דעם אויבן ציטירטן ווערק, ז׳ 106, און אויך העסען: Евреи въ Россіи ז׳ 151 אין דער אָנמערקונג (פעטערבורג 1906). אָנשטאָט דעם רוסישן טיטל „גובערנאַטאָר“ באַנוצט דער מחבר פון „ספר הויפוח“ דעם פוילישן טיטל „וואָיעוואָדאַ“.

2 דער אויבן ציטירטער ספר „דברי שלום“, ז׳ 81.

פון די צוויי צדיקישע הייזער זיך נישט אויסגעשפּרייט: אין ריסן האָבן זיי ניט געקענט קאָנקורירן מיט די אָנפירערס פון זייער שיטה חב״ד, וואָס עס האָט געגרינדעט ר׳ שניאור זלמן, און אין דער צענטראַלער ליטע זיינען די גרופּעס חסידים געווען אַזוי צעבראָקלט אין די קהילות פון די מתנגדים, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט זיך קאָנצענטרירן אַרום איין אָנפירערשאַפט.

אין ווילנע, דער פעסטונג פון דער רבנות, האָט אַ קליינע גרופּע חסידים געקעמפט פאַר קיום אין מיטן אַ „קהילה קדושה" פון פאַנאַטיקער פון דעם ווילנער גאונס חדר. די דאָזיקע גרופּע איז געווען צעשפּאָלטן צווישן צוויי „מנינים": דעם מנין פון די „קאַרלינער" וואָס זיינען געווען אָנהענגער פון די צדיקים פון קאַרלין, סטאָלין און לעכעוויץ, און דעם מנין חסידים חב״דניקעס, וואָס זייער מנהיג ר׳ שניאור זלמן ליאָזנער האָט געוווינט ווייט פון זיי[1]. בראש פון דעם צווייטן מנין איז געשטאַנען איינער אַ באַהאַרצטער מענטש, מ א י ר ר פ א ל ס, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך איינצושטעלן פאַר זיינע חברים אַפילו קעגנאיבער דעם גאון, וואָס האָט אויף אַלעמען געוואָרפן אַן אימה, און האָט זיך געמיט אַריינצוברענגען זיי בעת די וואַלן אין ועד הקהילה, כדי אָפּצושוואַכן דאָרט די השפּעה פון די מתנגדים.

אין גראָדנער קרייז האָט אין יענער צייט עקסיסטירט נאָך דער חסידישער צענטער אין א מ ד ו ר, וואָס עס האָט געגרינדעט ר׳ חיים חייקא (אויבן, ב׳ I, § 24). נאָכן טויט פון אָט דעם צדיק דעם „מורד" אין יאָר 1787 האָט אָפּגעירשעט זיין „שטול" זיין זון שמואל אַמדורער[2]. די חסידישע טראַדיציע דערציילט וועגן

---

1 פין, קריה נאמנה, ז׳ 264, 275 (1860); מצרף העבודה, צום סוף; בריוו פון ר׳ שניאור זלמן „לאנשי שלומנו המנין דק״ק ווילנא" פון יאָר תקנ״ז; שבר פושעים, סימן י״ד: אָפּשריפט פון פנקס פון ווילנער קהל; זמרת עם הארץ, סימן כ״ד; „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" 1910, ז׳ 107.

2 אונטער דעם נאָמען ווערט ער דערמאָנט אין דער רשימה פון די צדיקים פון יאָר תקנ״ח אין „שבר פושעים" און אין זמרת עם הארץ". אין „ספר הויפוח" פאָדערט אַרויס דער מחבר ישראל לייבל פיר פון די „רבני הכת", זיי זאָלן זיך שטעלן צו אַן עפנטלעכן וויכוח מיט אים, דאָס זיינען: שמואל אַמדורער, מרדכי לעכעוויצער, זלמן ליאָזנער און מאָטל טשערנאָבילער (הקדמה). דערפון איז געדרונגען, אַז דער צווייטער צדיק אין אַמדור האָט בשעתו געהאַט אַ גרויסע השפּעה.

אים אויף איר שטייגער, אַז „אַ סך יידן פלעגן זיך צונויפקומען הערן פון זיין מויל גאָטס וואָרט און זיין תורה“[1]. אָבער אין דער חסידישער ליטעראַטור איז פון זיין תורה גאָרנישט ניט געבליבן. אויך ער האָט קענטיק זיך געפירט לויטן גאַנג פון די פּראַקטישע צדיקים און איז געוואָרן מפורסם נאָר ווי אַ פירער און אָרגאַניזאַטאָר אין די גרופּעס פון די ליטווישע חסידים. ר׳ שמואל האָט זיך מתחתן געווען מיט דער משפחה פון זיין חבר ר׳ מרדכי לע־כעוויצער, און ווי עס ווייזט אויס, האָבן די צוויי צדיקים גע־טיילט צווישן זיך די אָנפירונג צווישן די „קאַרלינער“ חסידים. נאָך ר׳ שמואלס טויט (נאָך 1798) זיינען אַלע קאַרלינער אַריבער צו די רביים פון לעכעוויץ און סטאָלין, און דער באַטייט פון דעם אַמדורער צענטער איז געגאַנגען אַראָפּ, ביז ער איז אין גאַנצן בטל געוואָרן[2].

---

§ 34. ר׳ שניאור זלמן ליאָזנער, דער ראש פון די רייסישע חסידים

אַ ייִנגל אַ „מופלג“ אין לערנען. אַ וויטעבסקער איידים, גייט אַריבער פון נגלה צו נסתר. גייט קיין מעזעריטש און טרעט אַריין אין דער גרופּע פון מגידס תלמידים (אַן ערך 1768). — דער „ליטוואַק“ צווישן אוקראַינער. —שניאור זלמן לערנט תורה מיטן מגידס זון, אברהם מלאך. — זיין אָנהייב אַרבעט אין אַ נייעם אויסשטעל פון דעם „שלחן ערוך“. — די חרמות פון 1772. — נאָך זיין צוריקקער קיין רייסן: אַ תלמיד און אַ חבר פון ר׳ מענדל וויטעבסקער, און דערנאָך דער ראש פון די חסידים („דער ליאָזנער רבי“). —די נעסט פון פאַנאַטיקער אין שקלאָוו און די רדיפות פון 1784. — דער כ״וז פון יאָר 1787 און די גזירות קעגן חסידים. — די שריפטן פון אַ חסיד פורץ גדר אין בראָד און דער טומל אין שקלאָוו. —דער צוזאַמענשטויס פון דעם ליאָזנער רב.

אויף איר וועג פון דרום קיין צפון האָט די חסידות דער־גרייכט אַ הויכע מדרגה אין דער מדינה ר ״ ס ן, אָדער ווייסרוסלאַנד.

---

1 שם הגדולים החדש, אונטער זיין נאָמען.

2 זע „חיים וחסד“, וואָס איז צונעשריבן ר׳ חיים חייקא פון אַמדור, אין דער הקדמה, ז׳ 5—6 (וואַרשע 1891).

אין די צוויי גובערניעס מאָהילעוו און וויטעבסק, וואָס ליגן אויפן גרענעץ פון צענטראַל־רוסלאַנד, צווישן מאָסקווע און פעטערבורג. אויף דעם וועג האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט די ריזן־פיגור פון דער חסידישער באַוועגונג: רבי שניאור זלמן פון ליאָזנע. איצט דאַרפן מיר אויספאָרשן די פערזענלעכקייט פון דעם דאָזיקן גאַון און זיין באַזונדער שיטה, וואָרעם אים איז באַשערט געווען צו שטיין אין צענטער פון דעם דריטן און אַנטשיידנדיקן קאַמף אין דער געשיכטע פון חסידיזם.

שניאור זלמן בר׳ ברוך איז געבאָרן געוואָרן אין קליינעם שטעטל ליאָזנע, אָרשער קרייז, אויפן גרענעץ צווישן מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניע, אין יאָר 1748 (תק״ח)[1]. פון קינדהייט אויף האָט דאָס ייִנגל געלערנט אַ סך תלמוד מיט די מפרשים, און אַז ער איז געוואָרן 13 יאָר, האָט מען אים פאַרשריבן אין פנקס „חברא קדישא“ פון דער קהילה: „החכים המופלג תנא ופליג [= אַ גרויסער

1 די מקורים פאַר דער ביאָגראַפיע פון ר׳ שניאור זלמן פאַר דער צייט, איידער ער איז מפורסם געוואָרן אין דער וועלט, זיינען: א) די הקדמה פון זיינע זין צו זיין „שולחן ערוך“, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר תקע״ד אין קאָפּוסט, צוויי יאָר נאָכן מחברס טויט; ב) מסורות פון דער משפחה אונטערן נאָמען „תולדות האדמו״ר הזקן“ אין כּתב־יד (זע דעם אַנאַליז פון די מקורים נומער 18, ווייטער אין די הוספות); ג) שבחי הרב: חסידישע לעגענדעס וועגן דער גרויסקייט פון ר׳ שניאור זלמן, צונויפגעקליבן דורך מ. ל. פרומקין (לעמבערג, 1864); ד) עמודי חב״ד — ר׳ שניאור זלמנס לעבנס־באַשרייבונג אין אַ ליטעראַרישער באַאַרבעטונג, פון דעם זעלביקן מחבר, וואָס האָט איבערגעמאַכט זיין נאָמען צו ראָדקינסאָן, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן פון אַ חסיד אַ משכּיל (קיניגסבערג, 1876). אין אַ שפּעטערער צייט זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי אויספירלעכע ביאָגראַפיעס פון דעם „אַלטן רב“: איינע האָט אָנגעשריבן ח. מ. הילמאַן, אַ חסיד אַ חב״דניק, וואָס האָט צונויפגעקליבן דעם גאַנצן געדרוקטן מאַטעריאַל און אויך דעם וואָס געפינט זיך אין כּתב־יד ביי דער משפּחה שניאורסאָן — דאָס איז דער ספר „בית רבי“, חלק ראשון: תולדות אדמו״ר הזקן. בערדיטשעוו תרס״ב. די צווייטע איז: „הרב מלאדי ומפלגת חב״ד“, כּרך ראשון, ווארשא תר״ע, פון מ. טייטלבוים, וואָס האָט אויסגענוצט דעם זעלביקן מאַטעריאַל אויף אַ מער וויסנשאַפטלעכן שטייגער. דער דאָקומענטן־מאַטעריאַל, וואָס איז שייך צו דער ביאָגראַפיע פון ר׳ שניאור זלמן און דעם פעריאָד פון דעם קאַמף מיט די מתנגדים, איז פאַרצייכנט אויפן געהעריקן אָרט אין די פריערדיקע און ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

למדן אַ בעל־פּילפּול] החתן ומהר״ר שניאור זלמן[1]. און ווי באַלד ער איז געוואָרן בר־מצווה און אַ „מופלג״ איז ער געווען, איז ער גאָר גיך, לויטן מנהג פון יענעם דור, געוואָרן אַ חתן. צו פופצן יאָר האָט אים איינער אַ וויטעבסקער גביר גענומען פאַר אַן איידעם. דער יונגערמאַן איז אַריבער קיין וויטעבסק צום שווער אין הויז און האָט דאָרט ווייטער געלערנט מיט גרויס התמדה. אַז ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעשאַפט גרויס בקיאות אין דער גאַנצער רבני־שער ליטעראַטור און האָט זיך געגרייט עולה רגל צו זיין אין דער היילקער שטאָט פון דער רבנות — קיין ווילנע, ווו עס איז געזעסן דער גאון ר׳ אליהו, האָט ער דערשפירט, אַז עס פעלט אים עפּעס צו זיין שלמות, און צו 18 יאָר האָט ער אָנגעהויבן זיך צו פאַרטיפן אין קבלה. דער דאָזיקער וועג האָט אים געפירט צום צענטער פון דער חסידות — קיין מעזעריטש. קענטיק, אַז אין יענער צייט האָט שניאור זלמן זיך באַקענט מיט ר׳ מענדל וויטעבסקער, איינעם פון מעזעריטשער מגידס בעסטע תלמידים, וואָס פלעגט אַרומגיין איבער די שטעט און פאַרשפּרייטן די תורה פון חסידות. און אפשר האָט אויף שניאור זלמנען משפיע געווען אויך דער צווייטער לאַנדסמאַן זיינער, דער „מיסיאָנער״ ר׳ ישראל פּאָלאָצקער. אַן ערך אין יאָר 1768 האָט שניאור זלמן פאַרלאָזן זיין פרוי און זיין שווערס הויז און איז אַוועק קיין מעזעריטש.

דער מגיד ר׳ דוב בער האָט באַלד דערקענט, אַז זיין נייער תלמיד וועט זיין אַ גדול: אין אים איז געווען אַ פיינע קאָמבינאַציע פון שאַרפקייט פון שכל מיט אַ פאַרטיפונג אין „סתרי־תורה״, אַ פאַרבינדונג פון דענקען מיט רעליגיעזן עקסטאַז. אין אַ קורצער צייט האָט דער „ליטוואַק״ איבערגענומען די תורה פון בעש״ט און די שיטה פון דעם מגיד און האָט דאָס איבערגעאַרבעט אין זיין מוח אויף אַן אייגענעם שטייגער, ניט לויטן גאַנג פון די אוקראַינער. אין דער חסידישער לעגענדע איז פאַראַן אַ רמז דערויף, אַז צוערשט האָבן די דרומדיקע תלמידים געקוקט אויף זייער חבר, וואָס איז געקומען פון די צפונדיקע קאַנטן, אַ ביסל מיט חשד, ווי מען

[1] אין אַן אַלטן פנקס וואָס מען האָט מיר צוגעשיקט פון ליאָזנע איז אויף בלאַט ד׳ זייט ב׳ פאַראַן אַ פאַרצייכעניש פון יאָר תקכ״א וועגן דעם, אַז מען האָט דאָס יינגל וואָס איז געוואָרן בר־מצווה אָנגענומען פאַר אַ חבר אין דער חברא קדישא; אין נאָך פאַרצייכענישן ווערן דערמאָנט אויך די איבעריקע בני משפחה פון ר׳ שניאור זלמן.

איז זיך נוהג געווען אין אוקראַינע בנוגע צו „ליטוואַקעס“. דער לערער אָבער האָט דערויף קיין אַכט ניט געגעבן. איין מאָל, אַז זלמן איז אַריין צום מגיד, האָט ער אויסגערופן: „דער ליטוואַק איז קאַליע געוואָרן!“ אַז ער האָט דערזען, ווי דער תלמיד האָט זיך פאַרשעמט, האָט ער צוגעגעבן: „האָב קיין מורא ניט, טייערער, ניט דו ביסט קאַליע געוואָרן, נאָר דער ליטוואַק אין דיר איז קאַליע געוואָרן, און איצט ביסטו אַזוי ווי איינער פון די אונדזעריקע“. און דער ליטוואַק איז ביי אים אַזוי באַליבט געוואָרן, אַז ער האָט אים אַוועקגעזעצט לערנען מיט זיין זון אברהם וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטערן צונאָמען דער „מלאך“. די צוויי יונגע מענטשן האָבן געלערנט צוזאַמען נגלה און נסתר, תלמוד און חסידות. מיר האָבן שוין (אויבן, § 31) געזען, אַז אין תלמוד איז דער ליטוואַק געווען אַ גרעסערער קענער, ווי דער וואָלינער.

אַז דער מגיד האָט פאַרקלערט צונויפצושטעלן אַ נייעם „שולחן ערוך“, וואָס זאָל אַריינגעמען אַלע דינים צוזאַמען מיטן טעם פון איטלעכן דין און מיט דער אָנווייזונג פון זיין מקור אין דער עלטערער און שפּעטערער ליטעראַטור, האָט ער אויסגעקליבן פון אַלע תלמידים דעם בקי שניאור זלמנען און האָט אַרויפגעלייגט אויף אים די וויכטיקע אַרבעט. מיט גרויס פרייד איז דער יונגערמאַן צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, מחמת ער איז געווען „גלוסטיק מזכה צו זיין יידן, אַז איטלעכער זאָל קאָנען וויסן דעם קלאָרן דין מיט זיינע טעמים, וואָס דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון דעם אייבערשטן ווילן“, און אין יאָר 1771 האָט ער פאַרענדיקט די ערשטע פּרקים. ער איז דעמאָלט געווען אַלט אַרום 23 יאָר[1].

שניאור זלמן איז געזעסן אין וואָלין, מיט קורצע הפסקות, אַ יאָר פינף, ביז זיין רבינס טויט אָנהייב 1773. דאָס לעצטע יאָר פון זיין אויפהאַלט אין מעזעריטש און ראָוונע איז ער אויסגעטרייסלט געוואָרן דורך דעם דונער פון די חרמות וואָס זיינען אויסגערופן געוואָרן אין ווילנע און אין בראָד. ער האָט גענומען אָנטייל אין דער ראָוונער אַסיפה (אויבן, ב' I, § 21) און האָט מסכים געווען מיט דער מיינונג פון זיין רבין דעם מגיד, וואָס האָט געשטראָפט זיין יונגן תלמיד אברהם קאַליסקער פאַר זיין לייכטזין און זיין חוצפה קעגן די מתנגדים. שניאור זלמן איז געווען מעסיק און איינגעהאַלטן

1 הקדמה צום „רבס“ שולחן ערוך אורח חיים (דרוק תקצ״ד).

אין זיין אויפֿפֿיר, פּונקט ווי זיין עלטערער חבר ר׳ מענדל וויטעבסקער.

אַז ר׳ מענדל האָט זיך באַזעצט אין האָראָדאָק און איז געוואָרן דער ראש פֿון די חסידים אין רייסן, איז שניאור זלמן געווען זיין געטרייסטער באַהעלפֿער אין זיין געבוירן-שטאָט ליאָזנע. האָט אים באַגלייט אויף זיין רייזע קיין ווילנע צוליב דעם וויכוח מיטן גאון, און דערנאָך אויף זיין רייזע קיין ארץ-ישראל ביז דער שטאָט מאָהילעוו אין פּאָדאָליע. אַז ער איז צוריק געקומען פֿון דער דאָזיקער נסיעה אין יאָר 1778 קיין ליאָזנע, איז ער עטלעכע יאָר געווען אַזוי ווי אַ ממלא מקום פֿון ר׳ מענדלען אין דער אָנפֿירונג פֿון די רייסישע חסידים. נאָכדעם ווי ר׳ מענדל איז געשטאָרבן אין ארץ-ישראל אין יאָר 1788, איז ר׳ שניאור זלמן געבליבן דער איינציקער מנהיג אין די צפֿונדיקע לענדער[1]. קיין ליאָזנע פֿלעגן זיך קלייבן מאַסן חסידים פֿרעגן ביי אים עצות און בעטן ביי אים אַ ברכה. „עס שטייען אַרום אים (מענטשן) פֿון פֿרי ביז שפּעט, איטלעכער באַדריקטער און פֿאַרביטערטער... און זיינען אים מטריח מיט קלייניקייטן“, און דער רב פֿלעגט „זיך מתקרב זיין צו טייל פֿון זיי און זיך מיחה זיין מיט זיי, כדי צו געבן זיי די עצה וואָס פּאַסט פֿאַר זיי... [כדי] מקרב צו זיין די נייע [צו דער חסידישער תורה], [און אפֿילו] פֿון דעם אָרעמען המון, וואָס זיינען ניט קיין בני תורה“ — אַזוי שרייבט וועגן אים זיין חבר ר׳ אברהם קאַליסקער וואָס האָט פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זיין לעבן אין ארץ ישראל[2].

די מעכטיקע השפּעה פֿון דעם „רב“ (דער געוויינטלעכער טיטל פֿון דעם ליאָזנער לערער איז געווען און געבליבן „דער רב“, און ניט „צדיק“ אָדער „רבי“, ווי עס איז געווען דער מנהג אין אוקראַינע) האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ ציל פֿאַר די פֿיילן פֿון די מתנגדים. אָנגעהויבן האָט זיך די צרה פֿון דער שטאָט שקלאָוו. די דאָזיקע רייסישע קהילה איז געווען ווי אַ מין אָפּצווייג פֿון דער ליטווישער ווילנע. דאָרט האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין הויז פֿון דעם גביר דעם תלמודיסט י ה ו ש ע צ י י ט ל י ן די גרעסטע רבנים פֿון די פֿאַרערערס פֿון ווילנער גאון, און אין דער זעלביקער קהילה זיינען פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער געוואָרן די אָנהענגער פֿון חסידות, די פֿאַרערערס פֿון דעם ליאָזנער רב.

1 בית רבי, חלק א׳ ז׳ 14, 23 א״וו.

2 די בריוו אין ספר „פּרי הארץ“ (תקע״ד); בית רבי, ז׳ 29.

מיר האָבן שוין געזען (אויבן, ב' I, § 25), ווי אַזוי מען האָט אין שקלאָוו אויסגערופן אַ חרם אויף די לייט פון דער „כת“ און ווי אַזוי עס האָבן זיך אין מאָהילעוו ביים דנעפּער צונויפגעקליבן אין יאָר 1788 די אָנפירער פון די מתנגדים און האָבן גערופן צום דין ר' שניאור זלמנען און וואָס דער באַליידיקטער רב האָט זיי געענטפערט. אין דריי יאָר אַרום איז די מחלוקת באַנייט געוואָרן. אין יאָר 1787 האָבן די רבנים און די קהילה־פרנסים פון שקלאָוו זיך מיישב געווען און האָבן באַשלאָסן אַרויסצושיקן צו אַלע קהילות אַזאַ מין כרוז[1]:

„בעוונותינו הרבים זיינען אַרויס פון אונדז מענטשן וואָס רופן זיך אָן מיטן נאָמען חסידים, דאַוונען אין באַזונדערע מנינים און לייט אַ באַזונדער נוסח און מאַכן משונהדיקע תנועות ביים דאַוונען; עס זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן ספרים פון זייערע רביים, וואָס אין זיי זיינען פאַראַן זאַכן קעגן אונדזער הייליקער תורה און אַ סך פוסטע מעשיות וועגן די מופתים וואָס זייערע רביים האָבן געטאָן. מען טאָר אין די דאָזיקע שקרים ניט גלייבן. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו אַ מהומה אין מחנה ישראל, און אַ סך וואַרפן אַראָפּ פון זיך דעם עול תורה ומצוות. און דערפאַר האָבן מיר די אונטן געחתמעטע באַשלאָסן אַרויפצולייגן אַ חוב אויף איטלעכער קהילה, אַז זי זאָל אָפּהיטן אַלע תקנות וואָס זיינען אויסגערעכנט אין דעם דאָזיקן כרוז, כדי צו פאַרשטאַרקן די גרונטפעסטן פון אונדזער הייליקער אמונה, און זי זאָל זיי פאַרשרייבן אין איר פנקס צום אָנדענק אויף דורות... און דאָס זיינען די תקנות: א) אויסצורופן אַ תענית און אַ תפילה בציבור 25 טעג אין טבת דאָס יאָר אין אַלע קהילות; ב) בטל צו מאַכן די מנינים פון די אַפּיקורסים אין אַלע קהילות, אַז זיי זאָלן ניט קאָנען זיך צונויפקלייבן אין איין אָרט; ג) אַכטונג צו געבן מען זאָל ניט לייענען זייערע ספרים און מאַכן חקירות אין דעם פּרט; ד) מיר באַשטעטיקן מיט גאָר דער מאַכט די תקנות וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין ק"ק בראָד און אין ק"ק ווילנע בנוגע דעם איסור צו פאָרן צו די ראשי הכת; ה) מען טאָר ניט עסן פון זייער שחיטה, דאָס פלייש פון דער

1 דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט אָפּגעדרוקט פ. מאַרעק פון כתב־יד אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ“, באַנד XII, ז"ז 126—127. דעם אָריגינאַל־טעקסט האָב איך ניט. דער כרוז איז געחתמעט זונטאָג, צען טעג אין טבת תקמ"ז (אָנהייב 1787).

דאָזיקער שחיטה איז בשר נבלה און די כלים ווי עס איז געקאָכט געוואָרן זיינען טריפה; ו) קיין מענטש טאָר ניט לאָזן אויפֿהאַלטן זיך אין זיין שטוב קיינעם פֿון די רביים פֿון דער כת; ז) קיין קהילה טאָר ניט נעמען קיינעם פֿון זיי [פֿון די חסידים] פֿאַר אַ חזן, אַ רב אָדער אַ מגיד; מען דאַרף באַזונדערס בודק זיין די מלמדים, אַז זיי זאָלן ניט לערנען מיט קינדער אין שטעט און דערפֿער אָן דער הסכמה פֿון אָרטיקן רב"[1].

וואָס האָט דאָס אַזוי אויפֿגערייצט די שקלאָווער מתנגדים צו אָט דעם נייעם אָנפֿאַל אויף די חסידים? די פֿאַנאַטישע מתנגדים אין שקלאָוו האָבן שטענדיק געפֿאָרשט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי די סעקטאַנטן און האָבן כסדר געזוכט ביי זיי „חטאים", זינד קעגן געזעצן פֿון מאָראַל און צניעות, כדי צו פֿאַרענטפֿערן די רדיפֿות קעגן זיי. היות ווי זיי האָבן ניט געפֿונען אַזעלכע באַווייזן אויפֿן אָרט, זיינען זיי אַוועק זוכן באַווייזן אין דער ווייט און האָבן אויסגעניצט ידיעות וואָס זיינען געקומען קיין שקלאָוו פֿון גאַליציע, וואָס דאָרט איז די סעקטע געווען אויבן פֿעדר.

דער „אברך" משה, דער זון פֿון דעם נגיד ר' יהושע צייטלין, אַ יונגערמאַן אַ וויללערנער, האָט אָפּגעקויפֿט ביי איינעם פֿון די בראָדער חסידים די „טורים" מיט די פּירושים פֿון די גרויסע פּוסקים יוסף קרא און משה איסרליש („בית יוסף" און „דרכי משה"). אַז מען האָט גענומען קוקן אין די ספֿרים אַריין, האָט מען געפֿונען אויף טייל גליונות פֿון די בלעטער און צווישן די געדרוקטע שורות — „בין השיטין" — פֿאַרצייכענישן וואָס עס האָט פֿאַרשריבן איינער אַ חסיד מיטן נאָמען לייב מלמד. אין די דאָזיקע פֿאַרצייכענישן האָט מען אַרויסגעלייענט הערות פֿול מיט „פֿאַלשקייט און אַפּיקורסות" (דברי פלסתר מינות ואפיקורסות), און אויך מיט פּריצות און ניבול פּה. עס איז געווען קלאָר, אַז דער שרייבער פֿון די הערות לייקנט אין די דינים פֿון די עלטערע און נייערע פּוסקים, אַז ער זינדיקט אַליין און מאַכט זינדיקן אַ וועלט.

1 איינער פֿון די דריי געחתמעטע אויפֿן פּרוז איז געווען דער באַרימטער שקלאָווער רב חנוך העניך שיק, וואָס אין אַ צייט אַרום האָט ער שלום געמאַכט מיט ר' שניאור זלמנען און איז געווען איינער פֿון די פֿאַרמיטלערס צווישן די מתנגדים און חסידים. זיין זון פּנחס שיק איז געוואָרן אַ תלמיד מובהק פֿון ר' שניאור זלמן און איז צוגעשטאַנען צו די חסידים. זע „שם הגדולים החדש" אונטער „חנוך" און „בית רבי", חלק א', ז' 39.

האָט מען באַלד די דאָזיקע „כתבים טמאים" געבראַכט אין שקלאָווער בית־דין אַריין, און דאָרט האָט מען זיי אָפּגעשריבן און די אָפּשריפט אַוועקגעשיקט קיין ווילנע, צום גאונס הויכן בית־דין. פון ווילנע האָט מען געשיקט אַן אָפּשריפט קיין בראָד, ווו דער „מין" האָט געוווינט, מיט אַן ענערגישער פאָדערונג, אויפצוזוכן אים און נאָכצופאָרשן די „מעשים רעים" פון די סעקטאַנטן. דער שרייבער פון ווילנע באַמערקט אין דער הקדמה צו זיין בריוו[1], ווי וויכטיק עס איז דאָס דאָזיקע געפינס און ער זאָגט: „און איצט דאַרפן מיר דאַנקען גאָט וואָס עס איז אויפגעדעקט געוואָרן זייער [די חסידימס] שאַנד, וואָס זיי אַליין האָבן אַנטפּלעקט זייער סוד אין זייערע געדרוקטע ספרים, און וואָס עס פעלט אויס אין דרוק, האָט אַנטפּלעקט איינער פון זיי אין זיינע טמאדיקע געשריפטן[2]... און איטלעכער וואָס הערט ביי אים קלינגט אין די אויערן".

און באמת: אין די הערות פון דעם גאַליציאַנער מלמד (אָדער פון דעם ליטוואַק וואָס איז געקומען קיין בראָד) זיינען געווען אַ סך זאַכן וואָס האָבן געקאָנט מאַכן אויפציטערן די הערצער פון די רבנים אין באַליידיקן דעם מאָראַלישן געפיל, אָבער עס איז אויך קענטיק אין זיי אַ שטרעבונג צו פריידענקעריי און סימנים פון מרידה קעגן די אָנגענומענע אויטאָריטעטן. אין זיינע אָנמערקונגען צו די הלכות איסור והיתר און די דינים וועגן פאַרבאָטענע שפייזן וואָס אין „טור יורה דעה" זאָגט זיך דער שרייבער אַרויס קעגן די חומרות פון דעם „בית יוסף" און פון רמ"א און פסקנט אומעטום לקולא. ער באַנוצט דאָ זייער שאַרפע ווערטער קעגן די פוסקים די מחמירים; למשל, ווען דער „בית יוסף" פסקנט, אַז פלייש פון אַ ניט געניטן פינקטלעכער שחיטה איז טריף, אָדער ווען דער רמ"א איז מוסיף: „ואני אומר שמנהגו להטריף", באַמערקט דער גלאָסאַטאָר: „און איך האָב אַליין דאָס כשר געמאַכט און געגעסן אויבן בעסטן

1 דער ווילנער בריוו צוזאַמען מיט די אָפּגעשריבענע כתבים, געחתמעט דורך דעם שקלאָווער בית־דין אין די חדשים שבט און אדר תקמ"ז, געפינען זיך אין צוויי נוסחאות אין די כתב־ידן „שבר פושעים" (סימן 20 — 22) און „זמרת עם הארץ" (סימן 30). די דאָזיקע דאָקומענטן האָב איך אויסגענוצט אין מיין אַרטיקל „חסידים פורצי גדר" וואָס איז געווען געדרוקט אין זשורנאַל „השלוח" 1901, באַנד 7, ז"ז 312—320.

2 אין דעם וואַריאַנט פון „זמרת עם הארץ" שטייט, אַז די אָפּשריפטן פון דעם כתב „בין השיטין" זיינען פאַרקויפט געוואָרן מער פון צוואַנציק מאָל, איידער זיי זיינען אָנגעקומען צו די שקלאָווער רבנים.

אופן, און אַלע מיינע חברים האָבן געגעסן״; „דאָס איז אַ מנהג־שטות און ניט קיין דין״; „דער בית־יוסף האָט דאָ אַ טעות געהאַט; די משנה און גמרא און אַלע פסקים פון די גאונים זיינען ניט מיט אים... און ער פירט שטענדיק איבער די רייד פון אונדזערע לערערס די גאונים... און וואָס זאָל טון אַ מענטש ווי איך, וואָס איך קאָן ניט מבטל זיין זיינע פסקים?״; „איך וווּנדער זיך אויף אונדזער לערער דעם טו״ז וואָס ער האָט אויך אַ טעות געהאַט דערין״; „דער מחמיר איז פון די שוטים״.

אָבער ווען דער „מין״ נעמט זיך מקיל זיין אין סעקסועלע ענינים, דעמאָלט רעדט ער אַמאָל מיאוסע רייד. מען קאָן אים ניט באַשולדיקן, ווען ער איז קעגן דעם איסור פון „יחוד״, וואָס לויט דעם טאָרן אַ מאַנסביל און אַ פרעמדע פרוי אַפילו אויף קיין איין ווײַלע ניט זיצן צוזאַמען אין איין צימער; ער איז אָבער נוטה מתיר צו זיין „יחוד״ גאָר פון אַן אַנדער מין, וואָס איז אויסן אַרויסצוברענגען די הייליקע ניצוצות פון דער קליפה לויטן סוד פון קבלה און חסידות: „איין מאָל, דערציילט ער, האָב איך געהאַט יחוד מיט אַ פרוי... אין אַן אויסגעבעטער בעט... און זי האָט בײַ מיר געבעטן צו זיין מיט איר... אָבער איך האָב איר ניט געפאָלגט, איך האָב נאָר געקוקט אויף איר לייב און אויף איר גרויסער שיינקייט, ביז עס איז געקומען אויף מיר אַ גרויסע קדושה, און איך האָב געזאָגט געגוג. דעריבער זאָל איטלעכער זען, ווען ער וועט זען אַ פרוי, צו האָבן אַ תאווה צו איר, און פונדעסטוועגן גאָרנישט צו טון, נאָר צו קוקן זייער און זיך גוט איינצוקוקן, דעמאָלט וועט ער בײַשטיין דעם נסיון און וועט דערגרייכן צו אַ גרויסער מדרגה, און פאַר דעם וואָס פאַרשטייט איז געגוג״. מיט רעכט האָט ער טענות קעגן דעם איסור „צו קוקן אַפילו אויפן קליינעם פינגערל פון אַן אשה״, און איז ״ערצו מוסיף: „און דווקא מיט די גשמיותדיקע חושים, אָבער מיט די רוחניות־דיקע חושים מעג מען״ — און באַלד גייט ער איבער צו ניבול־פה: „און אויך מוציא זרע זיין בעתן דאַוונען [מעג מען], און ער וועט אויפשטייגן צו אַ גרויסער מדרגה, ווערליג איך האָב דערקלערט״... „מען דאַרף טראַכטן בעתן דאַוונען, אַז אַן אשה אַ נקבה שטייט פאַר אים, און דעמאָלט וועט ער קומען צו אַ

מדרגה, פידוע"[1]. אָט די גמישעכץ פון טומאה מיט קדושה איז אַרויסגעדרונגען פון דער חשודיקער טעאָריע פון „אַרויפברענגען די מחשבות זרות צו זייער מקור". די רבנים האָבן מיט רעכט דעריין איינגעזען אַ סכנה פאַר דער ריינקייט פון די מידות ביי יידן.

אַנדערע הערות פון אָט דעם חסיד דעם אַפּיקורס זאָגן עדות, ווי גרויס עס איז געווען די שנאה צווישן חסידים און מתנגדים אין יענער צייט פון רעליגיעזן קאַמף. ווער עס געהער ניט צו דער סעקטע, איז ביי אים פאַררעכנט פאַר אַן אמתן גוי. אין זיין הערה צום דין וואָס דערלויבט צו אַנטלייען גוים אויף פּראָצענט שרייבט ער: „און איטלעכער, וואָס איז ניט פון אונדזער חבורה איז זיין דין ווי אַ גוי, וואָרעם זיי [די מתנגדים] וויסן לחלוטין ניט קיין יידישן דין... דער איסור פון רבית איז געווענדט נאָר לגבי דעם, וואָס עס איז פאַר אונדז אַ מצווה אים אויפצוהאַלטן ביים לעבן, אָבער דער [דער מתנגד] איז פאַר אונדז גאָר קיין מצווה ניט אים אויסצוהאַלטן, און צו געבן אים צדקה". אַפילו אַ גוי מעג מען געבן צדקה פון דרכי שלום וועגן, אָבער ניט קיין מתנגדים, „ווייל עס איז אַ מצווה זיי צו רודפן". אין בית־דין זיינען כשר צו זאָגן עדות נאָר מענטשן „פון דער סעקטע"; „ווער עס איז ניט פון דער סעקטע געהער ניט צו כלל ישראל... וואָרעם ער ווייס ניט דעם עיקר און דעם מקור פון השם יתברך, און זיין גאָטספאָרכטיקייט איז ניט קיין פולע גאָטספאָרכטיקייט, וואָרעם ער האָט איבער זיך ניט קיין איבערהאַר און קיין שרעק פאַרן רבין (אימת הרב), אַזוי ווי דאָס איז ביי אונדזער סעקטע, דערפאַר האָט ער קיין מורא ניט צו זאָגן ליגן, און דערפאַר נעמט מען ניט אָן זיין עדות זאָגן".

אַזאַ איבערמאָסיקער פאַנאַטיזם איז געווען ווי אַן ענטפער אויף דעם פאַנאַטיזם פון די רבנים און די קהילה־פרנסים וואָס האָבן גערודפט די חסידים, און דער שרייבער פון די „בין השיטין" איז זיכער געווען איינער פון יענע וואָס די פאַנאַטיקער פון דער רבנות האָבן פאַרשעפּעט.

עס איז קלאָר, אַז פון אָט דעם יחיד וואָס הייסט לייב מלמד קאָן מען ניט אָפּלערנען אויף דעם גאַנצן כלל פון דער „כת". אָבער די דאָזיקע געשריפטסן באַווייזן דאָך, אַז עס האָבן זיך גע־

1 אין דעם פּרט זיינען פאַראַן אין די „בין השיטין" נאָך אַ סך מיאוסע הערות, וואָס מען קאָן זיי ניט אַרויפברענגען אויף דער פעדער.

פונעם איינציקע צווישן די חסידים, וואָס זיינען געווען אַזוי שטאַרק פאַרביטערט, אַז זיי האָבן געוואָלט דורכברעכן אַלע צאַמען. מען קאָן נאָר משער זיין (אויב דאָ איז ניטאָ קיין פעלשונג), אַז אָט דער „צאַמען־ברעכער" איז געווען איינער פון די רעשטלעך פון די פראַנקיסטן אין גאַליציע, וואָס איז אַוועק פון דער כיעקטע, נאָכדעם ווי די איבעריקע האָבן זיך געשמדט, אָבער ער האָט נאָך געהאַלטן פון דעם פרינציפּ „עבירה לשם מצווה", וואָס ער האָט פאַר אים געפונען אַ שטיין אין דער טעאָריע פון אַרויסברענגען די ניצוצות[1].

ווי דאָס זאָל ניט זיין, האָט דאָס אַליין קיין שום שייכות ניט געקאָנט האָבן צו די תלמידים פון ליאָזנער רב, און אויף זייער כשרער יידישקייט האָט קיין שום חשד ניט געקאָנט זיין. דער רב אַליין האָט אויסגעטייטשט דעם „שולחן ערוך" לחומרא, איז געווען שטרענג בנוגע די מצוות פון דער תורה און די געבאָטן פון מאָראַל, האָט געשטרעבט צו אַ צונויפגיסונג פון דער חסידות מיט דער רבנות און איז געווען ווייט פון די גענג פון די דרומדיקע צדיקים און די עקסטרעמע חסידים. און פונדעסטוועגן האָבן די שקלאָווער מתנגדים זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער געלעגנהייט אויסצונוצן אָט די כתבים, כדי אָנצופאַלן אויף זייערע געגנער. עס איז פאַראַן אַ קלאָרער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם איבערדערמאָנטן כרוז, וואָס די שקלאָווער ראשי הקהילה האָבן טבת תקמ"ז גע־

1 פון צוויי הערות אין די „בין השיטין" ווייזט אויס, אַז לייב מלמד פלעגט פירן וויכוחים מיט די רבנים פון בראָדער קרייז מכּוח פאַרשיידענע דינים. ער שרייבט: „דער רב פון פאָדקאַמען האָט זיך מפלפל געווען מיט מיר מכּוח דעם, ער האָט זיך אָבער שטאַרק טועה געווען, און מחמת ער איז מיינער אַ גוטער פריינד, וויל איך ניט אָנשרייבן זיין טעות און אים מבזה זיין, וואָרעם ער איז אַ בן־קדושים". און ווייטער: „און איך האָב דאָס באַוויזן דעם רב אב"ד דק"ק בראָד און איך האָב אים געוויזן די דאָזיקע השגה (אין הלכות טריפות) און ער האָט צו מיינע רייד ניט מספּים געווען, אָבער איך קוק אויף אים ניט, וואָרעם זיין קאָפּ און זיין שכל איז קרום, און אַלע תלמידים זיינע ווייסן ניט אין קיין אָרט דעם פשוטן פשט, און מיינע תלמידים די געשאַרפטע ווייסן גאָט צו דאַנקען צו פאַרענטפערן קשיות און חומרות, וואָס ער ווייס ניט... און הגם ער איז אַ רב און איך אַ מלמד, פונדעסטוועגן איז מיין שכל קלאָר און זיין שכל קרום" אאַז"וו. אין דער זעלביקער הערה איז דער שרייבער מוסיף, אַז ער האָט שוין אויפגעקלערט די פראַגע אין זיין ספר „מיט גרויס חריפות און עמקות". דערפון איז געדרונגען, אַז ער איז געווען אַ געניטער תלמודיסט און האָט געהאַט אַ שם צווישן די לערנערס.

שיקט צו די אַנדערע קהילות, און צווישן דער שיקונג פון די אָפּשריפטן פון די „בין השיטין“, וואָס זיינען באַשטעטיקט גע־וואָרן דורך די חתימות פון דעם „בית־דין־צדק“ אין שקלאָוו אין שבט און אין אָדר דאָס זעלביקע יאָר[1]. געווים האָבן די כתבים פון דעם „מין“ זיך געפונען ביי די שקלאָווער רבנים אין די הענט שוין פריער, און זיי האָבן דאָס זיי באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן די תקנות קעגן די חסידים, און דערנאָך האָבן זיי אַוועקגעשיקט די אָפּשריפטן פון די כתבים קיין ווילנע, כדי צו פאַרענטפערן זייערע מעשים פאַרן אייבערשטן בית־דין פון ר' אליהו גאון.

אין די ווייטערדיקע יאָרן, צווישן 1788 און 1795, איז דאָס פייער פון דער מחלוקת אין רייסן פאַרשטיקט געוואָרן און האָט ניט אויפגעפלאַקערט צו אַ גרויסן פלאַם, אָבער אין די קהילות גופא האָבן די קריגערייען פון די צדדים ניט אויפגעהערט. אין אַ סך משפחות האָבן זיך געקריגט די טאַטעס מיט די זין, וואָרעם אַ סך יונגע מענטשן „זיינען אַריינגעפאַלן אין נעץ פון חסידות“ און פלעגן פאָרן קיין ליאָזנע הערן תורה פון דעם רבס מויל. די נייקייט פון דער חסידישער באַוועגונג און די שטרעבונג אַריינ־צובריינגען אַ לעבעדיקן גייסט אין די פאַרטריקנטע ביינער פון דער רבנות — זיי האָבן דאָס געצויגן די אמת־זוכערס צו יענעם וווּנדערלעכן מאַן, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו פאַראייניקן אין איין גאַס די רבנות מיט דער חסידות, און דורך דעם האָט ער גרינגער געמאַכט פאַר די „גרים“ אַריינצוגיין אין לאַגער פון די חסידים.

אין יענער צייט איז ר' שניאור זלמן געזעסן על התורה ועל העבודה: געזאָגט תורה פאַר מאַסע יידן וואָס זיינען געקומען צו אים, צונויפגעשטעלט זיין „שולחן ערוך“, און ועל כולם — געשריבן אַ ספר וואָס איז כולל אַ גאַנצע נייע שיטה אין חסידות — דעם ספר „תניא“, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די יאָרן 1790 און 1797.

---

1 די אָפּשריפט פון די הערות צום טור יורה דעה איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די חתימות פון בית־דין און געחתמעט זונטאָג ט"ז שבט תקמ"ז; צום טור אורח חיים — כ"ג שבט תקמ"ז, און צום טור אבן עזר — כ"א אדר תקמ"ז. צום סוף פון דער לעצטער אָפּשריפט איז צוגעשריבן „כל התועבות האלו נכתבו בגליון בכ"י רשע ובליעל, ושמו ליב מלמד, שם רשעים ירקב וכל הנ"ל הועתק אות באות מגוף הכתב של הרשע הנ"ל" אאַז"וו. די נעמען פון די געחתמעטע דיינים זיינען: שמואל בר' אריה לייב, אהרן בר' יעקב, יעקב בר' ירחמיאל.

§ 35. דער „תניא“ און די פילאָסאָפיע פון חסידות

דער „תניא“ און זיין באַזונדער פאָרם. — ער ווערט פארעפנטלעכט אין דרוק אין יאָר תקנ״ז, נאָכדעם ווי ער איז פארשפרייט געווארן אין אָפשריפטן. — די טיילן פון ספר. — די לערנונג וועגן דער באַשאַפונג און דער גאָטהייט אין דעם טייל „שער היחוד והאמונה“: רעליגיעזער פּאַנטעיִזם אַנטקעגן דער שיטה פון שפינאָזע און פון די דעיִסטן; אַן אָפּקלאַנג פון דער פילאָסאָפיע וואס האלט, אַז מען קאָן ניט באַנעמען די זאַכן ווי זיי זיינען פאר זיך און דער רעליגיעזער באַשייד פון דער וועלט־רעטעניש. — „ספר של בינונים“: פסיכאָלאָגיע און עטיק. — די בהמהשע נשמה און די געטלעכע נשמה. — דער יסוד פון דער געטלעכער נשמה איז דער שכל אין דריי בחינות: חכמה, בינה, דעת. די בהמהשע נשמה און איר יניקה פון דער וועלט אומריינע און ריינע קליפות; דער אונטערשייד צווישן יידן און אַנדערע פעלקער. — דער ראַציאָנאַליזם און די תורה־קאָנטשעפּט אין דער שיטה פון „תניא“.—דער עקסטאַז וואָס קוואַלט צרויס פון פארטיפטן דענקען. — פארבאָט פון „חכמות חיצוניות“, וואָס זיינען מטמא די געטלעכע נשמה. — דער יאָך פון תורה און דער יאָך פון מצוות. — קעגן אַסקעטיזם און עצבות; דאָס אויפהייבן די מחשבות זרות צו זייער שורש. — די וויכטיקסטע אויסבעסערונג: די אָפּשאַפונג פון דעם גלויבן אין צדיקים אין זיין עקסטרעמער פאָרם; ר׳ שניאור זלמנס בריוו צו זיינע אָנהענגער. — די שיטה פון חב״ד אין דער קרייז־באַוועגונג פון חסידיזם. — ערב דער דריטער מחלוקת.

אַז מיר גייען איבער פון די „חיבורים“ פון די ערשטע לערערס פון חסידות צום ספר „תניא“, נעמט אונדז אַרום אַ באַזונדער געפיל, אַזוי ווי מיר וואָלטן איבערגעגאַנגען פון אַ פינסטערן צימער אין אַ צימער וואָס איז אַ ביסל באַלויכטן. אין יענע חיבורים טאַפּט דער פאָרשער אין דער פינסטער, כּדי צו געפינען אַ וועג אין דער פלאָנטערניש פון אָפגעריסענע ווערטלעך אָדער לאַנגע דרשות, און פון דעם אַלעמען בויט ער אויף אַ סיסטעם וואָס איז געווען אין דעם מחברס געדאַנק, אָבער די איז אין זיין ספר נימאָ (אָפטמאָלס האָט גאָר אַן אַנדערער געשריבן פאַר אים דעם ספר). דאָ אָבער האָבן מיר, אויב ניט קיין סיסטעם גופא, איז דאָך אַ מאַטעריאַל געאָרדנט און צוגעגרייט פאַר אַ סיסטעם: ניט קיין פילפולדיקע און געפלאָנטערטע דרשות און ניט קיין ברעק־

לעך געדאַנקען, נאָר קלאָרע טעזיסן, ווי ווייט דאָס איז מיגלעך אין אַ מיסטישער שיטה, און דעם פאָרשער בלייבט איבעריק נאָר אַריינצושמועלן די ווי רינגען אין דער קייט פון אַ סיסטעם: דער ספר „תניא“ איז אין דעם פרט איינציק אין זיין מין. דאָס איז אַ מין „מורה נבוכים“ פון חסידות, אַן ערשטער פרוּוו פון אַ פי־לאָסאָפיע אין דעם ווינקל, ווי עס האָט אַפילו אַ שטויבעלע פון פילאָסאָפיע ניט געטאָרט פאַלן.

אָנהייב יאָר תקנ"ז (סוף 1796) איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם וואָלינער שטעטל סלאַוויטע אַ קליינער ספר מיטן נאָמען: „תניא: ליקוטי אמרים“. דער נאָמען פון מחבר איז אויפן שער פון ספר ניט דערמאָנט. און אַפילו אין די הסכמות וואָס זיינען געדרוקט אויף יענער זייט בלאַט ווערט דער מחבר אָנגערופן נאָר מיט זיינע טיטלען: „גאון איש אלהי קדוש וטהור, חסיד ועניו“. משמעות, אַז ר' שניאור זלמן האָט געהאַט מורא פאַר ביזגינער און האָט זיין נאָמען אויסבאַהאַלטן. אָבער דער סוד איז געווען באַוואוסט אין דער וועלט, וואָרעם נאָך איידער דער ספר איז געווען אָפּגעדרוקט, זיינען שוין געווען קונטרסים פון אים פאַרשפרייט אין כתב־יד. דער באַרימטער צדיק משולם זוסי אַניפּאָלער, דעם מחברס אַ חבר פון מעזעריטשער בית־מדרש, שרייבט אין זיין הסכמה פון יאָר תקנ"ו: [דעם מחברס] „ווילן איז געווען ניט צו ברענגען די דאָזיקע כתבים צום דרוק, מחמת זיין שטייגער איז ניט אַזוי, נאָר ווייל די קונטרסים האָבן זיך פאַרשפרייט צווישן יידן אין פיל אָפּשריפטן פון די הענט פון פאַרשיידענע שרייבערס, און מחמת דער פילקייט פון די פאַרשיידענע אָפּשריפטן זיינען געוואָרן זייער אַ סך שרייבער־גרייזן, דעריבער [איז דער מחבר] געצוווּנגען גע־וואָרן צו ברענגען די דאָזיקע קונטרסים צום דרוק“.

אין דעם ערשטן דרוק איז דער ספר איינגעטיילט אין צוויי טיילן: „ספר של בינונים“ און „שער היחוד והאמונה“ אָדער „חינוך קטן“. דער ספר איז פאַרשפרייט געוואָרן אין רוסלאַנד, אָבער אין דער עסטרייכישער גאַליציע האָט מען אים ניט געקאָנט קריגן, ווייל דורך דער השפעה פון די משכילים פון דעם באַוואוסטן האָמבערגס קרייז האָט די רעגירונג געהאַט פאַרבאָטן אַריינצופירן חסידישע ספרים פון רוסלאַנד קיין עסטרייך. דעריבער האָבן די גאַליציאַנער חסידים

זיך געקליגט און האָבן איבערגעדרוקט דעם ספר אין זשאָלקווע אין יאָר תקנ״ט. אין יאָר תקס״ו האָט דער מחבר אָפּגעדרוקט זיין ספר נאָך אַמאָל אין שקלאָוו און האָט צו אים צוגעגעבן אַ דריטן טייל, מיטן נאָמען „אגרת התשובה“. נאָך זיין טויט איז דער „תניא“ ווידער אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט אַ נייער הוספה: „אגרת הקודש“ — אויסגעקליבענע שטיקער פון די בריוו פון ר׳ שניאור זלמן צו זיינע אָנהענגער אין די ענינים פון חסידות (שקלאָוו, 1814).

די גרונט־תורה ר׳ שניאור זלמנס איז אויסגעשטעלט אין די צוויי ערשטע טיילן פון „תניא“. מער ניט וואָס לויט זייער אינהאַלט באַדאַרף דער פאָרשער איבערבייטן דעם סדר: דער צווייטער און דער קירצערער טייל (12 קליינע פרקים), וואָס הייסט „שער היחוד והאמונה“, איז דער מעטאַפיזישער פונדאַמענט פון דער גאַנצער סיסטעם, די טעאָריע פון דער שאַפונג און פון דער גאָטהייט, איר קאָסמאָגאָניע און טעאָסאָפיע. און דער ערשטער גרעסערער טייל (53 פרקים), וואָס הייסט „ספר של בינונים“, נעמט אַריין די פסיכאָלאָגיע און די עטיק פון חסידות. לויט אָט דעם סדר ווילן מיר פרווון פירצוטראָגן דעם תמצית פון דער שיטה, וואָס איז אין אַ שפּעטערער צייט געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען די שיטה פון חב״ד (חכמה, בינה, דעת).

דער רעליגיעזער פאַנטעיזם וואָס איז אין די ווערטלעך פון בעש״ט און אין די דרשות פון גרויסן מגיד געווען איינגעהילט אין וואָלקנס פון משלים און רמזים, באַקומט אין דער תורה פון ר׳ שניאור זלמן אַ קלאָרערע געשטאַלט. די גאַנצע וועלט איז געשאַפן דורך גאָטס וואָרט, און גאָטס וואָרט איז דער לעבנס־גרונט פון יעטווידער באַשעפעניש ניט נאָר בעת איר ווערן, נייערט אויך די גאַנצע צייט פון איר עקסיסטענץ. און דערויף זאָגט דער פסוק (תהלים קי״ט, 89): לעולם ה׳ דברך נצב בשמים (אויף אייביק בלייבט דיין וואָרט באַשטיין אין הימל): דעם באַשעפערס וואָרט בלייבט שטענדיק אין דעם באַשאַף. מען דאַרף ניט לייענען: „אתה מחיה את כולם“ (נחמיה ט׳, 6: דו באַלעבסט אַלצדינג), נאָר: אַתה מהוה את כולם, דו גיסט אַלעמען דאָס זיין, וואָרעם גאָט גיט דאָס זיין (הויה) צו יעדער באַשעפעניש אין יעדער צייט, און אויב אָט דער כוח הפועל וואָלט אַוועק פון דעם נפעל וואָלט

ער געוואָרן צו ניט=זיין (אַין)[1]. און פון דאַנען איז געדרונגען „אַן ענטפער די אַפיקורסים און אַן אַנטפלעקונג פון דעם טעות פון די וואָס לייקענען אין השגחה פרטית... וואָס זיי גלייכן צו די מעשים פון גאָט דעם באַשעפער פון הימל און ערד צו דער טועכץ פון אַ מענטשן און זיינע אויסטראַכטענישן. וואָרעם ווען אַ כלי גייט אַרויס פון דעם מייסטערס האַנט, דאַרף שוין מער די כלי צום מייסטער ניט אָנקומען... פאַרשטאָפט זיינען זייערע אויגן פון צו זען דעם אונטערשייד צווישן דער טועכץ פון מענטשן, וואָס זי איז יש מיש, און ער פאַרענדערט מער ניט די פאָרם פון אַ שטיק זילבער צו דער געשטאַלט פון אַ כלי, און צווישן דער באַשאַפונג פון הימל און ערד וואָס זי איז אַ יש מאַין"[2]. אָט דאָ איז דער שטריך וואָס שיידט אָפּ צווישן דעם רעליגיעזן און דעם פילאָסאָפישן פאַנטעיזם, אַ שאַרפער שטריך, וואָס באַשטימט אַ גרענעץ ניט אַריבערצוטרעטן. עס איז שווער צו באַהויפּטן, אַז מיט זיינע ווערטער „אַן ענטפער די אַפיקורסים" איז דער מחבר אויסן געווען דירעקט די שיטה פון שפּינאָזע, וואָרעם מיר האָבן דאָך ניט קיין קלאָרן באַווייז, אַז ער האָט געוווּסט אָדער געהערט וועגן איר מהות; געוויס זיינען אויך צו אים ניט דער־גאַנגען די ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן אין דער אייראָפּעישער וועלט אין 18טן י"ה, די מיינונגען פון די דעיסטן און ראַציאָנאַליסטן, — אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט געהאַט אין זינען די מיינונגען פון די פרייַדענקערס פון די עלטסטע דורות ביז די לעצטע.

אַן אָפּקלאַנג פון פילאָסאָפיע (אָן דעם אַז דער מחבר זאָל זיין באַוווּסט, אַז ער פילאָסאָפירט חלילה) הערן מיר אין דריטן פרק פון דעם „שער היחוד והאמונה". עס איז כדאי צו ברענגען דאָ בקיצור די ווערטער פון דעם רבי אין דעם דאָזיקן פרק, מחמת דאָס איז דער תמצית פון זיין מעטאַפיזישער סיסטעם.

„אַלץ וואָס איז געשאַפן און איז פאַראַן (כל נברא ויש) איז אין דער אמתן גערעכנט פאַר ממש גאָרנישט און נישט (אין ואפס) לגבי דעם ווירקנדיקן כוח וואָס אין דעם באַווירקטן (כוח הפועל שבנפעל), וואָס ער גיט אים תמיד זיין און ברענגט אים אַרויס

1 תניא, חלק שני: שער היחוד והאמונה, פרק א און ב'.

2 דאָרט, פרק ב'.

פֿון אַן צו יש. און דאָס וואָס אַלץ געשאַפֿענע און באַווירקטע דוכט זיך אונדז אויס ווי אַ יש און אַ ממשות, איז דאָס דערפֿאַר וואָס מיר זיינען ניט משיג און מיר זעען ניט מיט אויגן פֿון פֿלייש גאָטס כוח און דעם גייסט פֿון זיין מויל וואָס געפֿינט זיך אין דעם באַשאַף; אָבער אויב עס וואָלט געגעבן געוואָרן רשות דעם אויג צו זען און צו באַנעמען דאָס חיות און די רוחניות וואָס אין גאַנצן באַשאַף, וואָס קוואַלט אין אים אַרויס פֿון גאָטס וואָרט (ממוצא פי ה׳), וואָלט די גשמיות פֿון דעם באַשאַף און זיין חומר און זיין ממש גאָר ניט געזען געוואָרן פֿאַר אונדזערע אויגן, וואָרעם ער איז בטל (בטל במציאות) אַנטקעגן דעם חיות און דער רוחניות וואָס איז אין אים... און דער משל דערצו איז די ליכטיקייט פֿון דער זון וואָס לייכט פֿאַר דער ערד און פֿאַר אירע איינוווינער, וואָס זי איז אַ שיַין און אַ ליכטיקייט וואָס שפּרייט זיך אויס פֿון דער זון גופֿא (גוף בשמש) און זי ווערט געזען פֿאַר אַלעמענס אויגן ווי זי לייכט אויף דער ערד און אין דעם חלל פֿון דער וועלט; און אָט די דאָזיקע ליכטיקייט און שיַין איז פֿאַראַן אויך אין דעם גוף און דעם חומר פֿון דעם זון־קיילעך גופֿא וואָס אין הימל, מער ניט וואָס אין איר אָרט (אין איר מקור) ווערט די דאָזיקע שיַין גערעכנט פֿאַר נישט און גאָרנישט, וואָרעם זי ווערט בטל אַנטקעגן דעם גוף פֿון דעם זון־קיילעך, און נאָר אין דעם וועלט־חלל זעט זי אויס ווי אַ ממשותדיקער יש. און אַזוי זיינען אויך אַלע באַשעפֿענישן לגבי דער געטלעכער שפֿע, וואָס קוואַלט אַרויס און פֿאַרקערפּערט זיך אין זיי (מתלבש בתוכם) און ברענגט זיי אַרויס פֿון ניט־זיין צו זיין, און דערפֿאַר ווערן זיי בטל לגבי זייער מקור, מער ניט וואָס פֿאַר אונדזערע אויגן פֿון פֿלייש זעט זיך אָן די גשמיות פֿון די געשאַפֿענע זאַכן און זייער חומר“[1].

ר׳ שניאור זלמן האָט ניט געוווּסט, אַז ער פֿילאָסאָפֿירט דאָ אין גייסט פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון 18טן י״ה, — פֿון בערקלי, יום און קאַנט, וואָס לויט זיי זיינען מיר משיג ניט די זאַך ווי זי איז פֿאַר זיך, נאָר ווי זי דערשיינט פֿאַר אונדזערע אויגן (פֿע־נאָמענאַליזם), דאָס הייסט, אַז איטלעכע זאַך איז דער באַשאַף פֿון אונדזער אויפֿנעם, און וועגן איר ווירקלעכער עקסיסטענץ ווייסן מיר

1 דאָרט, פּרק ג׳, בקיצור.

גאָרנישט. אויף דער פראַגע: ווו איז דער מקור פון דעם אמתן און אבסאָלוטן זיין? — האָבן די ראַציאָנאַליסטישע פילאָסאָפן גע־ענטפערט: מיר ווייסן ניט. און אונדזער פילאָסאָף האָט געפונען אַן אבסאָלוטן ענטפער: עס איז פאַראַן אַן ערשטער און איינציקער זייענ־דיקער, און אין אים זיינען נכלל אַלע געשאַפענע זאַכן. אַזוי דרשנט ער דעם פסוק (דברים ד׳ 39): וידעת היום והשבות אל לבבך כי יהוה הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד (און זאָלסט וויסן היינט און באַטראַכטן זיך אין דיין האַרצן, אַז יהוה איז דער גאָט אין הימל און אויף דער ערד אונטן, ניטאָ מער קיינער) — ניטאָ מער קיין זאַך אין דער ממשדיקער ווירקלעכ־קייט, וואָרעם אַלץ וואָס אונדזערע אויגן זעען, איז גאָרנישט און נישט מחוץ דער גאָטהייט[1]. ר׳ שניאור זלמן האָט אין גאַנצן פאַרזען דעם היסטאָרישן טייטש פון דעם פסוק: יהוה דער גאָט פון ישראל איז דער איינציקער אמתער גאָט, און אַלץ וואָס איז חוץ אים פאַראַן אין דער וועלט פון אָפּגעטעריי איז גאָרנישט מיט נישט. פאַרן ליאָזנער רבי איז קיין שום ספק ניט געווען דערין, אַז מיטן דאָזיקן פסוק האָט משה רבנו דווקא מכוון געווען זיין אויס־טייטש און האָט דערמיט אַוועקגעשטעלט אַן אייביקן פונדאַמענט אין דער לערנונג פון „יחוד און אמונה“.

דער „שער היחוד והאמונה“ איז געווען באַשטימט פאַר לייע־נער פון אַ העכערן גראַד, וואָס זיינען אין שטאַנד זיך צו פאַר־טיפן אין פראַגעס פון מעטאַפיזיק און תופס צו זיין אַבסטראַקטע באַגריפן. אַקעגן זשע איז דער ערשטער און דער גרעסערער טייל פון „תניא“, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פסיכאָלאָגיע און עטיק, באַ־שטימט פאַר מיטעלע מענטשן, וואָס זוכן אַ גלויבנס־וועג אין לעבן, ענטפערס אויף פראַקטישע פראַגעס אין דעם אויפפיר פון דעם מאמין. און אפשר דערפאַר האָט דער מחבר אָנגערופן דעם דאָזיקן טייל „ספר של בינונים“, חוץ דעם עטישן טעם פון דעם דאָזיקן נאָ־מען, ווי עס איז דערקלערט אין ערשטן פרק. „בינונים“ — מיטל־מענטשן — דאָס זיינען יענע מענטשן וואָס שטייען צווישן גאַנצע צדיקים און גאַנצע רשעים, וואָס אין זייער נשמה ראַנגלען זיך דער יצר טוב און דער יצר הרע. דער שורש פון ביידע יצרים

---

1 דאָרט, פרק ה׳; פאַרגל׳ ערשטער טייל, פרק כ׳ און מ״ח.

שמעקט אין דעם מענטשנס נשמה, וואָס באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: דער „בהמישער נשמה“ און דער „געטלעכער נשמה“[1]. „איטלעכער ייד פאַרמאָגט צוויי נשמות: איינע מצד דער קליפה און סיטרא אחרא (ניט מצד דער קדושה), און זי קליידט זיך דאָס אָן אין דעם מענטשנס בלוט צו באַלעבן דעם גוף, און פון איר קומען אַלע שלעכטע מידות, פון די פיר עלעמענטן אין איר[2], דהיינו: כעס און גאווה פון דעם עלעמענט פייער, דער גלוסט צו תענוגים פון עלעמענט וואַסער, הולטייסטווע און ליצנות און באַרימעריי און דברים בטלים פון דעם ווינט, פוילקייט און עצבות פון דעם עלעמענט ערד... און די צווייטע נשמה ביי יידן איז אַ געטלעכער טייל פון הימל (חלק אלוה ממעל), אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית, ב׳, 7: ער האָט אַריינגעבלאָזן אין זיין נאָז אַ גייסט פון לעבן)“. אין איטלעכער יידישער נשמה איז פאַראַן אַ געטלעכער טייל אין פאַרשיידענע מדרגות: „פאַראַן צענער טויזנטער פאַרשיידענע מדרגות (רבבות חילוקי מדרגות) אין נשמות, העכער איבער הויך אָן אַ סוף... און אין איטלעכן דור זיינען פאַראַן ראשים פון ישראל (ראשי אלפי ישראל), וואָס זייערע נשמות זיינען אין דער בחינה פון קאָפּ און מוח לגבי די נשמות פון דעם המון עם“[3].

דער יסוד פון דער געטלעכער נשמה איז דער שכל אין זיינע דריי מאָסן: חכמה, בינה, דעת. דער מחבר אונטערשיידט ניט גענוי צווישן די דאָזיקע מאָסן. אָבער מען קאָן אָנ-

1 אין ספר של בינונים, פרק א׳, דערמאָנט דער מחבר אַזאַ מין איינטיילונג פון ר׳ חיים וויטאַל אין זיין „שער הקדושה“ און „עץ חיים“: אַ נשמה מצד דער קליפה און אַ נשמה מצד דער גאָטהיים. אין „שער הקדושה“ (חלק א׳ שער ב׳) אונטערשיידט וויטאַל צווישן דער עלעמענטאַרער אָדער נאַטירלעכער נשמה — „נפש יסודית“ און דער „אינטעלעקטועלער נשמה“ — „נפש שכלית“. ר׳ שניאור זלמן באַנוצט צוערשט די טערמינען „קליפה“ און „אלהות“, אָבער דער נאָך גייט ער איבער צו אַ קלאָרערער איינטיילונג: בהמהשע נשמה און געטלעכע נשמה (תניא, חלק א, פרק א׳ — ז׳).

2 ווי באַוווסט האָבן די אַלטע געפונען אין דער נאַטור פיר עלעמענטן: פייער, לופט, וואַסער, ערד. פון דעם דאָזיקן פרינציפּ האָבן געהאַלטן אויך די יידישע חכמים, צווישן זיי אויך די מקובלים.

3 ספר של בינונים, פרק א׳.

נעמען, אַז בינה איז דער אַקטיווער שכל וואָס טראַכט זיך אַריין אין יעדער זאַך, דעת איז די באַנעמונג פון דער פנימיות אָדער דער געטלעכקייט פון איטלעכער זאַך (אויפן שטייגער פון „ודע את ה׳ אלהיך״), און חכמה איז דער אוצר פון די אַלע באַנעמונגען. פון אָט די דריי „מידות השכל״ ווינען געדרונגען זייערע עמאָציאָנעלע תולדות: די גאָט־ליבשאַפט און די גאָט־פאָרכטיקייט (אהבה און יראה), וואָס זייער פאַרווירקלעכונג איז אין מקיים זיין די תרי״ג (613) מצוות פון דער תורה, וואָס ווינען איינגעטיילט אין רמ״ח (248) מצוות עשה און שס״ה (365) מצוות לא תעשה. „די ליבשאַפט איז דער שורש פון אַלע רמ״ח מצוות עשה, וואָרעם דער וואָס איז זיי מקיים האָט ליב דעם אייבערשטן און וויל זיך באַהעפטן מיט אים מיט אַן אמת; און די יראה איז דער שורש פאַר די שס״ה לא תעשה, וואָרעם (דער גאָטספאָרכטיקער) האָט מורא מורד צו זיין קעגן דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״. צום מקיים זיין די מצוות קומט צו די קענטשאַפט פון דער תורה, וואָרעם דורך קענען די תורה און דורך משיג זיין זי קליידט זיך דעם מענטשנס נשמה אַן אין דעם באַשעפערס חכמה און אין זיין רצון. דאָ ווערן צונויפגעוועבט אין איין שטיק די דריי „לבושים״ פון דער געטלעכער נשמה: דער געדאַנק — דאָס אַריינטראַכטן זיך אין דעם געטלעכן שכל, וואָס איז אַנטפּלעקט און פאַרבאָרגן אין דער תורה, דאָס וואָרט — דאָס לערנען די געטלעכע רייד וואָס אין איר, דאָס טון — דאָס אָפּהיטן אַלע מצוות וואָס שטייען אין דער תורה[1].

כדאי מוסיף צו זיין, אַז דער מחבר גלייבט, אַז עס ווינען פאַראַן גוטע מידות אפילו אין דער בהמישער נשמה, וואָס זי איז די נעסט פון קליפות, דאָס הייסט די כוחות וואָס קומען ניט פון דער זייט פון געטלעכקייט, נייערט נאָר פון דער זייט פון דער גשמיות אָדער נאַטירלעכקייט. ער אונטערשיידט צווישן אומריינע און ריינע קליפות: פון די ערשטע קוואַלן אַרויס נידעריקע תאוות און שלעכטע מידות, און די לעצטע, וואָס ווינען אַריינגענומען אין דער קבלה אונטערן נאָמען „קליפות נוגה״, ווינען דער מקור פון די נוימבאַדערפעכישן פון גוף, וואָס אַליין פאַר זיך איז אין זיי ניטאָ

1 דאָרט, חלק א׳ פרק ד׳ און ח׳.

קיין אַבסאָלוט שלעכטס און זיי זיינען מסוגל צו אַ גייסטיקער דערהייבונג, ווען זיי ווערן געפירט דורכן שכל אָדער דורך דער תורה. און דאָ איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן יידן און אַנדערע פעלקער: די וויטאַלע אָדער בהמישע נשמה אין איטלעכן יידן שעפּט איר יניקה פון די ריינע קליפות, וואָס אין זיי איז פאַראַן אַן אויסגעמיש פון שלעכטס און גוטס, און דערפאַר ליגן אין דער נאַטור פון אַ יידן די מידות פון רחמנות און גמילות חסד, אָבער די נשמות פון די אַנדערע פעלקער ציען זיך פון די אומריינע קליפות, וואָס אין זיי איז קיין גוטס גאָר ניטאָ[1]. אָט דער האַרבער גזר דין, וואָס אַ היינטיקער ייד וועט אים ניט אָננעמען, וואָלט געקאָנט שפּעטער אָנטון אַ גרויסע צרה דעם רבֿ, דעמאָלט ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן לויט דער מסירה פון די מתנגדים, אָבער צו זיין גליק האָבן זיינע באַשולדיקער דערויף קיין אַכט ניט געלייגט און האָבן אָנגענומען דעם תירוץ, אַז ער האָט דאָס געמיינט די געצנדינער.

די פאַרשטאַרקונג פון שכל איבער דעם געפיל אָדער די „הערשאַפט פון מוח איבערן האַרץ“ („שליטות המוח על הלב“) — דאָס איז דער געוונטשענער ציל אין דעם קאַמף צווישן דער געטלעכער און דער בהמישער נשמה. „דער זיץ־אָרט פון דער בהמהשער נשמה וואָס פון דער קליפה נוגה איז ביי איטלעכן יידן אין האַרץ וואָס איז פול בלוט, ווי עס שטייט געשריבן: דאָס בלוט איז דער נפש (דברים, י״ב, 23)... אָבער דער זיץ־אָרט פון דער געטלעכער נשמה איז אין מוח פון קאָפּ. ביידע נשמות פירן מלחמה צווישן אַנאַנד אין זייער שטרעבונג צו הערשן איבערן גוף און אַלע זיינע אברים. און אָט אַז דער מענטש שטאַרקט זיין געטלעכע נשמה און פירט מלחמה מיט זיין בהמהשער נשמה, ביז ער טרייבט אַרויס און פאַרטיליקט דאָס שלעכטס אין איר, ווערט ער אָנגערופן צדיק, און אויב זיין ניצחון איז ניט פול, ווערט ער אָנגערופן בינוני, און אַז די בהמהשע נשמה איז מנצח, ווערט ער אָנגערופן רשע“[2].

---

1 דאָרט, פרק ו׳ צום סוף און אויך פרק א׳ צום סוף. אין די דרוקן וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער צענזור זיינען אַרויסגעוואָרפן די ווערטער „אומות העולם“ און אָנשטאָט דעם שטייען „אומות עובדי גילולים“, וכדומה.

2 דאָרט, פרק ט׳ — י״ב.

די הערשאַפט פון דעם שכל אין זיינע דריי דערמאָנטע מאָסן (חכמה — בינה — דעת) דאָס איז דער ציל פון דעם העכערן מענטשן. דאָס איז ניט דער שכל פון די ראַציאָנאַליסטן פון רמב"מס חדר, וואָס פאָרשט און שיידט אָפּ צווישן דעם עיקר פון גלויבן און דעם טפל, נאָר אַ שכל וואָס איז אונטערטעניק צו אַלץ וואָס איז אָנגענומען אין דער אמונה און וואָס איז מחויב אַריינצוברענגען אַ העכערע כוונה אין אַלע מצוות פון דער תורה. די תורה־קענטשאַפט פאַרנעמט ווידער אין ר' שניאור זלמנס סיסטעם פון חסידות יענעם חשובן אָרט, וואָס זי האָט אָנגעוואָרן אין דער שיטה פון בעש"ט. „דאָס לערנען תורה איז שקול אַנטקעגן אַלע מצוות, ווארעם די מצוות זיינען נאָר לבושים (פאַרן אייבערשטנס רצון) און די תורה איז אי שפּייז אי אַ לבוש פאַר דער שכלדיקער נשמה, וואָס זי קליידט זיך אָן אין אים דורך איר פאַרטיפן זיך אין לערנען". דער וואָס איז מקיים אַ מצווה, אָדער איז עוסק אין תורה ווערט אַ „מרכבה פאַרן אייבערשטן רצון", וואָס איז אַנטפּלעקט אין דעם דאָזיקן געבאָט אָדער אין די ווערטער פון דער תורה. אַפילו אין די הלכות פון תלמוד אַנטפּלעקט זיך דער זעלביקער רצון, וואָרעם „אַלע הלכות זיינען אינעווייניקסטע ציונגען פון דעם אויבערשטן ווילן, וואָרעם דאָס איז געווען זיין ווילן יתברך אַז די זאַך איז מותר צי כשר, פּטור צי זכאי אָדער פאַרקערט". און אין דעם זינען איז דאָס געזאָגט געוואָרן „אורייתא וקודשא בריך הוא כולא חד" — די תורה פאַרקניפּט דעם מענטשן מיט גאָט. און אַזוי דאַרף מען אויך אויסטייטשן דעם מאמר פון תלמוד: „משחרב בית המקדש אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה" (זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט הקדוש ברוך הוא אין זיין וועלט ניט מער ווי די ד' אמות פון דער הלכה". און דער מחבר דערגייט צו אַ מסקנא וואָס איז פרעמד אין דער חסידישער תורה, אַז „די מעלה פון דעם וואָס לערנט די תורה איז גרעסער ווי פון אַלע מצוות, און אַפילו ווי פון דער תפילה, וואָס זי איז דער יחוד פון אייבערשטע וועלטן"[1]. דורך לערנען די תורה דערגרייכט דער מענטש צו דער מדרגה פון „דחילו ורחימו שכליים" („פאָרכטיקייט און ליבשאַפט דורך שכל"), וואָס זי איז העכער

1 דאָרט, פרק ה' צום סוף, כ"ג, נ"ב, נ"ג און נאָך.

פאַר דער מדרגה פון „דחילו ורחימו טבעיים": די ליבשאַפט צום בורא און יראת השם דורך דערקענען זיין רצון אין דער תורה זיינען מער ווערט פאַר יענער ליבשאַפט און פאָרכטיקייט וואָס שטאַמען אַרויס פון האַרצנס-געפיל, פון דער נאַטור פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס ציט זיך צו איר מקור[1].

אַזוי אַרום שטייט דער פּרינציפּ פון ט ר אַ כ ט ן אין ר' שניאור זלמנס סיסטעם אויף אַ העכערער מדרגה, ווי דער פּרינציפּ פון ע ק ס ט אַ ז, דער זייל פון תורה דערהייבט זיך איבער דעם זייל פון תפילה. „התבוננות איז העכער פון התפעלות" — אין דעם איז זיין שיטה אָפּגעטראָטן פון דעם וועג פון בעש"ט און פון זיינע דרומדיקע יורשים. דאָס האָט קלאָר פאָרמולירט דעם בעל-התניאס זון[2]: „מיין אַריינפיר דאַרף באַלייכטן דעם ענין פון די גרונט-אונטערשיידן (חלוקי הכללות) צווישן די אַלטע דרכים פון חסידות און צווישן די דרכים פון חסידות וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט מיין האַר מיין פאָטער און מיין לערער זכרונו לברכה... ניט איין מאָל און ניט צוויי האָב איך געהערט פון זיין מויל, אַז זיין עיקר שטרעבן און מיען זיך מיט מסירת נפש פאַר אונדזערע אנשי שלומנו [איז געווען] נאָר אַז ער זאָל איינפעסטיקן אין זייער נשמה די אַנטפּלעקונג פון דער גאָטהייט, דהיינו, אַז די התפעלות פון זייער נשמה זאָל זיין דווקא אַ ג ע ט ל ע כ ע ה ת פ ע ל ו ת און נ י ט ק י י ן ה ת פ ע ל ו ת פ ו ן ד ע ם ג ו ף-ל ע ב ן... און דאָס איז דער אונטערשייד פון די וואָס דינען צו גאָט מיט זייער נשמה ביז יענע וואָס דינען צו גאָט מיט זייער גוף"... און ווייטער דערקלערט דער מחבר, אַז ער האָט אין זינען דעם „רוב המון", וואָס זיין „אויסווייניקסטע התפעלות אין דאַוונען" נעמט זיך פון אַ „פאַלשן דמיון און פון אַן אויסווייניקסטן געשריי פון אַ פליישיקן האַרצן, אָן ליכטיקייט און אינעווייניקסטן חיות", ניט פון „געטלעכער התבוננות". און הגם דער עולם רופט אויך דאָס אָן דבקות אָדער התלהבות, אָבער דאָס איז לחלוטין אַ פאַלשע דבקות".

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די ש י ט ה פ ו ן ח ב"ד, וואָס

---

1 דאָרט, פרק ט"ז, מ"ד, נ' און נאָך.

2 קונטרס ההתפעלות לר' דוב בער בר' שניאור זלמן. תקפ"ח (אָן דרוק-אָרט), דף ב'.

האָט אָוועקגעשטעלט פאַרן יסוד פון גלויבן דעם שכל פון דער געטלעכער נשמה און זיינע דריי בחינות: חכמה, בינה, דעת. דער געטלעכער שכל איז אָנגעקליידט אין תורה און מצוות[1]. און וואָס איז מחוץ פון דעם קומט דאָס אַלץ פון דער קליפה, פון דער סיטרא אחרא. דער מענטשלעכער שכל וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די ווּיסנשאַפטן, אין די חכמות חיצוניות, שטאַמט פון אַן אומריינעם מקור און פאַראומרייניקט דעם געטלעכן שכל אין דעם מענטשנס נשמה. „דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט די חכמות פון די אומות העולם, דער זינדיקט מיטן חטא פון דברים בטלים און פון ביטול־תורה. די טומאה פון די חכמות חיצוניות איז נאָך גרעסער פאַר דער טומאה פון דברים בטלים, ווייל די זיינען מטמא נאָר די בהמהשע נשמה, בעת די חכמות חיצוניות „זיינען מטמא די בחינות חכמה בינה דעת וואָס אין דער געטלעכער נשמה“. פאַרנעמען זיך מיט חכמות חיצוניות מעג מען נאָר לשם פּרנסה, אָדער אויף צו העלפן דערמיט דער עבודת הבורא און דער תורה, ווי עס האָבן געטאָן דער רמב״ם, דער רמב״ן און זייער גלייכן[2].

דער בעש״ט האָט גרינגער געמאַכט דעם „עול התורה“, אַראָפּגעזעצט דעם ווערט פון לומדות, און ר׳ שניאור זלמן האָט צוריק אָוועקגעזעצט אויף דעם בכבודיקן אָרט דעם למדן. און ניט נאָר דאָס, ער האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם עול פון מצוות דורך זיין נטיה צו חומרות: ער פאַרלאַנגט, עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן אַלע דינים און מנהגים לויטן לעצטן וואָרט פון די מפרשים פון „שולחן ערוך“, וואָס ער איז אויך געווען איינער פון זיי. מיר האָבן שוין געזען, אַז לויט זיין גאַנג אַנטפּלעקט זיך דער רצון פון בורא אין אַלע מצוות פון יידישקייט, די געבאָטן און די פאַרבאָטן (עשה און לא תעשה), און אַפילו אין די גרינגסטע פון זיי, אין איטלעכן איסור פון די רבנים; און פּונקט ווי דער וואָס איז מקיים אַ מצוות עשה איז מצרף זיין ווילן צום אויבערשטן רצון, אַזוי איז אויך דער וואָס איז עובר אויף אַ מצווה פון דער תורה אָדער פון די רבנן אַ ווידערשפּעניקער קעגן דעם אייבערשטנס רצון, אַ מורד קעגן מלכות שמים און איז ווערט האַרבע

---

1 תניא, חלק א, פרק נ״ב.

2 דאָרט, פרק ח׳.

שטראָפֿן. און דערפֿאַר דאַרף דער מענטש זיין אָפּגעהיט אין אַ גרינגער מצוה פּונקט ווי אין אַ האַרבער, „ניט אָפּצוטרעטן אַפֿילו אין דער קלענסטער עבירה פֿון דברי סופרים, זיך מיען אין תורה, תפֿילה און עבֿודת הבורא", — און אַזוי כסדר לויטן גאַנג פֿון די בעלי-מוסר פֿון דעם אר"יס תלמידים[1].

דער בעל התניא גייט אָבער ניט אַריבער דעם גרענעץ צווישן דער פּראַקטישער קבלה און דער חסידות אין פּרט פֿון אַ ס ק ע ט י ז ם און ע צ ב ו ת. וועגן אַסקעטיזם זאָגט ער[2]: „אין אונדזערע דורות איז ניטאָ קיין מיגלעכקייט צו פֿאַסטן אַזוי פֿיל תעניתים ווי עס שטייט אין די תיקוני תשובה פֿון דעם אר"י ז"ל אויף אָפּצורייניקן די נשמה [פֿון זינד און עבֿרות], כדי צו ראַטעווען זי פֿון דער רייניקונג אין גיהנום", און גלייכער איז, אַז דער מענטש זאָל תשובה טון אין האַרצן דורך תפֿילה און פֿולער חרטה. אין פּרט פֿון עצבֿות שטייט ער צווישן די צוויי עקסטרעמען: מען דאַרף זיך דערווייטערן פֿון עצבֿות, וואָס שטאַמט פֿון די דאגות פֿון דער וועלט און וואָס פֿאַרשטאָפּט דאָס האַרץ אַזוי, אַז מען קאָן ניט דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה און דבֿקות; אָבער פֿון דער אַנ-דער זייט טאָר מען ניט באַנוצן קערפּערלעכע מיטלען אויף צו דערקוויקן די נשמה, מאַכן משונהדיקע תנועות אין דאַווענען וכדומה אַזעלכע זאַכן.

אַן אויסבעסערונג האָט ר' שניאור זלמן אַריינגעטראָגן אין דער טעאָריע פֿון חסידות בנוגע דעם ענין פֿון „אַרויפֿברענגען די מ ח ש ב ו ת ז ר ו ת צו זייער שורש", וואָס דאָס האָט געבראַכט צו ווילדע מעשים צווישן חסידים און אין דער הנהגה פֿון די צדיקים. ר' שניאור זלמן פֿאַרנעמט זיך ניט מיט דער פֿראַגע פֿון „אַרויפֿברענגען די ניצוצות" און זעט אין אַ סכנה דערין, וואָס דער מענטש פֿאַרטיפֿט זיך אין זינדיקע געדאַנקען, כדי אַרויסצוציען די קדושה פֿון דער טומאה, די גייסטיקע גלוסטונג פֿון דער קערפּערלעכער. אויב עס קומען צום מענטשן שלעכטע מחשבֿות, אַשטייגער הרהורים פֿון ניאוף סיי בהיתר און סיי באיסור, דאַרף ער זיך גובֿר זיין איבער זיי „און אָפּווענדן זיין געדאַנק פֿון זיי, כדי מקיים צו זיין וואָס

1 דאָרט, פּרק כ"ד, כ"ה.

2 דאָרט, אין אגרת התשובה פּרק י"ב; ז' נאָך פּרק ב', כ"ו.

עס שטייט געשריבן: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם (במדבר ט״ו 39: און איר זאָלט ניט נאָכגיין נאָך אייער האַרץ און נאָך אייערע אויגן, וואָס איר ציט זיך נאָך זיי). און אַפֿילו ווען עס פֿאַלן אים אַריין הרהורים פֿון תאווה און אַנדערע מחשבות זרות בעת דער עבודה, ביים לערנען אָדער דאַווענען, זאָל ער אויף זיי קיין אַכט ניט געבן, נייערט ער זאָל באַלד זיך אַרויסשלאָגן זיי פֿון זינען. *און ער זאָל אויך ניט זיין קיין שוטה צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער אַרויספֿברענגונג פֿון די מידות פֿון דער מחשבה זרה, ווי דאָס איז באַוווסט*, וואָרעם די דאָזיקע רייד [פֿון דעם בעש״ט און פֿון זיינע תלמידים] זיינען גערעדט געוואָרן נאָר אויף צדיקים, וואָס זיי פֿאַלן ניט איין קיין אייגענע מחשבות זרות, נייערט נאָר פֿרעמדע“[1]. פֿון דאַנען איז אַן ענטפֿער יענעם פֿאַרשייטן חסיד פֿון בראָד, וואָס האָט אין זיינע הערות „בין השיטין“ צו די „טורים“ צעבראָכן דעם צאַם פֿון מאָראַל און געגעבן אַ געלעגנהייט די שקלאָווער מתנגדים צו פֿאַרמיאוסן פֿאַר דער וועלט די חסידים בכלל און זייער רייסישן מנהיג בפרט (אויבן, § 34).

די וויכטיקסטע אויסבעסערונג וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט אַריינגעטראָגן אין חסידות איז דאָס וואָס ער האָט אָפּגעשאַפֿט די עקסטרעמע פֿאָרם פֿון דער „אמונת צדיקים“. בעת ווען אין פּוילן און אוקראַינע זיינען די צדיקים געוואָרן די מעקלערס צווישן דעם אויבערשטן און דעם כלל מאמינים אין די ענינים פֿון „בני חיי ומזוני“, אין דער זעלביקער צייט ווען ר׳ אלימלך ליזענסקער, דעם בעש״טס אייניקל ברוך טולטשינער, דער קאָזשעניצער רבי און נאָך אַ סך אַנדערע האָבן גענומען „פּדיונות“ און פֿאַרקויפֿט „ברכות“ זייערע חסידים, האָבן באַוויזן מופֿתים, געהיילט קראַנקע און פּוקד געווען עקרות, האָט דער ליאָזנער צדיק אָנגעשריען אויף זיינע חסידים, וואָס האָבן געוואָלט אים אַראָפּזעצן צו דער מדרגה פֿון אַזאַ סרסור. אין איינעם פֿון זיינע בריוו צו זיינע אָנהענגער, וואָס ער פֿלעגט שיקן אויף זיי מדריך צו זיין אין וועג פֿון חסידות, הערן מיר רייד וואָס אַזעלכע האָבן מיר געהערט פֿריער נאָך פֿון זיין עלטערן חבר מענדל וויטעבסקער (אויבן, ב׳ I, § 21): „מיינע ליבע ברידער

---

1 תניא, חלק א׳, פּרק כ״ז און בפֿרט פּרק כ״ח.

און פריינד! אַן עבנע שטראָף פון פאַרבאָרגענער ליבשאַפט: לאָמיר זיך דורכריידן, דערמאָנט זיך אַמאָליקע צייטן, די פריערדיקע דורות. צי איז ווען אַזוינס געווען פון פאַרצייטן, און ווו האָט איר דאָס געפונען אַזאַ מנהג אין איינעם פון אַלע ספרים פון די חכמי ישראל, די ראשונים און די אחרונים, עס זאָל זיין אַ מנהג און אַ תיקון צו פרעגן אַן עצה, וואָס צו טון אין די ענינים פון דער גשמיותדיקער וועלט? אַפילו צו די גרעסטע חכמי ישראל, די ראשונים, אַ שטייגער די תנאים און אמוראים, וואָס קיין סוד איז פאַר זיי ניט געווען פאַרהוילן און עס זיינען פאַר זיי געווען אָפן די שטעגן פון הימל [פלעגט מען זיך ניט ווענדן צו פרעגן עצות], נייערט נאָר צו נביאים ממש, וואָס זיינען געווען אַמאָל ביי יידן, ווי שמואל הרואה, וואָס צו אים איז געגאַנגען שאול צו פרעגן וועגן די אייזעלינס וואָס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען ביי זיין פאָטער, וואָרעם באמת ווערן אַלע מענטשלעכע ענינים, חוץ דברי תורה און יראת שמים, אויפגענומען נאָר דורך נבואה“...

דער שרייבער פאַרענטפערט זיינע אנשי שלומו, וואָס מחמת „צער הגוף“ און דאגת פרנסה „קלאַפן זיי אָפּ זייערע פיס פון שטאָט צו שטאָט צו פרעגן עצות פון ווייטנס, און ווענדן זיך ניט צו גאָט אומצוקערן זיך צו אים מיט אַ געפאַלענעם געמיט און אונטערטעניקייט פון גוף, אָנצונעמען זיין שטראָף מיט ליבשאַפט, וואָרעם דעם וואָס גאָט האָט ליב יענעם שטראָפט ער“. אויב אַ מענטש איז ענג, דאַרף ער זיך ווענדן צום פאָטער אין הימל, און ניט צו „פירשפרעכערס“ אויף דער ערד: „אויב אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער שלאָגט אַ זון, באַדאַרף אַ קלוגער זון ניט לויפן זוכן פאַר זיך הילף אָדער אַפילו אַ מ ל י ץ י ו ש ר פאַר זיין דערבאַרעמדיקן פאָטער, נייערט צו זיין מיטן פאָטער, פנים אין פנים, צו ליידן זיינע קלעפּ מיט ליבשאַפט, כדי עס זאָל אים גוט זיין אַלע מאָל“[1].

די דאָזיקע מיינונג, וואָס איז געווענדט קעגן די „צדיקים“ פון יענעם דור, איז אַרויסגעזאָגט ניט אין דעם „תניא“ גופא, נאָר אין אַ באַזונדער בריוו. אָבער אויך אין דעם גרונט־ספר פון חב״ד געפינען מיר ניט קיין שום רמז אויף יענעם צדיקים־קולט, וואָס איז געוואָרן אַ הויפּט־פּרינציפּ פון דער דרומדיקער חסידות. אין

1 אגרת הקודש, סימן כ״ב (הוספה צום „תניא“).

איטלעכן פּרק פֿון דעם „ספר של בינונים“ חזרט דער מחבר איבער זיין גרונד־געדאנק, אז איטלעכער ייד (כל איש ישראל) איז מחויב איינצושטעלן זיינע מעשים אויף די דריי בחינות פֿון דער געטלעכער נשמה: חכמה, בינה, דעת, און אט די דאזיקע רייה חזרן זיך איבער אזוי אפֿט, אז זייערע ראשי תבות חב״ד זיינען געווארן דער לאזונג פֿון דער נייער שיטה.

אזוי האבן מיר א קרייז־באוועגונג אין דער חסידישער וועלט: צוערשט איז דער צענטער פֿון חסידות אריבערגעטראגן געווארן פֿון דעם מאסן־מענטש צום איבער־מענטש, פֿון דעם חסיד צום צדיק, ביז דער צדיק איז געבליבן דער איינציקער אקטיווער כח אין די איבערשטע וועלטן, און דער חסיד איז געבליבן נאר א פּאסיווער אויפֿנעמער, וואס לעבט נאר מיט זיין גלויבן, מיט זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין פֿארטרעטער אין הימלשן קיניגרייך[1]; אזוי ארום איז אראפּגענומען געווארן דער עול פֿון חסידות פֿון דעם המון, וואס איז פֿארטאן מיט די דאגות פֿון דער וועלט, און איז ארויפֿגעלייגט געווארן אויפֿן צדיק, וואס איז געווארן א שתדלן אין די עולמות העליונים. די שיטה פֿון חב״ד האט איבערגעדרייט די ראד אויף אן אנדער וועג: זי האט ארויפֿגעווארפֿן די שווערקייט פֿון דער חסידות אין איר הארבסטער פֿארם אויפֿן אקסל פֿון דעם „מיטל־מענטש“ (כדאי צו באמערקן, אז מיט דעם מאסן־מענטש, מיטן „עם הארץ“, פֿארנעמט זיך די דאזיקע שיטה גארניט) און פֿאר דעם צדיק האט זי איבערגעלאזט נאר די ראלע פֿון לערער און מדריך. אין דרום האט דער צדיקיזם איינגעשלונגען די חסידות, און אין צפֿון פֿארקערט איז דער שווערפּונקט אריבערגערוקט געווארן פֿון דעם צדיקים־קולט צום חסידס גלויבן, וואס קומט פֿון פֿארטיפֿטן דענקען.

אויב מען זאל די שיטה פֿון חב״ד אפּשאצן פֿון א ריין רעליגיעזן שטאנדפּונקט, איז זי אוודאי אן אויפֿטו, אבער זי האט זיך אנגעשטויסן אן פּסיכישע פֿאקטארן, וואס האבן געמוזט ברענגען צו דער פֿארשטארקונג פֿון צדיקיזם. אויב די חסידות פֿון בעש״ט

[1] „דאס איבערגעבן דעם געדאנק דעם צדיק“ (מסירת המחשבה לצדיק) — פֿאר דעם חטא פֿלעגן די מתנגדים שטראפֿן די חסידים אין זייערע שריפֿטן („שבר פושעים“ און אנד׳).

זויל פֿאַרשיכּורן דעם המון מיטן ווײַן פֿון גלויבן, וואָס אין זײַן צענטער שטייט דער צדיקים־קולט, צוליב וואָס דאַרף זי האָבן אָט די ניכטערקייט פֿון די חב״דניקעס? און אויב יאָ אַזוי, בלייבט דאָך די אַלטע קשיא: וואָס טוט מען מיט די פֿאָלקס־מאַסן, וואָס זײַנען מיה געוואָרן צו טראָגן דעם יאָך פֿון דער רבנות און דעם יאָך פֿון דער האַרבער מאָראַל פֿון די מקובלים? אויב די שיטה פֿון חב״ד איז נאָר אַ נײַע אויסגעבעסערטע אויפֿלאַגע פֿון דעם אר״יס שיטה, טאָ וואָס האָבן אויסגעטאָן די ערשטע חסידים? אויף דער דאָזיקער פֿראַגע האָט דער חסידיזם געענטפֿערט מיט זײַן ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג: די שיכּרות פֿון גלויבן האָט גובר געווען די ניכטערקייט פֿון חב״ד, די דרומדיקע חסידים האָבן די שיטה פֿון חב״ד ניט אָנגענומען, און אַפֿילו אין צפֿון האָט די דאָזיקע שיטה פּראַקטיש זיך אומגעביטן און האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער פֿאָדערונג פֿון דער מאַסע, וואָס איז אמת אינטעלעקטועל געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה, ווי די דרומדיקע מאַסע.

קיין ספֿק ניט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט ר׳ שניאור זלמן אַריבערגעוויגן די וואָגשאָל אויף דער זײַט פֿון דער רבנות צוליב אַפּאָלאָגעטישע צוועקן, כּדי צו פֿאַרלויפֿן דעם וועג די טענות פֿון די מתנגדים, וואָס האָבן באַשולדיקט די חסידים בכלל, אַז זיי זײַנען מבטל די תּורה און די לערנער, אַז זיי זײַנען נוטה זיך גרינג צו מאַכן דאָס אָפּהיטן די מצוות, אַז זיי האָבן פֿאַרדאָרבענע מידות, וכדומה. אָבער דאָס אַליין האָט ניט געהאָלפֿן: גראָד אין דער צײַט ווען דער „תניא“ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט זיך פֿאַרשטאַרקט דער אָנפֿאַל אויף דער חסידות, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די דריטע מחלוקת, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע אין דער געשיכטע פֿון דעם רעליגיעזן קריג סוף 18טן יאָרהונדערט.

זיבעטער קאַפּיטל

די דריטע מחלוקת

(1801 — 1796)

§ 36. די באַנייונג פון דער מחלוקת אין ליטע

(1769)

אַ נייע קריגס-טאַקטיק: די צדדים ווענדן זיך נאָך הילף צו רוסישע רעגירונגס-באַאַמטע. — די קאַרלינער אין מינסקער גובערניע און דער פינסקער רב אביגדור. — דער ספר „צוואת הריב״ש“ ווערט פאַרברענט לויטן באַפעל פון ווילנער גאון. — די חסידים פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער גאון האָט חרטה אויף זיין געגנערשאַפט; דער אָפּנאַרער אין דייטשע קהילות. — דער בריוו פון גאון (סיון תקנ״ו) וואָס זאָגט אָן, אַז ער שטייט אויף דער וואַך אין קאַמף קעגן דער סעקטע. — די שאלה פון די ראשי-הקהל אין מינסק און דער ענטפער פון „אליהו קנא“ (תשרי תקנ״ז). — די גזרות אין מינסק און די פּראָפּאַגאַנדע פון די מתנגדים אין די איבעריקע קהילות. — אַלגעמיינער אָנפאַל.

די אָרגאַניזירונג פון די חב״דניקעס אין רייסן און די פאַר־שטאַרקונג פון די קאַרלינער אין ליטע האָבן געבראַכט צו אַ נייעם אויסבראָך פון דער רעליגיעזער מלחמה אין די לעצטע יאָרן פון 18טן י״ה. עס איז אויך צוגעקומען אַ נייע טאַקטיק: די צוויי צדדים האָבן שוין ניט געקעמפט נאָר מיט רעליגיעזע געווער, מיט כרוזים און חרמות, זיי האָבן גענומען זיך ווענדן צו „גוישע הענט“. מען האָט גענומען אונטערקויפן די רוסישע מלוכה־באַאַמטע און שיקן מסירות צו גרויסע האַרן. אָט די טאַקטיק האָט מען אָנגעווענדט באַזונדערס אין ליטע די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער הער־שאַפט איבערן דאָזיקן לאַנד. צוערשט האָט געבעטן הילף פון אויס־ווייניק דער שוואַכער צד, דער חסידישער מיעוט אין די קהילות, וואָס האָט געליטן פון דעם דרוק פון דער מתנגדישער מערהייט. מיט דער הילף פון אונטערגעקויפטע מלוכה־באַאַמטע פלעגן די חסידים

אָפּטמאָל באַוויזן אַריינצוזעצן אין דער אָנפירונג פון די קהילות זייערע מענטשן און בייצוקומען זייערע שונאים.

דאָס האָבן געטאָן די „קאַרלינער“ אין פינסקער קרייז, וואָס זיינען שוין ניט געווען מער בכוח אויסצוהאַלטן דעם דרוק מצד דעם קרייז־רב, דעם פאַנאַטיקער אַביגדור בר׳ חיים (אויבן, § 33). אין אַביגדורס קרייז האָבן זיך געפונען די צענטערס פון די ליטווישע חסידים, קאַרלין און סטאָלין, און דאָרט האָבן די אָנפירערס פון דער סעקטע זיך באַמיט אַריבערצוציען אויף זייער צד די ראשי הקהל און אַראָפּצוזעצן דעם געגנערישן רב פון זיין אַמט. זיי האָבן אָנגעמסרט פאַרן מינסקער גובערנאַטאָר, אַז דער רב איז אַן אוהב בצע און באַדריקט די בעלי־בתים וואָס שטייען אונטער זיין פיר, און האָבן אויפגעהערט אים אויסצוצאָלן שכירות[1]. אויך אין ווילנע האָט אַ גרופּע חסידים זיך געמיט אַריינצודרינגען אין דער אָנפירונג פון דער קהילה און צו ווענדן זיך אין פאַל פון נויט צו דער הילף פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פון דעם רוסישן גובערנאַטאָר.

אין דער ראש פון די רבנים אין ליטע, דער גאון ר׳ אליהו ווילנער, האָט דאָס אַליין געזען און האָט געשוויגן. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די מתנגדים אין די מלחמות פון 1772 און 1787 האָט אַזוי ווי אַוועקגעלייגט דאָס געווער און האָט מער קיין כוח ניט געהאַט צו באַשטיין קעגן דער חסידישער באַוועגונג. דער מאַן איז שוין געווען אַ זקן, אַ יאָר 75 אַלט, שוואַך אין גוף און אַריינגעטאָן אין לערנען. אמת, איין מאָל איז ער אַרויס פון זיין גדר און האָט לויט דער בקשה פון פינסקער רב אַביגדור געהייסן פאַרברענען אויפן ווילנער שול־הויף קעגנאיבער דער גרויסער שול דעם ספר „צוואת הריב״ש“, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין

1 אין דער קלאָג־שריפט וואָס אביגדור האָט אָנגעגעבן דעם קיסר פּאַוול אין אַ שפּעטערער צייט (אין יאָר 1800) באַקלאָגט ער זיך, אַז ער משפּט זיך אין די מלוכה־אינסטאַנצן מיט זיינע שונאים פון דער סעקטע חסידים אין משך פון זעקס יאָר („יעוור׳ סטאַרינאַ“ 1910, ז׳ 106). אַזוי אַרום זיינען די חסידים אויפגעשטאַנען קעגן אים אַן ערך אין יאָר 1794. פון דעם דאָזיקן דאָ־קומענט איז צו זען, אַז אין יענער צייט איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ ראש־הקהילה אין פינסק איינער פון די סעקטאַנטן, הירש קאָלאָדנער, וואָס איז גע־ווען אַ תקיף ביים מינסקער גובערנאַטאָר.

יאָר תקנ״ג און איז אָנגענומען געוואָרן ביי יידן ווי די אמתע צוואה פון בעש״ט[1], דערנאָך אָבער האָט ער זיך צוריקגעצויגן און האָט גאָרנישט ניט געזאָגט קעגן די באַמיונגען פון די חסידים איינצונעמען די קהילות.

דאָס דאָזיקע שטילשווייגן דעם גאונס האָבן אויסגענוצט די אָנפירערס פון דער סעקטע און האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין אַלע קהילות, אַז דער פירער פון די מתנגדים האָט חרטה אויף די נגישות וואָס ער האָט אָנגעטאָן פריער די חסידים און איז איצט חוזר בתשובה. אַזעלכע קלאַנגען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אויך אין די קהילות פון דייטשלאַנד, ווי קיניגסבערג, ברעסלע און האַמבורג, וואָס זיינען געשטאַנען אין האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט ווילנע און אַנדערע ליטווישע שטעט. אין חודש אייר פון יאָר תקנ״ו איז איבערגעדעקט געוואָרן אַזאַ מין רמאות מצד די חסידים: איינער אַ חסיד איז אַרומגעפאָרן איבער די יידישע קהילות אין דייטשלאַנד באַגלייט פון זיין יונגן משרת, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיין בעל־הבית פאַר אַ זון פון ווילנער גאון. און אַז מען האָט ביי יענעם געפרעגט, וואָס האַלט איצט זיין פאָטער דער גאון מכּוח חסידות, האָט ער געענטפערט: „איך שעם זיך אַרויסצוברענגען פון מויל דאָס וואָס מיין פאָטער רעדט. ער זאָגט אַזוי: ווי איז מיר, ווו וועל איך נעמען אַזוי פיל טעג אויף צו טון תשובה דערויף וואָס איך האָב אָנגעטאָן די חסידים! ווען איך וואָלט געווען יינגער, וואָלט איך געפאַסט און געקלאָגט און געוויינט און מתפלל גע-

1 אין דער דערמאָנטער שריפט פון ר׳ אביגדור (דאָרט, ז׳ 105) שטייט געשריבן, אַז לויט זיין בקשה האָט דער גאון באַשלאָסן צו פאַרברענען „דעם ספר פון דער סעקטע עפנטלעך״ אין ווילנע, און אַז דאָס האָט אויפגעוועקט קעגן אים דעם גרימצאָרן פון די חסידים אין פינסקער קרייז. און היות ווי די מחלוקת צווישן ר׳ אביגדורן און זיין קהילה איז אויסגעבראָכן, ווערליג מיר האָבן געזען, אין יאָר 1794, ממילא איז דערפון געדרונגען, אַז אין דער זעלביקער צייט איז געשען די פאַרברענונג פון ספר. אין איין דאָקומענט פון יאָר תקנ״ו (דער קונטרס „מחשבות פסילים״, סימן 4, אין ז״ב „דביר״, ב׳ 1, ז׳ 302) דערציילט דער שרייבער: „[דער גאון] האָט אויך פאַרברענט די צוואת ריב״ש פאַר אַ גרויסן עולם עפנטלעך פאַר ביעור המץ״. אין זיין בקשה־שריפט האָט אביגדור ניט אָנגערופן דעם נאָמען פון פאַרברענטן ספר, אָבער פון דעם ליטווישן גובערנאַטאָרס ענטפער איז צו זען, אַז דאָס איז געווען „צוואת הריב״ש״ („יעוור׳ סטאַרינאַ״ 1910, ז׳ 260).

ווען פאַרן אייבערשטן, ער זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב געקריגט אויף זיי, און איך וואָלט געגאַנגען פון אָרט צו אָרט צו שטראָפן יידן, פאַר וואָס זיי זאַמען זיך צוצושטיין צו די דאָזיקע פיינע לייט". און אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער יידישע קהילות, אַז דעם גאונס זון גייט אַרום „אָפּריכטן גלות" אויף אויסצוקויפן זיין פאָטערס זינד און אָנצוזאָגן, אַז ער האָט תשובה געטאָן. נאָך אָט דעם אָנזאָגער זיינען שוין אַראָפּגעקומען פון ליטע חסידישע זאָגערס, וואָס האָבן געזוכט צו געווינען נייע אָנהענגער.

איין מאָל איז אַראָפּגעקומען קיין ב ר ע ס ל ע איינער פון די חשובע יידן פון ווילנער קהילה, ר' זונדל, און אַז מען האָט ביי אים געפרעגט, וואָס מאַכט דער גאון, האָט ער געענטפערט, אַז ער האַלט זיך שטאַרק ווי פריער. האָט מען ביי אים געפרעגט: „כטייטש, דעם גאונס זון וואָס ריכט אָפּ גלות אין אונדזערע מדינות זאָגט בפירוש, אַז זיין פאָטער האָט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט פריער געטאָן". האָט ר' זונדל געענטפערט: „אָט ווי ווייט עס גייט די פאַלשקייט פון די חסידים: דעם גאונס צוויי זין זיצן זיך אין ווילנע און לערנען תורה, און דער גאון האָט אויסגעוואָרצלט די כת ביי זיך אין שטאָט, ווי ווייט זיין האַנט גרייכט, און ער האָט אויך פאַרברענט דעם ספר צ ו ו א ת ה ר י ב"ש עפנטלעך ערב פסח פאַר ביעור חמץ". אַז די ברעסלער האָבן דערהערט די דאָזיקע רייד, האָבן זיי באַלד אַוועקגעשיקט בריוו צו די אַנדערע קהילות, צו לאָזן זיי וויסן, אַז דער אַרומפאָרער וואָס גיט זיך אויס פאַרן ווילנער גאונס זון איז אַ רמאי. און טאַקע, אַז דער אַרומפאָרער איז געקומען קיין ה אַ מ ב ו ר ג און איז אַריין צום רב פון דער קהילה ר' ר פ א ל כ ה ן, וואָס איז געווען פריער רב אין פינסק, האָט מען איבערגעוויזן אים זיין ליגן אין פנים אַריין און מען האָט אים געשמיסן מיט בייטשן. באַלד האָט מען וועגן דעם געלאָזט וויסן דער ווילנער קהילה — און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו באַנייען די מלחמה קעגן דער שעדלעכער סעקטע[1].

1 געשריבענער קונטרס „מחשבות פסולים", סימן 4 („דביר", ב' 302): „העתק מאגרת דק"ק ווילנא". די דאָזיקע אָפּשריפט איז קענטיק אַרויסגענומען פון די כתבים פון שלמה דובנאָ, וואָס זיי האָט אויסגענוצט ש"י פין אין זיין בוך „קריה נאמנה" (ז' 140 אין דער הערה).

זיינען די ווילנער ראשי הקהל געקומען צום גאון און האָבן אים אויפגעוויזן, אַז עס איז איצט אַ מצווה אַרויסצוגיין קעגן די חסידים די רמאים. אין דעם אויפגערעגטן האַרץ פון דעם זקן האָט זיך ווידער אויפגעוועקט די שנאה צו דער „כת רשעים“, וואָס האָט אים אָנגעשטעלט בראש פון די פאַנאַטיקער מיט 24 יאָר צוריק. און מען האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן די אָפּנאַרעריי פון די חסידים אין אַ בריוו געשריבן פון גאון אַליין, אויפצוּוועקן די קהילות אין ליטע און רייסן צו אַ נייער מלחמה קעגן דער סעקטע און אַרויסצושיקן צוליב דעם צוויי משולחים, איינעם פון די ווילנער רבנים ר׳ חיימען, און איינעם פון די פרנסים ר׳ סעדיהן. זיי אין האַנט אַריין האָט מען געגעבן אַ בריוו געחתמעט דורכן גאון כ״ח סיון תקנ״ו (22 יוני 1796). דער בריוו לייענט זיך אין דער יידישער איבערזעצונג אַזוי:[1]

„צו די וואָס ציטערן איבער דעם אייבערשטנס וואָרט, בני אברהם יצחק ויעקב, הייליקער זאָמען, ערשטלינג פון זיין צוקום, די וואָס היטן זיינע געבאָטן און געזעצן, ער זאָל דערמאָנען פאַר זיי זיין בונד און זיי זאָלן זוכה זיין אויפצוגיין קיין ירושלים, די שטאָט פון זיין הערלעכקייט.

„איך האָב געהערט ריידעניש פון פיל מענטשן, אַ הויכן קול פון לעסטערונגען און זידלענישן הער איך, אַז די כת פון שלעכטע און נידעריקע מענטשן, וואָס רופן זיך אָן מיטן נאָמען ח ס י ד י ם, וואָס בונטעווען זיך קעגן זייער האַר זייער פאָטער אין הימל, באַרימען זיך און ריידן רייד, אַז איך האָב חרטה אויף דעם וואָס

1 דער בריוו איז אָפּגעדרוקט צוערשט אין „ספר הויכוח“ פון דעם מגיד ישראל לייבל, דף ד׳ (וואַרשע תקנ״ח), און פון דאָרט איז ער איבערגעדרוקט אין צווייפלס „שלום על ישראל“, חלק ב׳ ז׳ 42. ביי מיר געפינען זיך נאָך צוויי וואַריאַנטן אין כתב־יד: אין דערמאָנטן קונטרס „מחשבות פסולים“ סימן 4, און אין אַן אָפּשריפט פון אַן אַלטן כתב וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן פון פאָניוועזש אין דער ליטע אין יאָר 1892. אין „ספר הויכוח“ איז פאַרצייכנט די צייט: יום ג׳ ר״ח סיון תקנ״ו, אָבער אין דערמאָנטן קונטרס שטייט: יום כ״ח סיון אָן דעם וואָכנטאָג. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דעם גאונס חתימה איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די חתימות פון בית־דין 6 טעג אין תמוז, ממילא איז געדרונגען, אַז די לעצטע דאַטע איז מער קרוב לאמת, וואָרעם עס איז שווער משער צו זיין, אַז די באַשטעטיקונג פון דער חתימה האָט זיך פאַרהאַלטן אַ וואָכן פינף.

איך האָב געזאָגט אויף זיי ביז איצט, און אַז איצט בין איך מסכים צו אַלע זייערע מעשים און אַז דער דאָזיקער וועג [זייערער] איז דער רעכטער, און אין דער זאַך פאַנגען זיי אַ סך פון די זיין פון אונדזער פאָלק, נשמות וואָס זאָלן ניט געפאַנגען ווערן. און מחמת איך בין חושד, טאָמער און אפשר וועלן זיין מענטשן וואָס וועלן געבן אַן אָרט פאַר זייערע רייד, דערפאַר לאָז איך וויסן אויף זיכער, אַז מען זאָל מיר ניט אָנהענגען קיין פוסטע זאַכן חס ושלום, און עס זאָל אַזוינס ביי יידן ניט זיין, וואָרעם איך שטיי אויף מיין וואָך פונקט ווי אַמאָל אַזוי אויך איצט. און דערפאַר איז ווער עס רופט זיך אָן מיטן נאָמען ייד און וואָס יראת השם האָט אָנגערירט זיין האַרץ, איז אויף אים אַרויפגעלייגט אַ חוב זיי צו שטופן און צו יאָגן מיט אַלע מיני רדיפות, ביז וואַנען אַ יידישע האַנט גרייכט (לויט דת ישראל). ווייל זייער זינד איז פאַרבאַהאַלטן אין זייער בוזעם און ווייל זיי זיינען שווער פאַר יידן ווי אַן אַנשיקעניש (זאָל זייער נאָמען אויסגעמעקט ווערן).

„און עס האָבן אויף זיך גענומען איצט צוויי איידעלע לייט דאָס זיינען הרב המובהק מו"ה חיים (פון טשערדיי) מ"ץ דק"ק הנ"ל (פון אונדזער קהילה) און מיט אים הרבני המפורסם מו"ה סעדיה בר' נתן נטע, אַרויסצופאָרן איבער די מדינות ליטע און רייסן מפרסם צו זיין די זאַך פאַר אַלע אונדזערע ברידער בני ישראל. דעריבער איז נייטיק זיי צו העלפן מיט אַלע מיני הילף, סיי מיט גוף סיי מיט געלט, צו אַלע באַדערפעונישן וואָס עס וועלן באַדאַרפן די אויבן אָנגערופענע, טאָמער און אפשר וועט דאָס גע־ראָטן די זאַך, אַז מען זאָל קאָנען אויסוואָרצלען זייער נאָמען [פון די חסידים] פון דער וועלט. דאָס זיינען די רייד פון אליהו במו"ה שלמה זלמן".

אין אַ וואָך אַרום האָבן די „דייני צדק" פון דער קהילה באַ־שטעטיקט דעם גאונס חתימה מיט זייערע חתימות (דוד במהר"יל, אליהו בר' מרדכי, שלמה בר' דוד בער, שלמה הירש בר' צמח, דוד משה בר' זוסיל).

אַז אַן אָפּשריפט פון ווילנער בריוו איז אָנגעקומען קיין מינסק, האָבן די חסידים זיך שטאַרק איבערגעשראָקן און האָבן פאַרשפּרייט אין שטאָט אַ קלאַנג, אַז די מתנגדים האָבן דעם גאונס חתימה געפעלשט. איך ביי אַ סך מתנגדים האָט זיך דערוועקט אַ חשד,

ווייל זיי האָבן גערעכנט, אַז דער זקן האָט לאַנג שוין אויפגעהערט זיך אַריינצומישן אין דער מחלוקת. האָבן זיך צונויפגעקליבן די ראשי הקהל און האָבן באַשלאָסן צו שיקן קיין ווילנע צוויי שליחים אָנצופרעגן ביים גאון גופא, וואָס איז זיין מיינונג וועגן דעם ענין. די שליחים אויף דער האַנט האָט מען געגעבן אַ בריוו געחתמעט פון אַלע פאַרזאַמלטע ה׳ תשרי תקנ״ז (8 אָקטאָבער 1796) בזה הלשון[1]:

„ווי פרימאָרגן ליכטיקייט זאָל שיינען ליכטיקייט צו אונדזער געערטן האַר, מורנו ורבנו, רבן של כל בני הגולה, אַ הייליקער מאַן זאָגט מען וועגן אים... מו״ה אליהו נ״י.

„היות ווי עס האָבן זיך פאַרמערט די פריצי הדור אין אונדזער קהילה... וואָס רופן זיך מיטן נאָמען חסידים, און האָבן אַראָפּגעפירט פון וועג די איינוווינער פון זייער שטאָט... און זייער נעץ איז אויסגעשפרייט צו פאַנגען צאַרטע און איידעלע נשמות, יונגע קינדער וואָס לערנען ביי זייער רבין... און זיי פטרן זייער געלט, ווי עס איז צום מיינסט באַוווסט זייער טבע דעם מאַן וואָס אַ געטלעכער גייסט איז אין אים[2]... אָבער מיר האָבן נעטראַכט, וואָס איז צו טון, ווען דער מאַן וואָס דער קיניג פאַרלאַנגט זיין הערלעכקייט, דאָס איז אונדזער באַשיצער, שטייט פון דער וויטנס אַזוי אַז מען הערט ניט זיין שטים אָפּצושניידן די ווידערשפעניקע און צו פאַרטיליקן די דערנער, דעמאָלט האָט אויך ביי אונדז ניט געקלעקט קיין מוט צו זיין פון די אַרויסטרעטערס אין שטרייט קעגן זיי. און ווי נאָך ווען זיי ענטפערן אונדז עזותדיק אַזוי צו זאָגן: אָט דער גרויסער ריזן־מענטש וואָס איר פאַרלאָזט זיך אויף אים האָט אויך צוריקגעצויגן זיין רעכטע האַנט און איז מסכים מיט אונדז... ביז מיר האָבן אין אונדזער אויסוואַרטעניש געהערט זיין שטים פון זיין בריוו, מיר האָבן געזען די פיין פון זיין נשמה, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי דעם כלל פון יידישן פאָלק, זיי זאָלן זיך באַוואָפענען קעגן זיי און זיי באַזיגן. דעמאָלט האָט זיך

1 ספר הויכוח דף ה׳; שלום על ישראל ח״ב ז״ז 44 — 45; מחשבות בסילים, „דביר“, ז׳ 300.

2 דאָ פעלט דער סוף פון זאַץ: „האָבן מיר איינגעזען אַרויסצוגיין קעגן די דאָזיקע פאַרפירערס“.

אונדזער מוט אומגעקערט צו אונדז און מיר זיינען געוואָרן ווי איין מאַן, איינער האָט דעם אַנדערן געהאָלפֿן, אפֿשר וועט דער אייבערשטער רחמנות האָבן אויפֿן אָרעמען פֿאָלק אין אַזאַ עת צרה און די רשעות וועט פֿאַרשווינדן ווי אַ רויך...

„און איצט אונדזער געליבטער מליץ יושר, מיר האָבן בכוח צו טון מיט זיי לויט אונדזער ווילן און זיי אונטערטעניק צו מאַכן ביז וואַנען אונדזער האַנט גרייכט אין אונדזער גובערני, און וועדליג מיר מיינען, אַז וויבאַלד זיי וועלן אָנהייבן פֿאַלן פֿאַר אונדז, וועלן זיי שוין מער ניט אויפֿשטיין אויך אין גובערני ווילנא און סלאָנימע[1]. און פֿון דעם וועט מען זען און אַזוי וועט מען טון אין אַלע ערטער וווּ זיי האָבן זיך פֿאַרשפּרייט און געשטאַרקט... אָבער מיר ווייסן ניט וואָס מיר זאָלן טון, מחמת מיר האָבן ניט זוכה געווען צו זען אייער הייליקן בריוו גופֿא, נייערט נאָר אַן אָפּשריפֿט פֿון אים. דערצו טוען [די לייט פֿון דער כּת] ריידן ווידערשפּעניק און באַרימען זיך אין שטאָט צו זאָגן אויף אייערע ריינע ווערטער, אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן מיט פֿעלשונג און אַז זיי זיינען ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון אייער הייכער הייליקייט. און זיי טוען נאָך מער שלעכטע מעשים און האָבן זיך געמאַכט הייזער און האָבן אָנגעהויבן צו בויען זייער פֿאַרזאַמלונגס-הויז מחוץ למחנה... און אויב מיר וועלן נאָך אַמאָל הערן די שטים פֿון אונדזער האַר [דעם גאון] גוט דייטלעך געחתמעט פֿון זיין ריינער האַנט, דעמאָלט זיינען מיר אַלע ווי איינער גרייט צו טון אַלץ ווי עס וועט אַרויס פֿון זיין מויל. און אונדזער בקשה איז אויסגעשפּרייט צו דערקלערן אונדז גוט באריכות... דאָס זיינען די רייד פֿון די וואָס קוקן אַרויס און וואַרטן אויף זיין הויכער תשובה קציני נגידי מנהיגי ק"ק מינסק יצ"ו. נאום אוריה בר' דוד מווילנא; ונאום יעקב ישראל בצירוף אדומ"ו הרב הגאון פה קהלתנו"... (און נאָך 24 חתימות).

פֿון אָט דער שאלה, וואָס איז אָנגעקומען פֿון מינסק האָט דער גאון פֿאַרשטאַנען, אַז ניט נאָר אין די ווייטע מקומות, נייערט אויך אין די נאָענטע ערטער צו ווילנע באַמיען זיך די חסידים צו פֿאַרשפּרייטן פֿאַלשע ידיעות וועגן זיין באַציונג צו דער סעקטע.

---

1 שפּעטערדיקע גראָדנער גובערניע.

די מינסקער שליחים זיינען אָנגעקומען קיין ווילנע קורץ פאַר יום-כיפור, און פון זייערע רייד האָט דער גאון איינגעזען, אַז די סעקטאַנטן זיינען פעסט אין זייער ווידערשפעניקייט און האָבן גאָר ניט בדעה צו בעטן סליחה אויף זייערע זינד. אויב יאָ אַזוי, איז דאָך פאַר זיי קיין כפרה ניטאָ. אויף מאָרגן נאָך יום-כיפור, נאָך אָפגעשוואַכט פון תענית און פון דער תפילה, האָט דער זקן געהייסן זיינע זין אָנשרייבן אַן אַלגעמיינעם בריוו צו די הויפּט-קהילות אין רוסלאַנד[1]. דער דאָזיקער בריוו איז לויט זיין אינהאַלט און סטיל איינער פון די בעסטע פון אַלע כרוזים וואָס זיינען אַרויס פון גאון אָדער מיט זיין הסכם. איבערמאָסיקער פאַנאַטיזם און טיפער צער איבער דער סכנה וואָס שוועבט איבער דער יידישקייט, אַ רוף צום רעליגיעזן קאַמף און אַ ביטער געשריי פון אַ צעווייטאָגטן האַרצן איבערן חורבן פון דער אומה וואָס ווערט צעפּיצלט אויף ברעקלעך, און צוגלייך דערמיט דונערדיקע רייד פון אַ גרימצאָרנדיקן נביא, — אָט דאָס אַלץ איז געוואָרן פאַראייניקט אין דעם דאָזיקן בריוו, וואָס איז ביי זיין ערשטן אָפּדרוק אָנגערופן געוואָרן מיט רעכט „תשובת אליהו קנא שקנא קנאת ה' צבאות“[2].

„געטרייע בני ישראל וואָס ציטערן איבער גאָטס וואָרט, וואָס שטעלן זיך איין אין די ריסן צו פאַרצאַמען אַ צאַם אין וויינגאָרטן פון ישראל, אָפּצורייניקן אים פון שטיינערנעם האַרצן, צו באַאַרבעטן אים און צו באַוואָרענען און צו היטן די שאָף פון זיין פאַשע ווי אַ פאַסטוך זיין טשערעדע... דאָס זיינען די עלטסטע פון פאָלק, קהל גובערני ק״ק מינסק, זאָל זיי באַהיטן דער געאַכפּערטער גאָט, זיי קומט די בכורה, ווייל זיי זיינען אַרויס די

---

1 וועגן די געשעענישן אין מינסק און אין ווילנע זע דעם בריוו פון די מינסקער דעלעגאַטן פון כ״ו תשרי תקנ״ז, מחשבות כסילים, „דביר“ I, 300. ער ווערט דערמאָנט אויך אין פינס בוך „קריה נאמנה“, 141.

2 אונטער דעם נאָמען איז דער בריוו אָפּגעדרוקט אין „ספר הויכוח“ פון ר' ישראל לייבל, דף ו', און פון דאָרט איבערגעדרוקט אין „שלום על ישראל“ ח״ב, 45 — 47. פאַראַן ביי מיר אויך אַן אָפּשריפט פון אַן אַלטן כתב וואָס האָט זיך אויפגעהיט ביי איינעם פון ווילנער גאונס אייניקלעך אין פאָניוועזש. איך האָב אויסגעקליבן די בעסערע פון די צוויי וואַריאַנטן און האָב דורכגעלאָזן נאָר די מליצות, וואָס האָבן ניט קיין ממשותדיקן אינהאַלט אָדער וואָס אין זיי זיינען איבערגעחזרט זאַכן, וואָס זיינען געזאָגט דערנעבן אין אַ קלערערער פאָרם.

ערשטע. זאָל אַרויסגיין דאָס פייער פון זייער אייפער און זאָל טרעפן די דערנער און זאָל זיי פאַרלענדן פון גאָטס ווייגאָרטן, דעם פאָלק וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר אַן אַרב. אויב שפעטערס וועלן שפעטן (די חסידים), זאָלן זיי שפּאַלטן זייערע שאַרבנס, און נאַראָנים זאָלן קלוג ווערן, זיך באַטראַכטן, וואָס וועט זיין זייער סוף, און ניט אומקערן זיך צו נאַרישקייט. זיי [די מינסקער ראשי־הקהל] וועלן איינשטייגן די ערשטע צו פאַרצאַמען דעם צאַם... און מיט זיי זייערע פאַסטעכער (זייערע פריינד) די אויסגעקליבענע אין קהל גובערסקי. און מיט זיי, די בערג פון ישראל, איטלעכע גובערני מיט אירע דרשנים, איטלעכע גובערני מיט אירע פרנסים, דאָס זיינען די אָנפירער פון קהל גובערסקי מ אָ ה י ל אָ ב, קהל גובערסקי פ א ל אָ צ ק, און קהל גובערסקי ז י ט אָ מ י ר, און קהל גובערסקי װ י נ י צ א ה און קהל גובערסקי הק"ק ק אַ מ נ י ץ־פ אָ־ד אָ ל ס ק... וואָס זיי פאַרמאָגן כּוח אויסצוואָרצלען די וואָס פאַרוואַרפן דעם גערעכטן משפט וואָס גייט פון זיי אַרויס.

„אַ שטים רופט אין זייערע אויערן: ווי געשריגן צו אַ דור וואָס שילט זיין פאָטער און זיין מאַמען בענטשט ער ניט!... זיי האָבן עובר געווען די תורה, פאַרביי־געגאַנגען דעם געזעץ, און אויסגעטייטשט די תורה ניט ווי דער דין איז... אַ דור וואָס ניט געטריי צו גאָט איז זיין גייסט... און אין תורת משה דער געירשעטער האָבן זיי געשלאָסן אַ נייעם בונד... זיי רופן זיך מיטן נאָמען חסידים, אַ חסד איז דאָס[1].

„דער דור, ווי פאַרשטאָכן זיינען זיינע אויגן (מה רמו עיניו), און רייד טוט ער רעדן קעגן אויבערשטן: דאָס איז דיין גאָט ישראל, איטלעך האָלץ און איטלעכער שטיין! און זיי טייטשן פאַלש אויס דעם פסוק „ברוך כבוד ד' ממקומו" און דעם פסוק „ואתה מחיה את כולם"[2]. ווי געשריען אויף די שלעכטע פאַסטעכער צווישן זיי, וואָס האָבן אויסגעטראַכט פון זייער קאָפּ אַ נייע רעכט און אַ נייע לערנונג, און עס האָבן געטרונקען די תלמידים

1 דאָ איז „חסד" אין טייטש פון ויקרא כ' פסוק 17, וווּ עס באַטייט פאַרשייטקייט.

2 לויט דער טעאָריע פון חסידות ווייזן די דאָזיקע פסוקים, אַז אומעטום זיינען פאַראַן ניצוצות פון קדושה.

וואָס קומען צו זיי, און גאָטס נאָמען ווערט דורך זיי פאַרשוועכט; אויך אויף זייערע פּאָלעס געפינט זיך בלוט פון אָרעמע אומשולדיקע נשמות, וואָס גייען בתמימות ווי אַ שאָף וואָס ווערט געפירט צום שעכטן. אָך און ווי געשריען צו אַ דור וואָס אין זיינע טעג האָט זיך אַזוינס פאַרלאָפן; צי איז ווען אַזוינס געוועזן ביי יידן, אַז צוריקגעצויגן איז געוואָרן אמונה און אמת איז געשטרויכלט געוואָרן אין גאַס, געטרעטן געוואָרן מיט פיס פון שקר און טריט פון גנאַר! און אויב מיר זאָלן וועלן דערציילן ווי אַזוי, וועט די האַנט מיד ווערן און עס וועט קיין פּאַפּיר ניט קלעקן אויף אויסצושרייבן זייערע דרכים און זייערע שלעכטע טועכצן...

„אין ישראל, די צעשפּרייטע שאָף, איז געקומען דער שטן און האָט צעמישט די אָרדענונג... און דאָס איז די רו—צוצואיילן אַ שיצונג פון שטורעם־ווינט, אויסצוגלייכן קרימענישן, און אָפּצוראַמען די שטרויכלונג פון וועג, און נעמען נקמה פאַר גאָטס תורה, וואָס אָט די ווידערשפּעניקע האָבן אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד איר שיינקייט, צו שטראָפן עפנטלעך שוטים וואָס האָבן געזינדיקט מיט בייטשן (שוטים) און סקאָרפּיאָנען. קיין מענטש זאָל זיך אויף זיי ניט דערבאַרעמען און זאָל זיי ניט שוינען, און מען זאָל זיי אָפּשיידן צום שלעכטן פון אַלע שבטים פון ישראל... און דער וואָס הערט זיך צו צו זיי זאָל אויסגעצויגן ווערן אויפן שטענדער... קליידט זיך אָן מיט אייפער פאַר גאָט און זאָלן פונקען אויפשטייגן פאַר אייך, פון אייער מויל זאָלן שטורקאַצן פלאַקערן, ווי דער בליץ פון שווערד וואָס נעמט נקמה פאַרן בונה און ווי די תורה וואָס נעמט נקמה. און די איבעריקע וועלן זען און זיך פרייען, וואָרעם עס איז אַ פרייד פאַרן פרומען צו טון גערעכט, און צו די שאַלקהאַפטיקע אַ בראָך. גאָט זאָל פאַרגיכערן (די גאולה) אין איר צייט.

„עס רעדט מיט געבעט און פּיין פון זיין נשמה (עורך שוע בצר נפשו), וואָרעם שלעכט איז אים צו טון דאָס, דער וואָס אייפערט זיין אייפער און צו אים דערהייבט ער זיין נשמה, אליהו במהורר שלמה זלמן ז"ל".

נאָכדעם גייט די באַשטעטיקונג פון בית־דין, געחתמעט פון זעקס דיינים:

במיתב בי דינא נתקיים חתימת יד הגאון האמתי הזקן והישיש החסיד המפורסם מו"ה אליהו הנ"ל. ומדאיתברה לנו חתימת דו אישרנוהו וקיימנוהו כדחזי. ובאנו עה"ח אנחנו בי דינא רבה דק"ק ווילנא יום ה' י"א תשרי תקנ"ז לפ"ק" (14 אָקטאָבער 1796). געחתמעט זיינען זעקס דיינים.

באַזואַמענט מיט אַט דעם מלחמה-כרוז האָבן די שליחים זיך אומגעקערט קיין מינסק און האָבן אויפגערודערט די קהילה. לויטן באַפעל פון די ראשי הקהל איז דעם גאונס בריוו איבערגעלייענט געוואָרן אין אַלע מינסקער שולן „לעיני כל ישראל". און דעם זעלביקן טאָג האָבן די קהלס-פירער געהייסן צומאַכן דעם חסידישן „מנין" אין מינסק און האָבן געצווונגען די חסידים אויסצוהערן דאָס עפנטלעכע לייענען דעם כרוז[1]. אויף דער באַראַטונג פון דעם גובערניאַלן קהל[2] כ"ו תשרי תקנ"ז (29 אָקטאָבער 1796) זיינען אָנגענומען געוואָרן פיר החלטות אָדער „פונקטן": א) ניט צו לאָזן די חסידים דאַוונען אין אַ מנין פאַר זיך, אַפילו ניט מנחה און מעריב; ב) אַז זיי טאָרן ניט איבערמאַכן דעם נוסח פון דאַוונען אויף נוסח ספרד; ג) זיי טאָרן ניט קוילען קיין בהמות מיט געשליפענע חלפים; ד) קיין איינער פון די חסידים זאָל ניט פאָרן צו זייערע „רביים" [די גוטע יידן] אָן אַ „בילעט" פון דעם „ממונה פון דער שטאָט", און ביים קומען צוריק מוז ער אָפגעבן דעם בילעט דעם ממונה, כדי דער ממונה זאָל קאָנען „משפטן אים כפי הואקאָן" [לויטן געזעץ], אויב ער האָט עפעס וואָס עובר געווען. אויף אַכטונג צו געבן דערויף זיינען אויסגעקליבן געוואָרן דריי מענטשן, וואָס איינער פון זיי איז געווען אַ שרייבער אין מינסקער מאַגיסטראַט[3].

בכדי צו פאַרהיטן, אַז די פאַרביטערטע חסידים זאָלן ניט

---

1 דאָס איז גערדרונגנען פון דעם בריוו פון די מינסקער ראשי הקהילה פון כ"ו תשרי תקנ"ז (מחשבות כסילים, אין דערמאָנטן אָרט): „וגם תיכף קודם הקריאה בטלו את המעוררים שלהם הנוקפים ונמשכים אחריהם במנין שלהם והמה עתה בזמננו דבר שבמנין בטלה [?] והיו כולם בעת קריאת המגילה ברבים".

2 לויט דעם רוסישן געזעץ איז אין יעדערער פון די גובערניע-שטעט פון יידישן תחום געגרינדעט געוואָרן אַ גובערניאַלער קהל. אין דעם אויבן געבראַכטן גאונס כרוז זיינען זיי אויסגערעכנט.

3 מחשבות כסילים, „דביר" I, 301.

פוגע כבוד זיין דעם ווילנער גאון איז אויסגערופן געוואָרן אין די שולן אין נאָמען פון קהל אַזאַ כרוז:

„הרב הגאון אב"ה דקהלתנו ק"ק מינסק ובית דין צדק בצירוף הנבחרים מאת קהל גובערניע דפה קהלתנו ומאת האסיפה רבה, לאזין מכריז ומודיע זיין: היות בעוונותינו הרבים אנשים מכת החסידים אשר מזלזלים בכבוד אדמו"ר הגאון הגדול החסיד האמתי האלקי המפורסם בתורה נגלה ונסתר ביראת ה' כל הימים, רבן של כל בני הגולה, הנקרא בפי כל ר' אליהו חסיד מווילנא, והוא מחמת המחלוקת שהיא לשם שמים אשר עמהם [היות ווי עס געפינען זיך פון די חסידים מענטשן וואָס זיינען מזלזל דעם כבוד פון דעם ווילנער גאון מחמת דער מחלוקת וואָס ער האָט מיט זיי]— לזה איז מען מכריז ומודיע באזהרה גדולה ואיומה: באם חס ושלום יהיה מי שיהיה וועט מיקל זיין ברבה עיקר, היינו ער וועט מיקל זיין בכבוד הגאון הנ"ל, ופשיטה ווער עס וועט פוגע זיין בכבודו, איז ער מותרם ומנודה משני עולמות, והוא מופרש מקדושת ישראל, ויהיה נדון ע"פ קהל גובערניע כדין עובר על חרם... ווער עס וועט הערין איין קלזול מוז ער מודיע זיין להגאון אב"ד דקהלתנו"[1].

אין דער זעלביקער צייט האָבן די ראשי הקהל פונאַנדער־געשיקט אָפּשריפטן פון דעם ווילנער גאונס כרוז צו די קהילות פון די קרייזן („אויעזדין") פון מינסקער גובערניע און האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט פירצולייענען אים עפנטלעך און איינצופירן אין זייערע ערטער תקנות אַן ערך ווי די וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער גובערניע־שטאָט. „פון אונדז זאָלן זען — שטייט געשריבן אין בריוו פון די מינסקער ראשי הקהל — און אַזוי זאָלן טון אויך זיי מיט זייער קלוגשאַפט צו צעברעכן די ציין פון שאַלקהאַפטיקן... און צווערשט אָפּשאַפן זייערע מנינים און זיך פירן מיט זיי לויט די פונקטין וואָס ביי אונדז, כדי נוקם צו זיין דעם אויבערשטנס נקמה... קיינער זאָל זיין ברודער און זיין זון ניט שוי־גען, דער וואָס זאָגט צו זיין פאָטער און מוטער, איך האָב זיי ניט געזען, און זיי זאָלן זיך אויף זיי ניט דערבאַרעמען, ביז דאָס שלעכטס וועט שוין מער ניט בליען און די חטאים וועלן זיין אויס, און זיי זאָלן ניט אומקערן זיך צו דער נאַרישקייט. און

---

1 דאָרט, 301, 302.

איטלעכער אויעזה און זיין פורער זאָל באַפעלן די שטעט וואָס אין זייער סביבה אַליין ווי עס איז דערמאָנט אויבן. און עס זאָל בײַ זיי זיין אַן אָפּשריפט פון גאַר דעם אויבן דערמאָנטן, אַז איט־לעכער זאָל פון צייט צו צייט לייענען דערין מיט זיין הויזגעזינד. און מיר בעטן צו לאָזן וויסן [אונדז] דעם טאָג ווען זיי האָבן גע־קראָגן און אויסגעפירט דאָס וואָס שטייט אין דעם בריוו, כדי מיר זאָלן וויסן וואָס צו טון מיט די ווידערשפעניקע. און מיר האָבן בכוח זיי צו שטופן און צו יאָגן, וואָרעם מיר האָבן געקראָגן מיטן איבערשטנס הילף מאַכט און שטאַרקייט פון אונדזער יענעראַל גובערנאַטער, און ער האָט אונדז באַפוילן צו שרייבן וועגן יידן, ווי עס איז געפעלן גאָט און לייט לויטן דת און דין, אַז אַזוינס זאָל מער ניט זיין בײַ יידן, אַז עס זאָלן ניט זיין ווי צוויי תורות, נאָר מיר זאָלן זיין כל ישראל געאייניקט, ווי מיר זיינען געווען פון אייביק אָן איין פאָלק, ווי דאָס איז באַ־וווּסט אויך די אומות העולם. און כל ישראל זאָלן הערן און פאָרכטן זיך און ניט מוטוויליקן צו האַלטן די גענג פון דער כת"[1].

אַזוי אַרום האָט דער מינסקער קהל געצויגן די לעצטע מסקנא פון דעם כרוז פון „אליהו קנא" צו די הויפּט־קהילות אין רוסלאַנד. די קהל־באַאַמטע, וואָס האָבן געהאַט אַ „יד" אין שטאָט־מאַגיסטראַט און אויך אין הויף פון רוסישן גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָבן גע־קראָגן פון לכתחילה אָן אַ הכשר אויף אַלצדינג וואָס זיי וועלן טון צוליב דעם הייליקן צוועק — דער פאַרטיליקונג פון חסידיזם. דער ציל הייליקט די מיטלען. פאַנאַטיקער און קריגעלניקעס האָבן געקראָגן פרייע הענט צו טון וואָס זייער האַרץ גלוסט קעגן דער געיאָגטער סעקטע. דער ווילנער גאון, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט אין זיינע ד' אמות פון תורה, האָט ניט געוווּסט, ווי ווייט דאָס קאָן דערגיין, ווען מען זאָל זיך צולאָזן צו זוכן הילף בײַ מלוכה־באַאַמטע. געוויס איז דאָס געווען דער פּלאַן פון די ווילנער און מינסקער קהלס־לייט, וואָס האָבן שוין פריער אָנ־געהויבן אָנצווווענדן אַזאַ טאַקטיק. די ווילנער משולחים ר' חיים און ר' סעדיה האָבן געטאָן דאָס זייעריקע אין די איבעריקע גרויס־

1 דאָרט, 300, 301.

קהילות. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע אַטאַקע קעגן דער „כת", אַ מער פאַרפלאָנטערטע מלחמה ווי די וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט 25 יאָר צוריק.

---

§ 37. דער ענטפער פון די חסידים, דער טויט פון גאון און די גזרות פון ווילנער קהל (1797)

די ווילנער חסידים בעטן דעם רב שניאור זלמן, ער זאָל קומען צו אַ וויכוח אָדער צו אַ משפט מיטן גאון. — דעם רבס ענטפער: ניט געראָטענע פרוון, שטראָף און התנצלות. — דעם גאונס פטירה און די אבלות-טעג אין ווילנע (חול-המועד-סוכות תקנ"ח). — אַ מיאוסע מעשה פון די חסידים: אַ נאַכט פון הוליאַנקע און שמחה און רייצן זיך מיט די מתנגדים. — די נקמה פון די מתנגדים; עס ווערט אויסגעקליבן אַ „וועד פון פינף" צוליב דער מלחמה מיט דער חסידות דורך דעם „רודף הנעלם". נייע גדרים. די רעליגיעזע מחלוקת גייט איבער אין צושטאַנד פון אַ בירגער-קריג.

אין דעם הויפּט-שטאָב פון די מתנגדים אין ווילנע האָט מען זיך געגרייט צו שטורעמען דעם הויפּט-לאַגער פון די רייסישע חסידים מיט זייער קאָמאַנדיר ר' שניאור זלמן. די ווילנער שליחים, ר' סעדיה און ר' חיים, זיינען געקומען קיין שקלאָוו און האָבן זיך געהאַלטן עצות מיט די אָנפירערס פון די מתנגדים אין דער קהילה, ווי אַזוי צו אַנטפלעקן די סכנה וואָס שטעקט אין דער שיטה פון ליאָזנער רב, וואָס איז אין יענער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דרוק אין ספר „תניא"[1], און פאַרהאַלטן די פאַרשפּרייטונג פון חסידיזם

---

1 אויפן שער פון ספר שטייט: סלאַוויטא תקנ"ו, אָבער צום סוף שטייט ותשלם המלאכה ביום כ' כסלו תקנ"ז, ד"ה אין צוויי חדשים אַרום, נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער פרוז פון ווילנער גאון. די סתירה צווישן די צוויי דאַטעס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די ערשטע בויגנס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר תקנ"ו און די לעצטע אין יאָר תקנ"ז. זע די אָנמערקונג פון טייטלבוים אין זיין בוך „הרב מלאדי ומפלגת חב"ד", חלק א', ז"ז 55 — 56. פאַראַן אַ יסוד פאַר זיין השערה, אַז איינציקע געדרוקטע בויגנס (און אפשר, לויט מיין

אין רייסן. צווישן ווילנע און שקלאָוו זיינען געפלויגן בריוו פון די קנאים פאַרן גלויבן, די קריגסלייט וואָס פאָלגן דעם באַפעל פון גאון. אין ווילנע גופא האָבן זיך געשטאַרקט די רדיפות אויף דער גרופע חסידים. די גערודפטע, וואָס אַסך פון זיי זיינען געווען פאַרע־רערס פון ר׳ שניאור זלמן, האָבן זיך געווענדט צו זייער רבין מיט דער בקשה צו קומען קיין ווילנע, כדי זיך מתווכח צו זיין מיטן גאון און צו דערווייזן אים, אַז ער איז חושד בכשרים, אַז די שיטה פון חב״ד וויל גאָר ניט משנה זיין דעם אָנגענומענעם קוק פון יידישקייט אויף דעם באַשעפער און דער באַשאַפונג, אַז זי האָט קיין מאָל ניט גרינג געשאַצט דאָס לערנען תורה, און זי האָט ניט געררייצט די חסידים קעגן דער רבנות. אָבער ר׳ שניאור זלמן האָט זייער בקשה אָפּגעזאָגט, מחמת ער האָט שוין געוווּסט פון ביטערער ערפאַרונג, אַז מען קאָן די זאַך ניט פאַררווירקלעכן.

אין זיין ענטפער צו זיינע ווילנער אָנהענגער[1] שרייבט ער „מפות דעם וויכוח מיט אונדזערע געגענער״ (כדבר הויכוח עם

מיינונג, פון די אָפּשריפטן וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין כתב־יד פאַרן אָפּדריקן) האָט דער גאון געהאַט פאַר די אויגן, בעת ער האָט געשריבן זיין פרוז, און אויף דעם האָט ער מרמז געווען מיט זיין פראָטעסט קעגן די וואָס טייטשן אויס פאַלש די תורה (המגלים פנים בתורה שלא כהלכה, אויבן § 36, און אויך אין דעם פירטראָג פון דער חבדישער שיטה, § 35).

1 דאָס איז דער בריוו מיט דער אויפשריפט „אהובי אחי ורעי העומדים על התורה והעבודה אנשי שלומנו המנין דק״ק ווילנא״. ער איז אָפּגעדרוקט אין דעם פּאָלעמישן ספר „מצרף העבודה״ (קיניגסבערג תרי״ח) און געפינט זיך ביי מיר אויך אין אַן אָפּשריפט, צוגעשיקט פון דער פאַמיליע שניאורסאָן (שפּע־טער איז אַזאַ אָפּשריפט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ספר „בית רבי״ חלק א׳, פרק י״ב). די צייט ווען דער בריוו איז געשריבן איז אויף אים ניט פאַרצייכנט, אָבער פון זיין אינהאַלט איז צו זען, אַז ער איז געשריבן אין לעצטן לעבנס־יאָר פון ווילנער גאון, צווישן חשון תקנ״ז, נאָכדעם ווי עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיין פרוז צו די קהילות, און צווישן תשרי תקנ״ח, ווען דער גאון איז געשטאָרבן. פון איין זייט ווערט אין בריוו דערמאָנט דער ווילנער משולח סעדיה, וואָס איז אַרומגעפאָרן לויטן גאונס באַפעל אין יאָר תקנ״ו; פון דער צווייטער זייט איז קענטיק, אַז דער גאון האָט נאָך געלעבט, און אַז דער בריוו איז ניט געווען קיין פאַרשפּעטיקטע התנצלות; און דריטנס איז אין אים פאַראַן אַ שטיקל וויכּוח מפּות דעם ספר „תניא״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אָנהייב תקנ״ז. עס איז כמעט ווי זיכער, אַז דער בריוו פון ר׳ שניאור זלמן צו זיינע ווילנער אָנהענגער איז געשריבן אין מיטן 1797 (תקנ״ז).

שכנגדינו): „ווען עס וואָלט נאָר מיגלעך געווען צו קומען צו אַ ריכטיקן גמר מיט זיי, אוודאי איז ניטאָ קיין גרעסערע מצווה ווי צו מאַכן שלום בײַ ייִדן... אָבער וואָס האָבן מיר נאָך צו טון וואָס מיר האָבן ניט געטאָן? זייער אַפּילו האָבן מיר זיך געמיט, און עס איז אונדז ניט געראָטן". און דאָ דערמאָנט דער רבֿ זײַן פּרוּוו זיך מתווכח צו זײַן מיטן גאון אין ווילנע מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת עס האָט נאָך געלעבט ר' מענדל וויטעבסקער (אויבן, ב' I, § 21). און דערנאָך שרײַבט ער ווײַטער: „און דערנאָך אין אונדזערע מדינות זײַנען מיר געפֿאָרן קיין שקלאָוו אויך צו אַ וויכּוח, און עס איז אונדז ניט געראָטן, און זיי האָבן מיט אונדז געטאָן מעשים וואָס מען טאָר ניט טון, און זיי האָבן איבערגעביטן זייער הבטחה וואָס זיי האָבן אונדז מבטיח געווען ניט צו טון אונדז גאָרניש, נאָר אַז זיי האָבן געזען, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו ענטפֿערן אויף אונדזערע רייד, זײַנען זיי געקומען מיט געוואַלד און האָבן זיך אָנגעהאַנגען אָן אַ גרויסן בוים, דעם גאון דעם חסיד (ר' אליהו) נרו יאיר"[1]. דער רבֿ איז נוטה צו פֿאַרענטפֿערן דעם גאון, „היות ווי בײַ אים איז די זאַך שוין באַשלאָסן לחלוטין אָן שום ספֿק אין דער וועלט, און דער דין איז בײַ אים פֿאַרענדיקט לויט גבֿית עדות פֿון אַ סך וואָס זײַנען אָנגענומען פֿאַר כּשרע מענטשן".

אָבער אויב ר' שניאור זלמן איז געצווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַ נײַעם פּרוּוו פֿון אַ וויכּוח בעל פּה מיטן גאון, שרײַבט ער אָבער זײַן בריוו אין אַזאַ שטייגער, אַז ער זאָל קאָנען דינען ווי אַ מין שריפֿטלעכער וויכּוח, וואָס אפֿשר וועט ער דערגיין צום גאון אָדער צו זײַנע תּלמידים און וועט ווירקן אויף זיי צום גוטן. פֿאָרוואורף און התנצלות בײַטן זיך אין דעם דאָזיקן בריוו, וואָס אין אים שפּיגלט זיך אָפּ די טראַגישקייט פֿון דעם מצבֿ פֿון דעם חסידישן פֿירער אַנטקעגן דעם טראַגיזם פֿון דעם ראש פֿון די

1 ער האָט ניט אויסגעטײַטשט קלאָר, ווען איז געווען דער פּרוּוו פֿון אַ וויכּוח אין שקלאָוו: צי אין יאָר 1784, ווען ר' שניאור זלמן האָט זיך געמשפּט פֿאַר דער אַסיפֿה פֿון די קהילות אין מאָהילעוו (אויבן, ב' I § 25, וואָס אויך דאָרט שטייט אין זײַן בריוו צו די אָנטיילנעמער אין דער אַסיפֿה: „ונעשו מעשים אשר לא יעשו"), אָדער אין אַ שפּעטערער צײַט, ווען די שקלאָווער מתנגדים האָבן געפּאָרשט און האָבן געפֿונען „חטאים" בײַ די חסידים (§ 34).

מתנגדים אין דעם ענטפּער פון „אליהו קנא“. דער שרייבער באַ־קלאָגט זיך, וואָס דער גאון האָט זיך פאַרלאָזן אויף די רייד פון דעם „באַוווסטן סרסור“ (הסרסור הידוע)[1], וואָס האָט אים אויסגע־טייטשט אַ סך זאַכן אין די חסידישע ספרים ניט ווי עס געהערט צו זיין, „מיט אַ שטיקל שינוי פון לשון“, וואָס דורכדעם ווערט דער ענין פאַרדרייט גאָר קאַפּויער, און דערפאַר „האָט ער ניט געוואָלט אָננעמען פון אונדז קיין שום טענה ומענה און קיין שום תירוץ אין דער וועלט; און אויך איצט הערט מען פון אים ניט קיין שום חרטה“. און דאָ אַנטפּלעקט דער שרייבער אַ סוד פון די טרעפּעניש פון דער מחלוקת: אַז דער גאון האָט געפּאָדערט ביי די חסידים וואָס האָבן אים אַרויסגערופן צום וויכוח „צוויי טויזנט רויטע טאָלער אויף צדקה אָדער אַן אַנדער מצווה“, ווי אַ מין שטראָף־געלט. אָדער — איז מוסיף דער רב מיט אַ שטאָך — „וויל ער האָט ניט געוואָלט זיך מטריח זיין אומזיסט“ (שלא רצה לאטרוחי בכדי). דערין זעט דער רב איין אַ מין אַרויסמאַכן זיך פון וויכוח מצד די מתנגדים, „וואָרעם זיי איז באַוווסט, אַז ביי מיר זיינען געווים פאַרענטפערט אַלע קשיות, וואָס זיינען באַוווסט און פאַר־שפּרייט אין אונדזערע מדינות, אָבער זיי האָבן די תירוצים ניט אָנגענומען, ווי מיר האָבן דאָס געזען מיט אונדזערע אויגן אין שקלאָוו“. און ער פרעגט זיינע אָנהענגער: „אויב יאָ אַזוי, טאָ צוליב וואָס זאָל איך זיך מאַטערן אומזיסט? וואָרעם עס איז דאָך באַוווסט וואָס אונדזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט: פּונקט ווי עס איז אַ מצווה צו זאָגן אַ זאַך וואָס מען הערט זיך צו דעם צו, אַזוי איז אַ מצווה ניט צו זאָגן אַ זאַך וואָס מען הערט זיך צו דעם ניט צו“. און בכלל איז שווער צו שטיין אין אַ וויכוח אין הייכע וועלט־ענינים „נאָך דער גרויסער גוואַלדיקער מעשה, נאָך די גרויסע גוואַלדיקע רעות וואָס מען האָט אָנגעטאָן אַנשי שלומנו אין אונדזערע מדינות ליטע און רייסן לויט דעם גילוי דעת פון דעם גאון דעם חסיד באַזונדערס צו זיינע תלמידים“. „און איך — איז מוסיף דער רב — האָב געזען מיט מיינע אויגן אַ בריוו פון איינעם פון זיינע תלמידים אין ווילנע אין נאָמען פון זיין רבין,

---

1 ווער איז דאָס „דער באַוווסטער סרסור“ — די דאָזיקע רעטעניש איז שווער צו באַשיידן. דער פירער פון די מתגגדים האָט געהאַט אַ סך סרסורים.

אַזעלכע זאַכן וואָס איך וויל זיי ניט אַרויסברענגען אויף דער שריפט מחמת כבוד התורה״.

„פון אייער בריוו — ווענדט זיך ר׳ שניאור זלמן צו זיינע אָנהענגער וואָס רופן אים קיין ווילנע — איז קענטיק און מיר פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז פון אייך ניט פאַרהוילן, מער ניט וואָס איר פאַרלאָזט זיך דער עיקר אויף צוויי חשובע מענטשן, וואָס זאָלן מכריע זיין, ווי ווער איז דער דין[1]. און ניט פון קלוג־שאַפט האָט איר דאָס פאַרלאַנגט, וואָרעם געוויס איז די חשיבות [פון די בוררים מצד די חסידים] ממש גאָר נישט ווערט אַנטקעגן דער מיינונג פון דעם גאון דעם חסיד, וואָס ער וועט אַריינלייגן אין מויל פון זיין שליח ר׳ סעדיה, וואָס וועט אַלץ רעדן אין נאָמען פון זיין רבין, און בפרט אין דער אויסטייטשונג פון דעם ספר לקוטי אמרים[2] און כדומה, וואָס זיינען באַגרינדעט אין דער הייליקייט פון דעם אר״י ז״ל. וועדליג מען הערט, איז אין דער מדינה ליטע ניטאָ קיין איינער, ווער עס זאָל ניט מבטל זיין זיין מיינונג פאַר דער מיינונג פון דעם גאון דעם חסיד און זאָל זאָגן מיט אַ פולן מויל: ער רעדט ניט ריכטיק, סיידן אין ווייטע מדינות, ווי טערקיי און איטאַליע און דעם רוב דייטשלאַנד און גרויס־ און קליין־פוילן״.

דאָ גייט דער רב אַריבער צום עצם וויכוח: „וועדליג מען הערט אין אונדזערע מדינות פון זיינע תלמידים, איז דאָס די טענה פון דעם גאון אויף דעם ספר לקוטי אמרים און זיינס גלייכן, וואָס אין זיי איז אויסגעטייטשט „ממלא כל עלמין ולית אתר פנוי מיניה״ [ער איז פול אַלע וועלטן און עס איז ניטאָ קיין אָרט ליידיק פון אים] ממש לויטן פשט, און אין דעם גאונס אויגן איז דאָס פולע אַפּיקורסות צו זאָגן, אַז גאָט ברוך הוא געפינט זיך ממש אין שפלע און נידעריקע זאַכן. און לויט אייער בריוו איז דערפאַר פאַרברענט געוואָרן דער באַוווּסטער ספר[3]. (אָבער)

1 פון דאַנען איז געדרונגען, אַז די חסידים האָבן פאָרגעלייגט ניט נאָר אַ וויכוח, נאָר אַ בוררות־געריכט.

2 ער מיינט דאָ דעם ספר „תניא״, וואָס זיין צווייטער נאָמען איז „לקוטי אמרים״. עס איז שווער משער צו זיין, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דעם ערשטן „לקוטי אמרים״ אָדער „מגיד דבריו ליעקב״ פון דעם מעזעריטשער מגיד.

3 „תולדות יעקב יוסף״ אין יאָר 1781 אָדער „צוואת הריב״ש״ נאָך 1793? — שווער אויפצוקלערן, וואָס דאָ איז געמיינט.

אין דעם איסטייטש פון די דערמאָנטע מאמרים האָבן זיי [די חסידים] אַ פֿאַרבאָרגענעם און ווונדערלעכן וועג, ומלוא כל הארץ כבודו — דאָס איז די השגחה[1]... און וועגן דעם „לקוטי אמרים" און זיינס גלייכן אין דעם ענין פון אַרויספֿברענגען די ניצוצין פון די קליפות, איז דאָך אָט דער עיקר דערמאָנט נאָר אין דער קבלה פון אר"י ז"ל אַליין און ניט בײַ די פֿריערדיקע מקובלים און אויך ניט אין זוהר הקדוש בפֿירוש. און אונדז איז באַוווּסט מיט פֿולער קלאָרקייט, אַז דער גאון דער חסיד גלייבט ניט, אַז די קבלה פון אר"י איז אין גאַנצן פֿון אליהוס מויל, נייערט מער ניט אַ ביסל איז פֿון אליהוס מויל, און דאָס איבעריקע איז פֿון זיין גרויסער חכמה, און עס איז ניטאָ קיין חיוב צו גלייבן אין איר... און וואָס זאָלן מיר רעדן און וואָס זאָלן מיר זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר אים?... ווער עס גלייבט ניט אין אַ זאַך, דער איז ניט קיין האַר צו משפּטן און צו פּסקענען אין דער זאַך. די מכריעים דאַרפֿן זיין די גדולי ישראל, וואָס זיינען מפֿורסם, אַז זיי גלייבן אין דער קבלה פון אר"י, אַז די איז אין גאַנצן פֿון אליהוס מויל, ווי די חכמי הספֿרדים און זייער גלייכן"...

און נאָך אַמאָל קערט זיך ר' שניאור זלמן אום צו זיין אַמאָליקן פֿאָרשלאָג: מען זאָל מאַכן אַ וויכּוח בעל פּה אָדער בכתב מיטן אָנטייל פֿון מומחים פון ביידע צדדים. „הלוואי וואָלט איך זיך געטראָפֿן מיט אים [מיטן גאון] און וואָלט אויסגעשטעלט פֿאַר אים אונדזער משפּט, אָפּצוטון פֿון אונדז זיינע פֿילאָסאָפֿישע אָפּ־פֿרעגן און טענות, אַזוי ווי איך האָב איבערגענומען פֿון מיינע רביים נ"ע [נשמתם עדן] אַן ענטפֿער איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל (תשובה נצחת) אויף אַלצדינג. און אויב אים וועט שווער זיין אָפּצוקערן זיך פֿון זיין וועג, וואָס ער איז אויף אים אויסגעוואַקסן פֿון יונגווייז אָן און מיינע רייד װעלן אין זיינע אויגן ניט אָנגענומען ווערן, דעמאָלט זאָל זיין ענוות זיך פֿאַרבינדן מיט זיין גדולה אויסצוטייטשן גוט שריפֿטלעך אַלע זיינע טענות צו אונדז בנוגע דעם דאָזיקן גלויבן, און ער זאָל זיך חתמען בכבודו ובעצמו, און איך וועל קומען נאָך אים און וועל ממלא זיין זיינע רייד צו ענט־

---

1 דאָ האָב איך איבערגעביטן דעם סדר פון די פראַגמענטן אין ר' שניאור זלמנס בריוו און האָב זיי צונויפגעשטעלט לויטן אינהאַלט.

פערן איף אַלע זיינע טענות אויך געשריבן און אונטער־געחתמעט, און די צוויי בריוו זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן און פונאַנדער־געשיקט צו אַלע חכמי ישראל די נאָענטע און די ווייטע, אַז זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג דערין, און אחרי רבים להטות. און דער־מיט וועט זיין שלום איף ישראל".

צום סוף פון בריוו זאָגט דער רב אָן זיינע תלמידים, זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון מחלוקת און אויפרייצנדיקע רייד: „און מכּוח דעם פאַרברענען וואָס זיי האָבן פאַרברענט דעם באַוווסטן ספר[1], איז דאָס ניט אייער זאַך זיך איינצושטעלן פאַרן בעש"ט זצ"ל און אויפצוּוועקן קריגערייען. ניט דאָס איז די שטאָט און ניט דאָס איז דער וועג, וואָס גאָט וויל. אין אייערע אויגן איז דאָס אַ נייע זאַך, אָבער אַזוינס איז שוין געווען. דערמאָנט זיך פאַרצייטיקע טעג, ווער איז גרעסער פאַר משהן און זיין דור, דאָס איז דער רמב"ם ז"ל, וואָס אין זיין לאַנד אין שפּאַניע איז ער גרויס גע־וואָרן מיט אַ גוטן נאָמען, אָבער אין די ווייטע לענדער האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס און אַ כופר אין דער הייליקער תורה און מען האָט פאַרברענט זיינע ספרים, דהיינו דעם ערשטן ספר פון ספר הי"ד [יד החזקה], אין מיטן גאַס"[2]...

דער ליאָזנער בריוו איז אָנגעקומען קיין ווילנע קורץ פאַר דעם ווילנער גאונס טויט. דער 77־יעריקער זקן איז געשטאָרבן אום חול המועד סוכות (י"ט תשרי תקנ"ח — 9 אָקטאָבער 1797). „די שמחה פון יום טוב איז פאַרקערט געוואָרן צו טרויער, און אין אַלע גאַסן פון ווילנע האָט מען געהערט נאָר קלאָגן"[3]. עס איז געפאַלן דער ריז פון דער רבנות, דער אָנפירער פון די מתנגדים, נאָכדעם ווי ער האָט אויפגערופן דאָס גאַנצע פאָלק צום הייליקן קאַמף קעגן דער סעקטע חסידים. די גערודפטע סעקטאַנטן האָבן

1 פון דעם וואָס דאָ איז געזאָגט, איז קענטיק, אַז דאָס איז שייך צו דער לעצטער פאַרברענונג פון „צוואת הריב"ש" אָדער „כתר שם טוב".

2 ר' שניאור זלמן האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען, אַז אין מאָנפּעליע האָבן די פאַנאַטיקער אין יאָר 1233 פאַרברענט נים נאָר דעם „ספר המדע", דאָס ערשטע בוך פון דער „משנה תורה", נייערט אויך דעם „מורה נבוכים", וואָס איז געווען פסול ביי די אָרטאָדאָקסן אויך אין דער צייט פון ווילנער גאון.

3 עליות אליהו, 74 (ווילנע 1875).

דערין געזען אַן „אצבע אלהים": אפשר האָט מען דאָס אין הימל זיך דערבאַרעמט איבער זיי און מען האָט געגעבן זייערע שׂונאים אַן אָנצוהערעניש, זיי זאָלן אויפהערן זיי צו באַדריקן. עס איז געווען יום־טוב־צייט, און די ווילנער חסידים האָבן געהוליעט אום שמחת בית השואבה און האָבן ניט געקוקט דערויף, וואָס די קהילה איז אין טרויער.

איינער פון די פאַנאַטיקער פון דער רבנות[1] דערציילט וועגן דעם בזה הלשון: „באַלד נאָך דער פטירה (פון גאון) האָבן די חסידים זיך צונויפגעקליבן און געמאַכט אַ מאָלצייט און אַ שׂמחה, געטייט רינדער און געשאָכטן שאָף, און האָבן געטרונקען און זיך איינגעשיכּורט, און האָבן געשיקט נאָך קלעזמער און האָבן געשפרונגען און געטאַנצט די גאַנצע נאַכט". לויט אַ צווייטן וואַריאַנט האָט דער מאָלצייט זיך געענדיקט מיט געשלעגן און הריגות (אפשר ווייל פאַנאַטישע מתנגדים האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטוב און זיינען אָנגעפאַלן אויף די געסט): דריי חסידים זיינען דערהרגעט געוואָרן און פינף האָט מען אָפּגעפירט אין תּפיסה; די קערפּערס פון די הרוגים זיינען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן און אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב אויף יענער זייט פאַרקאַן פון בית־הקברות[2]. מיר מעגן ניט שטאַרק גלייבן אין אָט דער שרעקלעכער מעשה, נאָר עס איז קיין ספק ניט, אַז אין אָט דער חול־המועדיקער נאַכט האָבן אָפּגעטאָן מיאוסע זאַכן די חסידים, און אפשר אויך דער אַנדערער צד. אויף מאָרגן אין דער פרי, אַז מען איז די זאַך געוואָר געוואָרן אין דער פאַרטרויערטער שטאָט, האָט זיך דער גרימצאָרן פון די מתנגדים אָנגעצונדן ווי אַ פייער. די קנאים פון דער קהילה האָבן געשוואָרן אויפן קבר פון גאון בשעת דער קבורה, אַז זיי

---

1 דוד מאַקאָוו אין כּ"י „שבר פושעים", סימן 15; אין אַ צווייטן וואַריאַנט אין כּ"י „זמרת עם הארץ", סימן 25.

2 אַזוי טייטש איך אויס דעם פאַרדאָרבענעם טעקסט פון „זמרת עם הארץ", סימן כ"ה: „הבוקר אור, ואנשים החסידים נסו איש לביתו, כּי חרדת גדולה נפלה עליהם, מאשר נתפּגרו שלשה והובלו בה"נ (?) חמשה... ואת אשר נתפּגרו סחוב השלך באחד הפּחתום המגועלים". מען דאַרף זיין שטאַרק געהיט בנוגע צו אָט דער הוספה פון שפּעטערדיקן איבערשרייבער, וואָס ער איז געווינגט „זיך נוקם צו זיין אָן די חסידים" מיט גוזמות און גראָבע זידלערייען קעגן זיי.

וועלן זיך נוקם זיין אָן זייערע שונאים, פאַר וואָס זיי האָבן פאַרשוועכט דעם כבוד פון „געטלעכן מאַן"[1].

דעם זעלביקן טאָג איז טאַקע די שבועה אויסגעפירט געוואָרן. עס האָבן זיך צונויפגעקליבן צען מענטשן פון ווילנער קהלס־לייט, פון דער גרופּע רח"ש (רבנים, חזנים, שמשים) און האָבן באַשלאָסן צו רודפן די חסידים מיט אַלע מיטלען וואָס דער קהל פאַרמאָגט. זייערע החלטות האָבן זיי איבערגעגעבן די איבעריקע ראשי הקהילה, און יענע האָבן צו זיי מסכים געווען אין קהל־שטיבל „לויט פאַרבאָרגענע שטימען" (עפּ"י דעות נעלמות), כדי מען זאָל די שונאים ניט אויסזאָגן דעם סוד פון זייער טאַקטיק. אויף יענער זיצונג זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פינף מענטשן פון די ראשי הקהילה, וואָס זיי איז געגעבן געוואָרן רשות אויסצופירן אַלע החלטות און מצרף צו זיין צו זיך אַלעמען וועמען זיי וועלן האַלטן פאַר פּאַסיק צוליב דעם צוועק.

הושענא רבה (כ"א תשרי) איז אויסגערופן געוואָרן אין אַלע ווילנער שולן מיט שופר־בלאָזן און ביי אויסגעלאָשענע ליכט אַ „מודעה רבה" אויפן יסוד פון דער ווייטערדיקער החלטה וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן אין קהלשן פנקס[2]:

„עס זיינען אַרויס מענטשן פון דער מחנה און האָבן איינגעבראָכן אַן אייביקן גדר, זיינען משנה פון דער פורעם וואָס עס

1 אַ מסורה פון דער פאַמיליע שניאורסאָן (כ"י „תולדות אדמו"ר", ז' 11). זע אויך „קריה נאמנה", 213 (1860). די מסורה וועגן דער שבועה אויפן גאונס קבר ווערט באַשטעטיקט דורך אַ שפּעטערדיקן דאָקומענט פון ווילנער גובערנאַטאָר קוטוזאָוו („יעוור' סטאַרינאַ", 1910, ז' 260).

2 דער דאָזיקער דאָקומענט איז פאַראַן אין צוויי וואַריאַנטן: אין כ"י „שבר פושעים", סימן 14, און „זמרת עם הארץ", סימן 24, אונטערן נאָמען: „העתקה מפנקס הקהל דק"ק ווילנא". ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אַן אָפּשריפט פון די דערמאָנטע החלטות וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין קהל־שטיבל און זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין פנקס, איידער מען האָט זיי אויסגערופן אויף מאָרגן אום הושענא־רבה. צי עס איז אויסגערופן געוואָרן עפּנטלעך דער דאָזיקער דאָקומענט גאַנצערהייט אָדער נאָר אַ טייל פון אים — איז שווער אויפצוקלערן. ווי עס ווייזט אויס זענען אין דעם כרוז דורכגעלאָזט געוואָרן אַזעלכע אויסדרוקן ווי „ברודף חנעלם". און אפילו אין פנקס גופא זיינען ניט פאַרשריבן געוואָרן די „פאַרבאָרגענע" החלטות וואָס זיינען ניט באַשטימט געווען צו פאַרעפנטלעכן, כדי די חסידים זאָלן זיי ניט אויסניצן צום שאָדן פון די מתנגדים. מען דאַרף

האָבן אויסגעפּורעמט די חכמים אין ברכות און תּפילות, הייבן אויף אַ קול ביים דאַווענען און אין אַנדערע פירעכצן זיינען זיי אַנדעריש פון גאַנצן פאָלק ישראל, און זיי רופן זיך אָן מיטן נאָמען ח ס י ד י ם, און זיי ווערן אָנגערופן [אויך] קאַרלינער. און זיי מאַכן חבורות און באַשטימען פאַר זיך איין מענטשן און רופן אים אָן ר ב י. און די חכמים האָבן שוין געמיט זיך מיט זייערע תקנות אויסצו־בעסערן דאָס געקרימטע אין די יאָרן תקל״ב און תקל״ג, דאָס זיינען די רוזנים נגידים פון די פינף ערשטע קהילות פון ליטע און זייערע גאונים. און אָט איצט אין אַ סך צייט אַרום זיינען ווידער אויפגעשטאַנען פון זייער כּת און האָבן זיך דערוועקט צו פאַרשטאַרקן זייערע מעשים. דעריבער באַפעלן מיר, צען מענטשן פון דער אסיפה פון די רח״ש, לויט דער באַשטימונג, די שמשים פון אונדזער קהילה און דעם רבני דעם שרייבער פון דאַנען, ער זאָל פרעגן די לייט פון דער אסיפה פון רח״ש, צי זיי זיינען מסכּים צו אַלע גדרים און סייגים און איסורים און חרמות, וואָס מען האָט פון דעמאָלט אָן געהאַלטן בנוגע די מענטשן פון דער דערמאָנטער כּת, ווי עס איז דערקלערט באריכות אין די פּנקסים און אין די שריפטן פון די הויפּט־קהילות און פון זייערע גאונים.

„און צוגעגעבן דערצו [צו די ערשטע גדרים]: אַז ווער פון די מענטשן פון אונדזער קהילה וואָס עס וועט אויפגעקלערט ווערן וועגן אים, אַז ער האַלט אונטער די דאָזיקע מענטשן, זיי אַלעמען אָדער טייל פון זיי, און אפשיטא שוין ווער עס וועט גיין אין זייערע וועגן און וועט זיך פירן לויט זייערע מנהגים, לא די וואָס דער דאָזיקער מענטשן וועט נ י ט ג ע ר ע כ נ ט ווערן א י ן ג אַ נ צ ן פ אַ ר אַ י י ד ן און ער וועט אין אַלצדינג זיין ווי אַ נ כ ר י, דהיינו זיין ברויט איז פּת כּותי אאַז״וו, וועט דער דאָזיקער מענטש אין גאַנצן אַ ר ו י ס ג ע ט ר י ב ן ווערן פון דאַנען, דער היילִיקער קהילה, און ער וועט ניט האָבן קיין חזקת ישוב, און אפשיטא שוין, אַז ער וועט ניט האָבן קיין שום התמנות אין קהל און אין אַן אסיפה

משער זיין, אַז דער אינהאַלט פון די החלטות איז איבערגעגעבן געוואָרן ביים אויסרופן אויף אויסווייניק אין דעם געוויינטלעכן סטיל אין יידיש, שטאַרק אויסגעמישט מיט העברעיש. אויסגעלאָזן זיינען דאָ נאָר די ערטער, וו עפּעס איז איבער־געחזרט אומזיסט.

און אין קיין שום חברה, און אַלץ לויט דעם באַפעל פון פאַרבאַרגענעם רודף. און דער רבני דער שרייבער איז מחויב צו פאָלגן דעם דערמאָנטן רודף אָן שום אָנפרעגעניש ביי אַ ראש אין דיין. און איטלעכער פון די מענטשן פון אונדזער קהילה קאָן זיין אַ רודף ווי דערמאָנט, אַז די חייה פון דעם רודף זאָלן זיין דערין, ווי עס וואָלט אויסגעקומען דורך אַ הסכם דורך דער גאַנ־צער אַסיפה פון רח"ש, און איטלעכער פון די אָנטיילנעמער אין דער אַסיפה האָט רשות צו באַשטימען גדרים אין דער זאַך דעם רבני דעם שרייבער, און דער שרייבער איז מחויב אָנצונעמען און צו פאַרשרייבן אַלע גדרים פון דעם דאָזיקן ענין אין פנקס. און (זיי) זאָלן האָבן גילטיקייט (ווי) אַלע גדרים וואָס זיינען אויסגע־רעכנט אין פנקס הקהילה און אין פנקס המדינה אין אַנדערע ענינים...

„עס איז אויך אַן איסור פאַר איטלעכן יידן צו מינערן אַפילו אַ קוצו של יוד פון אַלצדינג וואָס מען איז געקומען דערין צו אַ הסכם... און אַלע די אויסגערעכנטע גדרים [בלייבן] ביי ר' לייב פון לובמש... און אויך די שמשים פון דער קהילה און די שמשי בית־דין און דעם שרייבער זאָגן מיר אָן, ניט אָנצונעמען קיין אויסרייד אין הסכם צו מינערן אַפילו אַ קוצו של יוד פון דעם אויבן דער־מאָנטן... און די שמשים זיינען מחויב צו פאָלגן אים [דעם שריי־בער], אַזוי ווי דער באַפעל וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון די זיבן טובי העיר און פון דער אַסיפה פון רח"ש, ביי שטראָף פון אַראָפּזעצן די שמשים און פון דעם רודף הנעלם, אויב זיי וועלן ניט פאָלגן...„ [און מיר האָבן באַשטימט], אַז עס זאָל ניט זיין קיין שום מניין פון די מענטשן פון דער דערמאָנטער כת דאָ אין דער הייליקער קהילה, סיי פון די איינוווינער פון דער קהילה סיי פון אורחים, און דורך דעם רודף הנעלם [ווערט באַשטראָפט] איטלעכער בעל הבית, וואָס עס וועט זיין אַן מנין ביי אים אין שטוב אָדער אין הויף.

„און עס זאָלן אויך אויסגעקליבן ווערן דורך דער אַסיפה פינף מענטשן וואָס זיינען אויסגערעכנט אונטן, וואָס זייער מאַכט זאָל זיין ווי די מאַכט פון די זיבן טובי העיר און ווי די גרויסע אַסיפה אין דעם ענין, און וואָס עס וועט אויסקומען לויט זייער הסכם זאָל זיין גילטיק אַזוי ווי דער הסכם פון די זיבן טובי העיר און די ניינצן מענטשן... און אויך אין פרט פון הוצאה וואָס וועט

זיין נייטיק אין דעם ענין זאָל זיין זייער מאַכט ווי די מאַכט פֿון די זיבן טובי העיר... און אפשיטא אַז זיי דאַרפֿן זיך צונויפֿקלייבן, ווען זיי ווילן ווען אין קהל־שטיבל אָן שום שטערער און פֿאַרהאַלטער... און עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פֿינף מענטשן, און דאָס זיינען זיי: דער ראש מ׳ ליב בר׳ בער, און דער ראש מ׳ דוד בר׳ יעקב, און דער ראש מ׳ משה בהרבני מ׳ אשר, און דער ראש מ׳ אייזיק בר׳ אברהם סג״ל, און דער מנהיג מ׳ רפֿאל בר׳ מרדכי... און פֿאַרן עבר ווערט די דערמאָנטע מענטשן [די חסידים] פֿאַרגעבן, אויב זיי ווילן פֿאַרלאָזן זייער וועג. און אַלע ספֿרים וואָס זיינען געמאַכט פֿון זייער כּת און די כּתבים וואָס זיינען דורך זיי געשריבן זאָלן ווערן געבראַכט צום רב דעם מורה צדק״.

אַזוי אַרום איז געגעבן געוואָרן דעם באַזונדערן קאָמיטעט פֿון פֿינף מענטשן רשות צו באַשטימען אַ רדיפֿה אויף איטלעכן מענטשן וואָס איז חשוד אויף חסידות, אָן איבערצוגעבן זיין משפּט צום בית־דין, אַז מען זאָל דאַרפֿן אויסהערן עדות און עפֿנטלעך אויספֿאָרשן. דאָס אויג פֿון „פֿאַרבאָרגענעם רודף“ איז געווען אָפֿן אויף איטלעכן פֿון די סעקטאַנטן און זייערע מיטהעלפֿער, און דער פּסק־דין פֿון דעם „פֿינפֿער־קאָמיטעט“ ווערט אויסגעפֿירט אויך דורך אַ „פֿאַרבאָרגענער רדיפֿה“: עס ווערט איבערגעגעבן פֿון איינעם צום אַנדערן אַ שטילער הסכּם צו דערגיין דעם „פּושע“ אין לעבן, אָפּצושניידן אים די פּרנסה און צו צווינגען אים צו פֿאַרלאָזן זיין וווין־אָרט. אין דעם ווירקונגס־קרייז פֿון דעם „פֿאַרבאָרגענעם רודף“ איז, ווייזט אויס, אַריינגעגאַנגען אויך צו מסרן פֿאַר דער רעגירונג אויף דער סעקטע אין גאַנצן און אויף אירע פֿירער באַזונדער, כּדי צו פּסלען זיי בעת די וואַלן צום קהל אָדער אָפּצושטופּן די אויסגעקליבענע פֿון יעטווידער אַמט אין דער אָנפֿירונג פֿון דער קהילה. צווישן די חברים פֿון דעם „פֿינפֿער־קאָמיטעט“, דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל קעגן די חסידים, זיינען געווען פֿיר „ראשים“ (ד״ה ווילנער ראשי הקהל) און איינער מיטן טיטל „מנהיג“. איינער פֿון די ראשים איז געווען יענער „משה בר׳ אשר“, וואָס איז אין גיכן באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען „משה אָשעראָוויטש“ אין זיין שטרייט מיט די חסידים אין די רעגירונגס־אַמטן, ווי מיר וועלן דאָס דערציילן ווייטער. ער איז געשטאַנען בראש פֿון די פֿאַנאַטיקער, וואָס האָבן

געשוואָרן אויפן גאונס קבר צו נעמען נקמה פון די חסידים און אויסצוואָרצלען די סעקטע פון דער ווילנער קהילה און פון אַלע אַנדערע יידישע קהילות[1]. די רעליגיעזע מחלוקת איז אַריבער איר גרענעץ און איז אַריין אין צושטאַנד פון בירגער-קריג.

---

§ 38. דער רב אַרעסטירט אין פעטערבורגער פעסטונג (1798)

די רודפים און די נקמה פון די גערודפטע. — דער מגיד ישראל לייבל און זיין פראָפּאַגאַנדע קעגן דער „כת". — זיין וואָרענונג די ליטווישע „צדיקים", זיי זאָלן זיך שטעלן צום משפט מיט אים לויט „דעם קיסרס באַפעל". — אַ מסירה-שריפט פון די ווילנער פאַנאַטיקער צום הויפּט-פּראָקוראָר אין פעטערבורג מכוח די „מלוכה-שעדלעכע מעשים" פון די אָנפירער פון די חסידים. — דער אַרעסט פון ר' שניאור זלמן און זיינע חברים. דער רב זיצט אין תפיסה אין פעטערבורג און ווערט געמשפט אין דער געהיימער קאַנצעלאַריע.—די אויסלייזונג פון אַרעסטירטן. — זיין באַפרייונג י"ט כסלו תקנ"ט. — זיינע בריוו וועגן דער אַ יסלייזונג.

דער קריגס-רוף וואָס איז אַרויס פון גאון אַ יאָר פאַר זיין טויט איז געוואָרן פאַר זיינע פאַרערער נאָך זיין טויט ווי אַ מין הייליקע צוואה. די מלחמה האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ ליטע און רייסן. די פרנסים פון די קהילות און די רבנים האָבן געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב אַרויסצולאָזן גזרות אויף די חסידים, צו שליסן זייערע מנינים, צו דערוויטערן זיי פון אַלע קהילה- און דערציונגס-אינסטיטוציעס, אויך אָפּצושניידן זייערע פרנסות, אָפּ-צושטעלן איטלעכן משא ומתן מיט די „רשעים" און צו רודפן זיי מיט וואָס נאָר זיי קענען. דער חסידישער מיעוט פלעגט טייל-מאָל זיך נוקם זיין אָן זיינע רודפים מיט די מיטלען, וואָס דער שוואַכער באַשיצט זיך קעגן דעם שטאַרקן: מיט איינציקע טעראָר-מעשים און מיט אַכזריות וואָס שטאַמט פון אָנמעכטיקן צאָרן.

---

1 „קריה נאמנה", 213 — 216.

אין יענער צייט פֿלעגט אַרומגיין איבער יידישע שטעט איינער אַ פֿאַנאַטישער מתנגד, מיטן נאָמען ישראל לייבל[1], וואָס איז געווען מגיד אין די קהילות מאָהילעוו זײַן רייסן און אין .אָוואַרעדאָק, און איצט איז ער מצד דעם גאון און זיינע תּלמידים באַשטימט געוואָרן אַרומצופֿאָרן און דרשען קעגן די חסידים. די ווינציק חסידים אין די קהילות האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך מתווכּח צו זיין מיטן וואַנדערנדיקן מגיד און אָפּצולייקענען זיינע רייד, נאָר ווען עס האָט זיך זיי געמאַכט אַריינצוכאַפּן אים אין אַ ווינקעלע, פֿלעגן זיי אים שלאָגן און אָנטון אים בזיונות. אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן מיט אַנדערע אַגיטאַטאָרן קעגן זיי. „עס איז ביי זיי שוין אַ היתּר—באַקלאָגט זיך ישראל לייבל[2]—צו הרגענען די מתנגדים און צו שלאָגן זיי און צו מסרן זיי, ווי זיי האָבן געטאָן מיטן רבני שלום ליובאַוויטשער ז"ל און מיט רבֿ יעקבֿ שקלאָווער און מיטן רבֿ פֿון ק"ק וואָלפֿע, וואָס זיי האָבן אים אויסגעטאָן זיינע קליידער און ער איז געווען געצוווּנגען אַריינצוגיין אין שטאָט אַ נאַקעטער, און ווי זיי האָבן געטאָן מיטן פֿאַרשטאָרבענעם יצחק אייזיק יאַנאָווער, וואָס איז געווען מגיד און מורה הוראה אין ק"ק ראָהאַטשאָוו". דער גערודפֿטער רודף קאָנסטאַטירט אַ כּלל: „די חסידים האָבן אונדז [די מתנגדים] פֿיינט מער פֿון אַלע אומות, און טייל פֿון זיי זיינען מתּיר אונדזער בלוט ווי דאָס בלוט פֿון בהמות און חיות רעות". און דערפֿאַר האַלט ער זיך פֿאַר מחויב „אַרויסצוגיין קעגן זיי מיט אַלע מיני תּחבולות". און ער רופֿט אָן איינע פֿון די דאָזיקע „תּחבולות": מסרן פֿאַר דער רעגירונג. „איך האָב געזען דעם געזעץ פֿון קיסר ירום הודו, וואָס איטלעכע גרויסע זאַך קומט צו אים, און עס איז אויך אָפּגעדרוקט אין זאַקאָן, אַז קיין איין מענטש טאָר ניט מאַכן קיין נייע אמונה;, און איך האָב אויך געזען און געהערט פֿון דעם גאון דעם חסיד דעם געטלעכן מאַן, אַז ער איז גרייט צו שטיין קעגן זיי". און אַזוי אַרום האַלט ער זיך פֿאַר אַ חובֿ צו פֿאָלגן ביידע באַפֿעלן: „און אויב (עס איז אַרויס) דער באַפֿעל פֿון קיסר ירום הודו, אַז עס זאָל ניט זיין קיין נייע אמונה, איז

1 וועגן אים און זיינע ספרים וועט גערעדט ווערן בפרוטרוט ווייטער § 40.

2 „ספר ויכּוח" פֿון ר' ישראל לייבל, אין דער הקדמה, דף ג' (תקנ"ח).

(איטלעכער מענטש) מחייב זיך מוסר נפש צו זיין און אויסצופירן דעם באַפעל. און אויב עס איז געווען די אָנווייזונג פון דעם אמתן גאון, וועדליג דאָס איז אויסגעטייטשט אין זיין בריוו, איז אויך איטלעכער מענטש מחייב אים צו פאָלגן. און אַוודאי וועט הקדוש ברוך הוא אַריינגעבן אין קיסרס האַרץ, אַז ער זאָל ניט פאַרלאָזן יענעם מענטשן, וואָס איז זיך מוסר נפש כדי אויסצופירן זיין רצון און בפרט אַז מיר האָבן זוכה געווען אין אונדזער דור צו אַ קיסר, וואָס ער איז ניט נושא פנים און טוט קיין עוולה ניט, אויך זיינע שרים גייען אין זיינע טריט, און דער זכות פון גאון וועט אונדז אויך באַשירעמען, אַז [די סעקטאַנטן] זאָלן ניט קאָנען פרווון דערגיין אונדז די יאָרן".

אַ נייע מזיק הערן מיר אין די דאָזיקע רייד, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דעם גאונס לעצטע טעג און זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן באַלד נאָך זיין טויט. אין יענע צייטן זיינען דערגאַנגען צו די מתנגדישע קרייזן קלאַנגען, אַז דער נייער רוסישער קיסר פאַוול דער ערשטער מאַכט אַן אויספאָרשונג מכּוח די מאַסאָנען־געזעלשאַפטן, ווי די אילומינאַטן, וואָס זיינען געווען חשוד אין סימפּאַטיעס צו די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און דעריבער איז זיי אַריין אין זינען, אַז מען קאָן דאָס אויסנוצן, בכדי אַריינצונעמען אויך די סעקטע חסידים צווישן די חשודיקע סעקטעס, כדי דאָס מלכות זאָל זיך צו זיי נעמען. אויך דער מגיד לייבל האָט זיך געפעדערט אויסצונוצן אָט דעם כּלי זיין. אין זיין ספר לייגט ער פאָר די אָנפירערס פון די חסידים, זיי זאָלן זיך שטעלן צו אַן עפנטלעכן וויכּוח מיט אים און מיט זיינע חברים, און סטראַשעט זיינע פיינד מיט אַ שטראָף פון מלכות: „און בכן בין איך מתרה אַלע רבנים פון דער דאָזיקער כּת, זיי זאָלן זיך שטעלן צו אַ וויכּוח מיט מיר און מיט די איידעלע לייט וואָס מיט מיר, וואָס אייפערן גאָטס אייפער: ר' שמואל אמדורער און ר' מרדכי לעכעוויצער און ר' מאָטל טשערנאָבילער[1]. דעם קיסרס אַ באַפעל וועלן זיי דאַרף ניט

---

1 „ספר ויכּוח" דף ג' עמוד ב. דער מחבר רופט דאָ אָן צוויי ליטווישע צדיקים און איין אוקראַינישן, וואָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אין די שכנישע רייסישע קהילות (טשערנאָביל איז נאָענט צום גרענעץ פון מאָהילע-

האַלטן גרינג. און זאָלן זיי וויסן, אַז איך וועל מאַכן אַ מאַניפעסט אין טרובינאַל [טריבונאַל], אַז איך וויל מיט זיי גיין פאַר אַ משפט, און לויט זייערע געזעצן ווערט איך [דער וואָס ווערט געלאָדן צום דין], זאָל זיין ווער עס וויל, אָנגערופן פּאָד שודאָם, דאָס הייסט אונטערן געריכט. אויב איר וועט טון שלעכטס מיט מיר אָדער מיט די מענטשן וואָס העלפן מיר, זאָלט איר וויסן זיין, אַז דאָס וועט אויך זיין אַ מרידה קעגן געזעץ פון געריכט און קעגן חוק פון דער קיסריות יר״ה".

די פאַנאַטישע מתנגדים האָבן אָנגעהויבן רעדן מיטן טאָן פון פּאָליציסטן. עס האָט זיי אויסגעוויזן, אַז מיט דער הילף פון דער רעגירונג וועלן זיי קאָנען בייקומען זייערע שונאים, לכל הפחות זיי איינשרעקן. שטילערהייט איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פּלאַן פון אַ מסירה אויף די אָנפירערס פון דער חסידות, בראש מיט ר׳ שניאור זלמן און די צדיקים פון די קאַרלינער, אין פינסקער קרייז, וווּ עס איז געזעסן דער באַליידיקטער רב אביגדור בן חיים. דער ווילנער „רודף הנעלם" האָט געטאָן דאָס זייניקע. אין יאָר 1798, אין דער צייט ווען ישראל לייבל האָט אין זיין „ספר הויכוח" אויסגעזאָגט עפּעס פון די מתנגדישע פּלענער, האָט איינער אַ ווילנער הירש בן דוד (הירש דאַווידאָוויטש אין רוסישן דאָקומענט) דערלאַנגט אַ מסירה אויף דער סעקטע חסידים דעם גענעראַל־פּראָקוראָר לאָפּוכין אין פּעטערבורג[1]. אין דער מסירה־שריפט איז געווען גערעדט „וועגן די שעדלעכע מעשים פאַר דער מלוכה פון דעם רב זלמן בן ברוך וואָס וווינט אין דער ווייסרוסישער גובערניע אין שטעטל לאָשנאַ (ליאָזנע)". די דאָזיקע שריפט איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, און דערפאַר ווייסן מיר ניט, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ „שעדלעכע מעשים פאַר דער מלוכה", וואָס דער מסור האָט איינ־

ווער גובערניע). קענטיק, אַז באַזונדערס האָבן אים אָנגעטאָן צרות די חסידים פון אָט די רביים.

1 אין רוסישן דאָקומענט (ענטפער פון ליטווישן גובערנאַטאָר צום גענעראַל־פּראָקוראָר, יעוור׳ סטאַרינאַ 1910, ז׳ 258) שטייט, אַז די מאַכט האָט נאָכגעפאָרשט נאָך דעם וווין־אָרט פון דעם דאָזיקן מסור און האָט אַזאַ מענטשן אין ווילנע ניט געפונען. עס קאָן זיין, אַז דער קאָלעקטיווער מסור — די אויספירער פון די באַפעלן פון דעם „רודף הנעלם"—האָט אויסגעקלערט אַ פאַלשן נאָמען צו חתמען די מסירה־שריפט.

געפונען אין די טועכצן פון דעם חסידישן פירער. עס קאָן זיין, אַז ער האָט געפרווט אַריינצונעמען די חסידים אין כלל פון די אילומינאַטן, יענער פריימויערער־גרופע וואָס זיינען געווען געגרינדעט אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד[1], אָדער ער האָט געסטאַרעט זיך צו דערווייזן פון דעם „תניא", אַז די סעקטאַנטן זיינען ניט געטריי דער מלוכה און פאַרהאַלטן זיך מיט פאַראַכטונג צו גויים. דער מסור האָט נאָך מוסיף געווען, אַז ר' זלמן שיקט אַוועק אַלע יאָר געלט קיין טערקיי צוליב אַ חשודיקן צוועק, און האָט ניט געפונען פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז דאָס איז דאָס נדבות־געלט צו שטיצן די אָרעמע־לייט אין ארץ־ישראל, וואָס פלעגט ווערן צונויפגעקליבן פון אומעטום. דער רוסישער דאָקומענט וואָס געפינט זיך פאַר אונדז גיט אונדז נאָר אַ שפּעטערן קורצן איבערבליק איבער דער געשעעניש מצד אַ ווילנער רעגירונגס־באַאַמטן, וואָס די צענטראַלע רעגירונג אין פעטערבורג האָט ביי אים אָנגעפרעגט מכוח חסידים[2].

---

1 אין בוך פון דעם רוסישן דיכטער, דעם סענאַטאָר דערזשאַווין, וואָס האָט אין יאָר 1799 — 1800 באַזוכט ווייסרוסלאַנד לויטן קיסרס באַפעל און אויסגע־פאָרשט די „יידישע פראַגע", שטייט געשריבן: „אייניקע אויפגעקלערטע יידן" האָבן מיר געזאָגט, אַז די דאָזיקע סעקטע (די חסידים) איז ענלעך צו די אילו־מינאַטן, און האָבן צוגעזאָגט צוצושטעלן מיר אַ בוך וועגן איר". (דערזשאַווינס אַלע ווערק, באַנד VII, ז' 284, אין דער אַקאַדעמישער אויסגאַבע, פעטערבורג 1878). איך בין משער, אַז אָט די „אויפגעקלערטע" האָבן גענומען די דאָזיקע ידיעה פון שלמה מיימונס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין יאָר 1792—1793 — דאָרט (אין צוואַנציקסטן קאַפּיטל) איז דאָס ערשטע מאָל פאַראַן אַן אָנצוהע־רעניש אויף אָט דעם משונהדיקן געדאַנק. אויך אין די שריפטן פון די רבנישע מתנגדים געפינען מיר אַ רמז דערויף: „און זיי (די חסידים) זיינען גלייך צו דער אומה (?) וואָס ווערט אָנגערופן מ נ י ס ט י ן... אָדער פ ר י י מ א ר י ן" („זמרת עם הארץ", סימן 44, „שבר פושעים", סימן 38 — 39) פריימארין דאָס זיינען די פריימויערער.

2 דאָס איז דער פירטראָג פון ווילנער גובערנאַטאָר קוטוזאָוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן צום גענעראַל־פּראָקוראָר אָבאָליאַנינאָוו אין פעטערבורג אין יאָר 1800, בעת דער צ ו ו י י ט ע ר מסירה אויף די חסידים („יעווור' סטאַרינאַ" 1910, ז"ז 257 — 261). אין דעם דאָזיקן פירטראָג דערמאָנט דער גובערנאַטאָר ווי אַזוי פריער אין יאָר 1798 זיינען אַרעסטירט געוואָרן אָנפירערס פון די חסי־דים, און איינער פון זיי, דער רב „זאַלמאַן באָרוכאָוויטש" פון ליאָזנע, איז גע־בראַכט געוואָרן קיין פעטערבורג און אויסגעפאָרשט און איז געפונען געוואָרן פאַר אומשולדיק אין דעם פאַרברעכן וואָס מען האָט אים דערין באַשולדיקט. מילואים צום דאָזיקן דאָקומענט זיינען פאַראַן אין די איבעריקע פאַפּירן פון

אַז די מסירה־שריפֿט איז אָנגעקומען אין פּעטערבורג, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ קיסרלעכער באַפֿעל צו די גובערנאַטאָרן אין ליטע און רייסן צו כאַפּן דעם רבֿ זלמן פֿון ליאָזנע און זײַנע חבֿרים און צו ברענגען זיי אונטער אַ שטרענגער וואַך אין דער רעזידענץ־שטאָט. סוף תשרי תקנ״ט (אָקטאָבער 1798) זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע ערטער און געבראַכט קיין ווילנע צוויי און צוואַנציק אָנפֿירערס פֿון דער סעקטע קאַרלינער (אין די אָפֿיציעלע דאָקומענטן הייסן זיי „קאַראָלינער"). דער גרעסטער רובֿ פֿון זיי זײַנען אַרויס פֿרײַ נאָך אַ קורצער אויספֿאָרשונג, און נאָר זיבן מאַן זײַנען געבליבן אַרעסטירט, ווײַל מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי האָבן געווירקט צוזאַמען מיטן הויפּט־באַשולדיקטן, דעם רבֿ זלמן. זיי אַלע זײַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג אונטער וואַך פֿון פּאָליציי. אַז זיי זײַנען געקומען אונטערוועגס קיין ריגע, זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן אויך די זיבן אַרעסטירטע און זײַנען אַוועק אַהיים, און נאָר ר׳ זלמנען אַליין האָט מען אַוועקגעפֿירט אין דער הויפּט־שטאָט. דאָרט האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין טורמע פֿאַר פּאָליטישע פֿאַרברעכערס און מען האָט אים אויסגעפֿאָרשט אין דער „געהיימער עקספּעדיציע". דער רבֿ האָט דערלאַנגט דער אויספֿאָרש־קאָמיסיע אַ בקשה־שריפֿט, וואָס אין איר האָט ער אויפֿגעקלערט בפֿרוטרוט דעם מהות פֿון דער סעקטע „קאַרלינער"[1]. היות ווי די

די רוסישע אַנשטאַלטן אין דעם ענין (דאָרט, 272, 273, 277, 278, 281). אָבער אויספֿירלעכע דאָקומענטן וועגן דעם עצם ענין פֿון יאָר 1798 זײַנען ביז איצט אין די רוסישע רעגירונגס־אַרכיוון נישט געפֿונען געוואָרן. — וועגן דעם בילבול מכּוח די געלט־שיקונגען קיין ארץ־ישׂראל שטייט אין דער צווייטער מסירה אָט וואָס: „דער נאָך (אין יאָר 1798) איז אַרויסגעפֿאָדערט געוואָרן אַהער (קיין פּעטערבורג) דער פֿירער פֿון דער סעקטע שלמה (זלמן) פֿון ליאָזנע, און אַז מען האָט בײַ אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס קלײַבט ער צונויף אַזעלכע סומעס געלט און שיקט דאָס אַוועק קיין טערקיי יעדער יאָר, האָט ער געענטפֿערט, אַז אַזוי איז אײַנגעפֿירט אין די יידישע קהילות" (דאָרט, ז״ז 107 — 108).

1 אין יאָר 1781 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין וואַרשע אַ קליינער קונטרס פֿון 20 זײַטן אונטערן נאָמען „בד קודש", וואָס אַנטהאַלט די בקשה פֿון דעם צדיק ר׳ שלמה (זלמן) אויפֿן נאָמען פֿון קיסר פּאַוועל, און אין יאָר 1876 איז דאָס אַרײַנגענומען געוואָרן אין די הוספֿות און תּיקונים פֿון כּתבֿ־יד אין דעם בוך פֿון ראָדקינסאָן „תּולדות עמודי החבּ״ד" (ז״ז 54 — 66). דער אינהאַלט פֿון קונטרס באַרירט די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דעם באַשולדיקטן און די באַשיצונג פֿון

בקשה איז געווען געשריבן אין העברעיש, און אין פעטערבורג איז ניט געווען, ווער עס זאָל זי איבערזעצן, האָט מען זי איבערגעשיקט קיין ווילנע און דאָרט האָט מען זי איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש און צוריק אָפּגעשיקט צום גענעראַל־פּראָקוראָר אין פעטערבורג (נאָוועמבער 1798). די אויספאָרשער האָבן דורכגעקוקט די ענטפערס פון באַשולדיקטן און זיי אויסגעפאָרשט און האָבן צום סוף איינגעזען, אַז עס איז קיין שום יסוד ניטאָ חושד צו זיין אין פּאָליטישע כוונות דעם תמימותדיקן צדיק וואָס איז פאַרזונקען אין רעליגיעזער קאָנטעמפּלאַציע און פירט זיינע מאמינים אין וועג פון מיסטישן גלויבן. דערויף איז אַרויס אַ רעזאָלוציע פון קיסר פּאַוול, וואָס אין איר שטייט: „זיין מאַיעסטעט האָט ניט געפונען אין דעם אויפפיר פון די יידן וואָס רעכענען זיך צו דער סעקטע קאַרלינער קיין שום זאַך וואָס איז שעדלעך פאַר דער מלוכה און פאַר די גוטע מידות און פאַר דער עפנטלעכער רו, און דעריבער האָט ער אין זיין גענאָד באַוויליקט צו באַפעלן: אַז מען זאָל אַרויסלאָזן פריי די באַשולדיקטע אין דעם ענין, אויב עס וועט ניט געפונען ווערן וואָסער עס איז חשודיקע זאַך אין זייערע מעשים אָדער אַ שלעכטע כוונה קעגן דער מלוכה. פונדעסטוועגן דאַרף מען אַכטונג געבן מיט אָפענע אויגן אויף אַלע מענטשן פון דעם מין, צי זיי האָבן ניט קיין פאַרבאָרגענע באַציונג אָדער קאָרעספּאָנדענץ מיט די וואָס רעדן שלעכטס אויף דער רעגירונג און מלוכה־פירונג“. לויט אָט דעם באַפעל איז רבי שניאור זלמן אַרויס פון אַרעסט און אין חודש דעצעמבער

חסידות נאָר אומדירעקט. דער מחבר באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דער פסוק פון משלי (כ״ד 21): ירא את ה׳ בני ומלך (האָב מורא פאַר גאָט, מיין זון, און פאַרן קיניג) איז געדרונגען פון דער „אמתער קבלה“ און פון דעם סוד פון די צען ספירות, וואָס אין זיי שטייען חכמה, בינה, דעת (חב״ד) אַנטקעגן די ספירות „כתר, תפארת, מלכות“, אַז די מלכותא דארעא שטייט אַנטקעגן דער מלכותא דרקיעא, און אַז די מורא פאַר גאָט איז מחייב אויך די מורא פאַרן קיניג. עס איז שווער אויפצוקלערן, וויפיל אמת עס שטעקט אין דעם דאָקומענט: צי ער איז מיט אַן אמת דערלאַנגט געוואָרן דעם קיסר און איבערזעצט אין פראַנצויזיש אָדער רוסיש, ווי עס שטייט ווייטער, אָדער דאָס איז אַ בקשה־שריפט, וואָס דער צדיק האָט געוואָלט דערלאַנגען, נאָר אַנשטאָט איר איז דערלאַנגט געוואָרן אַן אַנדער שריפט, וואָס איז מער ענלעך צו אַ פאַרטיידיקונגס־שריפט אויף חסידות. אַפילו דער מחבר פון „בית רבי“ איז מסופק אין אָריגינעלקייט פון דעם ספר „בד קודש“ (חלק א׳ דף ל״ב אין דער הערה).

1798 האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים קיין ליאָזנע. דעם 15 דעצעמבער האָט דער ווייסרוסלענדישער גובערנאַטאָר פֿאַרעפֿנטלעכט אַ באַפֿעל, אַז פֿון איצט אָן און ווייטער טאָר קיינער ניט שטערן די רו פֿון דעם רבֿ און פֿון זיינע פֿאַרערערס פֿון דער סעקטע קאַרלינער.

אַזוי ווייט די אָפּגעריכטענע ידיעות פֿון שפּעטערע רעגירונגס-דאָקומענטן, ווייטער גייען חסידישע לעגענדעס און משפּחה-מסורות פֿון די שניאורסאָנס, די אייניקלעך און אוראייניקלעך פֿון ר׳ שניאור זלמן[1]. אין דער לעגענדע און אין די מסורות זיינען אויסגעמישט פּרטים פֿון צוויי באַזונדערע געשעענישן: דעם ערשטן אַרעסט פֿון ר׳ שניאור זלמן אין יאָר 1798 און דעם צווייטן אַרעסט פֿון יאָר 1800, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען ביי פֿאַרשיידענע תּנאָים, ווי עס וועט ווייטער דערציילט ווערן. די חסידים זוכן ניט קיין כראָנאָלאָגיע אין פֿאַרצייכענען נאָר די טעג, ווען עס האָבן געטראָפֿן די „ניסים“ מיט זייער רבין, און פֿאַרגעדענקען ניט דאָס יאָר, און דערפֿאַר קאָן מען ניט פֿעסטשטעלן דעם גאַנג פֿון די געשעענישן לויט זייערע מעשׂיות. נאָר ווייניק מסורות מעגן מיר אויסנוצן, ווי ווייט זיי שטימען מיט די פֿאַקטן וואָס זיינען באַשטעטיקט דורך די דאָקומענטן אָדער ווי ווייט לכל הפּחות זיי זיינען זיי ניט סותר. די מסורה שטעלט אויך די ערשטע מסירה אויפֿן חשבון פֿון פּינסקער רבֿ אביגדור, וואָס איז געווען דער הויפּט-מאַכער אין צוויי יאָר אַרום; מיר אָבער מעגן נאָר משער זיין, אַז ער האָט זיך באַטייליקט ווי איינער צווישן אַנדערע „רודפֿים נעלמים“ אין יענער מסירה, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין פּעטערבורג אין נאָמען פֿון דעם דערמאָנטן „הירש דאַווידאָוויטש“. די טראַדיציע רופֿט נאָך אָן די נעמען פֿון דריי צדיקים וואָס זיינען אין יענער צייט אַרעסטירט געוואָרן און בקרובֿ באַפֿרייט: אשר סטאָלינער, מרדכי לעכעוויצער און

1 די לעגענדעס זיינען צום ערשטן מאָל צונויפֿגעקליבן געוואָרן אין ספֿר פֿון מ. ל. פֿרומקין „שבחי הרב“ (לעמבערג 1864) און אין בוך פֿון מ. ל. ראָדקינסאָן (פֿרומקינס צווייטער נאָמען) „תּולדות עמודי החב״ד“ (קעניגסבערג 1876). משפּחה-מסורות זיינען אויפֿגעהיט אין דעם ס״י „תּולדות האדמו״ר הזקן“ (תּרל״ט) און אין דעם ספֿר פֿון ה י ל מ אַ ן „בית רבי“ (באַרדיטשעוו 1902). ביי זיי אַלע פֿעלט וויסנשאַפֿטלעכע קריטיק; אַ ביסל קריטיק איז פֿאַראַן אין בוך פֿון מ. טייטלבוים „הרב מלאדי“, ערשטער טייל, וואַרשע 1910, וואָס דער מחבר פֿון דעם האָט אויסגענוצט אויך דעם דערמאָנטן אָפֿיציעלן מאַטעריאַל.

לוי יצחק באַרדיטשעווער; צו די דריי קאָן מען נאָך מצרף זיין ר׳ שמואל אַמחורער און ר׳ מרדכי טשערנאָבילער, וואָס דער מחבר פון „ספר הויכוח“ האָט זיי פריער געגעבן אַ התראה. ווער זיינען געווען די איבעריקע צוויי פון די צוויי אָן צוואַנציק וואָס ווערן דערמאָנט אין רעגירונגס=דאָקומענט, ווייסן מיר ניט עד היום: די טראַדיציע האָט זיי ניט פאַרגעדענקט, מחמת זיי זיינען באַלד נאָכן אַרעסט באַפרייט געוואָרן.

עס ליגט זיך איבן שכל דאָס וואָס עס דערציילט די מסורה פון דער פאַמיליע שניאורסאָן מכוח דעם וואָס די חסידים די חב״דניקעס האָבן געטאָן איף צו באַפרייען זייער אַרעסטירטן רבין. באַלד ווי ר׳ שניאור זלמן איז אַרעסטירט געוואָרן, נאָך סוכות תקנ״ט, האָבן זיך זיינע אָנהענגער צונויפגעקליבן און באַשלאָסן אַוועקצושיקן זיין תלמיד ר׳ אהרן סטאַראָסעלייער (שטראַשעליער) צו די רייסישע קהילות איף צו קלייבן געלט אויף „פדיון שבויים“, און אין דער זעלביקער צייט זיינען חשובע מענטשן אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג, כדי זיך משתדל צו זיין פאַר הויך=געשטעלטע שררות און מלוכה=באַאַמטע. דורך אונטערגעקויפטע באַאַמטע איז די שלוחים געראָטן צו באַקומען ידיעות וועגן דעם צושטאַנד פון אַרעסטירטן און איבערצוגעבן אים צעטלעך און אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיך צו פירן בעת דער אויספאָרשונג און וואָס צו ענטפערן אויף די פראַגעס וואָס די אויספאָרשערס וועלן אים שטעלן. אַז דער אַרעסטירטער איז קראַנק געוואָרן, מחמת ער האָט ניט געוואָלט עסן קיין טריפע מאכלים, האָט מען דערלויבט צו ברענגען פאַר אים כשר׳ע עסנס פון דער שטוב פון אַ ייִדן וואָס האָט געוווינט אין פעטערבורג, מרדכי לעפלער, וואָס איז געווען דעם רבס אַ הייסער חסיד. אַזוי האָבן שטילערהייט זיך אָנגעקניפט באַציונגען צווישן דעם אַרעסטירטן און דער קליינער גרופע ייִדן אין דער הויפט=שטאָט, וואָס לויטן געזעץ האָט קיין ייִדנס פוס ניט געטאָרט אַהין אַריינקומען, חוץ עטלעכע גרויסע סוחרים מיט אַ ספעציעלער פּריווילעגיע.

אין דער זעלביקער צייט איז געשיקט געוואָרן אַ שליח קיין ווילנע, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו ווירקן אויפן צענזאָר, ער זאָל איבערזעצן דעם רבס ענטפער וואָס איז פריער דאָ דערמאָנט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל אויסנעמען ביי די אויספאָרשערס און די ריכטערס אין פעטערבורג. אָט די אַלע

השתדלותן האָבן מיטגעווירקט דערצו, ער זאָל אַרויסגיין פֿריי. די לעגענדע דערציילט, אַז ר' שניאור זלמנס ענטפֿער האָט מיט זיין חכמה פֿאַרחידושט אויך דעם קיסר[1]. י"ט כסלו תקנ"ט (28 נאָוועמבער 1798), אַז דער רבֿ איז געזעסן אין זיין תפֿיסה־קאַמער און האָט געהאַלטן אין תהילים ביים פּסוק „פּדה בשלום נפֿשי", איז אַריין צו אים דער באַאַמטער און אָנגעזאָגט, אַז ער איז פֿריי. די חסידים האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ גרויסן נס און האָבן דעם

---

1 עס קען זיין, אַז צו דער ענטפֿער־שריפֿט זיינען נאָך געווען צוגעגעבן אַ ברכה פֿון דעם אַרעסטירטן רבֿ לכּבֿוד דעם קיסר און אַ נבֿואה, אַז זיין קיניגרייך וועט באַגליקן, אַזעלכע ווי די וואָס זיינען געפֿונען געוואָרן אין אַרכיוו פֿון סענאַט אין די פּאַפּירן פֿון דעם שפּעטערדיקן פּראָצעס פֿון יאָר 1800 („יעוור' סטאַרינאַ" 1910, 280 — 281). אויף אַ באַזונדער בויגן געשריבן העברעיש לייענען מיר שטיקלעך פּסוקים פֿון פּרשה האזינו (דברים מ"א—מ"ב), וואָס לויט די רייד פֿון שרייבער זיינען אין זיי פֿאַראַן „רמזים און סודות". אויפֿן יסוד פֿון די דאָזיקע פּסוקים „מאַכט ער סימנים פֿאַר דער מפּלה פֿון די מורדים" בזה הלשון: „די אָנפֿירערס פֿון די פֿראַנצויזישע מורדים וועלן צוערשט מצליח זיין, אָבער צום סוף וועלן זיי פֿאַרשעמט ווערן, מחמת די אמתע מלכים וועלן זיך נוקם זיין אָן זיי, דערשטעכן זיי מיט דער שווערד און איינגעמען, און עס וועט אונטערגיין דער מאַן באָנאַפּאַרט, דעמאָלט וועט די וועלט זיך באַרויִקן און פֿרייען זיך". נאָך דער דאָזיקער נבֿואה קומט אַזאַ פֿאַרצייכעניש: אַ געבעט און אַ לויב און אַ סוד אַנטפּלעק איך: מיין האַר, נאָט דער באַרעמהאַרציקער און דערבאַרעמדיקער, ווענד זיך צו אונדזער האַר דעם קיסר פּאַוול דעם ערשטן און באַגנעדיק אים און גיב דיין שטאַרקייט און העלף אים. טו מיט אים אַ מופֿת צום גוטן, און מיינע שונאים זאָלן זען און זיך שעמען, וואָרעם דו גאָט ביסט אים צו הילף". בכדי צו פֿאַרשטיין דאָס אַלץ, דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז אין יענער צייט (סוף 1798 און שפּעטער) האָט געהערשט אַ מלחמה־צושטאַנד צווישן רוסלאַנד און פֿראַנקרייך, ווייל די רוסישע רעגירונג איז אַריין אין דעם בונד פֿון די פֿאַראייניקטע מלוכות וואָס האָט געקעמפֿט קעגן רעוואָלוציאָנערן פֿראַנקרייך, וואָס האָט אין יענער צייט אָפּגעהאַלטן נצחונות אונטערן אָנפֿיר פֿון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט. משמעות, אַז דאָ האָט ר' שניאור זלמן, ווי „אַ הייליקער מאַן" און ווי אַ וואָרזאָגער, געפֿונען די געלעגנהייט אונטערצוטראָגן דעם קיסר פּאַוול זיין ברכה און זיין נבֿואה און צו דערווייזן דערמיט, אַז דער פֿידער פֿון די חסידים טוט תּפֿילה פֿאַר דעם קיסרס הצלחה אין דער מלחמה קעגן די „פֿראַנצויזישע מורדים" און דעם „מאַן באָנאַפּאַרט". מען מעג משער זיין, אַז די דאָזיקע ברכה האָט טאַקע געמאַכט אויפֿן קיסר אַ רושם. איך האַלט, אַז אָט די געשיכטע געהער צו ר' שניאור זלמנס ערשטן אַרעסט, וואָרעם זיין צווייטער אַרעסט אין צוויי יאָר אַרום איז געווען קורץ פֿאַר קיסר פּאַוולס טויט, און דעמאָלט האָט די מלחמה פֿון רוסלאַנד קעגן פֿראַנקרייך שוין געהאַט אויפֿגעהערט.

טאָג י״ט כסלו באַשטימט פאַר אַ יום־טוב, וואָס איז נאָך ביז דער לעצטער צייט געפייערט געוואָרן אַלע יאָר אין די קהילות פון די חסידים די חב״דניקעס.

אין זיין בריוו צו זיין פריינד דעם באַרדיטשעווער רב דריקט ר׳ שניאור זלמן אויס זיין פרייד איבער דער אויסלייזונג: „גרויסע ניסים האָט געטאָן דער אויבערשטער, און ווער בין איך דאָס, וואָס דער אויבערשטער האָט מיך מזכה געווען, אַז גאָטס נאָמען זאָל געהייליקט ווערן דורך מיר? נאָר דאָס איז פון אויבערשטן באַשטימט, און אין אונדזערע אויגן אַ וווּנדער... וואָרעם די עיקר מלחמה איז [מצד די מתנגדים], וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט אַ ציל צו קעמפן קעגן דער תורה פון בעש״ט און זיינע תלמידים און די תלמידים פון זיינע תלמידים״. אויך דעם בעש״טס אייניקל, ר׳ ברוך מעדזשיבאָזשער, האָט ער דאָס זעלביקע געשריבן: „ניט קעגן מיר אַליין איז דאָס געווען געווענדט, נאָר קעגן בעש״ט און זיינע תלמידים״. נאָר ביי גאָר דער פרייד מיטן ניצחון האָט דער רב אָנגעזאָגט זיינע אנשי שלומו, זיי זאָלן זיך ניט רייצן מיט די מתנגדים, נאָר זיי זאָלן זיך אויפפירן לגבי זיי רויק און טאָלעראַנט, „זייער האַרץ זאָל זיך ניט דערהייבן איבער זייערע ברידער און זאָל ניט ברייט מאַכן דאָס מויל איבער זיי אָדער פייפן אויף זיי, נייערט דערנידעריקן זייער גייסט... און אַ ווייכער ענטפער שטילט דעם גרימצאָרן״[1]. די חסידים האָבן אָבער זייער רבינס עצה ניט געפאָלגט און האָבן אַרויסגערופן אַ נייעם צוזאַמענשטויס מיט זייערע געגנער.

---

1 אגרת הקודש אין „תניא״ סימן ב׳: „אחר ביאתו מפטרבורג״; בית רבי, חלק א׳ 69 — 72.

§ 39. די אַריינמישונג פון דער רוסישער רעגירונג אין דער רעליגיעזער מחלוקת

די ווירקונג פון דעם „פינפער־קאָמיטעט“ און פון דעם „פאַרבאָר־געגעם רודף“. משה אָשעראָוויטש און די מתנגדישע קנאים שטופּן אַרויס די חסידים פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. די חסידים רייסן זיך אַריין אין קהל מיט דער הילף פון די רוסישע באַאַמטע.— ר׳ אביגדור פון פּינסק און זיין בקשה־שריפט צום קיסר פּאַוול (פרי־יאָר 1800): אַ מסירה אויף די „קאַרלינער“, אַז זיי זיינען רעשטלעך פון די סעקטעס פון שבתי צבי און פראַנק. — די אויספאָרשונג פון דער מאַכט אין ליטע. די רעוויזיע פון דער־זשאַווינען אין רייסן און וואָס ער זאָגט וועגן דער סעקטע חסידים און זייער פירער זלמן. — דער צווייטער אַרעסט פון ר׳ שניאור זלמן אין פּעטערבורג (נאָוועמבער 1800). די פראַגעס פון דעם באַשולדיקער אביגדור און ר׳ שניאור זלמנס ענטפערס. — ער ווערט באַפרייט פון דער טורמע פון דער געהיימער עקספּעדיציע און זיין ענין ווערט איבערגעגעבן דעם סענאַט.—דעם קיסר פּאַוולס טויט און די לעצטגילטיקע באַפרייונג פון ר׳ שניאור זלמן לויטן באַפעל פון אַלכסנדר דעם ערשטן (מערץ 1801). קלאָג־שריפטן פון ביידע צדדים: אביגדורס תביעות און ר׳ זלמנס טענות. — די פאַרענטפערונג פון דער חסידישער פראַגע און דער „געזעץ וועגן יידן“ פון יאָר 1804: גלויבנס־פרייהייט אין די יידישע קהילות.

גרוים איז געווען דער טריומף פון די חסידים, נאָכדעם ווי זייער רבי איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער קיסרלעכער באַפעל, אַז אין דעם אימפּעריע פון דער סעקטע „קאַרלינער“ איז ניטאָ קיין שום זאַך וואָס שעדיקט די גוטע מידות און די געזעלשאַפטלעכע רו. די סעקטאַנטן האָבן דערין אײַנגעזען אַ דערלויבעניש פון אויבן צו פאַרשפּרייטן זייער תורה אָן שטער, צו באַשיצן זייערע רעכט אין די קהילות און צו פאַרנעמען אַן אָרט אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, וואָס אין איר האָבן זיך געהאַט פאַרפעסטיקט די מתנגדים צום שאָדן פון דעם חסידישן מיעוט.

דאָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק אין דער ווילנער קהילה, וווּ די באַציִונגען צווישן די צדדים זיינען פאַרשאַרפט געוואָרן ביז גאָר. דער פינפער־קאָמיטעט וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן באַלד

נאָכן גאונס טויט אויף צו פירן די מלחמה קעגן דער סעקטע האָט איסגעפירט זיין אויפגאַבע אין די יאָרן תקנ"ח און תקנ"ט מיט פאַנאַטישער באַגייסטערונג. דער ראש פון קאָמיטעט משה אָשעראָוויטש (בן אשר), וואָס זיין האַנט האָט דאָס בלי ספק געשטעקט אין דער מסירה וואָס האָט געבראַכט צום אַרעסט פון די צדיקים, האָט אויך ווייטער ניט גערוט, נאָכדעם ווי דער פרווו פון דער מסירה אין פעטערבורג האָט ניט אָפגעגאָלטן. איבערגעוואַלדה האָט דער קאָמיטעט באַזייטיקט די חסידים פון אַלע התמנותן אין דער קהל-פאַרוואַלטונג און ניט דערלאָזט זיי אפילו צו די קהילה-וואַלן, וואָס פלעגן פאָרקומען אַלע יאָר חול-המועד פסח. אין די אָפיציעלע אַמטן פלעגט מען אָנווייזן דעם טעם דערפאַר: אַז מען טאָר ניט איסקלייבן אין דער קהילה-פאַרוואַלטונג מענטשן וואָס געהערן צו אַ שעדלעכער סעקטע. אָבער דער דאָזיקער טעם איז בטל געוואָרן וויבאַלד אַז מען האָט פון פעטערבורג אָנגעזאָגט, אַז די רעגירונגס-מאַכט האָט ניט איינגעפונען קיין שום חטא אין דער אויפפירונג פון דער סעקטע. דאָס האָבן די גערודפטע אויסגענוצט ניט נאָר כדי זיך אַליין צו באַשיצן, נייערט אויך צו נעמען נקמה פון זייערע שונאים.

די תקיפערע מענטשן צווישן די ווילנער חסידים האָבן אַרי-בערגעצייגן אויף זייער צד (מסתמא דורך שוחד) עטלעכע רעגירונגס-באַאַמטע און האָבן זיי אויסגעזאָגט סודות פון קהל-שטיבל: אַז די ראשי הקהל טראָגן אַריין אין דער מלוכה-קאַסע נאָר אַ טייל פון די שטייער-געלטער, וואָס זיי מאָנען איין, און דאָס איבעריקע באַ-האַלטן זיי אין נוצן אויס צוליב חשודיקע צוועקן, דהיינו אויף צו דעקן די הוצאות פון דעם פינפער-קאָמיטעט צו רודפן די חסידים און כדומה; אַז ווען זיי, די חסידים, וועלן אויסגעקליבן ווערן פאַרן ראשי-קהל, וועלן זיי פאַרריכטן וואָס די מתנגדים האָבן קאַליע געמאַכט און וועלן ערלעך פירן די געשעפטן.

די דאָזיקע רייד מיט דער געהעריקער נתינה האָבן געהאַט אַ פעולה: אין דער גובערניע-פאַרוואַלטונג. אין איין שיינעם טאָג, דעם 4טן פעברואַר 1799, האָט די פאָליציי אַרעסטירט אַלע ראשי-הקהל און פאַרחתמעט אַלע פאַפירן וואָס האָבן זיך געפונען אין קהל-שטיבל. דעם זעלביקן טאָג פאַרנאַכט האָבן זיך אַריינגעריסן אין שול בעתן דאַווגען עטלעכע רעגירונגס-באַאַמטע באַגלייט פון

עפּלעכע „קאַרלינער“, און איינער פון די באַאַמטע (דער גובער-ניאַלער ראָטגעבער עליאַשעוויטש) האָט געמאָלדן, אַז דער פריער-דיקער קהל ווערט אַראָפּגעזעצט, און אַז אין גיכן וועט מען אויס-קלייבן נייע ראשים. די נייע וואַלן, וואָס זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן אונטער דער השפעה פון די אָנפירערס פון די חסידים און פון די באַאַמטע, האָבן אַריינגעבראַכט אין קהילה-ראַט אַכט מיטגלידער פון די סעקטאַנטן, און דער תקיפסטער צווישן זיי, מאיר רפאלס, איז געוואָרן באַשטימט פאַר אַ ראש-הקהל. משה אָשעראָוויטש און די איבעריקע פריערדיקע ראשי-הקהילה זיינען אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זייער אַמט.

די אַראָפּגעזעצטע, די געוועזענע רודפים, האָבן אַריינגעשיקט אָנקלאָגעס צום גענעראַל-פּראָקוראָר אין פּעטערבורג, און משה אָשע-ראָוויטש און זיינער אַ חבר האָבן זיך איינגעשטעלט צו שיקן אַ בקשה אויך אויפן קיסרס נאָמען. זיי האָבן געהאַט צוויי פאָדערונגען: א) עס זאָל אויפגעריכט ווערן די קהילה-פאַרוואַלטונג ווי פריער און עס זאָל ווידער געגעבן ווערן דעם בית-דין פון די רבנים דאָס רעכט צו משפטן אין אַלע אינעווייניקסטע קהילה-ענינים, ב) צו פאַרבאָטן די שעדלעכע סעקטע קאַרלינער. די בקשות זיינען אָפּ-געוואָרפן געוואָרן. פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז די סעקטע קאַרלינער „דאַרף ווערן טאָלערירט“ אין אַלע קהילות, און אַז דער יידישער בית-דין האָט רעכט צו משפטן נאָר אין רעליגיעזע ענינים (דעצעמבער 1799 — יאַנואַר 1800)[1]. אַזוי האָבן די אָנפירערס ווידער אַמאָל געליטן אַ מפּלה אין די רעגירונגס-אינסטאַנצן. אָבער פאָרט האָבן זיי נאָך ניט אַוועקגעלייגט דאָס גע-ווער פון האַנט און האָבן געזוכט נייע מיטלען פאַר זייער צוועק.

אין יענער צייט איז די מחלוקת פאַרשאַרפט געוואָרן אויך אין פּינסקער קרייז. דער רב אביגדור בן חיים, וואָס איז דורך די חסידים אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין שטעלע (§ 36),

1 אויפן יסוד פון דאָקומענטן וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין אַרכיוו פון סענאַט אין פּעטערבורג, וואָס עס האָט אָפּגעשריבן פאַר מיר י. העסען און רעפערירט אין זיין אַרטיקל „דער רעליגיעזער קאַמף סוף 18טן י"ה“ (אָפּ-געדרוקט אין זיין רוסישן בוך „יידן אין רוסלאַנד“, פּעטערבורג 1906, באַזונדערס ז"ז 164 —169).

האָט געמאָנט דורכן רעגירונגס־געריכט אַנטשעדיקונג ביי די ראשי הקהילה, און אַז ער האָט פאַרשפּילט דעם משפּט, האָט ער געפּרוּווט זיך משתדל זיין ביי די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע אין פּעטערבורג און דערוויזן זיי, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון די אינטריגעס פון דער געפערלעכער סעקטע. ווי עס ווייזט אויס, האָט דעם דאָזיקן רבס האַנט געשטעקט שוין אין דער ערשטער מסירה אויף דער סעקטע, אָבער אַז די „קאַרלינער“ זיינען אַרויס פריי לויט דעם קיסרס באַפעל פון יאָר 1798, האָט ער געמוזט אומבייטן זיין טאַקטיק און זוכן צו באַגרינדן זיינע באַשולדיקונגען אויף אַנדערע יסודות. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און אביגדור האָט געפונען וואָס ער דאַרף: מען קאָן פאַרמסרן די חסידים, אַז זיי זיינען רעשטלעך פון די סעקטעס פון שבתי צבי און פון פראַנק, וואָס זיינען שוין אָנערקענט געוואָרן פאַר שעדלעך אין טערקיי און אין פוילן פון וועגן זייער פּאָליטישער טענדענץ.

אָנהייב פרי־יאָר 1800 איז אביגדור געקומען קיין פּעטערבורג און האָט דערלאַנגט אין דער קאַנצעלאַריע אויף אָנצונעמען בקשות איבערן קיסרס נאָמען אַ לאַנגע מגילה אין אַ שלעכטן רוסיש איבערגעזעצט פון העברעישן טעקסט. דעם 23טן אַפּריל איז „די בקשה פון רב אביגדור חיימאָוויטש“ אָפּגעשיקט געוואָרן פון דער קיסרלעכער קאַנצעלאַריע צום גענעראַל־פּראָקוראָר אָבאָליאַנינאָוו מיט אַ פאָרשלאָג אויסצופאָרשן די זאַך דורך דער אָרטיקער מאַכט אין ליטע[1]. אביגדורס בקשה איז אַ טעאָלאָגישע דרשה אויפן יסוד פון פאַרשיידענע פּסוקים פון די הייליקע שריפטן, וואָס איז דער עיקר איסן צו דערווייזן, אַז די מלכים זיינען מחויב אַכטונג צו געבן אויף דער ריינקייט פון די רעליגיעס אין זייער לאַנד, און באַזונדערס איז דאָס דער חוב פון קיסר פּאַול, וואָס זיין חכמה איז גלייך צו דער חכמה פון שלמה המלך. דער קיסר, וואָס אונטער זיין שוץ געפינען זיך צענדליגער טויזנטער יידן, איז מחויב צו ווענדן זיין אויפמערק דערויף, וואָס די געפערלעכע סעקטע פון דעם באַלשם, משיח שבתי צבי[2], וואָס איז מיט פופציק יאָר צוריק

1 פאַרעפנטלעכט צוזאַמען מיט מיינע הערות לויט אַן אָפּשריפט פון רוסישן מלוכה־אַרכיוו אין „יעווր’ סטאַרינאַ“ 1910, ז״ז 90 — 109.

2 אין דער רוסישער איבערזעצונג איז דער נאָמען שבתי צבי פאַרדרייט געוואָרן צו „שעבזאָ־צוויזאָ“, און די סעקטאַנטן הייסן „שעבזאָס־צווינקאָס“, ד״ה שבתי־צביניקעס.

באַוווּסט געוואָרן מיט אירע מיאוסע מעשים אין פּוילן (די פראַנ=
קיסטן) און איז צולעצט אַריבער צום קאַטוילישן גלויבן, איז איצט
פון דאָס ניי אויפגעשטאַנען אין רוסלאַנד און האַלט זיך פעסט
פאַר אירע גרינדערס ישראל מעדזשיבאָזשער, בערל מעזעריטשער
און יעקב (יוסף) פּאָלאָנער. די סעקטאַנטן לייקענען אין אַזעלכע
עיקרים וואָס זיינען פאַראַן אין אַלע אמונות, דהיינו אַז דער באַ=
שעפער פירט די אונטערשטע וועלטן(!), אַז איטלעכער מענטש
איז מחויב צו אונטערדריקן זיינע תאוות אונטער דער מאַכט פון
שכל און פון אויבערשטנס געבאָט, אַז מען דאַרף פאַרוואַרפן די
הבלים פון דער וועלט און טרויערן שטענדיק אויף דאָס שלעכטס
וואָס אין איר, אַז מען דאַרף זיך שרעקן פאַרן פאָרכטערלעכן יום=
הדין און פאַר דער שטראָף נאָכן טויט. און דאָ ברענגט דער שריי=
בער אַ סך מימרות פון ספר „צוואת הריב"ש", כדי צו באַווייזן,
אַז אין „זייערע געזעץ-ביכער" שטייען כללים וואָס זיינען קעגן רע=
ליגיע און מאָראַל. דאָרט שטייט למשל, אַז עצבות איז שעדלעך
פאַרן דינסט צו גאָט, ווייל מען דאַרף דינען צום אויבערשטן מיט
פרייד און גלויבן אין דעם באַשעפערס חסד, אַז מען טאָר ניט
מורא האָבן פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָרעם אין איטלע=
כער זאַך איז פאַרבאָרגן דעם באַשעפערס הערלעכקייט, און אַז דער
מענטש קאָן אַרויסציען ניצוצות פון הייליקייט אַפילו פון אומ=
ריינע זאַכן און פון „מחשבות זרות". דאָס אַלץ נעמט אַראָפּ דעם
צאַם פון מענטשן, אַז ער זאָל מעגן לעבן אין פרייד און תענוגים,
ער זאָל עסן און טרינקען און הוליען, ער מעג זינדיקן און אויס=
קויפן זיין זינד דורך אַרויסציען די „ניצוצות קדושה", ער באַדאַרף
פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן, און אַפילו פאַר מלכים, וואָס דאָס
גאַנצע פאָלק איז מחויב זיי אָפּצוגעבן כבוד. די סכנה פון דער
סעקטע האָבן באַמערקט די רבנים, און בראש פון זיי דער גאון
אליהו ווילנער, און זיי האָבן אַנטפּלעקט די אַפּיקורסות וואָס זי
פאַרשפּרייט, און דערפאַר זיינען די סעקטאַנטן זיך נוקם אָן די
רבנים. דאָ דערציילט אַביגדור וועגן זיינע צרות וואָס ער איז אויס=
געשטאַנען, ווען ער איז געווען פינסקער רב, וועגן די גוואַלד-מעשים
פון די קאַרלינער אין מינסקער און ווילנער גובערניע, און גיט
אָנצוהערעניש וועגן די חשודיקע מעשים פון דעם פירער פון דער
סעקטע סאָלאָמאָן (זלמן) פון ליאָזנע, וואָס איז שוין געוואָרן גע=

משפט פאַר דער רעגירונג אין פעטערבורג פאַר צוויי יאָרן: דאָרט האָט מען געפרעגט ביי זלמנען, צוליב וואָס שיקט ער געלט קיין טערקיי, און ער האָט געענטפערט, אַז ער קלייבט נדבות פאַר יידישע אָרעמע לייט אין ארץ ישראל, אָבער ער, אַביגדור, האַלט, אַז די אַלע געלטער ווערן געשיקט קיין טערקיי דערפאַר, ווייל דאָרט געפינט זיך דער צענטער פון דער סעקטע שבתי-צביניקעס (סאַלאָניק). די שריפט ענדיקט זיך מיט אַ בקשה פון „אונטערטעניקן קנעכט פון זיין קיסרלעכער מאַיעסטעט", ער זאָל באַפעלן אויפצוקלערן דעם אמת אין דער מחלוקת פון די צדדים.

אַביגדורס שריפט איז דורכגעגאַנגען אַלע רעגירונגס-אינסטאַנצן[1]. דער גענעראַל-פראָקוראָר האָט זיך געווענדט צום ליטווישן מיליטערישן גובערנאַטאָר קוטוזאָוון, וואָס איז שפעטער באַרימט געוואָרן ווי אַ גענעראַל אין רוסיש-פראַנצויזישן קריג, און צום ליטווישן פראָקוראָר מיט אַן אָנפרעג, צי געפינט זיך אין זייערע ערטער אַ סעקטע „שבתי-צביניקעס" (יוני 1800). די אָנגעפרעגטע האָבן געזוכט און האָבן ניט געפונען קיין שום שפור פון אַזאַ סעקטע אין ליטע. קוטוזאָוו האָט אָנגעפרעגט דעם מינסקער גובערנאַטאָר און האָט געקראָגן אַן ענטפער, אַז אין זיין גובערניע געפינט זיך אַ סעקטע, וואָס מען רופט אָן „קיטאַיעווצעס"[2], און זיי זיינען אָפגעשיידט פון אַנדערע יידן וואָס האַלטן זיך פאַר די אַלטע מנהגים דורך דעם, וואָס יענע דינען צו גאָט מיט שרעק און עצבות, און די סעקטאַנטן מיט פרייד און מיט אַ רויקן געמיט; הגם זייערע געגנער האָבן זיי גערודפט און פאַרברענט זייערע ספרים, האָבן זיך דאָך ניט געפונען צווישן די סעקטאַנטן אין מינסקער גובערניע קיין שטע-

1 אַלע דאָקומענטן וואָס זיינען שייך אַהער — די קאָרעספּאָנדענץ צווישן די רעגירונגס-באַאַמטע, פּראָטאָקאָלן פון עדות-פאַרהער, פראַגעס און ענטפערס — „יעװר' סטאַרינאַ" דאָרט, ז"ז 253 א"וו.

2 אין אַ צווייטן דאָקומענט פון דער קאָלעקציע (דאָרט ז' 260) ווערט דער דאָזיקער נאָמען אויסגעטייטשט אַזוי: קיטאַיעווצעס (Китаевцы) רופט מען זיי דערפאַר, ווייל זייערע געלערנטע זיינען זיך נוהג צו טראָגן אַ בגד פון באַוול-שטאָף, וואָס מען רופט „קיטייקע". אויך אין די פראַגעס וואָס אביגדור האָט געשטעלט ר' שניאור זלמנען בעת דער אויספאָרשונג ווערט געזאָגט אויף די קאַרלינער: „זיי האָבן איבערגעביטן דעם יידישן מנהג אפילו אין מלבושים, ווייל זיי טראָגן ניט קיין וואָלענע קליידער".

דער פֿון דער אָרדענונג, נאָר אדרבא זיי זיינען געטריי דער מלוכה און צאָלן שטייער צו דער צייט.

קאַטוזאָוו האָט נאָך ווייטער אויסגעפֿאָרשט די זאַך און האָט צום סוף אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג אַן אויספֿירלעכן ענטפֿער (30 יולי): פֿון שבתי צבים סעקטע און פֿון פֿראַנקס סעקטע, וואָס האָט אויסגעקליבן „דת אדום“, איז קיין זכר ניטאָ אין די יידישע קהילות אין ליטע, וואָס באַציען זיך צו זיי מיט פֿאַראַכטונג; דער רב חיים [אַביגדור בן חיים] האָט אָנגערופֿן מיטן נאָמען „שבתי־צביניקעס“ די סעקטאַנטן, וואָס זיינען באַוווּסט אין ליטע און רייסן אונטערן נאָמען „קאַרלינער“, און אין מינסקער גובערניע אויך אונטערן נאָמען „קיטאַיעווצעס“, וואָס מיט זיי האָט די רעגירונג זיך פֿאַרנומען פֿאַר צוויי יאָרן, בעת עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן זייערע אָנפֿירערס, און זייער הויפּט־רב זלמן באָרוכאָוויטש איז געבראַכט געוואָרן קיין פּעטערבורג; און הגם דער רב איז צום סוף באַפֿרייט געוואָרן, דאָך האָבן די געגנער ניט אויפֿגעהערט צו קעמפֿן קעגן די קאַרלינער, ווייל די פֿאַרערערס פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם ווילנער גאון האָבן זיך פֿאַרשוואָרן אויף זיין קבר צו פֿאַרטיליקן די סעקטע פֿון דער וועלט און האָבן צוליב דעם אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פֿון פֿינף מענטשן, וואָס בראש פֿון אים שטייט דער געוועזענער ווילנער ראש־הקהל משה אָשעראָוויטש; ובכן איז ניטאָ וואָס צו לייגן קיין אַכט אויף די רייד פֿון רב [אביגדור בן] חיים. וויבאַלד אַז די קאַרלינער זיינען ניט חשוד אין אַ נטיה צום גלויבן פֿון שבתי צבי, און בכלל איז אין זייער לערנונג ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל קאָנען ברענגען שאָדן דער מלוכה און די יסודות פֿון דער רעליגיע. דער ליטווישער גובערנאַטאָר האָט אויך אָנגעמערקט, אַז עס איז ניטאָ קיין יסוד אויך פֿאַר די געלט־תביעות פֿון רב אַביגדור, און אויך אַלע איבעריקע גובערניאַלע באַאַמטע האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, אַז מען דאַרף זיי אָפּוואַרפֿן[1].

די ענטפֿערס פֿון די ליטווישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן האָבן בעצם באַדאַרפֿט מאַכן אַ סוף צו אַביגדורס פּרעטענזיעס. אָבער מיטאַמאָל האָבן אין פּעטערבורג אַ בלאָז געטאָן אַנדערע ווינטן, און

1 דאָרט, דאָקומענט נומ׳ 10 (ז׳ 257 א״וו).

דער מסור האָט ניט פאַרזאַמט זיי אויסצונוצן. עס איז געווען אַ צייט פון מהומה פאַר די יידן אין רייסן. און יאָר 1799 האָט פאַרבראַכט אין דער דאָזיקער פּראָווינץ דער סענאַטאָר און פּאָעט דערזשאַווין, וואָס איז געשיקט געוואָרן אַהין לויטן קיסרס באַפעל, כדי אויסצופאָרשן דעם ענין פון דעם שטרייט צווישן די שקלאָווער יידן און דעם פּריץ זאָריטש, וואָס האָט זיי געדריקט אין זיין שטאָט. אַ יאָר שפּעטער (1800) איז דערזשאַווין ווידער געקומען קיין רייסן, כדי אויסצופאָרשן די סיבות, פאַרוואָס אין יענעם לאַנד איז יענעם זומער געווען אַ הונגער און די פויערים זיינען בכלל בדלות געוואָרן. דער רעוויזאָר האָט געוואָלט פאַרדעקן די פאַרברעכנס פון די רוסישע פּריצים, וואָס האָבן אויסגעמאַטערט זייערע לייב־אייגענע פויערים, און האָט געפונען, אַז די שולדיקע זיינען די יידישע אַרענדאַרן פון די מאַיאָנטקעס, און בכלל די בראָנפן־ברענערס וואָס פאַרברענען אַ גרויסן טייל פון דער תבואה פון לאַנד צו בראָנפן.

בעת זיין נסיעה איבער די שטעט פון דער פּראָווינץ האָט דערזשאַווין זיך צוגעקוקט צום לעבן פון יידן וואָס איז אים געווען פרעמד. ער האָט געזען אין ליאָזנע דעם אָנפירער פון דער סעקטע, ר' שניאור זלמנען, האָט אויסגעהערט די טענות פון די מתנגדים קעגן די חסידים און פאָרשלאָגן פון איינציקע „משכילים“, וואָס האָבן געראָטן איינצופירן רעפאָרמעס אין יידישן לעבן אויפן שטייגער פון מערב־אייראָפּע. דאָס אַלץ האָט אים געדינט ווי מאַטעריאַל צו זיין באַוווּסטן פּירטראַג וואָס ער האָט אָנגעשריבן און דערלאַנגט דעם גענעראַל־פּראָקוראָר אין אָקטאָבער 1800[1].

צווישן די פיל ידיעות וועגן יידישן לעבן אין דעם דאָזיקן פּירטראַג, וואָס איז אַ געמיש פון אמת מיט שקר און ניטפאַרשטיין דאָס לעבן פון אַ פרעמדן פאָלק, איז פאַראַן אַזאַ באַמערקונג מכוח ר' שניאור זלמנען: „עס איז באַרימט געוואָרן אין דעם דאָזיקן קאַנט ווי אַ שופט אין אַ סך פאַרזאַמלונגען פון יידן, וואָס קומען

1 „פּראָיעקט, ווי אַזוי אָפּצושטעלן דעם הונגער אין ווייסרוסלאַנד און ווי אַזוי אויסצובעסערן דאָס לעבן פון יידן“. אָפּגעדרוקט אין די געזאַמלטע ווערק פון דערזשאַווין, אויסגאַבע פון דער אַקאַדעמיע אין פּעטערבורג, באַנד 7. וועגן דער באַגעגעניש פון דערזשאַווינען מיט יידן און מיט ר' זלמנען—דאָרט, ב' 6, ז' 124, 687 א"וו (פּעטערבורג, 1876 — 1878). זע מיין בוך „יידישע געשיכטע אין דער נייסטער צייט“, ב' 1 § 46.

אויך פֿון אַנדערע קאַנטאָנען, איינער אַ ייד זלמן באָרוכאָוויטש, וואָס וווינט אין קליינעם שטעטל ליאָזנע; פֿאַר זיינע אויגן האָב איך אַנטפּלעקט די אָפּנאַרעריי פֿון די יידן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט בראָנפֿן-ברענעריי אויפֿן יסוד פֿון די פּריצישע רעכט. אין דעם דאָזיקן צוועק, וואָס איך האָב אים געזען מיט מיינע אויגן, גלייבן באַזונדערס די חסידים (אין רוסישן טעקסט хосады) און זיי גיבן אים אָפּ כּבוד ווי זייער נשיא (פּאַטריאַרך). איטלעכס וואָרט וואָס גייט אַרויס פֿון זיין מויל איז פֿאַר זיי אַ געזעץ. די דאָזיקע חסידים זיינען אָפּגעשפּאָלטענע („ראַסקאָלניקי“) פֿון אַ באַזונדער סעקטע, וואָס האָט די לעצטע צייט זיך דערווייטערט פֿון די אַלטע טראַדיציעס און איינגעשטעלט פֿאַר זיך אַ סך נייע מנהגים. עס זעט זיך שוין אַרויס די מחלוקת צווישן די צוויי פּאַרטייען. די ערשטע (די מתנגדים) באַקלאָגן זיך אויף די לעצטע (די חסידים), וואָס זיי פֿאַרפֿירן זייערע זין, בפֿרט די רייכע, און ציען זיי אַריין אין זייער קאָמפּאַניע, כּדי אָפּצורייבן פֿון זיי גאָלד און זילבער און אָפּצוגעבן דעם רוב דעם דערמאָנטן צוועק וואָס באַנוצט דאָס צוליב פֿאַרבאָרגענע צוועקן. מען זאָגט, אַז ער שיקט אַוועק זילבערנע און גילדענע מטבעות קיין פּאַלעסטינע צוליב צדקה, געוויס צו דער צייט ווען עס וועט קומען דער משיח, וואָס זיי וואַרטן אויף אים יעדער ווילע און זיי גלייבן, אַז ער וועט אויפֿבויען זייער „בית-המקדש“. אין די רייד פֿון דעם „גוי“ וואָס איז געוואָרן אַן עקספּערט אין דער יידישער פֿראַגע זיינען קענטיק סימנים פֿון מסירה מצד די מתנגדים, וואָס האָבן משמעות אויסגענוצט דעם אויפֿהאַלט פֿון דערזשאַווינען אין שקלאָוו, כּדי אים איינצורוימען אין אויער „שרעקלעכע סודות“ פֿון חסידישן לעבן.

אויף דעם חטא ר' זלמנס, וואָס ער שיקט געלט קיין ארץ ישראל (לטובת דער חלוקה פֿון די חסידים, וואָס עס האָט געגרינדעט ר' מענדל וויטעבסקער), האָט שוין אָנגעוויזן דער רעגירונג אַביגדור אין זיין בקשה-שריפֿט אויפֿן קיסרס נאָמען. אין יענער צייט איז אַ מסירה פֿון דעם מין געווען באַזונדערס געפֿערלעך: מיט אַ יאָר פֿריער איז געווען נאַפּאָלעאָן אין פּאַלעסטינע און האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו אירע יידישע איינוווינער, זיי זאָלן אים העלפֿן ביים איינעמען דאָס לאַנד, און ער האָט זיי צוגעזאָגט דערפֿאַר אויפֿצובויען פֿון דאָס ניי זייער הייליקע שטאָט ירושלים, — און אין יע-

נער צייט האָט דאָך רוסלאַנד געפירט מלחמה מיט פראַנקרייך, און מען האָט געקאָנט חושד זיין, אַז יידן וואָס פעלשן אין רוסלאַנד שיקן געלט קיין טערקיי פאַר די הבטחות פון דעם פראַנצויזישן „משיח“. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע לאַגע, וואָס עס האָבן באַלד מאַקע איסגענוצט די אָנפירערס פון די מתנגדים, און צווישן זיי דער רב אביגדור, כדי צו באַשולדיקן ר׳ שניאור זלמנען און צו ברענגען אים ווידער אַמאָל אין תפיסה אַריין[1].

26 אָקטאָבער 1800 פון אַלטן רוסישן סטיל האָט דערזשאַווין איבערגעגעבן זיין פירטראַג דעם גענעראַל-פּראָקוראָר אָבאָליאַנינאָוו, וואָס איז געווען איין דעה מיט אים אין דער יידישער פראַגע, און דעם 30טן האָט דער פּראָקוראָר געשיקט אַן איליקן באַפעל צום ווייסרוסלענדישן גובערנאַטאָר סעווערינען, ער זאָל אַרעסטירן דעם „אָנפירער פון דער סעקטע קאַרלינער אָדער חסידים (אין רוסיש שטייט Хосады פונקט ווי ביי דערזשאַווינען אין פירטראַג) דעם ייד באָרוכאָוויטש“ און אַוועקשיקן אים קיין פעטערבורג. דעם 9טן נאָוועמבער (21טן לויטן נייעם סטיל, ד׳ כסלו תקס״א) איז ר׳ שניאור זלמן אַרעסטירט געוואָרן און איז אין דער באַגלייטונג פון צוויי קורירערן פון סענאַט אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער הויפט-שטאָט. דאָרט איז ער ווידער איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט פון דער „געהיימער עקספּעדיציע“, ווי בעת זיין ערשטן אַרעסט[2]. די ריכטער

1 די צונויפשטעלונג פון די פאַקטן דאָ און ווייטער איז ביי מיר אויסגעקומען נאָך אַ גרונטיקן שטודיום פון די מקורים וואָס זיינען געווען אין מיין רשות מיט פערציק יאָר צוריק, אין דער ערשטער אויסגאַבע פון די דאָזיקע קאַפּיטלען. איצטער, אַז מיר איז געראָטן צו פאַרעפנטלעכן און צו דערקלערן די רוסישע דאָקומענטן אין דעם ענין, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין אַרכיוו פון סענאַט אין פעטערבורג (יעווער׳ סטאַרינאַ 1910), האָב איך ווידער געמאַכט אַ פולקומענע צונויפשטעלונג און האָב איינגעפונען, אַז דער גרעסטער טייל פון מיינע פריערדיקע השערות זיינען אין זייער עיקר באַשטעטיקט געוואָרן דורך די נייע דאָקומענטן. די געשעענישן פון 1800 זיינען פאַר אונדז אין גאַנצן קלאָר, און פון זיי פאַלט אויך אַ נייע שיין צוריק אויף די געשעענישן פון 1798 און זייער גאַנג, יועדליג דאָס איז דערציילט אין דעם פאַראַגראַף און אין דעם פריערדיקן.

2 דאָס איז געדרונגען פון בריוו פון ווייסרוסלענדישן גובערנאַטאָר צום גענעראַל-פּראָקוראָר פון 13 נאָוועמבער (יעווער׳ סטאַר׳, 263 — 264) און פון ר׳ שניאור זלמנס שפעטערדיקע קלאָג-שריפטן (דאָרט, 277, 279); ווייטער דאָרט 268, דאָקומענט 18.

האָבן אים פאָרגעלייגט 19 פראַגעס, וואָס עס האָט זיי דערלאַנגט דער מסור אַביגדור ווי אַ הוספה צו זיין דערמאָנטער שריפט. אויף צוויי פראַגעס, וואָס זייער אינהאַלט איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, האָט ר׳ שניאור זלמן געענטפערט בעתן פאַרהער, און די איבעריקע פראַגעס וואָס זיינען שייך צו די פרטים פון חסידות זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם באַשולדיקטן שריפטלעך, כדי ער זאָל ענטפערן אויף זיי אויך שריפטלעך. דער גרעסטער טייל פון די פראַגעס פון דעם באַשולדיקער און אַ טייל פון די ענטפערס פון באַשולדיקטן זיי־נען דערגאַנגען צו אונדז אין העברעיִשן אָריגינאַל[1]. און דאָס זיי־נען אַביגדורס פראַגעס, חוץ די צוויי ערשטע וואָס זיינען שריפט־לעך ניט איבערגעגעבן געוואָרן:

„3. אין דעם זעלביקן ספר פון די קאַרלינער[2] שטייט גע־שריבן, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף ניט מורא האָבן פאַר קיין איין באַשעפעניש; דגם עס טרעפט, אַז אַ מענטש אָדער אַ חיה זאָלן אָנטון מענטשן שאָדנס, איז דאָס אַלץ פון השם יתברך וואָס געפינט זיך אין דעם דאָזיקן באַשעפעניש און טוט די שטראָף פאַר זיינע מעשים. און דאָס גייט קעגן דער יידישער אמונה, מחמת פון דעם טעם קומט קיין שום שטראָף ניט די וואָס טוען אַן עבירה, אויב דער בורא האָט זיך אין אים געפונען און ער טוט דעם דאָזיקן שאָדן.

4. אין דעם זעלביקן ספר איז פאַראַן אַן אָנזאָג דעם מענטשן, ער זאָל קיין מורא ניט האָבן פאַר מענטשן אָדער פאַר אַן אַנדער באַשעפעניש, און ער זאָל ניט ליבן און ניט חנפען קיין שום מענטשן, חוץ השי״ת. און דאָס איז קעגן אונדזער אמונה און אונדזער תורה, וואָרעם אין אונדזער הייליקער תורה זעען מיר,

---

1 דאָרט, 264 — 267, מיט מיינע הערות. דער העברעיִשער דאָקומענט האָט פון אויבן אַזאַ אויפשריפט, געשריבן מיט אַביגדורס האַנט: „על פונקט ראשון ושני שנתתי הלא המה כתובים על רושים (רוסיש) וגם הרב מ׳ זלמן השיב עליהם על רושים. והם [די איבעריקע] המה הפונקטין אשר הקשיתי עליו ועל כל הקרלינים בלשון הקודש. יעתיקו״ — דאָס הייסט, כדי מען זאָל דאָס איבערזעצן אין רוסיש.

2 דאָ איז געמיינט „צוואת הריב״ש״, וואָס פון איר זיינען געבראַכט אַ סך פראַגמענטן אין דער אויבן דערמאָנטער שריפט אַביגדורס. דאָ חזרט דער באַשולדיקער איבער דאָס זעלבע אין דער פאָרם פון פראַגעס געשטעלט צום באַשולדיקטן.

אַז אונדזערע אָבות אברהם, יצחק ויעקב, משה רבינו און דוד המלך עליו השלום האָבן מורא געהאַט פאַר מענטשן.

5. אין דעם זעלביקן ספר שטייט געשריבן, אַז אויב אַ מענטש גלוסט צו אַ זאַך, דעמאָלט איז קענטיק, אַז ער דאַרף האָבן די זאַך צוליב דעם תיקון פון זיין נשמה, וואָרעם אין איטלעכער זאַך איז פאַראַן חיות. און דאָס איז קעגן אונדזער דת, וואָרעם אַ סך מאָל גלוסט אַ מענטש צו אַן עבירה.

6. אין דעם ספר פון די קאַרלינער רופט מען אָן אין יעטלעכע ערטער מחשבה, דיבור און חיות מיטן נאָמען בורא, און דאָס איז קעגן יידישן דת. מען שרייבט אויך, אַז טיילמאָל קאָן אַ מענטש לעבן אין איינקייט מיטן בורא, און דערפאַר רופן זיי אָן זייערע רביים אין זייערע בריוו און אויך אין ספרים מיטן נאָמען אלוקים[1].

7. הגם דער רב פון די קאַרלינער[2] זלמן בן ברוך פאַרענטפערט זיך, אַז זינט אַלטע צייטן איז געווען אַ מנהג צו געבן געלט אויף אויסצוהאַלטן די וואָס זיצן אין ירושלים מתפלל צו זיין דאָרט, אָבער אַז מיר וועלן אַריינקוקן אין די ביכער, וועלן מיר זען, אַז דער סכום וואָס פלעגט צונויפגעקליבן ווערן אַמאָליקע צייטן איז אַ הונדערט חלק פון דעם סכום וואָס מען קלייבט צונויף איצט, און זיי קוקן ניט דערויף, וואָס לויטן יידישן דת איז מען מחייב איבערצולאָזן ניין חלקים פאַר די אָרעמע לייט פון אונדזער שטאָט און אַ צענטן חלק פאַר די אָרעמע לייט פון ירושלים.

8. און וואָס איז שייך צו די איבעריקע זאַכן פון די קאַראָלינער, וואָס זיי זיינען דערין מחלק אויפן יידישן דת, און די שלעכטע מעשים פון דער דאָזיקער כת, וויל איך ניט און איך קאָן אויך ניט ברענגען ראַיות דערויף. דעריבער בעט איך צושטעלן אַהער אַלע רבנים פון דער דאָזיקער כת, און אויך ווי זייער צאָל רבנים פון די יידן וואָס האַלטן די רעליגיע ווי פריער.

---

1 „איש אלוקי” — איז אַ געהיימלעכער טיטול פון אַ צדיק מצד זיינע פאַרערערס.

2 אַמאָל שרייבט ער „קאַרלינער” און אַמאָל „קאַראָלינער”, ווי די חסידים ווערן אָנגערופן אין די רוסישע דאָקומענטן.

9. דער רב בן חיים און נאָך מענטשן רופן אָן בן ברוכן[1] און די וואָס באַהעפטן זיך מיט אים מיטן נאָמען קאַרלינער, וואָרעם נאָכן טויט פון די דערמאָנטע צוויי מחברים, היינו דער בעש"ט און ר' בער מעזעריטשער, זיינען געווען אין ק' קאַרלין גובערני' מינסקע אהרן און שלמה די ערשטע וואָס זיינען געגאַנגען נאָך זיי[2]. און וואָס מען רופט זיי חסידים, רופן זיי אַליין זיך אָן אַזוי. און וואָס מען רופט זיי אָן כת, איז דאָס דערפאַר, וואָס זיי האָבן משנה געווען דעם יידישן מנהג אין זייערע תפילות און אַפילו אין זייערע מלבושים, וואָרעם זיי טראָגן ניט קיין וואָלענע קליידער.

10. קיין ארץ ישראל האָבן זיי געשיקט דריי רביים זייערע: דעם רב פון טורפוטובקא, ר' אברהם קאַרלינער, ר' אהרן פון וויטעפסק[3], און זיי שיקן זיי אַ גרויסע סומע. און זייערע רביים און די חשובים צווישן זיי מאַכן זייער אַ סך הוצאות אין יענע קהילות, וואָס זיי קומען אַהין, מאַכן דאָרט גרויסע סעודות און עס קלייבן פאַר זיי צונויף די קאַרלינער פון יענעם אָרט; און זיי, די משולחים גופא מיט די חשובים פון די קאַרלינער, גייען צו איטלעכן פון די בעלי-בתים און נעמען זיי איין מיט רייד, און מחמת בושה חתמען די בעלי-בתים אין זייערע ביכלעך אויף אַ סומע וויפיל ער וועט געבן איטלעכע וואָך אויף ארץ-ישראל-געלט, און דערנאָך זיינען די דאָזיקע קהילות געצוווּנגען צו געבן זיי געלט פאַר זייער טירחה. און מחמת דעם גייען אויף הוצאות די קאָפּ-געלטער (מעות פאדושנה), וואָס די קהילות האָבן צונויפגעקליבן און זיינען שולדיק געבליבן, און אַ סך אָרעמע לייט שטאַרבן פון הונגער. די קאַרלינער מוען זיך אויך, אַז פון זיי זאָלן זיין ראשים, וואָס דורך זיי זאָלן געמאַכט ווערן אַלע באַדערפעניש און די הכנסות און די הוצאות פון דער קהילה, און זיי נעמען פאָדושנע-געלט

1 בן-חיים איז אביגדור און בן-ברוך איז שניאור זלמן, לויט זייערע נעמען אין די רוסישע דאָקומענטן: חיימאָוויטש און באָרוכאָוויטש.

2 דאָס זיינען ר' אהרון דער „גרויסער" פון קאַרלין און ר' שלמה קאַרלינער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין לודמיר.

3 דאָ זיינען פאַרגרייזט געוואָרן די נעמען, און עס דאַרף זיין: הרב [יעקב שמשון] משיפּוטובקא, ר' אברהם קאַליסקער, ר' מענדיל מוויטעפסק.

און שיקן מתנות פאַר זייערע רביים אויף אַלע יום־טוב אָדער אין אַן אַנדער צייט.

11. אַ שבועה ווערט ביי זיי פאַררעכנט פאַר גאָרנישט[1]. און דערמיט קאָנען מיר דערקלערן די זאַכן אין ק' ווילנע, און באופן אַז די מנהיגים פון דער דאָרטיקער קהילה זאָלן ניט זיין פון כת קאַרלינער, און עס זאָלן פאַר זיי זיך ניט שרעקן די מענטשן, וואָס דאַרפן עדות זאָגן.

12. כיבוד אב איז ביי זיי גאָר ניטאָ, ווייל זיי זאָגן: מחמת דער פאָטער זיינער האָט געוואָלט באַפרידיקן זיין תאווה האָט ער אים געבוירן, און דערפאַר איז ער ניט מחוייב אים אָפּצוגעבן כבוד, און דאָס גלייכן בנוגע דער מוטער, מער ניט וואָס דער מוטער קומט אַ גרעסערע מאָס פון האַרצן, ווייל ער האָט ביי איר געזויגן.

13. אַלע גנבענען זיי געלט ביי זייערע פאָטער און מוטער און ביי זייערע ווייבער, מיטן וויסן פון זייערע רביים, און געבן זיי אַוועק. לויט אונדזערע תקנות האָט דער וואָס איז יינגער פון צוואַנציק יאָר ניט קיין רעכט צו געבן במתנה קיין זאַך אָן דעם וויסן פון זיין פאָטער און מוטער.

14. פון דעם וואָס איך האָב געשריבן און אויך פון די זאַכן וואָס איך וויל ברענגען ראיות דערויף פון מיין שכל, רוף איך זיי אָן, די קאַרלינער, מיטן נאָמען שבתי צביניקעס, מחמת זיי האָבן מתיר געמאַכט דעם מענטשן צו טון אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט.

15. אויף יום טוב קומען די דאָזיקע כת קיין ליאָזנע (לק' לִיזנא) צו זייער רב ה"ה זלמן בן ברוך, אין דער צאָל טויזנט, 15 הונדערט און מער מענטשן, אַזוי אַז עס ווערט אַ גרויסע ענגשאַפט אין די הייזער. און דאָס איז אַ זאַך וואָס געשיקט זיך ניט, עס זאָלן זיין אַזויפיל מענטשן אינאיינעם. און גוער ווייס וואָס זיי רעדן בעת דער פאַרזאַמלונג, וואָרעם אויב דאָס וואָלט געווען צו הערן תורה, האָט דאָך [ר' זלמן] געקאָנט שרייבן תורה, און צו וואָס דאַרף מען האָבן אַזאַ פאַרזאַמלונג אין איינעם. און אַ סך הוצאות האָבן זיי צו פאָרן אַ וייטן וועג.

1 דאָ איז דער טעקסט פאַרדאָרבן: שבועת אצלם לכלום יחשב.

16. אויך ווען זייערע רבּיים פּאָרן ערגעץ, מאַכן זיי אַ סך הוצאות, וואָרעם מען גיט זיי אַ סך צו עסן און צו טרינקען און אויך מתּנות.

17. אַלץ וואָס איך האָב געשריבן, זאָגן געוויינטלעך אַלע מענטשן וואָס זיינען ניט פון דער כּת קאַראָלינער.

18. און וועגן אַלע זאַכן וואָס איך האָב געשריבן ווייסן די ווילנער און די פּלוצקער.

19. איך האָב אויך געהערט: ווען עמעצער וויל זיך באַהעפטן צו דער כּת קאַרלינער, איז ער מחויב פריער צו קומען צו זייער רבּ און איז מחויב צו געבן אים אַ צעטל פון אַלע זינד און חטאים און פּשעים, וואָס ער האָט געטאָן זינט ער לעבט ביז יענעם טאָג, און מוז דאָס אונטערחתמען מיט זיין אייגענער האַנט. און דערנאָך איז ער מחויב איבערצוגעבן זיין נשמה דעם רבּ, וואָרעם דער רבּ האָט געזאָגט, אַז זיין נשמה נעמט אַריין אַלע נשמות וואָס זיינען מיט אים באַהעפט. און דערנאָך איז ער מחויב צו געבן דעם רבּ געלט, וויפיל דער רבּ וויל, וואָרעם ער האָט מורא פאַר אים, מחמת ער האָט אונטערגעחתמעט דעם אויבנדערמאָנטן צעטל. און מחמת דעם טוען טאַקע די קאַרלינער אַלצדינג וואָס דער רבּ הייסט זיי. און מיר זעען בחוש, אַז די מצוות פון משה רבּינו עליו השלום ווערן אַזוי ניט אָפּגעהיט, ווי דער באַפעל פון זייער רבּי. און אויך ווען אַ רבּ שטאַרבט, שטעלן זיי אַוועק אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. — איך וועל מקצר זיין, אַז ער איז אַ גרויסער עם הארץ"[1].

פון ר' זלמנס ענטפערס אויף אַביגדורס פראַגעס זיינען אין די אָפיציעלע דאָקומענטן פאַרבליבן נאָר צוויי, אויף דער פראַגע 18 און 19.

„די איינוווינער פון דער ק"ק פּלוצק האָבן אונדז אויך פיינט, ווייל זיי האָבן געמאַכט גרויסע רדיפות אויף די חסידים פון ליעכעוויץ, ווי די זאַך איז באַוווּסט און מפורסם, ווייל עס איז וועגן דעם

1 ד"ה קורץ גערעדט, ער (דער רבּ פון די חסידים) איז אַ גרויסער עם הארץ. דערנאָך גייט דעם שרייבערס אונטערשריפט: „אביגדור באדוני הקאנק (?) מהורר חיים ז"ל".

ארויס א פסק פון דער פראַוולעני פון מינסק, ווערליג דאָס איז געהערט געוואָרן אויף קלאָר[1].

„איך בין מיה געוואָרן אריבערצוטראָגן זיינע לעסטערונגען און זיינע בזיונות און זיינע שקרים, וואָס ער טראַכט אויס אויף אונדז גרויסע בילבולים, וואָס זיינען ניט געזען און ניט געהערט געוואָרן קיין מאָל, סיידן אין די פוילישע צייטן פון זייערע גלחים, וואָס פלעגן אויסקלערן אויף יידן, אַז זיי דאַרפן האָבן אויף פסח מענטשן־בלוט, און כדומה אַזעלכע בילבולים, און מחמת דעם איז פאַרגאָסן געוואָרן אַ סך אומשולדיק בלוט פון די זין פון אונדזער פאָלק. און געוויס האָט אויך ער גיט געזען און ניט געהערט קיין מאָל, נאָר וואָס אַרט אים, אַז ער גייט אַרום פריי און רייסט אויף מויל און צונג וויפיל ער וויל. אָט האָט ער אַליין מודה געווען, אַז ער האָט געהערט... און אַליין האָט ער נאָך ניט געוויסט די זאַך אויף קלאָר, [און אויף דעם סמך] איז ער מטריח אונדזער באַרעמהערציקער האַר דעם קיסר ירום הודו, און ניט אויפגעקלערט די זאַך פריער דורך די געריכטלעכע אינסטאַנצן. און איטלעכער קענט וואָס איז באמת אונטערטעניק דעם קיסר ירום הודו, און ער איז אַ גליקלעכער זון ביי זיין פאָטער, טאָר ניט מטריח זיין זיין כבוד, אויב די זאַך איז ניט קלאָר. און איצט האָב איך ניט אויף וועמען זיך אָנצושפאַרן סיידן אויף אונדזער האַר דעם קיסר יר"ה, אָבער איך פאַרלאָז זיך אויף דער גרויסער גענאָד פון קיסר יר"ה און אויף זיין ענוות, וואָס אין זיין גרויס גענאָה וועט זיין אויג אַראָפקוקן פון זיין פעסטן זיץ־אָרט אויף דעם באַדריקטן, און ער וועט פאַרשטיין דעם אמת, און אַז איך בין אומשולדיק, פון ענגשאַפט וועט ער מיר אַרויסציִען און מיך ראַטעווען. — נאום שניאור זלמן בן ברוך זלל"ה".

ווי עס ווייזט אויס, איז דעם באַשולדיקטן געראָטן צו געבן אויסשעפנדיקע ענטפערס אויף די פראַגעס וואָס די באַשולדיקער האָבן אים געשטעלט. די כאַמע אַנטשיידנדיקע זאַך איז געווען דער בריוו פון ווייסרוסלענדישן גובערנאַטאָר סעווערין, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן דעם גענעראַל פראָקוראָר אין פעטערבורג עט־

1 ער מיינט דאָ די רדיפות אויף אַ גרופע חסידים, וואָס בראש פון זיי איז געשטאַנען דער צדיק ר' מרדכי לעכעוויצער, מצד די סלוצקער מתנגדים.

לעכע טעג נאָכן רבס אַרעסט[1]. אין דער דאָזיקער שריפט זאָגט דער גובערנאַטאָר עדות, אַז ער האָט אין ר' זלמנס איפּפּיר ניט געפונען קיין שום סימן פון אומגעטריישאַפט צו דער מלוכה אָדער פון אַ טענדענץ עובר צו זיין אויף די רעגירונגס־געזעצן. אין דער געהיימער עקספּעדיציע האָט מען אָנדערקענט, אַז דאָ איז בכלל ניטאָ קיין ענין פון מלוכה־בגידה, נאָר אַ רעליגיעזע מחלוקת צווישן צוויי יידישע פּאַרטייען, און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן די גאַנצע „מחלוקת צווישן אביגדור חיימאָוויטש און זלמן באָרוכאָוויטש" דעם סענאַט, כדי ער זאָל די אויפקלערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן דער יידישער קהל־פאַרוואַלטונג בכלל און וועגן מצב פון דער סעקטע חסידים אין די קהילות בפרט. דער דאָזיקער קיסרלעכער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 27 נאָוועמבער, ד"ה דריי וואָכן נאָך ר' זלמנס אַרעסט. דער אַרעסטירטער איז אַרויס פון טורמע, אָבער מען האָט אים געהייסן פאַרבלייבן אין דער רעזידענץ־שטאָט, ביז זיין ענין וועט איפגעקלערט ווערן אין דער דריטער אָפּטיילונג פון סענאַט[2].

וויבאַלד ער איז שוין געוואָרן אָפיציעל אַ צד אין דעם פּראָצעס, האָט אביגדור זיך גענומט צוצושטעלן די ריכטער נייעם מאַטעריאַל קעגן דעם צד שכנגד. אין דעצעמבער האָט ער דערלאַנגט דעם גענעראַל־פּראָקוראָר אַ „בקשה" מיט אַ צוגאָב־מסירה פון דעם געפערלעכסטן מין. פון דעם „תניא" (פּרק ב', ו', ח' צום סוף) האָט ער געבראַכט פראַגמענטן ווו עס זיינען פאַראַן פיינטלעכע רייד קעגן די „אומות העולם" אָדער „עכו"ם": די נשמות פון די אומות העולם קומען אַרויס פון אומריינע קליפּות, וואָס קיין גוטס איז אין זיי גאָר ניטאָ, און זייערע חכמות פאַראומרייניקן די געטלעכע נשמה. דאָ האָט דער מסור איבערגעמאַכט די נעמען „אומות העולם" און „עכו"ם" אויף „נוצרים", כדי צו באַשולדיקן דעם מחבר אין פיינדשאַפט און פאַראַכטונג צו אַלע קריסטן[3]. אין זיין ענטפער

1 יעוור' סטאַרא, 263—264.

2 דאָרט, 268; פּאַרגל' ז' 277, 279.

3 דאָרט, 271 — 272. די רוסישע איבערזעצונג פון די פראַגמענטן פון „תניא" האָט געמאַכט די צענזור אין ריגע פינקטלעך, חוץ דעם וואָס דער־נאָמען „אומות העולם" איז איבערגעגעבן דורך „קריסטן". עס איז פאַר מיר קלאָר,

האָט דער באַשולדיקטער געווים זיך סומך געווען אויף אָט דעם אויסוויינקסטן שינוי און האָט דערוויזן, אַז מיט אַן אמת איז ער געווען איינס מיט זיינע ווערטער די געצנדינערס פון די אַמאָליקע דורות — דער געוויינטלעכער תירוץ פאַר דער צענזור.

אַ דריי חדשים איז ר׳ שניאור זלמן געזעסן אין פעטערבורג אין געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג אין סענאַט. אָנהייב מערץ 1801 האָט ער געשיקט אַ קורצע בקשה־שריפט אין רוסיש צום קיסר פאַוול אין אַזאַ נוסח[1]: „היות ווי איך בין גע־וואָר געוואָרן, אַז דער ענין פון דער אומגערעכטער מסירה (רוסיש: דאָנאָס) פון דעם ייד אביגדור חיימאָוויטש אויף מיר און אויף אַלע יידן חסידים, וואָס ער רופט זיי פון שנאה וועגן „קאַרלינער“, געפינט זיך איצט אין דריטן דעפּאַרטאַמענט פון רעגירנדיקן סע־נאַט, — לייג איך דאָ צו צוויי דאָקומענטן, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם הויכן ווילן פון אייער קיסרלעכער מאַיעסטעט, אַז מען זאָל אונדז [די חסידים] איבערלאָזן אין אונדזער פריערדיקן מצב, און בעט אונטערטעניקסט: זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ קיסרלעכער באַפעל אָנ־צונעמען מיין בקשה און פאַרגיכערן אויפן יסוד פון די דאָקומענטן די באַשטימונג פון אונדזער גורל“. די צוויי דאָקומענטן זיינען גע־ווען: די מעלדונג פון ווייסרוסלענדישן גובערנאַטאָר פון סוף 1798, אַז דער רב זלמן באָרוכאָוויטש איז אַרויס פריי פון ערשטן פּראָ־צעס, און אַז די סעקטע קאַרלינער איז דערלויבט אומעטום, און די צווייטע — דער ענטפער פון ליטווישן גובערנאַטאָר פון אָנהייב 1800, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון די מתנגדישע ראשי־הקהל אין ווילנע אַרויסצולייגן אַ פאַרבאָט אויף אַלע קאַר־לינער.

כּל־הכּל עטלעכע טעג זיינען אַריבער, זינט דאָס פּאַפּיר איז אָנגעגעבן געוואָרן אין דער קיסרלעכער קאַנצעלאַריע פאַר בקשות,

אַז דאָס האָט איבערגעמאַכט ניט דער ריגער צענזאָר, נאָר אַביגדור אַליין מיט אַ באַזונדער מיין.

1 דער דאָקומענט איז דאַטירט: „מערץ 1801“, אָן דער דאַטע פון טאָג, אָבער וויבאַלד די בקשה איז דערלאַנגט געוואָרן צום קיסר פאַוול, ממילא איז געדרונגען, אַז דאָס איז געווען פאַרן 11 מערץ פון אַלטן רוסישן סטיל, וואָרעם אין יענער נאַכט איז דער קיסר דערהרגעט געוואָרן.

ווי עס האָט פּאַסירט אַ גרויס געשעעניש: אין דער נאַכט פון 11טן מערץ איז דערהרגעט געוואָרן אין זיין פּאַלאַץ הורך, זיינע אייגענע האַרן דער קיסר פּאַוול, און אויפן קיסרלעכן טרון איז אַרויף אַלכסנדר דער ערשטער. עס האָבן אַ בלאָז געטאָן נייע ווינטן אין די רעגירונגס־קרייזן: אַ גייסט פון ליבעראַליזם און צוגעלאָזטקייט אין פּאָליטישע ענינים. אין די ערשטע טעג פון זיין רעגירונג האָט דער קיסר באַפוילן צו שליסן די געהיימע עקספּעדיציע „און ניט צו דערמאָנען אפילו איר נאָמען". אַ סך פון די אַרעסטירטע, וואָס זייערע פּראָצעסן האָבן נאָך ניט באַוויזן באַטראַכט צו ווערן, זיינען באַפרייט געוואָרן דורך אַן אַלערהעכסטן באַפעל. אין דער זעל־ביקער צייט האָט מען אויך באַטראַכט ר' שניאור זלמנס בקשה און מען האָט באַשלאָסן אים אינגאַנצן צו באַפרייען. דעם 21טן מערץ 1801 (10טער אַפּריל לויטן נייעם סטיל און 10 טעג אין ניסן תקס"א) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ קיסרלעכער באַפעל צום גענעראַל־פּראָקוראָר: „אַרויסצולאָזן פריי דעם ייד זלמן באָרוכאָוויטש, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין פּעטערבורג צוליב געוויסע באַ־דערפענישן, און דערלויבן אים אומצוקערן זיך אַהיים און צו וווינען ווו ער וועט וועלן אין פולער פרייהייט אָן שום שטער"[1].

ר' שניאור זלמן איז נאָך פסח תקס"א בשלום אַהיים, אָבער די אויספאָרשונג אין סענאַט מכוח דעם סיכסוך צווישן אים און אביגדורן איז נאָך ניט געווען געענדיקט. דאָס האָט אויסגענוצט דער רב דער קרינעלניק, כדי צו ווירקן אויפן העכסטן געריכט לטובת זיינע אייגענע פּריוואַטע אינטערעסן: ער האָט זיך איינגע־רעדט, אַז ער וועט קאָנען אויפמאָנען ביי די חסידים פּאַרטיקונג פאַר דעם שאָדן וואָס ער האָט געהאַט דערפון, וואָס מען האָט אים אַראָפּגעזעצט פון זיין שטעלע און צוגענומען ביי אים זיינע הכנסות. באַלד נאָך ר' שניאור זלמנס באַפרייונג האָט אַביגדור אָנגעגעבן אַ בקשה־שריפט צום סענאַט, ווו ער בעט ביי די ריכטער, זיי זאָלן זיך צוהערן צו זיינע טענות און אָנדערקענען די גערעכטיקייט פון זיינע תביעות. דער דאָזיקער דאָקומענט, וואָס איז אָנגעשריבן אין העברעיש און איז כולל אַ קורצן איבערבליק איבער דעם שרייבערס

---

1 דער אינהאַלט פון באַפעל איז איבערגעגעבן אין דער מעלדונג פון ווייסרוסלענדישן גובערנאַטאָר טאַרבייעוו פון 13טן יולי 1801, דאָרט, ז' 257.

לעבנס-געשיכטע, איז ווערט, מען זאל אים דא פארצייכענען אין גאנצן[1]:

„צום כבוד פון די גרויסע הארן, די שררות און די איידעלע פון לאנד, וואס זיצן אין געריכט און אויף שטולן צו משפטן אין סענאט דריטן פריטאמענט [דעפארטעמענט], צו איטלעכן לויט זיין הויכן גראד און מדרגה.

„פריער פון אלץ בעט איך אייך מחילה וסליחה פון אייער רום מעלתו פאר די פיל רייד, וואס עס פאסט גאר ניט אנטקעגן אייער הויכן און געהויבענעם כבוד, ווארעם די ליבשאפט מאכט קאליע די מאס, דאס איז מיין ליבשאפט צום אמת פון מיין יוגנט אן, און זי האט דאס מיך געבראכט ארויסצוגיין פון מיין גדר און פון מיינע באַרימטע גוטע מידות. הגם דער חכם שלמה המלך עליו השלום האט געזאגט: זאל דיך לויבן א פרעמדער, און ניט דיין אייגן מויל, נאר אונדזערע חכמים אין תלמוד האבן אויסגעטייטשט און האבן געזאגט, אז אין אן ארט ווו מען קען אים ניט, מעג א מענטש לויבן זיך אליין. אבער אין אן ארט ווו מען ווייס און מען קען מיך און מיין הויכע משפחה, דארט איז באוווסט אלע מיינע מעלות און מידות טובות, וואס זיינען דארט באַרימט, און ווי אזוי אין מיינע יונגע יארן האב איך א סך געלערנט תלמוד און מפרשים און פוסקים, און דערנאך בין איך געווארן א רב אין דער שטאט לעסלע אין פוילן, און דערנאך בין איך געווען אין ווארשע, די הויפט-שטאט פון פוילן, אן אריינגייער אין די הויפן פון גרויסע הארן און האב אין זייערע אויגן געהאט לייטזעליקייט א סך יארן. און דערנאך האב איך מיר אפגעזאגט די רבנות פון פינסק אין דער ליטע פאר גוט געלט פון דעם שר פון שטאט, און [איך האב געגעבן] אויך א הלוואה דעם קהל א סומע פון פיר הונדערט רויטע גילדנס אן ריווח משך פון דער דאזיקער צייט.

„און עס זיינען אויפגעשטאנען קעגן מיר די כת, וואס ווערן אנגערופן חסידים אדער קארלינער און האבן מיך אראפגעטריבן

1 דארט, 276 — 277. אין דאקומענט פעלט די דאטע, אבער היות ווי דער קיסר פאוול ווערט אין אים דערמאנט מיט דער הוספה עליו השלום און עס רעדט זיך וועגן דער באפרייונג פון ר׳ שניאור זלמנען, דערפון איז געדרונגען, אז ער איז אנגעשריבן נאכן באפרייונגס-באפעל פון 29טן מערץ.

פון דער רבנות, איידער עס האָט זיך געענדיקט די צייט, און זיי האָבן מיר אויך ניט געסילוקט די גאַנצע סומע פון פיר הונדערט אדומים, און אַליין דורך פאַלשע און ליגנערישע בילבולים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן אויף מיר, וואָס עס איז ניט כדאי אַרויס־צוברענגען אויפן טיש פון די גרויסע האַרן אַזעלכע גרויסע בזיונות און גרויסע שקרים. און אָט כדי [אויפצוקלערן] די ליגנס פון דער דער דאָזיקער כת בין איך געפאָרן קיין ווילנע דער גרויסער אין דער ליטע, היות ווי די ראשי הקהל דאָרט זיינען אין זייער רוב שונאים און רודפים פון דער דאָזיקער כת, און זיי האָבן פאַרברענט דעם ספר וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון זייער רב. און איך האָב גענומען דאָרט אַ געשריבטס פון אַלע מעשים וואָס די ראשים האָבן אָפּגעטאָן צו דער דאָזיקער כת, און בפרט בנוגע זייער ספר, וואָס מען האָט דאָרט פאַרברענט, און איך בין געפאָרן אין דער מלוכה־שטאָט פעטערבורג און האָב דערלאַנגט אַ קלאָג־שריפט דעם קיסר פאַוול ע"ה אויף דער דאָזיקער כת, זיי זאָלן מיר אָפּצאָלן די גאַנצע דערמאָנטע סומע און אויך פאַר די היזקות וואָס זיי האָבן מיר אָנגעמאַכט דורך דעם אָפּווענדן די הכנסות פון דער רבנות אין משך פון כמה יאָרן. און היות ווי איך האָב געפונען גרויס לייט־זעליקייט אין די אויגן פון קיסר פאַוול ע"ה, ווערליג דאָס איז באַוווסט און מפורסם פאַר אַלעמען מחמת די קאַרמלין(?) וואָס זיי־נען געפעלן געוואָרן אין זיינע אויגן, האָט ער אַוועקגעשיקט מיין משפט וועגן די דאָזיקע געלט צום מינסקער גובערנאַטאָר; און וועגן דעם אויבן דערמאָנטן ספר האָט ער ממלא געווען מיין בקשה און האָט געשיקט נאָכן רב פון דער דאָזיקער כת אין דער מדינה ווייס־רוס־לאַנד, ז ל מ ן ב ן ב ר ו ך, צו ברענגען אים אין דער עיר המלוכה פעטערבורג צום אָרט פון משפט, [וויל ער באַדאַרף] שטיין פנים אל פנים מיט מיר. און אַז איך האָב גערעדט מיט אים פנים אל פנים, האָבן די האַרן פון געריכט ניט פאַרשטאַנען אונדזער שפּראַך, און זיי האָבן מיר געהייסן לויטן באַפעל פון קיסר ע"ה אָנשרייבן אַלע מיינע טענות אויף דעם דאָזיקן ספר זון אויך מיינע איבעריקע טענות אויף דער דאָזיקער כת, בכדי אויפצוקלערן זייער שקר, אַליין אין דער העברעישער שריפט, און זיי האָבן דאָס איבערגעגעבן זייער רב דעם דערמאָנטן בן־ברוך, ער זאָל שרייבן אַן ענטפער אויף אַלע מיינע רייד אויך אין העברעישער שריפט.

„און דערנאָך האָבן די דערמאָנטע האַרן איבערגעגעבן זיי דאָזיקע צוויי שריפטן, מיינע און זיינע, צו צוויי ייִדן איבערזעצערס, איינער פון זיין צד און איינער פון מיין צד, און זיי האָבן איבערגעזעצט ביידע שריפטן אין דער רוסישער שפּראַך פאַרן קיסר ע"ה. און אַט באַלד ווי דער דערמאָנטער בן-ברוך האָט געענדיקט זיין שריפט אין דער העברעישער שפּראַך, איידער די האַרן האָבן איבערגעגעבן זיין שריפט דעם איבערזעצער, האָב איך דעמאָלט געשריבן פאַר די האַרן, זיי זאָלן מיר ווייזן זיינע ענטפערס אין דער העברעישער שפּראַך, אפשר וועל איך קאָנען אויפקלערן מיט וואָסערע אויפקלערונגען, אַז אַלע זיינע ענטפערס זיינען פאַלש און ליגן, און מען האָט אויף מיר ניט געקוקט און מען האָט מיך אָפּגעשטופּט און מען האָט מיר ניט געוויזן די ענטפערס פון דעם דאָזיקן בן-ברוך, איידער מען האָט זיי געוויזן דעם קיסר פּאַוול ע"ה. דערפאַר זיינען זיינע ענטפערס אָנגענומען געוואָרן און ער איז אַרויס פריי פון דעם דאָזיקן געריכט און מען האָט ניט געפּסקנט אויף אים און ניט אויף דער דאָזיקער כת קיין שום דין פון אַ מורד קעגן דת און קעגן מלוכה. און אַט וועדליג מען הערט, איז דער גאַנצער ענין און אַלע די דאָזיקע שריפטן געשיקט געוואָרן איצט צום סענאַט.

„און דערפאַר מאַך איך אַראָפּנידערן מיין געבעט פאַר אייער הויכן און דערהויבענעם כבוד, צו ווייזן מיר די ענטפערס פון דעם דאָזיקן בן-ברוך און געבן מיר אַ שטיקל צייט, אפשר וועל איך קאָנען אויפקלערן, אַז זיי זיינען פאַלש און שקר און עס איז אין זיי קיין האַפט ניטאָ. און זאָלן דאָס טון די האַרן פון סענאַט, די מענטשן פון אמת, צוליב דער ליבשאַפט פון אמת, כדי עס זאָל אַנטפּלעקט ווערן דער אמת וואָס ביי מיר און דער שקר פון דער דאָזיקער כת. און אַז עס וועט אויפגעקלערט ווערן דער אמת וואָס ביי מיר, דעמאָלט זאָלט איר מוחל זיין אויף אייער הויכן און דערהויבענעם כבוד און שיקן פון זיך אַ שריפט מיט אַ זיכערער מעלדונג צום מינסקער גובערנאַטאָר, אים אויך צו לאָזן וויסן, אַז ביי מיר איז דער אמת, און אַז ביי דער דאָזיקער כת איז דער שקר, כדי ער זאָל צופּסקען, אַז זיי זאָלן מיר באַצאָלן די גאַנצע סומע, וואָס זיי האָבן מיר געשעדיקט. איך בעט זייער און זייער, איר זאָלט אויף מיר רחמנות

האָבן אין אייער גרויסער געגאָה און צוהערן זיך צום געשריי פֿון דערונטערדיקן, וואָרעם איך בין אַ גרויסער אָרעמאַן".

די גאַנצע ירידה פֿון דער רבנות שפּיגלט זיך אָפּ אין דער דאָזיקער הודאה פֿון דעם רב, אין זיין דערציילונג וועגן דעם אמת פֿון רב, וואָס ווערט פֿאַרדונגען און פֿאַרקויפֿט, וועגן דעם פֿעסטן פֿאַרבונד צווישן געלט־זאַכן און רעליגיע. דער קריגעלניק האָט זיך ניט בּאַרייקט אַפילו נאָכדעם ווי זיין בעל־דין איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון פּעטערבורג: אָפּגעשלאָגן די שוועלן פֿון שרים און באַאַמטע און זיך משתדל געווען פֿאַר זיין אייגענער טובה און „פֿאַר דער טובה פֿון כל ישראל". אָבער ר׳ שניאור זלמנס אָנהענגער צווישן די פּעטערבורגער יידן האָבן גוט געהאַט אין אויג אביגדורן מיט זיינע גענג און האָבן זיך פֿון זייער צד משתדל געווען, אַז דער סענאַט זאָל פּסקענען לטובת דער סעקטע בכלל, אַז זי זאָל זיין כשר און דערלויבט לויט די מלוכה־געזעצן.

לויט זייער עצה האָט ר׳ שניאור זלמן אין מאַי 1801 אַוועקגעשיקט אַ בקשה־שריפֿט אויפֿן נאָמען פֿון קיסר אַלכּסנדר[1] און האָט פֿון זיין זייט דערציילט די צרות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פֿון זיינע געגנער: צוויי מאָל האָט מען אים אַרעסטירט און געבראַכט קיין פּעטערבורג „ווי אַ שווערן פֿאַרברעכער" אויפֿן יסוד פֿון אַ מסירה וואָס איז אָנדערקענט געוואָרן פֿאַר אַ פֿולן ליגן דאָס ערשטע מאָל; און אויב די מוסרים וואָלטן באַשטראָפֿט געוואָרן אין דעם ערשטן משפּט, ווען דער באַשולדיקטער איז אַרויס פֿריי, וואָלטן זיי מורא געהאַט איבערצוחזרן זייערע מיאוסע מעשים, אָבער אַז זיי האָבן געזען, אַז מען קאָן אויסטראַכטן בילבולים אָן שום שטראָף פֿאַר דעם אויסטראַכטער, האָבן זיי נאָך אַמאָל געמסרט אויף אים און אויף אַלע חסידים. מער פֿון אַלעמען האָט דערין געזינדיקט אביגדור, דער זעלביקער רב וואָס איז אין פֿעם אויף די חסידים אין פּינסקער און קאַרלינער קרייז (דערפֿאַר רופֿט ער זיי טאַקע אָן „קאַרלינער"), ווייל זיי האָבן אים מער ניט געוואָלט פֿאַרדינגען די רבנות אין זייער קרייז, מחמת ער האָט אַרויסגעלייגט שווערע אָפּצאָלן אויף די קהילות, און חוץ דעם פֿלעגט ער

---

1 „יעוור׳ סטאַרינאַ", 277 —278. אויפֿן אָריגינאַל פֿון דער בקשה־חאָס איז געשריבן אין רוסיש שטייט פֿאַרצייכנט: „באַקומען 21טן מאַי 1801".

אָפּטמאָלס באַנוצן צו פיל „שאַרפע געטראַנקען“, ווערליג דאָס איז איבערגעקלערט געוואָרן אין געריכט. ר׳ שניאור זלמן בעט, מען זאָל פאַרענדיקן זיין ענין מיט גוטן און מען זאָל פאַרבאָטן די מתנגדים צו שטערן די חסידים אין זייער גאָטסדינסט, וואָרעם די סעקטאַנטן זיינען געטריי דער מלוכה און זיינען מתפלל פאַרן געזונט פון קיסר דעם אַליינהערשער.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז די פראַגע פון חסידיזם איז איבערגעקלערט געוואָרן אין די קאַנצעלאַריעס פון סענאַט, מחמת דער ענין איז געווען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פראַגע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די קהילות. די גאַנצע צייט איז ר׳ שניאור זלמן געהאַנגען אין דער לופטן, און האָט ניט געוויסט, וואָס אַן אָנפירער פון דער סעקטע מעג טון און וואָס ער טאָר ניט טון. אין אויגוסט 1801 האָט דער „ליאָזנער רב“ (אַזוי חתמעט ער זיך אין דער שריפט) געשיקט דורך זיינע שתדלנים אַ נייע בקשה־שריפט אויפן קיסרס נאָמען צו דערמאָנען, אַז ער וואַרט אויפן געריכטן משפט פון סענאַט אין דעם ענין פון דער סעקטע חסידים, „וואָס דער וואָס רופט זיך אַן פינסקער רב אביגדור חיימאָוויטש רופט זיי אַן קאַרלינער און וואָס, ווערליג עס גייען קלאַנגען, גרייט ער זיך זיי צו דערקוטשען מיט נייע מסירות“[1]. אויף דער דאָזיקער בקשה — דעם לעצטן דאָקומענט פון דער פאַפירענער מלחמה — איז קיין שום ענטפער ניט געווען. אין סענאַט און אין דעם „פאַראייניקטן קאָמיטעט פאַר די ענינים וועגן יידן“ האָט מען זינט יענער צייט זיך פאַרנומען מיט פאַרענטפערן בכלל די יידישע פראַגע אין רוסלאַנד, און ערשט אין דריי יאָר אַרום איז צייטיק געוואָרן די פרוכט פון דער לאַנג־דויערנדיקער אַרבעט: „דער געזעץ וועגן יידן“ פון יאָר 1804. לויט איינעם פון די פּאַראַגראַפן פון דעם געזעץ האָט איטלעכע סעקטע אין דער יידישער קהילה געקראָגן דאָס רעכט צו בויען פאַר זיך באַזונדערע שולן און אויסצוקלייבן פאַר זיך באַזונדערע רבנים, בתנאי אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג אין איטלעכער שטאָט זאָל זיין אַ שותפישע פאַר

---

1 דאָרט, 279 — 280. אויף דער בקשה־שריפט איז אָנגעשריבן, אַז דער בעטער האָט באַפולמעכטיקט דעם פּאָלאָצקער ייד הערץ איזראַעלאָוויטש צו דערלאַנגען זי דער מאַכט.

אַלע סעקטעס. חוץ דעם האָט דער געזעץ פאַרבאָטן די רבנים אַרייפצולייגן אַ חרם אויף די וואָס היטן ניט אָפּ די רעליגיע. אַזוי אַרום איז אָפּגענומען געוואָרן ביי די רבנים און די פּרנסים דאָס געווער, וואָס זיי האָבן אויסגענוצט אויף צו דערשטיקן מיינונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגענייגט פון אויסגעטראָטענעם וועג, און וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ סך קרבנות אין דער מחלוקת פון די חסידים און מתנגדים.

---

§ 40. דער מגיד ישראל לייבל און זיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן חסידות

דער מגיד אין די רייסישע און ליטווישע קהילות. — זיין ברודער ווערט אַריבערגעצויגן צו חסידות. — לייבלס נסיעות צו ר' שניאור זלמנען און דער וויכוח אין ליאָזנע.—דער „ספר הוויכוח" אָפּגעדרוקט אין וואַרשע. — די הקדמה פון ספר און דער עצם וויכוח. — די חסידים רודפן דעם מחבר און פאַרברענען זיין ספר. — זיין נסיעה קיין גאַליציע (ריישע, לעמבערג, קראָקע); ער גיט אָן אַ קלאָג־שריפט דעם קיסר פראַנץ. — זיין דייטשע ברָשור וועגן חסידות; דער בונד צווישן די משכּילים און די רבנים כּדי אויסצוואָרצלען „די שענדלעכע סעקטע".

אין אָט די טעג פון טומלעניש אין ליטע און רייסן, אויפן גרענעץ צווישן 18טן און 19טן יאָרהונדערט, איז דורכגעפאָרן די דאָזיקע מדינות און האָט דערלאַנגט אויך ביז צו די פּראָווינצן פון קרוין־פּוילן, ביז קיין גאַליציע און דייטשלאַנד דער מתנגדישער מגיד ישראל לייבל, וואָס האָט אויפגערודערט די געמיטער מיט זיינע דרשות און מיט זיינע ביכער. מיר האָבן שוין געזען, ווי ער באַוואָפנט זיך צום קאַמף און וואָרנט די אָנפירערס פון דער סעקטע, אַז ער וועט זיי לאָדן צום מלוכה־געריכט, דאָס וואָס אַנדערע האָבן טאַקע שפּעטער געטאָן. פון וואַנען איז אָט דער מענטש געקומען און וווּהין איז ער אַוועק? מיר מוזן זיך אָפּשטעלן אויף זיין געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט, כּדי צו פאַרשטיין דעם גייסט פון דער תקופה.

ר׳ ישראל בר׳ יהודה לייב איז, ווייזט אויס, געווען אַ געבירטיקער פון סלוצק[1], און האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ מגיד אין דער קהילה מאָהילעוו אין רייסן ביז 1787. אין יענעם יאָר איז ער געקומען קיין נאָוואַרעדאָק און איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ „מגיד מישרים" און פאַר אַ שטענדיקן דיין[2]. זיין געגנערשאַפט קעגן דער סעקטע חסידים איז געווען שטאַרק, נאָך ווען ער איז געווען אין מאָהילעוו און האָט געזען די שטאַרקע השפעה פון ר׳ שניאור זלמן אויף די יונגע לייט, וואָס פלעגן הינדערטערווייז שטראָמען אין דער הייליקער שטאָט ליאָזנע. אויך ישראלס יינגערער ברודער איז פאַרכאַפט געוואָרן פון דער נייער פון די חסידישע מיסיאָנערן. אומזיסט איז געווען דעם מגידס מי אָפצווענדן דעם פאַרבלאָנדזשעטן פון זיין געפערלעכן וועג: ער איז שוין צו ווייט געווען אַוועק אויף דעם וועג, און קיין צוריקקער איז שוין ניט געווען. דעמאָלט האָט דער מגיד אַוועקגעשיקט צום ליאָזנער צדיק אַ בריוו פול מיט טענות און האָט אים געסטראַשעט, אַז ער וועט אַרויסגיין מיט אַן עפנטלעכן פּראָטעסט קעגן אים און קעגן דער גאַנצער סעקטע, אויב מען וועט אים ניט אומקערן זיין פאַרפירטן ברודער. און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט ישראל גענומען און איז אַליין אַוועקגעפאָרן צו ר׳ שניאור זלמנען, כדי צו האָבן מיט אים אַ וויכוח[3].

1 זיין חבר אין די רייען פון די מתנגדים, דער מחבר פון ספר „זמיר עריצים" (תקנ"ח), רופט אים שטענדיק אָן „ר׳ ישראל מסלוצק".

2 אָט איז די החלטה פון דער קהילה אין נאָוואַרעדאָק פון כ"ג אב תקמ"ז: „ראוי ונכון להעלותו בקודש למגיד מישרים פה ק"ק, לדרוש בשבתות וימים טובים וימי התענית ובכל חודש אלול יום ביומו, ובימי הסליחות יום יום. גם יורה וידין... איסור והיתר גיטין ודיני ממונות להיות דיין קבוע". זע דעם קונטרס „תאוות צדיקים" פון ר׳ ישראל לייבל (וואַרשא תקנ"ז).

3 אין דער דייטשער בראָשור „גלאַובווירדיגע נאַכריכטען פאָן דער סעקטע חסידים" (זע ווייטער) רופט לייבל אָן דעם באַרימטן צדיק וואָס האָט געפירט מיט אים דעם וויכוח Salomon Witeyst. אָבער עס איז קלאָר, אַז עס גייט די רייד וועגן ר׳ שניאור זלמן ליאָזנער. קיין אַנדער „באַרימטער סעקטן-פירער" מיטן נאָמען שלמה אָדער זלמן איז אין יענער צייט ניט געווען ניט אין רייסן און נ"ט אין ליטע. דער מחבר שטרייכט אונטער, אַז ער איז דעמאָלט געווען רב אין מאָהילעוו, און די חסידים פון יענער גובערניע זיינען דאָך געשטאַנען אונטער דעם ליאָזנער צדיק. מען מעג משער זיין, אַז דער צו-

לויט זיינע רייד, האָט דער צדיק אים אויפגענומען מיט רוגזא און האָט געredט מיט אים „דעספּאָטיש" און האָט אים אויפגעוואָרפן, וואָס ער קלערט צו פּראָטעסטירן קעגן דער סעקטע עפנטלעך און אַזוי אַרום אַנטפּלעקן די אינעווייניקסטע מחלוקת פאַר די גויים, די שונאי ישראל. דער מגיד האָט געענטפערט, אַז ער געפינט איין אין דער חסידות שעדלעכע זאַכן פאַר ייִדישקייט און פאַר די מאָראַלישע פּרינציפּן בכלל, און ער האַלט, אַז די גוטע און פרומע לייט פון די אומות העולם וועלן דאַנקבאַר זיין יענע רבנים וואָס אַנטפּלעקן די פאַרדאָרבענע מידות פון דעם מיעוט פון פאָלק, כדי אויסצובעסערן דאָס גאַנצע פאָלק. אַז ר' ישראל האָט אָנגעהויבן אויפצוקלערן די פּרטים פון דער פאַרדאָרבנקייט און האָט דערוויזן, אַז די חסידים און זייערע רביים יאָגן זיך נאָך תענוגים, רייסן געלט ביי אַלעמען און פאַרשפּרייטן אָבערגלויבנס, איז ר' זלמן אין כעס געוואָרן אויף אים און האָט אים אַוועקגעטריבן פון זיך. דעמאָלט האָט ער אָנגעשריבן דעם „ספר ויכוח" קעגן חסידות און איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, כדי אים אָפּצודרוקן.

דאָס איז געווען קענטיק אין יאָר תקנ"ז, נאָכדעם ווי דער ווילנער גאון איז אַרוים מיט זיין באַוווסטן כרוז קעגן דער כת צו די קהילה־פאַרוואַלטונגען „בכל גובערני וגובערני". דעם גאונס שליח ר' סעדיה, וואָס האָט געדאַרפט מאָביליזירן אַלע כוחות פון די מתנגדים, האָט געגעבן דעם ליטווישן מגיד רשות און פולמאַכט צו דרשענען אומעטום קעגן דער כת און האָט אָנגעשריבן אַ הסכמה אויף זיין ספר (סיון תקנ"ז). אין חודש אב איז ישראל דורכגעפאָרן דורך סלוצק און האָט געקראָגן אַ הסכמה פון די פרנסים פון דער קהילה. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין זעלווע, צו דער אסיפה פון די ליטווישע ראשי הקהילות, וואָס פלעגן זיך דאָרט צונויפקלייבן בעתן יריד, ווי אין אַמאָליקע צייטן[1]. דאָ האָט מען קענטיק אים

נאָמען וויטייסט איז אין דער דייטשער איבערזעצונג פאַרדרייט געוואָרן פון וויטעבסקער, וואָס אפשר פלעגט מען אַזוי אויך אַמאָל אָנרופן ר' שניאור זלמנען, מחמת אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געוווינט ביי זיין שווער אין וויטעבסק.

1 אין די הקדמות און הסכמות צום „ספר הויפוח", דרוק תקנ"חן שלום על ישראל, חלק ב', ז' 43.

געגעבן אַ כּוח הרשאה אַרומצופאָרן איבער פּוילן און רוסלאַנד, כּדי צו פירן פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער סעקטע.

אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע און האָט דערזען דאָרט דעם אויפּפּיה פון די חסידים אין יענע קאַנטן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער די צוויי צדיקים פון לאַנצוט און קאָזשעניץ, איז ער געוואָרן אַ פּאַרביטערטער. דאָ האָט ער איינגעזען, אַז די פּלאָג האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן כּלל ישראל, און איז צוגעטראָטן מיט גרויס פלייס צו דרוקן זיין „ספר הויכּוח". דער דרוק איז נאָך ניט געווען פאַרטיק — ווי עס איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה וועגן גאונס טויט צוזאַמען מיט דער ידיעה וועגן דעם, ווי אַזוי די חסידים האָבן זיך געפרייט איבערן אומגליק פון זייערע רודפים. די פאַרביטערונג איבער דער דאָזיקער נבלה האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער הקדמה צום „ספר הויכּוח", וואָס איז אַרויס פון דרוק אין גיכן (אַן ערך כּסלו-טבת תקנ"ח — יאַנואַר 1798)[1].

דער מיין פון מחבר איז קלאָר שוין פון שער פון ספר:

ספר ויכּוח. כּבר נשמע קול קרנא ברומו של עולם, מרבינו הקדוש והטהור רבן של כּל ישראל הגאון האמתי המקובל המנוח מו' אליהו מווילנא אשר יצא כּברק חצו לעמוה ביום קרב ומלחמה נגד האמונה החדשה, המה כּתת [כּת] הנחש הקדמוני המכונים בשם חכידים. ועתה שמחים לאידנו על פטירת רבנו, לאמר עתה הרחיב ה' לנו, ופרצו בארץ לצודד נפשות בחרמם. לכן קמתי אני הצעיר ליללך אחרי עקבי (!) הגאון הנ"ל לקנא קנאת ה' צבאות". (עס איז שוין געהערט געוואָרן די שטים פון דעם הייליקן גאון... דעם פאַרשטאָרבענעם אליהו פון ווילנע, וואָס האָט זיך געשטעלט אין מלחמה קעגן נייעם גלויבן, דאָס איז די כּת פון דעם נחש קדמוני וואָס רופן זיך אָן חסידים, און איצט פרייען זיי זיך אויף אונדזער אומגליק וואָס אונדזער רבי איז געשטאָרבן, און זאָגן, איצט האָט דער איבערשטער אונדז פריי געמאַכט, און האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד צו פאַנגען נשמות אין זייער נעץ. דעריבער בין

---

1 אויפן שער פון ספר איז אָפּגעדרוקט: פּה עיר ווארשא... תחת ממשלת אדוננו המלך האדיר פרידריך ווילהעלם השלישי יר"ה, לפרט תקנ"ח, 1798 Warschau. דער נאָמען פון מחבר איז אויפן שער ניט אָנגערופן, ער ווערט אָבער דערמאָנט אויף די ווייטערדיקע בלעטער אין די הסכּמות פון ר' סעדיה און פון די ווילנער פּרנסים.

איך אויפגעשטאַנען צו גיין אין דעם גאונס טריט צו אייפערן גאָטס אייפערונג).

דערנאָך גייט די הקדמה, וואָס אייניקע פראַגמענטן פון איר זיינען שוין געבראַכט געוואָרן אויבן (§ 38). זיינע האַרבע און שרעקלעכע רייד וועגן מסרן דער רעגירונג פאַרענטפערט דער מחבר דורך די מאָרימדיקע מעשים פון די סעקטאַנטן: „איך האָב געזען, אַז אין זייער גאַנצער כת איז ניטאָ קיין איין ערלעכער מאַן... די שלעכטע צווישן זיי זיינען גזלנים און רוצחים, און אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זייער מויל איז ליגן... און איך וועל אַלץ אויפקלערן, וואָס עס וועלן עדות זאָגן די קהילות וואָס זיי געפינען זיך דאָרט: פון זיי זיינען נואפים און פון זיי זיינען רשעים וואָס לייען און באַצאָלן ניט, און פון זיי זיינען מוסרים. און איטלעך וואָרט און דערציילונג וואָס איך האָב געשריבן בין איך זיך מתחייב אויפצוקלערן פאַר ריכטערס וואָס אין זייער כוח איז צו טייטן און צו לאָזן לעבן". און דאָ זאָגט ער אויס סודות פון פעלשונגען וואָס זיינען לויט זיין מיינונג געמאַכט געוואָרן מיטן הסכם פון די אָנפירערס פון דער סעקטע: „ווי דאָס איז געווען פאַר קורצן אין דער מדינה רייסן בנוגע די וועקסלין, וואָס דער דאָזיקער פאַרברעך איז אַרויסגעקומען אַוודאי לויטן באַפעל פון רב, וואָרעם ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז אַ חסיד זאָל טון אַפילו אַ קלייניקייט אָן זיין וויסן? און מחמת דער דאָזיקער מעשה זיינען כמעט פאַרטריבן געוואָרן אַלע יידן... עס איז באַוווּסט, אַז איטלעכער בעל־חוב און איטלעכער אַרענדאַר און איטלעכער פאַרביטערטער לויפן צום רב, אַז ער זאָל אים דעם ענין פאַרריכטן ווי עס איז. און דער רב דער צבועיאַק זאָגט אים, אַז עס וועט אַלץ רעכט ווערן". און דאָ רופט ער אָן די צדיקים מרדכי לעכעוויצער און זיינע חברים, וואָס זאָגן נבואה זייערע פאַרעדערס אין ענינים פון געשעפט[1].

אין דעם עצם וויכוח צווישן דעם „חסיד" און דעם „תלמודי" איז דער מחבר זיך נוהג ווי די ערגסטע צווישן די שרייבערס פון

---

1 ספר הויכוח אין דער הקדמה דף א׳ און ב׳; אין „שלום על ישראל" (חלק ב׳, 47 — 48) ווערט געבראַכט נאָר אַ קיצור פון דער הקדמה און אין אַן איבערגעאַנדערשטן נוסח.

וויכּוחים: דער חסיד זיין שונא ברענגט שוואַכע און אָפּגעריסענע טענות, און דער תלמודיסט רעדט זייער אַ סך און דערציילט די מיאוסע מעשים פון דער כּת און פון אירע אָנפירערס. אַז דער חסיד פרעגט, פאַרוואָס זידלען די מתנגדים יענע וואָס פאָרן צו צדיקים, זיי זאָלן מתפּלל זיין איף עקרות און אויף פּרנסה, הלמאי שטייט אויך אין תּלמוד, אַז די תּפילה פון צדיקים איז פּועל אין הימל, און בּכל אופן איז אין דעם גלויבּן אין צדיקים פאַראַן אַ נוצן און אַ טרייסט פאַר די וואָס גלויבּן, — ענטפערט דער מתנגד ברוגז: נאָר איין מאָל איז געווען אַ ר' חנינא בן דוסא וואָס האָט געקאָנט פּועל זיין מיט זיין תּפילה, ווייל ער האָט געפּייניקט זיין גוף און בּלעגט אויסקומען מיט אַ קב באָקסער פון ערב שבת ביז ערב שבת. „אָבּער [וואָס קאָנען אויפטון] אייערע רבּאים, וואָס טרינקען קוי"א [קאַווע] פאַרן דאַווענען און נאָכן דאַווענען און עסן אַ גרויסן כּזית גוטן לעקאַך, וואָס מען רופט בלע"ז האָניק־קוכן, און צו דער סעודה כּמה מיני געריכטן פון דעם בעסטן פון בעסטן, אָן שום דאגה, און זיי לעבּן אַ לעבּן פון תּענוג. און זיי איז בעסער פון די בּישופן [די קאַטוילישע בּיסקופן], וואָס טאָרן ניט האָבּן קיין פרויען און קיין קינדער. ניט אַזוי בּיי די רבּאים: זיין ווייב איז ווי אַ פרוכפּעריקער ווייַנשטאָק און ער האָט אויך קינדער און קינדסקינדער און ער דאַרף ניט דאַגען פאַר זיי קיין דאגת פּרנסה, ווארעם ער וועט זיי אויך באַשטימען פאַר רבּאים"[1]. דער תּלמודיסט געפינט חסרונות אַפילו בּיי דעם גרעסטן פון זיי, ר' זלמן ליאָזנער, ווייל ער האָט אים געזען אום שבועות „טאַנצנדיק מיט גרויס לייכטקייט דעם טאַנץ וואָס ווערט אָנגערופן פּרישתקעס און ער איז געשפּרונגען בּיז דער פּרטשילה(?)[2], אַז אויב ער וואָלט זיך ניט געהיט וואָלט ער אַנידערגעפאַלן אויפן פּנים"... „אַז ער מאַכט זיך התלהבות, שרייט ער: אף, אף, אף! בּיים דאַווענען און בּיים לייענען די תּורה און בּיי זמירות".

מיט ביטערן שפּאָט קריטיקירט דער מחבר די ספרים „צוואת הריב"ש", „כתר שם טוב" און אַנדערע הייליקע ספרים פון די חסידים,

1 ספר הויכּוח, דף ט'.

2 [פּרישתקעס = פּרישאַטקעס, רוס': פּריסיאַדקי. פּרטשילה איז אפשר פּריסטעלי. — ז. ק.]

וואָס ער קרימט נאָך איבער זייערע נעמען: אַשטייגער „לקוטי מרים" [ביטערע] אָנשטאָט „ליקוטי אמרים", „לקוטי שקרים" אָנשטאָט „ליקוטי יקרים". די לעגענדע, אַז דער נביא אחיה השילוני איז געווען דעם בעש"טס רבי, דערוועקט אין אים צוגלייך אי כעס אי געלעכטער. בעת ער דערמאָנט דעם מאמר, אַז די נשמה האָט געזאָגט צום בעש"ט, אַז ער איז אַזוי געהויבן געוואָרן ניט דער־פאַר וואָס ער האָט געלערנט תורה, נאָר הערפאַר וואָס ער האָט געדאַוונט מיט כוונה, זאָגט ער: „אויב עס איז אמת וואָס ער זאָגט, אַז די נשמה האָט אים אַזוי געזאָגט, איז זיין נשמה אַ ליגנערקע, און אויב די נשמה האָט קיין ליגן ניט געזאָגט, איז ער אַ ליגנער". ער שפעט איבערן גלויבן אין דעם רוח הנבואה פון די „רבאים" און דערציילט, אַז איין מאָל איז ער געווען ביי די צדיקים אין קאָזשעניץ און לאַנצוט און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גלויביקן חסיד, „און זיי האָבן געגלייבט דערין און האָבן אויך מתפלל געווען, אַז מיין פאַרלאַנג און מיין ווילן זאָל אויסגע־פירט ווערן; און וואָס איז געווען מיין ווילן? צו באַשטיין קעגן די אַפּיקורסים וואָס גייען אַרויס פון זיי [פון דער סעקטע חסידים]". די חסידים זאָגן אויף זייער רבין: „ער האָט אויגן", און דער מתנגד זאָגט אויף אים: „עינים לו ולא יראה" (ער האָט אויגן און זעט ניט)[1]. דער מחבר דערציילט נאָך אַ סך זאַכן וועגן דער אָפּ־נאַרעריי פון די צדיקים און וועגן דעם אָפּערגלויבן פון זייערע פאַרערערס. צו די דאָזיקע מעשיות וועלן מיר זיך נאָך אומ־קערן[2].

אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער „ספר הויכוח", איז אַרויס אין וואַרשע נאָך אַ חיבור פון ישראל לייבל: אַ קליינער קונטרס מיטן נאָמען „תאוות צדיקים", צוגעהעפט צום מוסר־ספר „מדות חסידות"[3]. אין זיין קונטרס באַקלאָגט זיך דער

---

1 דאָרט, י"א — י"ח.

2 זע דעם לעצטן פרק פון דעם ווערק: דאָס לעבן פון די חסידים און זייערע מידות.

3 אין זיין דערמאָנטער דייטשער בראָשור „גלאַובווירדיגע נאַכריכטען" דערציילט לייבל, אַז אין יאָר 1797 האָט ער אָפּגעדרוקט אין וואַרשע אַ צווייטן ספר קעגן די חסידים מיטן נאָמען „קברות התאוה". אפשר איז דער מחבר אויסן דערמיט דעם קונטרס „תאוות צדיקים", וו עס איז פאַראַן אַ קורצער וויכוח

מחבר אויף דער רעליגיעזער שפאַלטונג ביי יידן: זינט עס איז געקומען דער חסידיזם, האָבן זיך געשטאַרקט די גזירות אויף יידן. „צרות אויף צרות נעמען אונדז אַרום. באַלד נאָך דער צעטיילונג [אויף סעקטעס] איז געווען די אוקראַינער גזירה, וואָס דעמאָלט זיינען דערהרגעט געוואָרן הונדערט טויזנט יידישע הייליקע נשמות[1]. און נאָך דעם כמה וכמה צרות: וויפיל זיינען אויסגעהאַנגען געוואָרן און וויפיל זיינען דערהרגעט געוואָרן אין דער ערשטער און צווייטער קאָנפעדעראַציע"[2]. אין דער פאָרם פון אַ שמועס צווישן אַ „פרעגער" און „ענטפערער" קלערט דער מחבר אויף די פראַגע, צי איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז אַ וויכּוח צווישן די אָנפירערס פון די סעקטעס זאָל ברענגען צום אָפּשאַפן די שפאַלטונג, און קומט צו אַ פּאָזיטיוון אויספיר, בתנאי אַז ביידע צדדים זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער שנאה צום צווייטן צד.

אָבער דער זוימען פון שנאה האָט זיך שוין געהאַט איינגעוואָרצלט און האָט געבראַכט פרוכט. דער „ספר הויכּוח" האָט אויפגערייצט דעם כעס פון די חסידים ביז צום זיד-פונקט. זיי האָבן איינגעקויפט די עקזעמפּלאַרן פון ספר און אים פאַרברענט, אַזוי אַז עס איז געבליבן נאָר אַ קליינער רעשט פון דעם וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. פאַנאַטיקער פלעגן לאָקערן אויפן מגיד ישראל לייבל און די ווינקעלעך אויף די גאַסן פון וואַרשע און אַנדערע שטעט ווי ער איז דורכגעפאָרן און פלעגן אים זידלען און שלאָגן. זיין חבר אין אָט דער מלחמה קעגן די חסידים דערציילט אָט וואָס[3]:

מיט די חסידים. דער ספר „מדות חסידות", וואָס איז גרעסער פאַר אים אין כמות, איז אַ זאַמלונג פון אַלגעמיינע מוסר-רייד, אַ מין פירוש צום „חובות הלבבות", און האָט קיין שייכות ניט צו חסידות. און עס איז אַ טעות אין בן-יעקבס „אוצר הספרים" (ז' 298 און אויך 614), וואָס האָט איבערגעביטן דעם סדר און געפינט אין „מדות חסידות" זאַכן וועגן „די מעשים פון די חסידים און זייער מהות און זייערע מנהגים".

1 ער מיינט דערמיט די גזירה אומן ואוקריינע פון יאָר 1768.

2 די ערשטע פוילישע קאָנפעדעראַציע, די באַרער, פון יאָר 1768 האָט געפירט מלחמה מיט רוסלאַנד. און די צווייטע, די טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע פון 1792, האָט געשלאָסן אַ בונד מיט רוסלאַנד קעגן די פוילישע רעפובליקאַנער, די ליבעראַלן.

3 „זמיר עריצים" (תקנ"ח), דף י"א א"ו.

„עס האָט זיך שוין דערוועקט דערויף דער רבנו המופלא מ׳ ישראל סלוצקער אין זיין ספר הויכוח וואָס איפערט דעם אויבערשטנס איפערונג און האָט זיך איבערגעענטפערט צום הרגענען אין די הענט פון די פאַרשאָלטענע חסידים וואָס האָבן פאַרגאָסן זיין בלוט ווי וואַסער מיט זידלערייען און בזיונות, ווי זייער שטייגער, און האָבן אים באַוואָרפן מיט שטיינער, שיער אים ניט פאַרשטייניקט, האָבן צעריסן דעם דערמאָנטן ספר און אָפגעגעבן אים אויף צע־טרעטן ווי ליים אין די גאַסן און האָבן אָנגערופן דעם מחבר מגיד נאַר״. דער שרייבער האָט געהערט, אַז די חסידים ווילן אָפדרוקן אַן ענטפער אויפן „ספר הויכוח״ מיטן נאָמען „מול מגיד פתי״, און וואָרנט די מתנגדים, זיי זאָלן פון זייער זייט אויסראַמען אָט דעם ספר וואָס דאַרף אַרויסגיין, ווייל ער איז אַזוי ווי „אַ צווייטער טייל פון ספר און־גליון״ (עוואַנגעליע)[1].

פון וואַרשע, וואָס איז אין יענער צייט געווען אונטער דער פּרייסישער איבערהערשאַפט, איז ישראל לייבל אַריבערגעפאָרן אין דער עסטרייכישער גאַליציע, וואָס איז געווען באַרימט מיט איהרע פיל חסידים און צדיקים. ער האָט מיטגענומען מיט זיך פיר הונדערט מיט פופציק עקזעמפּלאַרן פון זיינע צוויי בראָשורעס, כדי צו פאַר־שפּרייטן די דאָזיקע „רפואה״ אין לאַגער פון די פאַרפּעסטיקטע. ער האָט אויך ניט געזשאַלעוועט קיין דרשות, וואָס ער פלעגט האַלטן ווו ער פלעגט קומען[2]. אין יולי 1798 איז ער געקומען קיין קראָקע און האָט איבערגעגעבן זיינע ספרים אויף איבערצוקוקן דער צענזור, וואָרעם אין יענער צייט האָט די עסטרייכישע רע־גירונג געהאַט פאַרבאָטן אַריינצופירן פון פוילן און רוסלאַנד ספרים פון קבלה און חסידות. די צענזור האָט גערן דערלויבט לייבלס ספרים, וואָס זי האָט אין זיי געפונען אַ מין קעגנגיפט צום חסידישן סם, און דער מחבר האָט מיט טריומף זיך געלאָזט פאָרן קיין מזרח־גאַליציע. אין אַלע קהילות ווו ער איז געקומען האָט ער געווירקט מיט זיינע „רפואות״ — מיט זיינע דרשות און ספרים, אָבער אָט איז ער געקומען אין דער שטאָט ריישע און האָט געפונען אַ נעסט פון פאַנאַטישע חסידים. דאָרט האָט מען אויף אים אָנגעמסרט,

---

1 דאָרט, דף י״ג און ט״ו.

2 „גלאָובווירדיגע נאַכריכטען״ (Sulamith 1807, p. 329—330).

אַז ער פירט אַרום מיט זיך פאַרבאָטענע ספרים פון יענער זייט גרענעץ. האָט די פאָליציי בײַנאַכט אַרעסטירט דעם חשודיקן רייזנדער און צוגענומען זײַנע ביכער, און ערשט אין דער פרי האָט מען זיי אים אָפּגעגעבן צוריק, נאָכדעם ווי ער האָט באַוויזן די דערלויבעניש פון קראָקע. דער רב פון די מתנגדים אין ריישע און אין קרייז, ר' יצחק חיים, האָט אים געגעבן אַ ״רעקאָמענדיר־בריוו״[1], ווו ער איז מעיד „די חכמי הדור זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן זיי (די סעקטאַנטן) אין מלחמה און שאַלן אויף זיי אַ שאַלונג פון שווערה און זיי אונטערהאַקן ווי אַן אשרה“.

פון ריישע איז דער מגיד אַוועק קיין לעמבערג, דער הויפּט־שטאָט פון מזרח־גאַליציע (סעפּטעמבער 1798), אָבער די ביטערע דערפאַרונג פון ריישע האָט אים געצוואונגען צו זיין דאָ שטאַרק אָפּגעהיט, און דערפאַר האָט ער ניט פאַרשפּרייט זײַנע ספרים צווישן די חסידים און אויך אין זײַנע דרשות האָט ער זיך געהיט ניט אָנצורירן זיי, נייערט ער האָט בכלל געזאָגט מוסר־דרשות. אָבער די דאָזיקע טאַקטיק האָט אים ניט געהאָלפן. פון די קלענערע קהילות, ווו ער איז פריער דורכגעפאָרן, זײַנען געקומען די שלוחים פון די חסידים קיין לעמבערג און האָבן דערציילט זייערע אָנפירערס אַלץ וואָס דער מגיד האָט איבערגעטאָן אין זייערע מקומות. דעמאָלט האָבן זיי אים פאַרמסרט פאַר די רעגירונגס־באַאַמטע אין לעמבערג, און יענע האָבן ביי אים צוגענומען די דערלויבעניש פון קראָקע, מחמת זיי האָבן אין איר געפונען עפּעס אַ פגם. דער לעמבערגער גובערנאַטאָר, אַז ער האָט אויסגעהערט דעם מגידס טענות וועגן דעם וואָס ער ווערט גערודפט פאַר זײַן קאַמף קעגן דער שעדלעכער סעקטע, האָט צוגעזאָגט אים צו העלפן אין זײַן טעטיקייט, אָבער די ספרים זײַנען דערווייל פאַרבליבן פאַרחתמעט ביי דער פאָליציי, ביז דער מחבר וועט ברענגען אַ נייע דערלויבעניש פון קראָקע. אַז לייבל איז געקומען דורך בראָד קיין קראָקע, האָט ער צו זײַן פאַרוואונדערונג געפונען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער צענזור אַ באַפעל פון דער גאַליציישער אויבערשטער קאַנצעלאַריע אין ווין צו פאַרהאַלטן די ספרים אויף אַן אומבאַשטימטע צייט, מחמת

---

1 כ״י „שבר פושעים״, סימן 8; כ״י „זמרת עם הארץ״, סימן 13. דער בריוו איז געחתמעט ב׳ אלול תקנ״ח.

„די סעקטאַנטן וואָס זיינען באַוווּסט אונטערן נאָמען פֿרומע יידן [חסידים] האָבן פּראָטעסטירט קעגן זיי“ (נאָוועמבער 1798). אָט אַזוי גרייכט דער כּוח פֿון דער מסירה צוזאַמען מיט אַ געהעריקער „נתינה“ אַפֿילו אין הויכע ערטער“[1].

סוף יאַנואַר 1799 איז דער ענערגישער מגיד געקומען קיין ווין און האָט דערלאַנגט אַ בקשה־שריפֿט צו דער קיסרלעכער קאַנצעלאַריע פֿאַר גאַליציע (Galizische Hofkanzlei). אַז ער האָט אין משך פֿון עטלעכע וואָכן ניט געקראָגן קיין ענטפֿער, האָט ער זיך איינגעשטעלט צו דערלאַנגען אַ בקשה אויפֿן נאָמען פֿון קיסר פֿראַנץ אַליין און האָט ביי געלייגט זיינע צוויי ספֿרים מיט דער בקשה איבערצוגעבן זיי צו איבערזעצן די הויפּט־רבנים אין מעהרן און אונגאַרן. לייבלען איז אויך געראָטן פֿאָרגעשטעלט צו ווערן דעם קיסר און איבערצוגעבן אים די בקשה־שריפֿט אין האַנט אַריין. דער קיסר האָט אויפֿן אָרט איבערגעלייענט די שריפֿט און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט הייסן אויספֿאָרשן די זאַך.

די רעזולטאַטן פֿון דער אויספֿאָרשונג זיינען געווען שלעכט פֿאַר די חסידים: עס זיינען פֿאַרבאָטן געוואָרן זייערע עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען אין אַלע פּוילישע פּראָווינצן, וואָס זיינען אַריבער צו עסטרייך. אין יענער צייט זיינען איינצקע אָנפֿירערס פֿון דער סעקטע אַוועק פֿון זייערע ערטער און האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין אַנדערע געגנטן פֿון פּוילן (אין וואַרשעווער קרייז): קיין גראָדזיסק, בעלסק, סטריקאָוו[2]. דאָ דערקלערט ניט ר' לייבל, ווי אַזוי איז דאָס געקומען, אַז די עסטרייכישע אויספֿאָרשונג האָט געבראַכט אַזעלכע רעזולטאַטן. אָבער די וואָס קענען דעם מצב אין גאַליציע אין יענער צייט וועלן געפֿינען אַ באַשייד פֿאַר דער דאָזיקער רעטעניש: אָן ספֿק איז די אויספֿאָרשונג מכּוח חסידיזם איבערגעגעבן געוואָרן דעם אָפֿיציעלן עקספּערט הערץ האָמבערג, דעם אינספּעקטאָר איבער די ענינים פֿון יידישער בילדונג אין גאַליציע, און פֿאַר אים איז דער רבנישער געגענער פֿון חסידיזם געווען אַן אָנגעלייגטער שותּף, און ער האָט אים געהאָלפֿן צו דערגרייכן זיין ציל. וואָרעם אויך דער פֿאַרבאָט אַריינצופֿירן חסידישע ספֿרים קיין עסטרייך פֿון

1 „גלאָובווירדיגע נאַכריכטען“ אין דערמאָנטן אָרט, 332.

2 דאָרט, 333.

די שכנישע לענדער איז דאָך געווען איינער פון די פּראָיעקטן פון דעם דאָזיקן משכיל, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג[1].

אין יענער צייט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פראַנקפורט-אָדער אַ בראָשור אין דייטש מיטן נאָמען: „ריכטיקע ידיעות וועגן אַ נייער און פּילצאָליקער סעקטע ביי יידן, וואָס רופן זיך חסידים, און וועגן אירע גרונט-פּרינציפּן און לערנונגען, וואָס ברענגען אַריין אין צאָרן די מענטשהייט. פון ישראל לייבל, געהילף-רב אין נאָוואַרעדאָק אין ליטע"[2]. דער מחבר הייבט אָן מיט אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון חסידיזם, וואָס צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס ער פאַרדרייט די פאַקטן און די כראָנאָלאָגיע. די אַנטפלעקונג פון דעם גרינדער פון דער סעקטע, ישראל בעל-שם, שטעלט ער איין צווישן 1760 און 1765 און מאַכט פאַר דעם וואָרט-פירער קעגן אים דעם ווילנער גאון, וואָס זאָל זיך האָבן פאַרבונדן מיט די בראָדער ראשי הקהל צוליב דעם קאַמף קעגן די חסידים און האָט קעגן זיי געשריבן דעם ספר „זמיר עריצים"; דער „פאַלשער רב" ישראל בעל-שם האָט פון זיין זייט פאַר-עפנטלעכט דעם ספר „צוואת הריב"ש" און האָט אים געמאַכט פאַרן געזעץ-בוך פון דער סעקטע; אין די הויפּט-עיקרים פון זייער תורה שיידן זיך די סעקטאַנטן אָפּ פון כלל-ישראל דורכדעם, וואָס זיי איז פאַרבאָטן צו „באַנוצן דעם מענטשלעכן שכל אין ענינים פון גלויבן" און צו טון תפילה מיט טרערן און צעבראָכענע הערצער; נאָכן בעל-שמס טויט האָבן זיך פאַרמערט אָנפירערס פון דער סעקטע און האָבן אָפּגעדרוקט אַ סך ספרים אין זייער רבינס נאָמען, פול מיט שעדלעכע מיינונגען; פון זיי זיינען באַזונדערס באַרימט געוואָרן ר' בער מעזעריטשער און ר' מלך [אלימלך] ליזענסקער, דער מחבר פון ספר „נועם המלך [אלימלך]", וואָס זיין אים איז איינגעשטעלט געוואָרן אַזאַ כלל: דער צדיק איז מכפר אויף יעדער חטא פון די

1 ש. דובנאָוו, נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, ב' I, §§ 38—40.

2 Glaubwürdige Nachrichten von einer neuen und zahlreichen Sekte unter den Juden, die sich Chassidim nennt, und über ihren die Menschheit empörenden Grundsätzen und Lehren. Von Israel Löbel, Unterrabiner von Nowogrodeck in Litauen. Frankfurt a. O. 1799.

סעקטאַנטן, בתנאי ער זאָל זיך פאַרטיפן און טראַכטן וועגן אַט דעם חטא [דאָס אַרויפברענגען די ניצוצות]. נאָך דעם פירטראַג פון אַזאַ מין „געשיכטע" פון חסידות גייט דער מחבר איבער צו דערציילן וועגן זיין אָנטייל אין דער לעצטער מחלוקת, זיין וויכוח מיטן צדיק און דאָס אָפדרוקן זיין ספר אין וואַרשע ביז זיין קומען קיין ווין.

דער גאַנצער אינהאַלט און דער סטיל פון דער בראָשור זאָגן עדות, אַז דער מחבר האָט געגעבן פאַר איר נאָר דעם שטאָף, און די פאָרם האָט געגעבן עמעצער פון דער גרופּע „בערלינער" משכילים, וואָס ביי זיי איז די חסידות געווען באַזונדערס פאַרמיאוסט. דאָ האָט געמוזט זיך אַריינמישן הערץ האָמבערג אָדער עמעצער פון זיינע פרייסישע חברים. זיי האָבן דאָס אָנגעשריבן אין דייטש די קליינע בראָשור אין נאָמען פון ליטווישן מגיד און האָבן אַריינגעלייגט אין זיין מויל אַ פּראָטעסט קעגן דערווייטערן דעם שכל פון די ענינים פון גלויבן און קעגן דער פאַרדאַרבונג פון דער „מאָראַל" — צוויי באַגריפן, וואָס זיינען געווען אָנגענומען גראָד ביי מענדעלסאָנס תלמידים. און דער צוועק איז געווען קלאָר: צו ווירקן אויף ביידע רעגירונגען, דער עסטרייכישער און דער פרייסישער, אַז זיי זאָלן פאַרהאַלטן די פאַרשפרייטונג פון דער סעקטע — איינע אין גאַליציע, די צווייטע אין קרוין־פוילן, אין דער געגנט פון וואַרשע. איינער פון די וואַרשעווער „בערלינער", קלמנסאָן, האָט דאָך שוין רעקאָמענדירט טאַקע דעם פרייסישן שטאָטהאַלטער גראַף הוים, ער זאָל אויסוואָרצלען די „געפערלעכע סעקטע" (איבן § 32). די ערשטע משכילים אין לעמבערג, וואַרשע, בערלין זיינען געווען אין דער דאָזיקער שטרעבונג איינשטימיק מיט דעם ליטווישן מגיד ישראל לייבל, איטלעכער פון זיין שטאַנדפונקט.

די „מתנגדישע" בראָשור איז אַזוי אָנגענומען געוואָרן ביי די משכילים אין דייטשלאַנד, אַז אין אַכט יאָר אַרום האָבן זיי זי נאָך אַמאָל איבערגעדרוקט ווי אַ באַזונדער אַרטיקל אין דעם זאַמל־בוך „סולאַמיט", אַרויסגעגעבן דורך די קעמפער פאַר עמאַנסיפּאַציע אין דעסוי, מענדעלסאָנס געבוירנשטאָט[1]. די רעדאַקטאָרן

1 Sulamith, eine Zeitschrift zur Beförderung der Kultur und Humanität unter der jüdischen Nation, herausgeg.

פון דעם זאַמל־בוך זאָגן אין זייער אָנמערקונג ביים אָנהייב פון אַרטיקל, אַז זיי האַלטן פאַר נוציק איבערצוגעבן דעם לייענער־פובליקום דעם אינהאַלט פון דער בראָשור, וואָס דעקט אויף דעם מהות פון אַ „שעדלעכער און צו אַ גרייסן אומגליק ברענגענדיקער סעקטע, וואָס נאָך איצט גייט זי אין פוילן אין אירע מיאוסע וועגן"[1].

וואָס איז געוואָרן מיטן קעמפערישן ליטווישן מגיד? זינט 1799 ווערט ער פאַרשווונדן פון אונדזערע אויגן. מיר ווייסן ניט, צי איז ישראל לייבל פון ווין געקומען קיין פראַנקפורט־אָדער אָדער אין שכנישן בערלין, אויף צו דרוקן די דייטשע איבערזעצונג פון זיין ספר, אָדער ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים קיין ליטע. בכל אופן איז אין יענער צייט דער רעליגיעזער קאַמף שוין געגאַנגען צו אַ סוף. דער צדיק, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין פעטערבורגער פעסטונג, איז צוויי מאָל באַפרייט געוואָרן, און די רוסישע רעגירונג האָט געמאָלדן, אַז זי זעט ניט קיין שום סכנה פאַר דער וועלט דורך דער פאַרשפרייטונג פון דער נייער סעקטע.

---

§ 41. די פּאָלעמישע ליטעראַטור אין פוילן

דער מגיד דוד מאַקאָווער און זיין ספר „זמיר עריצים" (תקנ"ח).— מליצה־שטראָף־רייד קעגן חסידים און צדיקים. — דער מחבר ווערט גערודפט פון די סעקטאַנטן און איז זיך נוקם אָן זייי שריפטלעך. — ער באַקלאָגט זיך אויף דעם צווייענדיקן בראָך אין יידישקייט: מצד די משכּילים און מצד די חסידים.—„שבר פושעים" („זמרת עם הארץ"), אַ צווייטער טייל צו „זמיר עריצים". — אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון חסידיזם.

די פאַרשפרייטונג פון חסידות אין קרוין־פוילן די לעצטע צען יאָר פון 18טן י"ה (אויבן, § 32) האָט דאָרט ניט דערוועקט קיין שטאַרקע געגנערשאַפט מצד די רבנים, ביז עס איז געקומען אין יאָר 1797 קיין וואַרשע ישראל לייבל און האָט אָפּגעדרוקט דאָרט

---

von D. Fränkel und Wolf. 1 Jahrg., 2-ter Band. P. 308—333 (Dessau 1807).

1 דאָרט, 309.

דעם „ספר הויכוח“. דער ליטווישער מגיד האָט דאָ געפונען פאַר זיך אַ חבר אין איינעם אַ פּוילישן מגיד דוד פון מאַקאָוו (לאָמזשער קאַנט). דער דאָזיקער מאַן איז געווען אַ גרויסער קנאי און האָט זיך גערעכנט פאַר אַ תלמיד פון ווילנער גאון, צי ווייל ער האָט טאַקע געלערנט ביי אים אָדער ווייל ער איז געווען געטריי צו זיין שיטה. דעם גאונס אויפרופן און ישראל לייבלס פּראָפּאַגאַנדע האָבן אים באַגייסטערט און אַרויסגעפירט אויף דער אַרענע פון די קעמפער.

זומער 1798, אַ האַלב יאָר נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער „ספר הויכוח“, איז אַרויס אין וואַרשע אַ קונטרס מיטן נאָמען „זמיר עריצים“ (צום אָנדענק פון דעם „זמיר עריצים וחרבות צורים“ וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1772 לויטן גאונס באַפעל) — מיט אַן אויסטייטש, אַז ער קומט „פאַרשניידן אַלע דערנער.... אין דער יידישער עדה“[1]. דער מחבר האָט באַהאַלטן זיין נאָמען אונטער דעם טיטל: „אני הצעיר מתאבק בעפר רגלי ת״ח [—תלמידי־חכמים] וסר למשמעתו של הגאון מ׳ אליהו ז״ל“. להיפוך צו דעם צעקאַליעטשעטן רבנישן סטיל האָט זיך דעם מאַקאָווער מגידס סטיל אויסגעצייכנט מיט אַ „גלייטערטער“ מליצה אויפן שטייגער פון דער מיטלעלטערלעכער געגראַמטער פּראָזע. דער נייער בעל־מליצה האָט פאַרענטפערט זיין ליטווישן חבר, „וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט ממש אין אַ סכנה, בעת ער האָט געשריבן זיין ספר, אַזוי אַז ער האָט ניט געקאָנט אַריינפּאַסן דעם לשון אין אַ גלייטערטער שפּראַך“[2]. אָבער אַליין איז ער זייער ווייט פון אַ קלאָרער שפּראַך, זיינע געדאַנקען ווערן דערטרונקען אין אַ ים פון מליצות.

אין דעם אַריינפיר פון ספר („הודעה רבה“ און הקדמה) לאָזט דער מחבר וויסן, אַז ער גייט אַרויס מלחמה האַלטן נאָר קעגן די חסידים וואָס גייען אין די וועגן פון בעש״ט און זייערע אָנפי־

---

1 וועגן דעם אויספירלעכן נאָמען פון דעם קונטרס און מחבר זע ווייטער אין די הוספות, ג׳: „אַ זאַמלונג פון דאָקומענטן וועגן דער רעליגיעזער מחלוקת פון 1792—1798“.

2 „זמיר עריצים“ האָרט ביים סוף (דף ט״ז אין דעם נייעם דרוק, קיניגסבערג, 1860).

רערס די „צדיקים“, און ניט קעגן אמתע חסידים, וואָס „די תורה איז זייער אומנות“. אין דעם ספר גופא באַנוצט ער אַפילע מליצות און רמזים מיט שאַרפע שטאָכווערטלעך קעגן די פירערס פון דער סעקטע און זייערע חסרונות. „דער ריב״ש (דער בעש״ט) האָט געלאָזן נאָך זיך אַ ברכה, אַ קלאָג און אַ בראָך, אַז ווי און אַז אָך (הניח אחריו ברכה, פריץ וצווחה, יגון ואנחה)... אחיה השילונים חותם האָט ער געזען און האָט אַ טעות געהאַט, אַזוי אַז ער איז גרויס געוואָרן ביי זיך און האָט געזאָגט: איך האָב געזען גאָט... און האָט זיך דערוועגט אַרויפצושטייגן אויפן שפיץ באַרג און האָט געמאַכט אַן עלית נשמה“. ווייטער רעכנט דער מחבר אויס די אָנפירערס פון דער סעקטע אויפן זעלביקן מליצהדיקן שטייגער: „און דער אָנהייב פון זיין קיניגרייך [דעם בעש״טס] איז געווען אין מעדזשיבאָזש, און דערנאָך האָט די פלאָג זיך אויסגעשפרייט... און ביי ר' ישראלן זיינען געבאָרן געוואָרן צווי זין: איינעמס נאָמען איז געווען פלג, וואָרעם אין זיינע צייטן איז געשפּאָלטן געוואָרן די ערד[1], און דער נאָמען פון צווייטן איז שמעבר מלך צבויים[2]... און פון דאָרט איז דער גרענעץ געגאַנגען אַרויף... און עס איז געוואָרן אַ נציב מלך[3]... און דער גרענעץ איז אַרויסגעגאַנגען אין גי בן הנם און זייערע געצעלטן זיינען געשטאַנען ביז סדום“[4].

דער פוילישער ייד אָבער האָט מער פון אַלץ צער איבער דער אייגענער צרה. ווען איינעם פון די צדיקים פון זיין לאַנד, ר' יעקב יצחק לאַנצוטער, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען „ליבלינער“, זאָגט ער: „און דער לעצטער האָט געמאַכט

---

1 לויט דברי הימים א' א' 19. אַ רמז אויף דער שפּאַלטונג צווישן יידן.

2 לויט בראשית י״ד 2. נאָך דאָרט שטייט שמאבר מלך צביים אָדער צבים; דער מחבר האָט דאָס מיט אַ פיוון איבערגעמאַכט צו „צבועים“—צבועיאַקעס.

3 לויט בראשית י״ט 26: ותהי נציב מלח—זי (לוטס ווייב) איז געוואָרן אַ סלופּ זאַלץ. דאָ מיינט ער ר' אלימלך ליזענסקער.

4 דאָרט דף ג' און ד'. מיט פלג און שמעבר איז ער אויסן קענטיק דעם בעש״טס יורשים דעם מעזעריטשער מגיד און ר' יעקב יוסף פּאָלנאָער. די חסידים די „צבועים“ געהערן אַריין אין גיהנם און אין די געצעלטן פון ס־ום.

צום שווערסטן: דאָס איז דער חסיד ר' איציק פֿון לאַנצוט. ער האָט אָנגעהויבן צו זיין אַ העלד פֿון געיעג אויף דער ערד[1]. צו אים קלייבן זיך צונויף חסידים טשערעדעסווייז... זיי קומען פֿאַר־וואָגלטע צו זוכן שוץ אונטער זיין שאָטן... ער יאָגט זיך נאָך געצאָלט מיט די מכשפֿים און די רוחות"... דעם לאַנצוטער צדיק שטעלט דער מחבר אַוועק בראש „פֿון די רבנים פּדיונות־נעמער", „וואָס זיינען נתעשר געוואָרן פֿון דעם פּדיון נפש וואָס זיי נעמען פֿון אומגליקלעכע אָרעמע לייט". צו זיי רעכנט ער צו אויך דעם מגיד ישראל קאָזשעניצער, דעם „רב דסותייז" (מרדכי פֿון נעסכיז, ניט ווייט פֿון קאָוולע) און ר' מאָטל טשערנאָבילער. באַזונדערס שפּעט ער אָפּ פֿון דעם קאָזשעניצער צדיק, און מיר האָבן שוין איבן געזען (§ 32), ווי אַזוי דער מאַקאָווער מגיד שילדערט זיינע מופֿתים אין היילן קראַנקע און פּוקד זיין עקרות. מיט שטעכעדיקער איראָניע זאָגט ער אויף אים די ברכה: „אשר עיטר ישראל בתפֿארה להבטיח לכל עקרה בפּה מלא הנך הרה"[2]. ער זאָגט אָן, מען זאָל אַכטונג געבן „אויף די לייכטזיניקע פֿרויען, וואָס האָבן פֿליגלען ווי די פֿליגלען פֿון אַ בושל (חסידה), וואָס ווען עס איז זיי ענג טוען זיי פֿליען צו בויען זיך אַ הויז אין קאָזשעניץ אָדער אין סוחיוו און זיי פּטרן אַוועק זייער געלט אומזיסט".

דער מחבר גיט איבער אַ קלאַנג, וואָס ער האָט געהערט „פֿון אַן אמת־ריידער" (מפּי מגיד אמת), אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט געשיקט אָנזאָגן די וואַרשעווער נגידים, זיי זאָלן ניט דערלאָזן די דרוקער, זיי זאָלן עפּעס דרוקן קעגן חסידים, וואָרעם ער וועט פֿאַר זיי מער ניט מתפּלל זיין[3]. דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ישראל לייבלס „ספר הויכּוח", פֿונדעסטוועגן האָט ר' דוד מאַקאָוו באַוויזן אים נאָכצוטון און אָפּצודרוקן זיין ספר אויך אין וואַרשע. אמת, ער באַקלאָגט זיך

---

1 אַזוי ווערט אין בראשית י' 9 באַצייכנט נמרוד, דער קיניג וואָס האָט לויט דער לעגענדע אַריינגעוואָרפֿן אברהם אבינו אין קאַלך־אויוון.

2 דאָרט, דף ח' און יוד: דער וואָס האָט געקרוינט ישראל קאָזשע־ניצער מיט פּראַכט, צו פֿאַרזיכערן יעדער עקרה מיט מאַכט: געבענטשט זאָל זיין דיין טראַכט.

3 דאָרט, י"ב.

איך אויף רדיפות מצד די חסידים: „אַ שרעק פון אַרום, אַלע אויף מיר מוען זיי טראַכטן מיין נשמה צוצונעמען, ווי די בערן טוען זיי ברומען, פאַרוואָס איך רייה שלעכטס אויף געשטאָרבענע"; און דאָך איז ער גרייט „צו געבן זיין רוקן די שלעגערס און זיינע באַקן די פאַטשערס" פאַר מקיים זיין די מצווה מפרסם צו זיין די שאַנד פון דער כת פאַר דער וועלט[1]. קענטיק, אַז די פאַנאַטישע חסידים פון די פאַרערערס פון די צדיקים אין לאַנצוט און קאָזשעניץ האָבן אים גוט צוגעדריקט, און ער איז זיך נוקם אָן זיי הירך זיינע שילדערונגען פון לעבן פון די חסידים און זייערע רביים[2].

ביים סוף פון זיין ספר באַקלאָגט דער מחבר דעם בראָך וואָס איז געוואָרן אין יידישקייט פון צוויי זייטן: מצד די נייע משכילים און מצד די חסידים. „מיר זעען דאָך, אַז בעוונותינו הרבים האָבן זיך געמערט אַפּיקורסים אַזעלכע, וואָס זיינען פריער ניט געווען, טאָ פון וואַנען קומט דאָס, עס זאָלן זיך פאַרמערן חסידים אין די טויזנטער, ווי דאָס איז אויך קיין מאָל פריער ניט געווען? דאָס זיינען דאָך צוויי הפכים, — אָבער מסתמא איז דאָס ביידעס איין זאַך", דערין האָט דער מחבר אַ טעות געהאַט: די צוויי הפכים האָבן זיך אין גיכן צונויפגעשטויסן, די השכלה יועט פיינט האָבן די חסידות ניט ווייניקער, ווי די חסידות האָט פיינט געהאַט די רבנות.

אין זיין קליינעם ספר „זמיר עריצים" זאָגט ר' דוד מאַקאָווו צוצוגעבן צו אים נאָך אַ צווייטן טייל, מיטן נאָמען „שבר פושעים", „און דאָרטן מאריך צו זיין אין כמה ענינים"[3]. און אין דער אמתן האָט ער טאַקע אָנגעשריבן דעם דאָזיקן צווייטן טייל, אָבער ער איז ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן, הגם ער שטיינט דעם ערשטן טייל אַריבער סיי אין כמות און סיי אין איכות[4]. אין אים האָט דער

1 דאָרט, ז'—ח'.

2 דאָרט, י"ד, ט"ז (ווערט געבראַכט ווייטער אין דעם קאַפּיטל וועגן לעבן פון די חסידים).

3 דאָרט, דף ח' עמוד ב'.

4 וועגן דער זאַמלונג „שבר פושעים" און זיינע וואַריאַנטן וואָס זיינען באַוווסט אונטערן נאָמען „זמרת עם הארץ" און „זאת תורת הקנאות" — אויספירלעך ווייטער אין די הוספות, נומער 4.

מחבר צונויפֿגעקליבן אַלע דאָקומענטן וואָס זיינען נוגע דער געשיכטע פֿון דער רעליגיעזער מחלוקת פֿון 1772 ביז 1798 — בריוו, איבערופֿן פֿון די רבנים, גביות־עדות וועגן די מעשים פֿון די חסידים וכדומה — און האָט אונדז געגעבן אַ פֿולדיק בילד פֿון לעבן פֿון די חסידים און צדיקים אין זיין דור[1]. נאָר אין די ערשטע פּרקים פֿון דעם ספֿר „שבר פּושעים“ פֿירט ער ווייטער זיינע מליצהדיקע שטראָף־רייד. ער באַרנעמט זיך דער עיקר מיט די חסידישע ספֿרים און מאַכט חוזק פֿון זיי און פֿון זייערע מחברים. דער ספֿר „נועם אלימלך“ איז ביי אים „תפֿל בלי מלח“ — פֿאַרעזן אָן זאַלץ, דער ספֿר „תניא“ — איז „לחמא עניא“. „די שוטים זאָגן, אַז ער (דער „תניא“) איז פֿול מיט חידושים, קודש קדשים, און ניט איטלעכער מענטש איז זוכה אים צו פֿאַרשטיין, סיידן דער איבערשטער האָט אים צוגעטיילט פֿאַרשטאַנד, און אַז אויף דעם מחבר האָט גערוט די שכינה, און דער ספֿר אַנטפּלעקט סודות איבער סודות (רזין דרזין); און איך זאָג: ניטאָ דאָ ניט קיין נבואה און ניט קיין זעונג, און זייער מיינונג איז די מיינונג פֿון שוטים“. ער איז מקנא אין דער הצלחה פֿון די צדיקים, און שטעלט איר אַנטקעגן די פּיין פֿון די רבנים. „מעשה שטן האָט אָפּגעגליקט זיי [די חסידישע רביים] צו קריגן פֿיל גאָב, און זייער עסן איז פֿון פֿעטסטן, און אָנגעטאָן זיינען זיי פֿון בעסטן, און די וואָס לערנען די תורה זיינען אונטערגעהאַקט ווי אַ בוים; אַ חסיד אַ נאַר און אַ גראָבער יונג, אַ חיה רעה פֿון וואַלד, האָט די ערשטע דעה אין קהל, און גוטע און פֿרומע לייט האָבן ניט פֿון וואָס צו לעבן אַמאָל“[2]. נחת־רוח פֿאַרשאַפֿט דעם מחבר די מדינה ליטע, די פֿעסטונג פֿון דער מתנגדות, און צו דער חסידישער אוקראַינע רופֿט ער צו: „שעם זיך, אוקראַינע, פֿון דאָרט איז אַ נייע תורה אַרויס, אין די צרעת שפּרייט זיך אויס, און די חסידים די נאַרן, וואָס טוען זיך פֿון דער תורה אָפּקערן“. זיין היים־לאַנד פּוילן איז אין דעם פּרט

---

1 זע ווייטער, דעם קאַפּיטל „דאָס לעבן פֿון די חסידים און זייערע מידות“.

2 הצליח מעשה שטן להרבות להם מוהר ומתן, ומאכלם בריאה, מלובשים בגדי רקמה ולומדי תורה מגודעים כשקמה; חסיד שוטה ובער, חזיר היער, יושב ראשונה בשער, ותמימי דרך מתפרנסים בצער.

גענליכן צו אוקראַינע, און ער האָט גרויס צער פון דער רעליגיעזער שפאַלטונג ביי יידן.

דער מחבר ווענדט זיך צולעצט צו אַלע גוטע פריינד זיינע, זיי זאָלן איבערשרייבן זיין כתב־יה און פונאַנדערשיקן אָפשריפטן פון אים „אין לאַנד און שטאָט, כדי זיי צו צעטיילן ביי יעקבן און צו פאַרשפרייטן ביי ישראלן". קענטיק, אַז ער האָט זיך מייאש געווען פון דער האָפענונג אָפצודרוקן דעם ספר און האָט באַשלאָסן צו פאַרשפרייטן אים דורך אָפשריפטן.

די זאַמלונג „שבר פושעים" איז געענדיקט געוואָרן שרייבן אַרום יאָר 1800, און מיטן איבערשרייבן זי האָבן זיך פאַרנומען דער מחבר און זיין זון יחזקאל (ביידע זיינען זיי געשטאָרבן אין איין יאָר, 1815). אין משך פון צענדלינגער יאָרן זיינען פאַרשפרייט געוואָרן אַ סך אָפשריפטן פון דעם ספר אונטער פאַרשיידענע נעמען: „שבר פושעים", „זמרת עם הארץ", „זאת תורת הקנאות". דער מחבר האָט זיין פראַקטישן ציל אויסציוואָרצלען דעם חסידיזם פון פוילן ניט דערגרייכט. נאָר אומגערן האָט ער געבראַכט צו אַנדערע רעזולטאַטן אין אַ שפעטערער צייט: די פול דאָקומענטן וואָס זיי־נען צונויפגעקליבן אין זיין ספר דינען איצט ווי מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון חסידיזם, געשריבן דורך פאַרשער, וואָס זיינען ניט נוטה ניט צו דעם צד, ניט צו יענעם צד, נאָר זיי פאָרשן און משפטן די פאַקטן, וועדליג זיי שטייען איצט פאַרן משפט פון דער געשיכטע.

אַכטער קאַפּיטל

דער חסידיזם אָנהייב 19טן יאָרהונדערט

(1815 — 1800)

§ 42. דער עקסטרעמער חסידיזם אין אוקראַינע: ר׳ נחמן דעם בעש״טס אייניקל

דער גורל פון חסידיזם אין צפון און אין דרום. — ר׳ נחמן דעם בעש״טס אייניקל אין דער אַטמאָספערע פון מעדזשיבאָזש. — אַ פאַנטאַזיאָר און אַ טרוימער. — האָט חתונה יונגערהייט און איז זיך מתבודד אַרום מעדוועדעווקע. — אַ יונגער צדיק וואָס גלייבט אין זיין געהויבענער באַשטימונג. — פאָרט קיין ארץ־ישראל אין דער צייט פון סכנה (1798). — דער פראַנצויזישער קריג אין ארץ־ישראל און ר׳ נחמנס „קטנות דמוחין". — זיין „גדלות דמוחין" נאָכן קומען אַהיים. — „אַ נייער וועג": אמתע צדיקים און פאַלשע צדיקים, די באַזונדערע באַשטימונג פון דעם בעש״טס אייניקל, זיין גריַיסן זיך איבער די צדיקים פון דור. — זיין אויפהאַלט אין זלאַטאָפּאָל און זיין מחלוקת מיטן שפּאָלער זיידן (1802 — 1801).

דעם ווילנער גאונס רוף (1796) צו די פאַרוואַלטונגען פון די הויפּט־קהילות אין אַלע גובערניעס פון מערב־רוסלאַנד, דערין אויך פון וואָלינער און פּאָדאָליער גובערניע („קהל גובערסקי זיטאָמיר, וויניצא וקאַמעניץ־פּאָדאָלסק" — אויבן, § 36), האָט אין יענע קאַנטן קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען. אין אוקראַינע, וואָס איז געווען פאַרפלייצט פון חסידיזם, האָט מען די סעקטע ניט געקאָנט רודפן, ווייל אירע אָנפירערס זיינען געווען די תקיפים אין די קהילות, און די צדיקים האָבן געהאַט די גאַנצע דעה. די שטורעם־יאָרן אין ליטע און רייסן, ווען די רוסישע רעגירונג האָט זיך אַריינגעמישט אין דער רעליגיעזער מחלוקת, זיינען אין אוקראַינע אַריבער רויק און שטיל. און אין דער זעלביקער צייט ווען ר׳ שניאור זלמן, דער באַשאַפער פון דער „פילאָסאָפישער" חסידות, איז געזעסן אַרעסטירט

אין פעטערבורג, איז זיך אַרומגעגאַנגען אין די פּאָדאָליער קהילות אַ יונגער צדיק, אַ טרוימער און אַ וויזיאָנער, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציל צוריקצוברענגען דעם חסידיזם צו זיין „לכתחילה־דיקער תמימות, צו „דער אמונה אָן חכמות" לויט זיין וואָרט. דעם בעש"טס יונגער אייניקל, ר' נחמן בראַסלאַווער, איז אַרויס פון זיין געבורטשטאָט מעדזשיבאָזש, אין דער צייט ווען דאָרט איז געזעסן אויפן בעש"טס שטול זיין עלטערער אייניקל ר' ברוך, אַ פירער אַ בעל־גאווה און אַ לייכטזיניקער (אויבן, § 31), — און ער האָט זיך פאָרגענומען אָנצוזאָגן דער וועלט „אַ נייע תורה", וואָס איז אין דער אמתן געווען נאָר אַ לעצטער עקסטרעמער אויספיר פון דער פריערדיקער טעאָריע פון חסידות און צדיקיזם, און האָט זי דערפירט צום אַבסורד.

דעם בעש"טס טאָכטער אדיל (האָדל), די מוטער פון די צוויי צדיקים אפרים סודילקעווער און ברוך טולטשינער, האָט געהאַט אַ טאָכטער מיטן נאָמען פייגע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט שמחהן, דעם זון פון ר' נחמן האָראָדענקער, דעם בעש"טס חבר. פון אָט דעם זיווג פון צדיקישע קינדער איז אין יאָר 1772 אין מעדזשיבאָזש געבאָרן געוואָרן אַ זון, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נחמן. דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן אין דער מיסטישער אַטמאָספערע פון בעש"טס שטאָט, אין מיטן אַ וועלט פול מיט סודות, וויזיעס און וווּנדערלעכע לעגענדעס. פון קינדווייז אויף איז אין אים איינגעוואָרצלט געוואָרן די שטרעבונג זיך צו דערהייבן צו אַ הויכער מדרגה אין גלויבן און פרומקייט. פּונקט ווי זיין זיידע דער בעש"ט, איז ער שטענדיק געווען פאַרזונקען אין מחשבות, וואָס האָבן אים געשטערט ביים לערנען. „אַז ער פלעגט יינגלווייז זיצן ביי זיין רבי און לערנען, האָט ער תמיד געוואָלט מקיים זיין דעם פסוק: שויתי ה' לנגדי תמיד, און פלעגט זיך מיען אויסצומעלן פאַר זיינע אויגן דעם שם הויה, און ווייל זיין געדאַנק איז געווען אַריינגעטאָן אין דעם, האָט ער ניט געוווּסט וואָס ער לערנט, און זיין רבי פלעגט זיין אויף אים אין כעס". און אין דער זעלביקער צייט „פלעגט ער אויך טון מעשים פון יינגלשקייט, דהיינו שפּרינגען און געלעכטער און שפּאַציר, וואָס מען רופט פּאַרשייט".

איין מאָל, אַז ער איז געווען אַלט זעקס יאָר, האָט ער זיך פאַרגנבעט ערב שבת אין מרחץ אַריין, האָט זיך געטובלט אין

מקווה און האָט זיך באַהאַלטן אין בית־מדרש אונטער אַ „שטענ־דיר“, וואָס ביי אים איז געשטאַנען איינער אַ חסיד און האָט גע־לייענט מיט התלהבות „שיר השירים“; דאָס קינד איז זיך צעגאַנגען פון געוויין, און אַז ער האָט געעפנט זיינע אויגן וואָס זיינען גע־ווען פאַרלאָפן פון געוויין, האָט ער געזען אַ גרויסע ליכטיקייט איבערגיין פון די ליכט וואָס זיינען אָנגעצונדן געוואָרן לכבוד שבת, און עס איז געווען ווי ער וואָלט אַריין אין אַ וועלט פון הוילער ליכטיקייט.

אין דער עבודה האָט דאָס ייִנגל געהאַט זיינע באַזונדערע גענג. חוץ די תפילות אין לשון־קודש, פלעגט ער נאָך אַליין מחבר זיין תפילות און תחינות אין יידיש און זאָגן זיי פאַר זיך: „ער איז געווען געוווינט צו ריידן פון זיך פאַרן שם יתברך אין לשון אשכנז און פלעגט טענען פאַר אים אַלערליי טענות און בקשות“[1]. ער פלעגט אויך אָפט קומען צום בעש״טס קבר און בעטן ביים בעש״ט, „אַז ער זאָל אים העלפן זיך דערנעענטערן צו השם יתברך“. „און ער פלעגט גיין אויפן בית הקברות אין דער פרי אָדער ביינאַכט, אַפילו אום ווינטער, און פון דאָרט פלעגט ער גיין זיך טובל זיין אין מקווה“.

אַז נחמן איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָבן זיינע עלטערן אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל פון אַ קליינעם שטעטל מעדוועדעווקע ניט ווייט פון אומאַן (קיִעווער גובערניע). דער יונגער מאַן איז געווען אויף קעסט ביי זיין שווער, אַ רייכער אַרענדאַר פון דערפער אַרום אומאַן. דאָ אין דאָרף האָט זיין פאַנטאַזיע זיך באַזונדערס געשטאַרקט. אַ חתונה־געהאַטער יונגערמאַן אין יענעם עלטער, ווען דער סעקסועלער יצר הייבט ערשט אָן זיך אויפצו־וועקן, אַ ליידיקגייער וואָס בלאָנקעט אַרום אָן אַ ציל איבער פעל־דער און וועלדער, פלעגט נחמן זען די וועלט אין דער אָפ־שפּיגלונג פון ביכער, וואָס טוען מער פאַרהילן איידער אַנטפּלעקן

1 די פרטים וועגן ר׳ נחמנס לעבן זיינען צום גרעסטן טייל אַרויס־גענומען פון אַן אַלטער האַנטשריפטן־זאַמלונג וואָס געפינט זיך אין מיין רשות (געשריבן פאַר 1826; זע ווייטער, דעם אַנאַליז פון די מקורים נומ׳ 36). אין אַ שפּעטערער צייט איז אָט דער מאַטעריאַל אַריין אין טיילווייז געדרוקטע זאַמ־לונגען מיט לעגענדאַרישע הוספות (דאָרט, נו׳ 37—41). פון דעם געדרוקטן מאַ־טעריאַל באַנוץ איך אַ נייע אויפלאַגע פון ספר „חיי מוהר״ן“ (וואַרשע תרס״ה).

זי, און האָט זיך געשאַפֿן זיין אייגענעם קוק. מען דערציילט וועגן אים, אַז ער פֿלעגט אַוועקריַיטן אויף אַ פֿערד אין וואַלד אַריין, צובינדן דאָס פֿערד צו אַ בוים און אַרומבלאָנקען אין דער געדיכטעניש פֿון וואַלד ביז שפּעט אין דער נאַכט; אַמאָל פֿלעגט דאָס פֿערד זיך אָפּבינדן און אַנטלויפֿן אַהיים צו זיין בעל־הבית אין הויף, דעמאָלט פֿלעגט מען נעמען זאָגן פֿאַרן מצב פֿון ריַיטער, טאָמער איז ער אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פֿערד און האָט זיך צעשעדיקט. אויף זיין וועג אין וואַלד אַריין איז געשטאַנען אַ גרויסער קריַיץ מיט אַ קריסטלעכן בילד. אָט דער צלם האָט אים מבלבל געווען די רעיונות, און דערפֿאַר האָט נחמן תּפֿילה געטאָן, אַז עס זאָל געשען אַ נס, און דער צלם זאָל אַרויסגעריסן ווערן פֿון זיין אָרט; און איין מאָל טאַקע איז דער צלם זיינגעפֿאַלן (געוויס האָט אים אַ שטורעם־ווינט אַנידערגעוואָרפֿן). אין דער זעלביקער ציַיט האָט ער מתבודד זיך אַריינגעטאָן אין תּעניתים און סיגופֿים און האָט ניט געקוקט אויף זיין זיידנס עצה; באַזונדערס האָט ער זיך געסטאַרעט „איינצוברעכן די תּאווה פֿון עסן און די סעקסועלע תּאווה, וואָס זי איז כּולל אין זיך אַלע שלעכטע מידות", — דאָס איז געווען געטאָן מיט דער באַזונדער כּוונה צו פֿאַרשטאַרקן די נשמה איבער דעם גוף[1].

צווישן חסידים האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דעם בעש"טס אייניקל גרייט זיך צו ווערן אַ גוטער ייד. האָבן גענומען זיך מקרב זיין צו אים באַזונדערס די ישובניקעס, און אַז ער האָט זיך באַזעצט אין שטעטל מעדוועדעווקע — ער איז דעמאָלט געווען אַלט אַ יאָר צוואַנציק — האָט ער שוין געהאַט אַ געוויסע צאָל פֿאַרערערס, וואָס האָבן אים געמאַכט אַ פֿעסטן „מעמד", דאָס הייסט זיי האָבן אים באַשטימט פֿאַר זיין פּרנסה אַ „רענדיל"[2] אַ וואָך, וואָרעם ער איז שוין דעמאָלט געווען אַראָפּ פֿון זיין שווערס קעסט[3]. אַזוי איז ר' נחמן געוואָרן אַ קליינער צדיק לעבן די „גרויסע" צדיקים, ווי זיין פֿעטער ברוך און ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער. ער האָט אָבער געשטרעבט צו גרעסערס: אים האָט זיך אויסגעוויזן,

1 פּ"י, דף ה'—ו'; חיי מהר"ן, חלק א', 50—52, חלק ב', 5.

2 אַ גילדערנע מטבע, אַן ערך 10 דיַיטשע מאַרק ווערט.

3 חיי מהר"ן, חלק א', 52.

אַז אים איז באַשערט אויסצוטרעטן אַ נייעם וועג אין חסידות. דער פיר פון די עלטערע רביים איז אים ניט געפעלן געווען, פונקט ווי זיי איז ניט געווען געפעלן דעם יונגן „אייניקלס" אָפּ־נייגן פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג. זיין פעטער, דער אַליינהער־שער אין פּאָדאָליע, האָט גלאַט ניט געקאָנט פאַרטראָגן ליבן זיך נאָך אַ צדיק פון בעש״טס פאַמיליע, ווארעם ער האָט איינגעזען דערין אַ מין הסגת גבול, און די איבעריקע צדיקים האָבן ניט געוואָלט אָנדערקענען דעם יונגמאַן, וואָס האָט ביי זיי ניט געלערנט און ניט איבערגענומען זיין תורה פון די עלטערע.

דעמאָלט איז ביי ר׳ נחמנען אויפגעקומען אַ נייער געדאַנק: צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און צו קריגן אַ מין סמיכה פון דער קדושה פון לאַנד און פון דער חבורה חסידים וואָס וווינען דאָרט. קעגן דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זיך אַוועקגעשטעלט זיין ווייב און איר משפחה. אַז זי האָט געפרעגט איר מאַן: ווער וועט אונדז מפרנס זיין? האָט ער געענטפערט: דו וועסט אַוועקפאָרן צו דיין מחותן, די עלטערע שוועסטער דיינע וועט זיין אַ „נאַניע" (אַ דינסט צו קינדער) אין אַ שטוב, די יינגערע שוועסטער דיינע וועט עמעצער צונעמען צו זיך אין שטוב „פון רחמנות וועגן", דיין מאַמע וועט זיין אַ „קעכערין". „און אַלץ וואָס איז פאַראַן אין שטוב וועל איך פאַרקויפן, כדי צו האָבן אויף הוצאות הדרך". „אַז זיין הויזגעזינד האָט דאָס דערהערט — דערציילט די לעגענדע — זיינען זיי אַלע פאַרגאַנגען אין געוויין און האָבן אָפּגעוויינט אַ סך טעג, און ער האָט קיין שום רחמנות אויף זיי ניט געהאַט", ווארעם ער האָט געהאַלטן, אַז פון אָט דער נסיעה איז געווענדט דער גורל פון זיין לעבן און אַפילו דער גורל פון חסידית. זיינע אָנהענגער האָבן איינגעקליבן אין די קליינע שטעטלעך געלט פאַר זיינע וועג־הוצאות, און אין אַ פרי־יאָר־טאָג פון 1798 (י״ח אייר) האָט ר׳ נחמן זיך געלאָזט אין וועג אַריין[1].

דורך אָדעס איז ר׳ נחמן אַוועק קיין סטאַמבול, הגם מען האָט אים געזאָגט, אַז דער ים איז מסוכן אין יענעם זמן. אין דער טערקישער הויפּט־שטאָט האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט משולחים וואָס קלייבן געלט פאַר ארץ־ישראלדיקע אָרעמע לייט און האָט

---

1 דער דערמאָנטער ס״י, דף ח׳—ט׳.

זיך זיי ניט געגעבן צו דערקענען — ער האָט אויסבאַהאַלטן פֿאַר זיי זײַן נאָמען און דעם צוועק פֿון זײַן נסיעה. די משולחים האָבן אים חושד געווען, אַז ער פֿאָרט „צו קריגן זיך מיט ר׳ אברהם קאַליסקער", דעם אָנפֿירער פֿון די חסידים אין ארץ־ישראל, און צו פּראָטעסטירן קעגן דער פֿאַרטיילונג פֿון דעם צונויפֿגעקליבענעם געלט. נאָך פֿאַרשיידענע תחבולות פֿון ביידע צדדים האָט ר׳ נחמן אויסגעזאָגט זײַן נאָמען און זײַן יחוס. דעם בעש״טס זכות איז בײַגעשטאַנען דעם דאָזיקן נאַיוון מענטשן, וואָס האָט ניט געקענט קיין אײן אַנדער לשון, חוץ דעם אוקראַיניש־ײדישן דיאַלעקט, צו געפֿינען הילף אין די פֿאַרשיידענע לענדער און אויסגעלייזט צו ווערן פֿון אַלע סכּנות וואָס האָבן געלאָקערט אויף אים אין זײַן לאַנגער נסיעה.

אַז ער האָט זיך געגרייט סוף זומער אָפּצופֿאָרן פֿון סטאַמבול קיין ארץ־ישראל, האָט מען זיך געזאָגט, אַז דער פֿראַנצייזישער חיל אונטער באָנאַפּאַרטס קאָמאַנדע דערנעענטערט זיך צום הייליקן לאַנד, און אַז עס איז אַ סכּנה צו פֿאָרן אַהין מיט אַ שיף. אָבער ר׳ נחמן האָט דערויף ניט געקוקט און האָט באַשלאָסן אײַנצושטעלן זײַן לעבן אין קאָן, אַבי צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל. ווידער האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן מיט אײנעם אַ משולח פֿון ירושלים וואָס איז געווען אַ געניטער פֿאָרער אין די מזרח־לענדער, און ר׳ נחמן איז אַרויסגעפֿאָרן צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע ײדן אַשכּנזים און ספֿרדים אין אַ שיף וואָס גייט קיין יפֿו. מחמת די שטורעמדיקע ים־כוואַליעס בײַ יפֿו האָבן זיי דאָרט ניט געקאָנט אַרויס אױפֿן ברעג, און די שיף האָט זיי אַפּגעפֿירט קיין חיפֿה. דאָרט האָבן זיי געהאַלטן די תשרידיקע ימים־טובֿים (סעפּטעמבער — אָקטאָבער 1798), און נאָך סוכּות איז ר׳ נחמן אָנגעקומען קיין טבריה, דעם זיץ־אָרט פֿון ר׳ אברהם קאַליסקער. דער זקן האָט אים אויפֿגענומען מיט פֿרײַנדשאַפֿט און אויך דער „שפּעטיווקער רבֿ" (ר׳ יעקבֿ שמשון) האָט זיך געפֿרייט מיטן בעש״טס אייניקל. דער אורח האָט אָפּגעטאָן אַלצדינג וואָס מען טוט בײַם אָנקומען אין ארץ־ישראל; האָט מתפּלל געווען אויפֿן קבֿר פֿון ר׳ שמעון בן יוחאי און אויף אַנדערע הייליקע קבֿרים, האָט געלייענט זוהר. אַז ער איז אָנגעקומען קיין צפֿת, איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די פֿראַנצויזן נעמען אײַן דאָס לאַנד.

דאָס איז געווען אין אָנהייב 1799, ווען באָנאַפּאַרטעס חיל האָט איינגענומען די שטעט עזה און יפו און האָט זיך דערנעענטערט צו די טויערן פֿון ירושלים. אין זיין באַוווסטן אויפֿרוף צו די אָריענטאַלישע יידן האָט באָנאַפּאַרט זיי צוגעזאָגט צו טון זיי גוטס און ווידער אויפֿצובויען די הייליקע שטאָט, אויב זיי וועלן אים העלפֿן איינגעמען די שטאָט, אָבער די יידן זיינען געבליבן געטריי דער טערקישער רעגירונג. אין די וועלטן ווו עס האָט אַרומגעשוועבט די פֿאַנטאַזיע פֿון דעם פֿאָדאָליער צדיק האָט מען מיט פּאָליטיק זיך ניט פֿאַרנומען; ער האָט נאָר געהאַט איין זאָרג: ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פֿון געפֿערלעכן אָרט. דאָס לאַנד איז געווען פֿול מיט זעלנער־באַנדעס. אין עכו, ווו עס האָט געלאַגערט דער טערקישער און דער ענגלישער חיל, איז ר׳ נחמן מיט זיינע באַגלייטערס אַריין אויף אַ קריגס־שיף און איז זיך געזעסן אין אַ ווינקעלע אָן צו פֿאַרשטיין וואָס עס רעדן און טומלען די טויזנטער מענטשן אַרום אים. די שיף איז אָפּגעשווומען אין ים אַריין, און נאָך אַ סך טעג אַרומבלאָנדזשען מיט סכנות מצד דעם שטורעמדיקן ים און מצד די טערקישע מיטפֿאָרערס איז מען אָנגעקומען צום אינדזל ראָדאָס. דאָרט האָבן די פֿירערס פֿון דער יידישער קהילה אויסגעלייזט דעם געפֿאַנגענעם צדיק פֿון די הענט פֿון דעם טערקישן שיפֿס־קאַפּיטאַן, און דאָ האָט ער געהאַלטן פּסח. נאָך יום־טוב איז ער אָפּגעפֿאָרן אין אַ גריכישער שיף קיין סטאַמבול און פֿון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים דורך מאָלדאַוויע, נאָך אַ סך צרות אויף די גרענעצן צווישן די לענדער, זומער 1799[1].

אין דער חסידישער לעגענדע, וואָס דערציילט בפּרטות וועגן ר׳ נחמנס עליה קיין ארץ־ישראל, געפֿינען מיר ניט קיין שום רמז אויף עפּעס וווּנדערלעכע אויפֿטוען פֿון זיין זייט, אדרבא מיר זעען אים אין אַ צושטאַנד פֿון „קטנות דמוחין“: אין סטאַמבול איז

1 ר׳ נחמנס נסיעה קיין ארץ־ישראל איז באַשריבן מיט אַלע פּרטים אין דער דערמאָנטער מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג, און אויך אין אַ באַזונדער קונטרס אונטערן נאָמען „מסעות הים“, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1846. זע אויך „שיחות הר״ן“ און „חיי הר״ן“ (אין נייעם דרוק בקיצור, ז״ז 61—64). דאָ האָט דער דערציילער אַ טעות געהאַט, ווען ער זאָגט, אַז פֿאַרן פֿאָרן האָט ר׳ נחמן געזען דעם צדיק ר׳ מענדל וויטעבסקער, וואָס איז געשטאָרבן אין ארץ־ישראל מיט אַ צען יאָר פֿריער, אין יאָר תקמ״ח).

ער אַרומגעגאַנגען אין אַ צעריסענעם מלבוש, באָרוועס און אָן אַ היטל, „ווי איינער פון די לעצטע פון די לעצטע“ (כאחד מן הפחותים שבפחותים), און בשעת דער סכנה אויפן ים זיינען אין אים קענטיק סימנים פון פחדנות און געפאַלנקייט; אַז מען האָט אים דעמאָלט געפרעגט, פאַרוואָס טוט ער ניט קיין תפילה, בכדי געראַטעוועט צו ווערן פון סכנה, האָט ער געענטפערט, אַז „איצט איז ער אין מוחין דקטנות, און דערווייטערט פון השם יתברך“, אָבער ער פאַרלאָזט זיך אויפן זכות פון זיינע הייליקע אבות וואָס וועלן פאַר אים פירשפרעכן אין הימל. און פונדעסטוועגן רימט די לעגענדע ר׳ נחמנען און זאָגט, אַז „ער האָט זוכה געווען אין ארץ ישראל צו אַ זייער וווּנדערלעכער השגה“. זיין גאַנץ לעבן האָט דער צדיק „זיך באַרימט דערמיט וואָס ער האָט זוכה געווען צו זיין אין ארץ ישראל“, און פלעגט זאָגן, „אַז דער חילוק צווישן דער תורה פון ארץ ישראל און דער תורה פון חוץ לארץ איז אַזוי ווי פון מזרח ביז מעריב“[1].

זינט יענער צייט האָט דעם בעש״טס איינקל געוואָלט פאַר זיך אַ חוב צו אַנטפּלעקן אַ „נייעם וועג“ פאַר אַלע בלאָנדזשענדיקע אין די וועגן פון חסידות. פון איין זייט האָט ער איינגעזען, אַז „די חסידים זיינען אָפּגעקילט געוואָרן“, דאָס הייסט זיי זיינען אָפּגעלאָזן אין גאָטס דינסט און פאַרלאָזן זיך אין גאַנצן נאָר אויף דעם צדיקס פאַרמיטלונג. און פון דער צווייטער זייט האָט ער איינגעפונען, אַז אַ סך צדיקים „זיינען מפורסם פאַלש“, אַז זיי זיינען זיך מפרנס און ווערן אַפילו רייך דערפון, וואָס די פאָלקסמאַסן גלייבן, אַז זיי קאָנען היילן קראַנקע, פוקד זיין עקרות און איינטיילן אַלעמען ברכות. „אין דער אמתן — זאָגט ר׳ נחמן — זיינען געווען כמה בעלי שם אמתע צדיקים, און איצט האָבן זיך פאַרמערט פאַלשע בעלי שם, און ווער עס וויל נאָר זיך פאַרנעמען מיט דער זאַך, דער איז מצליח... וואָרעם די זאַך איז געווענדט אין זיין התעוררות און אויך אין אָרט: אויב ער הייבט אָן [די פראַקטיק פון אַ בעל־שם] און אַן אָרט וו מען גלייבט אין אים אָדער ער הייבט אָן פון ווייבער [קראַנקע אָדער עקרות],

---

1 מסעות הים, צום סוף; דער דערמאָנטער פ״י, דף י״ח ע״ב.

וואָס זייער שטייגער איז צו גלויבן אין אַלצדינג, דעמאָלט איז ער מצליח״[1].

וועגן די צדיקים פֿון דעם מין האָט ער דערציילט אַ פֿיינעם משל:[2] „וועגן די פֿאַלשע מפֿורסמים, וואָס זיי דוכט זיך אויס, אַז זיי זיינען פּועל עפּעס אַ זאַך, דהיינו אַז מען קומט צו זיי פֿון וועגן קינדער, און שפּעטער ווערט דער דאָזיקער מענטש געבענטשט מיט קינדער, און זיין פֿאַרלאַנג ווערט מקוים, און דעמאָלט שטעלן זיי זיך אַרויס ווי זיי וואָלטן דאָס האָבן אויפֿגעטאָן, האָט ער געזאָגט אַ משל: אַזוי ווי אַ מענטש גייט אין וועג און האָט אָנגעגעגנט אַ וואָלף און האָט זיך געשראָקן פֿאַר אים, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין שטעקן איבן שטייגער ווי מען מאַכט מיטן ברען-דאָר, וואָס מען רופֿט ביקס (כדרך שעושין עם קני שריפה שקורין ביקס), אַזוי ווי ער וואָלט וועלן שיסן; דערווייל איז אָנגעקומען אַ שיסער מיט אַן אמתן ביקס און האָט געהרגעט דעם וואָלף, און דעם וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין שטעקן דוכט זיך אויס, אַז ער האָט דאָס דערהרגעט. אַזוי זיינען פֿאַראַן אויף דער וועלט אמתע צדיקים, וואָס זיי זיינען אַלצדינג פּועל מיט זייער תּפֿילה, אָבער אָט די פֿאַלשע מפֿורסמים דוכט זיך אויס, אַז זיי האָבן דאָס פּועל געווען״.

ר׳ נחמן שטעלט אַוועק דעם צדיקיזם אין צענטער פֿון דער חסידישער טעאָריע, אָבער ער שיידט אונטער פֿון אַן אמתן צדיק ביז אַ געפֿעלשטן. „אַלע השפּעות און אַלע זאַכן קומען נאָר פֿון אמתן צדיק (מהצדיק האמת). און דערפֿאַר אַז מען איז מקורב צום אמתן צדיק, קאָן מען קריגן גרינג וואָס מען דאַרף האָבן, סיי עשירות סיי קינדער, אָבער אַז מען איז ווייט פֿון צדיק, דעמאָלט קומט דאָס אַליין אָן מיט גרויס שוועריקייט, וואָרעם איטלעכער קריגט עשירות, אָדער קינדער אַליין ווערליג זיין מזל, און דער מזל קריגט השפּעה פֿון צדיק, און דערפֿאַר איז ווען ער איז ווייט פֿון צדיק, מוז דער מזל זיך אָנטון אַ גרויסן כּוח, כּדי מקבל צו זיין די השפּעה״[3].

---

1 אין דער מאַנוסקריפּטן-זאַמלונג, דף ל״ח.

2 היי מהר״ן, חלק ב׳, 49—50.

3 ליקוטי מוהר״ן, דף קכ״ה, עמוד ג׳ און ד׳, אויך דף י״ז און ו׳ (דרוק אוסטרהא תקס״ח); ז׳ ליקוטי מוהר״ן תניינא, דף א׳ (מאהליב תקע״א).

עס פארשטייט זיך ממילא, אז זיך רעכנט ר׳ נחמן אריין אין דער צאל פון די בעסטע צווישן די צדיקי הדור, ער רעכנט זיך שיער ניט פארן איינציקן אין זיין דור, און ער שטערט זיך ניט צו בארימען זיך דערמיט פאר זיינע תלמידים: „מיך דארף האבן גאר די וועלט... אפילו די צדיקים וואס קאנען שוין תפילה טון, קאן איך זיי באווייזן, אז זיי ווייסן גארניט וואס דאס איז אזוינס תפילה". „פון ר׳ שמעון בן יוחאי אן איז די וועלט געווען רויק ביז דעם אר״י ז״ל, דאס הייסט, עס זיינען ניט נתגלה געווארן קיין נייסן, ביז עס איז געקומען דער אר״י ז״ל. און פון אר״י ז״ל ביזן בעש״ט ז״ל איז אויך די וועלט געווען רויק אן א נייס, ביז דער בעש״ט איז געקומען... און די וועלט האט זיך גע־פירט לויט דער התגלות וואס דער בעש״ט האט מגלה געווען, ביז איך בין געקומען, און איצט הייב איך אן צו אנטפלעקן אין גאנצן נייע וואונדערלעכע זאכן"[1]. אין דער דאזיקער בארימערײ איז ניטא קיין שום גאווה אדער פאלשקייט, דאס איז ניט מער ווי תמימות ביז צום לעצטן גראד און פולער גלויבן אין זיין הויי־כער באשטימונג. אבער די אנדערע צדיקים, וואס האבן זיך גע־האלטן פארן בעש״טס יורשים, האבן געהאט פאראיבל, אז זיי האבן געהערט אט די גאוודיקע און בארימערישע רייד פון זיין יונגן אייניקל, וואס איז אין דער וועלט נאך ניט געווען מפורסם. דער־פון נעמט זיך יענע שנאה צו ר׳ נחמנען, וואס האט פארביטערט זיין לעבן און האט ארויסגעשטויסן זיינע פארערערס מחוץ די גרע־נעצן פון אפיציעלן חסידיזם.

אין יאר 1800 האט ר׳ נחמן זיך באזעצט אין דער שטאט זלאטאפאל (קיעווער גוב׳), ניט ווייט פון זיין פריערדיקן זיץ־ארט מעדוועדיעווקע. דא האבן גענומען קלייבן זיך ארום אים חסידים פון די שטאטלייט און פון ארום, וואס פלעגן פריער פארן צו אנ־דערע צדיקים. איינער פון די נאענטערע צדיקים איז געווען דער זקן ר׳ לייב אריה פון שפאלע, וואס איז באוווסט אונטערן נאמען „דער שפאלער זיידע". אמאל איז ער געווען א שמש פון דער קהילה אין זלאטאפאל, און צו דער עלטער איז ער בארימט גע־ווארן צווישן דער מאסע ווי „א הייליקער מאן און א וואונדערלעכער

1 חיי מוהר״ן, חלק ח׳, ז׳ 65; חלק ב׳, 14.

בעל־יועץ אין וועלט־זאַכן״ (ווייטער, § 44). דערין וואָס דעם בעש״טס יונגער אייניקל איז געוואָרן זיינער אַ נאָענטער שכן, האָט דער אַלטער שוין איינגעזען אַ שטיק הסגת גבול פאַר זיך, און נאָך מער איז ער אַריין אין כעס, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן האַלט זיך גרעסער פאַר אַלע צדיקים פון זיין דור און האָט ניט קיין דרך ארץ אַפילו פאַר די עלטערע פון זיי. די חסידישע לעגענדע דערציילט[1], אַז בעת ר׳ נחמן איז געקומען קיין זלאַטאָפּאָל, האָט ער איבערגעמאַכט אייניקע מנהגים אין שול, וואָס דער שמש לייב האָט אַמאָל געהאַט איינגעפירט, און דערפאַר האָט יענער פאַראיבל געהאַט אויף דעם יונגנמאַנס חוצפה. עס האָבן זיך אויך געפונען חסידים רכילותניקעס וואָס האָבן איבערגעגעבן דעם שפּאָלער זיידן ר׳ נחמנס ווערטער מיט אַ צוגאָב פון אייגענע גוזמאות. פון דעם איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. דער שפּאָלער זיידע האָט געזאָגט וועגן ר׳ נחמנען: „ווער האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך פעדערן צו קומען אויף דער וועלט אין אונדזער דור, זיין נשמה איז דאָך פון די לעצטע דורות?״ און אַז מען האָט דאָס דערציילט דעם יונגן זלאַטאָפּאָלער צדיק, האָט ער געענטפערט: „ער וואַרפט מיר אויף, וואָס איך בין צו פרי געקומען, און איך קאָן אים איבערוואַרפן, וואָס ער איז געקומען מיט דריי דורות צו שפּעט״. איין מאָל האָט דער שפּאָלער זיידע אַרויסגעזאָגט זיך גאָר אָפן: „איבער גאַנץ אוקראַינע האָב איך די דעה אין הימל, און אויב ער [ר׳ נחמן] וואָלט ניט געווען דעם בעש״טס אייניקל, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס צו טון מיט אים״. אָט אַזעלכע שטעך־ווערטלעך פון ביידע צדדים האָבן אויפגערייצט די חסידים, וואָס האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערס, און טיילמאָל איז דערגאַנגען ביז צו געשלעגן צווישן די זלאַטאָפּאָלער און די שפּאָלער. ר׳ נחמן האָט אַפילו אין דער מחלוקת געפונען פאַר זיך אַ גוטן סימן: „ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, מען זאָל קעגן מיר ניט קריגן — פלעגט ער זאָגן צו זיינע מענטשן — ווייבאַלד אַז איך גיי אין אַ נייעם וועג, וואָס קיין איין מענטש איז אין אים נאָך ניט געגאַנגען?״

---

1 אין זאַמלונג פון שפּעטערע לעגענדעס „תפארת מהרא״ל משפאלי״ פון יהודה ראָזענבערג פון לאָדזש, ז׳ 91 א״וו (נייער דרוק אָן אַ יאָר). זע חיי מהר״ן, חלק א׳, 55—58.

אָבער דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן און האָט מוסיף געווען: „הגם דאָס איז זייער אַן אַלטער וועג, פונדעסטוועגן איז ער גאָר אַ נייער“[1]. און אין דער אמתן איז קיין שום נייס ניט געווען אין ר׳ נחמנס שיטה, חוץ איר עקסטרעמקייט, איר היילקער העזה.

דער עלטסטער צווישן די אוקראַינער צדיקים, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, האָט געוואָלט איינשטילן די מחלוקת. אַז ר׳ נחמן איז געקומען צו אים, האָט ער אים פריינדלעך אויפגענומען און האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיט איניקע צדיקים וואָס זיינען געווען זיך צונויפגעקומען אין באַרדיטשעוו, וואָס זאָל מען טון מיטן שפּאָלער זיידן וואָס באַליידיקט דעם בעש״טס איניקל. אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָנשרייען אויפן אַלטן און אַריינלייגן אים אין חרם, ווייל ער איז מבזה תלמידי חכמים, אָבער די מעסיקערע האָבן דערצו ניט דערלאָזט און האָבן איינגערעדט דעם באַרדיטשעווער, אַז ער זאָל זיך ניט מישן אין דעם ענין, און אַזוי אַרום איז די זאַך ניט צו שטאַנד געקומען[2].

סוף־כל־סוף איז ר׳ נחמנען דערעסן געוואָרן די מחלוקת, און נאָך צוויי יאָר זיצן אין זלאַטאָפּאָל האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט. אין יאָר 1802 האָט ער זיך באַזעצט אין דער שטאָט בראַצלאַוו, אָדער בראַסלעוו, אין זיין געבוירנלאַנד פּאָדאָליע. זינט דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָדע אין זיין לעבן — דער פּעריאָדע פון דער „בראַסלעווער חסידות“.

1 חיי מהר״ן, חלק ב׳ 33: די מעשה מיט דער מחלוקת.

2 דאָרט, חלק א׳ 58.

§ 43. דער עקסטרעמער צדיקיזם. די בראַסלעווער חסידים (ביז 1811)

ר׳ נחמן בראַסלעווער און זיין שרייבער נתן נעמיראָווער. — די תורות און די שמועסן ווערן פאַרשריבן. — „ליקוטי מוהר״ן". — די טעאָריע פון צדיקיזם; „התקשרות מיטן צדיק" איז דער יסוד פון חסידות. דער צדיק הייבט ארויף אין הימל אַלע תפילות און בקשות. — ר׳ נחמן רוקט אָפּ אויף 25 יאָר די גזירה פון רעקרוטן. — זיין שנאה צו וועלטלעכע וויסנשאַפט, בפרט צו מעדיצין. — דער צדיק איז דער איינציקער היילער. — די שרעק פאַר דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע: אַן איסור אויף די ספרים פון רמב״ם און אַנדערע „חוקרים". — דער עיקר פון אַלע עיקרים איז תמימות און פשטות; דער גרענעץ צווישן אַ תמים און שוטה. — ר׳ נחמנס באַרימערײַ — זיינע שונאים; די שפּאַלטונג אין דעם בעש״טס משפחה. — פאַרברענונג פון די „שרעקלעכע" שריפטן. — די בראַסלעווער חסידים חוץ למתנה. — „די גרויסע נסיעה" איבער אוקראַינע (1807). — ר׳ נחמנס קראַנקהייט. — זיינע „סיפורי מעשיות": קינדער־מעשהלעך וואָס די מאמינים האָבן דערין געזוכט טיפע סודות. — זיין אריבער־פאָר פון בראַסלאַוו קיין אומאַן (1810). — ר׳ נחמנס טויט אין אומאַן (תשרי תקע״א) און זיין הייליקער קבר. — די ווירקונג פון זיין תלמיד ר׳ נתן אין דער רעדאַקטירונג פון זיינע ספרים און אין דער אָרגאַניזירונג פון די בראַסלעווער חסידים.

דעם צדיקס אַריינפאָר קיין בראַסלעוו האָט אויפגעהויבן אַ גרויסע באַוועגונג אין די שכנישע קהילות פון פּאָדאָליע, און באַזונדערס אין דער גרויסער קהילה נעמיראָוו. איינער אַ יונגער נעמיראָווער חסיד מיטן נאָמען נתן, אַ זון פון אַן אָרטאָדאָקסישער מתנגדישער משפחה, וואָס האָט אים גערודפט דערפאַר וואָס ער איז „אַראָפּ פון וועג", איז צוגעשטאַנען צו ר׳ נחמנען, באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין בראַסלעוו און איז געוואָרן זיינער אַן איבערגעגעבענער תלמיד מיטן גאַנצן האַרצן[1]. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געהאַט דעם גרעסטן באַטייט פאַר ר׳ נחמנס לעבן. דער יונגער תלמיד איז געוואָרן ווי אַ שותף אין דער ווירקונג פון זיין רבין,

---

1 ימי מהרנ״ת: „מענין התקרבות ר׳ נתן ז״ל אל רבינו הקדוש ר׳ זצ״ל והעתים אשר עברו עליו עד יום הסתלקותו". לבוב תרל״ו, דף ג׳; חיי מוהר״ן, חלק א׳ 55 א״ו.

ווייל ער פֿלעגט פֿאַרשרייבן זיינע רייד און זאָגן, אַז זיינע ספֿרים זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן. ר׳ נתן האָט זיין רבין פֿאַרהייליקט און פֿאַרגעטערט, געגלייבט אין אים אָן שום ספֿקות, און דערך אָט אָט דעם גלייבן זיינעם האָט ער אים געוועקט צום שאַפֿן. אין יעדער ווערטל דעם רבינס האָט ער געזען אַ מין אַנטפּלעקונג פֿון דער שכינה און פֿלעגט דאָס תּיכּף פֿאַרשרייבן, בכדי צו באַגליקן די וועלט מיט אַ פֿרישן אמת. אַפֿילו זיינס אַ וואָרט וועגן וואָכעדיקע זאַכן, אַ שׂיחת חולין פֿון אים פֿלעגט ער פֿאַרשרייבן אין זיין ביכל אָדער פֿאַרגעדענקען אין זכּרון, און אַז ער פֿלעגט די רייד ניט פֿאַרשטיין אָדער זיי האָבן קיין זינען ניט געהאַט, פֿלעגט ער מוסיף זיין, אַז ער האָט זיי ניט פֿאַרשטאַנען מחמת זייער טיפֿקייט און מחמת עס זיינען פֿאַרבאַהאַלטן אין זיי טיפֿע סודות. דעם תּלמידס התפּעלות האָט פֿון איר זייט געווירקט אויפֿן רבין, וואָס האָט דערין געזען אַ סימן, ווי הייליק עס זיינען זיינע רייד, אַז זיי קאָנען מאַכן אַזאַ רושם אויפֿן צוהערער. דאָ איז געווען אַ קעגנזייטיקע השפּעה, און אָט פֿון דעם גייסטיקן זיווג איז געבאָרן געוואָרן די בראַסלעווער חסידות.

„אין יאָר תּקס״ב אין חודש אלול — שרייבט נתן אין זיינע זכרונות — האָב איך זוכה געווען צו ווערן אַ מקורב בײַ דעם אדמו״ר הקדוש והנורא, הרב האמת מוהר״ן זצו״קל, און ער האָט מיך אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און האָט מיך מקרב געווען מיט זיין גרויס באַרעמהערציקייט און האָט מיך געטראָגן ווי עס טראַגט דער דערציער דאָס זויג-קינד. און באַלד נאָכן ערשטן ראש השנה וואָס איך האָב זיך דערנענטערט צו אים, דאָס איז ראש השנה תּקס״ג, האָט ער אָנגעהויבן מיך איינגעוויינען צו שרייבן זיין הייליקע תּורה, אָבער איך האָב ניט זוכה געווען צו שרייבן פֿאַר אים זיין תּורה ביז נאָך שבּת חנוכּה. און אַזוי איז געווען דער שטייגער פֿון מיין שרייבן פֿאַר אים, אַז די תּורה וואָס ער האָט געזאָגט אין יענער צייט, אַשטייגער ווי שבּת חנוכּה, פֿלעגט ער בײַם שרייבן נאָך אַמאָל איבערזאָגן פֿאַר מיר זאַץ נאָך זאַץ אין יידיש (פּיסקא אחר פּיסקא בלשון אשכּנז). און איך פֿלעג זיצן פֿאַר אים און שרייבן דאָס אין לשון הקודש, ביז איך פֿלעג ענדיקן שרייבן די גאַנצע תּורה, און על פּי רוב פֿלעג איך דערנאָך ווידער פֿירלייענען

פֿאַר אים, נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט געענדיקט שרייבן"[1]. אמת, אַ טייל תורות האָט געשריבן ר׳ נחמן אַליין און צום טייל אויך די איבעריקע חברים, אָבער דער „ספרא רבא" פֿון דער חבורה איז געווען ר׳ נתן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט, לויט זיינע אייגענע רייד, דורך זיין „צחות הלשון", הגם אין דער אמתן איז זיין סטיל געווען ניט קיין העברעישער, נאָר גיכער אַ יידישער („לשון אשכנז", ווי ער רופֿט עס אָן). אויף אַזאַ אופֿן איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן ר׳ נחמנס גרויסער ספֿר „ליקוטי מוהר"ן", וואָס דער ערשטער טייל פֿון אים איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין יאָר 1808 אין אָסטרע דורך דער השתדלות פֿון „המעתיק והמביא לבית הדפוס נתן מנעמריב" (אַזוי חתמעט זיך ר׳ נתן אין זיין הקדמה).

דער הויפּט-אינהאַלט פֿון דעם ספֿר איז די טעאָריע פֿון צדיקיזם אין אַלע אירע פּרטים. די „התקשרות", דאָס פֿאַרבונדן זיין מיטן צדיק — דאָס איז דער יסוד פֿון חסידות, לויט ר׳ נחמנס מיינונג. אין די ערשטע פּרקים טראָגט ער פֿיר זיינע מיינונגען ניט אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּירוש אויף די פּרשיות פֿון דער תורה, ווי דאָס האָבן געטאָן דאָס רוב צדיקים אין זייערע ספֿרים וואָס זיינען צונויפֿגעקליבן פֿון זייערע דרשות צו שבתים און ימים טובים, נאָר אין דער פֿאָרם פֿון אַ פּירוש צו די אייסטערלישע אגדתות פֿון תלמוד, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין נאָמען פֿון רבה בר בר חנא (בבלי בבא בתרא, דף ע"ג — ע"ד) — דאָרט זיינען פֿאַראַן אַזעלכע אַשטייגער משונהדיקע גוזמאות, ווי די וואָס ווערן דערציילט אין דער מעשה: איין מאָל איז ער געפֿאָרן אין אַ שיף איפן ים, האָט ער געזען אַזאַ גרויסן פֿיש, וואָס דער ים האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער יבשה, און פֿון אים זיינען חרוב געוואָרן 60 גרויסע שטעט, און פֿון זיין פֿלייש האָבן געגעסן 60 גרויסע שטעט, און פֿון זיינע ביינער זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַ סך שטעט. אין אָט די פּוסטע מעשיות געפֿינט דער מחבר רמזים אויף טיפֿע סודות און גלויבן, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו די פֿאַנטאַזיעס פֿון ים-פֿאָרערס, נאָר זיי זיינען געווענדט אויף די מנהיגים פֿון דור, די פֿירערס פֿון דער יידישקייט-שיף — די אמתע צדיקים. „פֿאַראַן צווישן אונדזערע יידן וואָס

1 ימי מהרנ"ת, דף ג׳; חיי מהר"ן, חלק א׳, 7 א"וו.

האָבן אַ טעות צו מיינען, אַז אַלע תפילות זיינען אומזיסט, אָבער דער אמת איז, אַז אַלע תפילות טוען די צדיקים פון יעדער דור איבערהייבן (אין הימל אַריין)". די תפילה פון אַ פשוטן חסיד ווערט אָנגענומען נאָר דורכן צדיק. „דעם עיקר פון דער תפילה ווייסן נאָר די צדיקים פון דור. פאַראַן בעלי־גאווה וואָס ווילן ניט גיין צו צדיקים און מיינען, אַז זיי קאָנען אַליין מתפלל זיין און שטערן איך אַנדערע, וואָס האָבן אַ צער אָדער אַ קראַנקן, צו גיין צו צדיקים... אָבער הקדוש ברוך הוא גלוסט צו דער תפילה פון די צדיקים, און די דאָזיקע בעלי גאווה שטערן זיין פאַר־לאַנג".

טיילמאָל באַנוצט דער מחבר דעם שאַרפן סטיל פון דעם „תולדות יעקב יוסף" אין זיינע רייד קעגן די רבנים: „דאָס וואָס מיר זעען, אַז על פי רוב קריגן די לומדים קעגן די צדיקים און רעדן וועגן זיי מיט גאווה און פאַראַכטונג. — אַזעלכע תלמידי חכמים זיינען יידישע שדים (שדין יהודאין), וואָס זייער תורה איז צו גרייסן זיך און צו רייצן זיך". דער צדיק איז אין דער בחינה פון משיחן, וואָס וועגן אים זאָגט דער פסוק (ישעיה נ"ג): והוא מחולל מפשעינו (ער איז דורכגעשטאָכן פאַר אונדזערע זינד), וואָרעם איטלעכער צדיק אין זיין דור „ליידט יסורים פאַרן כלל ישראל, בכדי זיי גרינגער צו מאַכן". און דעריבער איז „דער עיקר און דער יסוד, וואָס אַליך איז אָנגעהאַנגען אָן אים, זיך צו פאַרבינדן מיטן צדיק פון דור און אָנצונעמען זיינע רייד וועגן אַליך וואָס ער וועט זאָגן, אַ קליינע זאַך און אַ גרויסע זאַך, און ניט אָפּ־צונייגן פון זיינע רייד רעכטס און לינקס, און אָוועקצוואַרפן פון זיך אַלע חכמות און אָפּצוטון פון זיי זיין זינען, אַזוי ווי ער [דער חסיד] וואָלט אַליין גאָר קיין שכל ניט געהאַט, חוץ דעם וואָס ער קריגט פון צדיק".

אַ חסיד טאָר זיך ניט באַגנוגענען נאָר מיט די ספרי מוסר פון די צדיקים, נאָר ער באַדאַרף פאָרן צו זיי און הערן תורה פון זייער מויל, „וואָרעם דער עיקר איז דאָס וואָס מען הערט פון צדיקס מויל". „אַפילו „נאָר אָנקוקן דעם צדיקס פנים איז זייער אַ גרויסע זאַך". דער צדיק איז דער היילער פון די נשמה־קרענק, „און די עיקר רפואה איז דווקא דורך אַ פדיון, וואָרעם דורך דעם מאַכט מען ווייכער דעם דין". — און דאָס איבעריקע

איז שוין פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין. דער מחבר געפינט אויס אַ פלפולדיקן טעם דערפאַר, „וואָס די צדיקים אין דער היינטיקער צייט זיינען גבירים און אין די פריערדיקע צייטן זיינען זיי געווען על פי רוב אָרעמע לייט אביונים", און ער זעט דערין אַ סימן פון גייסטיקער עליה[1]. אין דער אמתן האָט ער גאָר אַזאַ געקוועטשטן איינטייטש ניט באַדאַרפט האָבן, וואָרעם דער טעם איז קלאָר: ווייבאַלד דער צדיק איז לויט דער חסידישער טעאָריע געוואָרן אַ סרסור אין הימל פאַרן כלל־ישראל, דאַרף שוין אים קיין פרנסה ניט אויספעלן.

דאָס וואָס איז אין ר' אלימלך ליזענסקערס שיטה געווען אַ פשוטער חשבון (דער צדיק קריגט פון דעם חסיד פעט פאַר זיין השפעה אין דעם פאַרזאָרגן אים מיט „בני חיי ומזוני") — האָט אין ר' נחמנס שיטה אָנגענומען אַ ביז גאָר מיסטישע און צוגלייך נאַיווע פאָרם, ווי בכלל די גאַנצע תורה פון אָט דעם צדיק. דאָ איז ניטאָ קיין געלט־גייציקייט, דאָס איז ניט מער ווי אַ דעפיניציע פון דעם צדיקס ראָלע אויף דער וועלט. ר' נחמן האָט, ווייזט אויס, ניט פאַרנומען זיך מיט די סגולות פון די בעלי־שם, מיט קמיעות און השבעות, און האָט זיך באַנוגנט נאָר מיט תפילה טון. קיין בראַסלאַוו פלעגט מען קומען הערן זיין תורה און זיין תפילה. מאַסנווייז פלעגן חסידים קומען צו אים דריי מאָל אין יאָר: ראש השנה, חנוכה און שבועות־צייט. באַזונדערס האָט ער אָנגעזאָגט זיינע חסידים, זיי זאָלן זיין ביי אים ראש־השנה „אַלע ווי איינער, קיינער זאָל ניט פעלן". פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויספאָרן „אויף דער אוקראַינע" צו באַזוכן זיינע חסידים, דאָס הייסט ער פלעגט פאָרן פון פאָדאָליע קיין וואָלין און קיעווער קאַנט: אומאַן, טשיהירין, זאַסלאַוו, אָסטרע, ראָוונע, קרעמענטשוק און אַנדערע[2].

טיילמאָל פלעגט ר' נחמן מתפלל זיין אויך אויף צרות הכלל,

1 ליקוטי מוהר"ן, דף ב', ט"ז, י"ז, כ"א, כ"ב, ע"ז, צ"א, קט"ז; ליקוטי מוהר"ן תנינא, דף ו, נ', נ"א; זע אויך דעם ספר „ליקוטי עצות" למהר"ן, סימן צדיק און זיין „ספר המדות", דעם זעלביקן סימן.

2 חיי מוהר"ן, חלק א' 59, 60, 63: „אַז ער פלעגט קומען אין אַ שטאָט, פלעגט מען אַרויסגיין אים אַנטקעגן און מען פלעגט אים אָנטון כבוד (עושים לו כבוד)" אין ר' נחמן פלעגט זאָגן תורה און קריגן געלט (מקבל מעות) פון זיינע חסידים. זע „ימי מהרנ"ת", דף ו'—ח'.

עס זאָלן בטל ווערן די שלעכטע גזירות, וואָס דאָס מלכות גיט אַרויס אויף יידן. אין די יאָרן 1802 — 1803, ווען די רוסישע רעגירונג האָט אַרומגעקלערט די יידישע פראַגע און דעפּוטאַטן פון די קהילות זיינען פאַרבעטן געוואָרן קיין פּעטערבורג, כדי אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג וועגן די פּראָיעקטירטע אויסבעסערונגען, האָבן אין אוקראַינע זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם, אַז די רעגירונג וויל אַריבערפירן יידן פון די דערפער אין די שטעט אַריין, פאַרבאָטן זיי צו האַנדלען מיט בראָנפן, אַריינברענגען איבער געוואַלד יידישע קינדער אין רוסישע שולן און נעמען זיי פאַר רעקרוטן. דעמאָלט האָט ר׳ נחמן זיך משתדל געווען אין די עולמות העליונים, די גזירות זאָלן בטל ווערן[1]. אמת, דאָס רוב פון די גזירות זיינען ניט בטל געוואָרן, אָבער דער שרעקלעכסטער פּראָיעקט — צו נעמען די קינדער פאַר רעקרוטן — איז אין יענער צייט, אונטער אלכסנדר I, ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן און איז געוואָרן אַ געזעץ ערשט אין 25 יאָר אַרום, אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן. און חסידים האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ר׳ נחמן טאַקע אויסגעפועלט; ער אַליין האָט געזאָגט זיינע מקורבים: „איך האָב דאָס אָפּגעשטופּט אויף עטלעכע און צוואַנציק יאָר“.

ר׳ נחמן האָט פיינט געהאַט אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן, און באַזונדערס די פילאָסאָפישע חקירה אין ענינים פון יידישקייט. די „חכמי הטבע“ זיינען אין זיינע אויגן געווען „בייזע חיות וואָס דורסן און פאַרצוקן אַ סך פון די זין פון אונדזער פאָלק, וואָס לאָזן זיך פאַרפירן פון זיי און מיינען, אַז אַלץ [פירט זיך אויף דער וועלט] וועדליג דער נאַטור, און ווי אַזוי ווי עס וואָלט ניט געווען קיין [געטלעכער] רצון, און אפילו די שרעקלעכע וואונדער וואָס השם יתברך האָט מיט אונדז געטאָן מאַכן זיי אויך אַלץ פאַר דרך הטבע“. אפילו מעדיצין וואָס אַ סך יידישע גדולים אין אַלע תקופות האָבן זיך פאַרנומען מיט איר איז אין זיינע אויגן פּסול. אַן אויסגעפּרוּווטע היילונג פאַר קראַנקע ברענגט די תפילה פון צדיקים. „אַז די תפילה ווערט אויסגעלייזט און אויסגעקויפט, דעמאָלט פאַלט די גאַנצע דאָקטאָריע, וואָרעם אַלע רפואות זיינען דורך

---

1 חיי מוהר״ן חלק א׳ 7, 9, 56; ימי מהרנ״ת דף ב׳. דער באַרימטער געזעץ-פּראָיעקט פון יאָר 1804 ווערט דאָ אָנגערופן „פּונקטין“.

גראָזן, און איטלעך גראָז באַקומט זיין כוח פון זיין באַשטימטן שטערן און מזל, און זיי אַלע באַקומען פון דעם שורש פון אַלץ, וואָס דאָס איז גאָטס וואָרט, און דערפאַר אַז מען איז זוכה צו תפילה, דאַרף מען נים האָבן קיין רפואה פון די גראָזן, ווי אין פסוק שטייט (תהילים ק"ז 20): ישלח דברו וירפאם — ער שיקט זיין וואָרט און היילט זיי אויס". וועגן די געלערנטע דאָקטוירים האָט ער געזאָגט אַ וויץ: „דעם מלאך המות איז אַליין שווער געווען צו טייטן די גאַנצע וועלט, האָט ער אַוועקגעשטעלט שליחים אויף זיין אָרט, דאָס זיינען די דאָקטוירים"[1].

אויב אין אָט דער באַציונג פון צדיק צו די „דאָקטוירים" שטעקט אַ שטיקל קאָנקורענץ פון מענטשן פון זעלביקן פאַך, זעען מיר אין זיין שנאה צו דער פילאָסאָפישער פאָרשונג פון דער רעליגיע די קאָנקורענץ פון צוויי ווידערנאַנדיקע וועלט-קוקן. פאַר דער חסידות איז איטלעכע רעליגיעזע חקירה געווען סם-המות, און ממילא האָט דער עקסטרעמסטער צווישן די חסידים געמוזט קעמפן מיט זיין גאַנצן כוח קעגן דער סכנה פון דער חקירה. ר' נחמן „פלעגט זייער מיאוס מאַכן די ביכער פון די חוקרים און פילאָ-סאָפן, און ער פלעגט זאָגן, אַז דאָרט איז גאָר ניטאָ קיין גאַנצער שכל, ווי עס איז פאַראַן אין אַ שטיקל מהרש"א אָדער מהר"ם שיף און זייער גלייכן... און ווייל איז דעם ווער עס ווייס ניט פון זייערע ביכער". „ווער עס לייענט די ביכער פון די פילאָסאָפן, גייען אים אַריין אין האַרצן ספקות און כפירות... און הגם עס געפינען זיך אין זיי אייניקע זאַכן פון גוטע מידות, איז זייער שאָדן גרעסער פון זייער נוצן, וואָרעם זיי צעטומלען דעם מענטשנס זינען"[2].

באַזונדערס שטאַרק האָט ר' נחמן זיך געשראָקן פאַר דער אַפיקורסות וואָס עס שטעקט אין דער יידישער חקירה. ער פלעגט זאָגן: „אַ גרויסע אַפיקורסות גייט אַרום איבער דער וועלט, און

1 ליקוטי מוהר"ן תנינא, דף ב', ח' און אַנד'; זע „שיחות מהר"ן" אין דערמאָנטן כ"י (דף ל"א — ל"ב); אין געדרוקטן ספר איז דער מחבר נאָך מוסיף: „און דאָס וואָס אונדזער רבי ז"ל איז אַליין געפאָרן קיין לעמבערג און האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט רפואות, דערין איז פאַראַן זייער פאַרבאָר-גענע סודות" (חיי מוהר"ן, א' 32, 89).

2 „שיחות מהר"ן" אין כתב-יד, דף כ"ג—כ"ד.

ווייל איז דעם ווער עס האַלט זיך פאַר דער אמונה... איצטער האָט זיך פאַרשפּרייט די אַפּיקורסות, און עס איז געוואָרן אַ פרייע וועלט (הותרה הרצועה) צו רעדן שלעכטס אויף צדיקים און ערלעכע יידן, און אין דער אמתן איז דאָס [געווענדט] אויך קעגן השם יתברך אַליין... מיר באַדאַרפן גאָר ניט אַריינגיין אין חקירות, וואָרעם דאָס איז זייער אַ גרויסער איסור, נאָר מיר גלייבן אין אים געלויבט איז ער".[1] און אַפילו די מחקר־ספרים פון די אַלטע טאָר מען ניט לייענען, אַזוי למשל זיינען פאַרבאָטן: די פירושים אויף תנ"ך וואָס זיינען געדרוקט אין די תנ"ך־אויסגאַבעס „מקראות גדולות" (דער אבן־עזרא, דער רלב"ג א"א), דער „שער היחוד" אין דעם ספר „חובות הלבבות", דער ספר „העקדה" פון ר' יצחק עראמה, וואָס ער גופא איז אַפילו כשר, אָבער עס ווערן אין אים געבראַכט ציטאַטן פון די פסולע פאָרשער, און מער פאַר אַלץ דעם רמב"מס ספרים: „מורה נבוכים" און „מלות ההגיון"; פון דעם „יד החזקה" דערלויבט ער האַלטן נאָר די טיילן וואָס באַהאַנדלען די דינים, אָבער דעם „ספר המדע", וואָס פאָרשט די עיקרים פון גלויבן, אסרט ער לחלוטין, וואָרעם זיין אינהאַלט איז קעגן „אַלע אמתע ספרים וואָס מיר האָבן בקבלה פון דעם געטלעכן תנא ר' שמעון בן יוחאי און פון דעם אר"י ז"ל". און ר' נחמן וואָרנט דעם חסיד: „דו זאָלסט חלילה ניט אַריינקוקן אין די דאָזיקע חקירות, כדי דו זאָלסט ניט פאַרלירן דיין וועלט, ווי עס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען כמה וכמה, וואָס שטעלן אַוועק פאַר זיך ווי אַ שילה און שוץ די דאָזיקע ספרים. און נעם זיך צום האַרצן און באַקלער, פאַר וועמען געשיקט זיך דיר מער צו פאַרכטן: צי פאַר דעם ספר „מורה נבוכים" וואָס איז געבויט אויף די סברות פון אריסטו דעם גרעק ימח שמו וזכרו, אָדער להבדיל פאַר די ספרים פון הייליקן זוהר און פון דעם אר"י ז"ל, וואָס אַלע זייערע רייד גייען איבער בקבלה פון מאַן צו מאַן ביז משה רבינו עליו השלום". און דער חסיד דער תמים וואָס האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער פון זיין רבין איז פון זיין זייט מוסיף: „און דאָס וואָס ער

---

1 דאָרט, דף כ"ט — ל"ז. די ווייטער געבראַכטע פראַגמענטן זיינען אַרויסגענומען פון צווייטן טייל פון דעם ספר „חיי מהר"ן", ז' 36 א"וו, אין דעם סעיף: „להתרחק בחקירות ולהתחזק באמונה".

(ר׳ נחמן) אַליין קלעגט אַמאָל מעיין זיין אין די דאָזיקע ספרים איז דאָס אין דער בחינה פון דעם סוד וואָס יידן זיינען געגאַנגען אין מדבר, דעם אָרט פון דער סיטרא אחרא; אָבער פאַר אונדז איז דאָס אַ גרויסער איסור אַריינצוקוקן אין די דאָזיקע חקירה־ספרים".

אָט די גאַנצע שרעק האָט זיך דערוועקט מחמת די קלאַנגען וואָס זיינען דערגאַנגען צום בראַסלעווער צדיק, אַז „די אפיקורסות גייט אַרום איבער דער וועלט", אַז עס פאַרשפּרייטן זיך אַלץ מער די מיינונגען פון די בערלינטשיקעס, מענדעלסאָנס תלמידים. אין דייטשלאַנד „גייען יידן אָנגעטאָן דייטשיש", ווייל דאָרט האָט זיך ניט פאַרשפּרייט די תורה פון קבלה און חסידות, און אַפילו „די ספרים פון הייליקן זוהר זיינען דאָרט ניט בנמצא". די גזרה פון מלכות, „אַז מען וועט חס־ושלום זיין געצוואונגען צו לערנען מיט די קינדער חכמות און לשונות, איז די ערגסטע פון אַלע „גזירות", „וואָרעם דורך דעם פירט מען אַראָפּ אין גאַנצן פון דת. אַזוי ווי מיר זעען בחוש, אַז דער וואָס גייט אויף דעם וועג גייט אַרויס פון דת אין גאַנצן", און מען באַדאַרף „גוזר תענית זיין און שרייען צו השם יתברך", ער זאָל מבטל זיין די דאָזיקע גזירה.

ר׳ נחמן האָט אַזוי געזאָרגט צו היטן זיינע שאָף פאַר די מזיקים פון דער נייער השכלה, אַז ער האָט געמאַכט ספּעציעלע תפילות צוליב דעם. אין איין תפילה שטייט: „רבונו של עולם... באַגליק אונדז, מיר זאָלן אויסמיידן פון צו פאַרנעמען זיך מיט די שריפטן און לשונות פון די גויים, וואָרעם דורך דעם איז מען פוגע אין דער הייליקייט פון דער נשמה, און זיי מבטל פון אונדז אַלע שווערע גזירות, און בפרט די שלעכטע גזירה צו לערנען מיט יידישע קינדער די שריפט און דעם לשון פון גויים". און נאָך אַזאַ תפילה האָט ער געמאַכט: „רבונו של עולם, העלף אונדז און באַגליק אונדז צו שטאַרקן זיך צו גלייבן אין דיר און אין דיינע אמתע צדיקים באמונה שלמה, און ניט אַריינצוגיין אין קיין שום חקירה, און ניט אַריינצוקוקן אין קיין שום ספר פון די ספרים פון די מחקרים, אַפילו פון יענע וואָס עס האָבן מחבר געווען גדולי ישראל"...[1]

1 „ליקוטי תפילות ותחנונים... מיוסדים על כמה מאמרים שבספרי ליקוטי מוהר"ן", לעמבערג 1876, ז׳ 10 און 21. דאָס דאָזיקע קליינע ספרל איז

בכלל זעט ר׳ נחמן אין אַלע חכמות פון דער וועלט אַ סכנה פאַר דער ריינער אמונה. תמימות און פשטות דאָס איז דער גרונט פון אַלץ. „אַ מענטש באַדאַרף אַוועקוואַרפן אַלע חכמות (להשליך כל החכמות) און דינען השם יתברך מיט פשטות (בפשיטות) און מיט תמימות... מען באַדאַרף טון אַפילו זאַכן וואָס זעען אויס ווי שיגעון, בכדי צו טון זיין רצון געלויבט איז ער, זיך קייקלען אין אַלע מיני בלאָטעס און וואַסערן אויף צו דינען גאָט“. „דער עיקר פון יידישקייט איז צו גיין מיט תמימות און פשטות אָן שום חכמות... מען באַדאַרף אויך ניט אַ סך חקירהן זיך אין עבודת ה׳, וואָרעם דאָס וואָס מען קלערט צו פיל, וואָס מען רופט אָן איבערטראַכטין, וואַרפט אַראָפ דעם מענטשן פון זיין דינסט געלויבט איז ער. און די גרעסטע חכמה פון אַלע חכמות איז גאָר ניט צו זיין קיין חכם, נייערט נאָר צו זיין אַ תמים און גערעכטער אין פשטות... הגם אויך אין תמימות באַדאַרף מען זיין געהיט, ניט צו זיין קיין שוטה“[1].

צי איז דער צדיק אַליין געווען אָפּגעהיט פון אַריבערצוטרעטן דעם גרענעץ, וואָס שיידט אָפּ דעם תמים פון דעם שוטה? שווער צו ענטפערן גענוי אויף דער פראַגע. טיילמאָל הערן מיר פון אים זאַכן, וואָס פון זיי איז צו זען אַ שטאַרק פאַרטיפן זיך אין די לעבנס־דערשיינונגען, למשל אַזעלכע ווערטלעך: „דער יצר־הרע [דאָס הייסט, דאָס וואָס רייצט אויף דעם מענטשנס תאוות] איז געגליכן אַזוי ווי ער וואָלט כסדר אַרומגעלאָפן צווישן מענטשן מיט אַ פאַרמאַכטער האַנט, און קיין מענטש ווייס ניט וואָס אין

אַ מין קיצור פון דעם ספר „ליקוטי תפילות למהר״ן“, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין יאָר תקע״ח, און עס זיינען אין אים צוגעגעבן נאָך עטלעכע בקשות. פאַראַן אַ יסוד חושד צו זיין, אַז אין די תפילות קעגן דער „אַפיקורסות“ זיינען אַריין שפּעטערע הוספות פון דער צייט פון דער מלחמה צווישן די משכילים און די חסידים. למשל אַזאַ מין הוספה (דף כ״א—כ״ב): „רבש״ע, דו ווייסט, ווי עס האָט זיך געשטאַרקט און פאַרשפּרייט אַ גרויסע אַפיקורסות אויף דער וועלט... און דו ווייסט דאָס מוטוויליקע הארץ פון דעם רוב מחקרים און פילאָסאָפן און ווי זיי האָבן אויפגעריסן דאָס מויל אָן אַ גרענעץ צו רעדן אויף אַלע אמתע צדיקים מיט האָפערדיקייט און פאַראַכטונג“ אאַז״וו.

1 ליקוטי עצות למהר״ן, סעיף „תמימות“ צום סוף פון ספר.

דער האַנט געפּײַנט זיך, און ער נאַרט אָפּ די מענטשן און פֿרעגט איטלעכן: וואָס האַלט איך? און איטלעכן דוכט זיך אויס, אַז ער [דער יצר־הרע] האַלט דאָס וואָס ער [דער מענטש] גלוסט צו דעם, און דערפֿאַר לויפֿן אַלע נאָך נאָך אים. און דערנאָך עפֿנט ער פֿונאַנדער די האַנט, און עס איז גאָרנישט ניטאָ אין איר". „אַלע תאוות פֿון דער וועלט זײַנען געגליכן צו די זײַלן זונען־שײַן, וואָס גייען אַרײַן אין שטוב [דורך דעם שטויב], וואָס זעען אויס ווי זײַלן בעתן שײַנען. און אַז מען וויל זיי אָנכאַפּן בלײַבט אין די הענט גאָרנישט[1].

פֿון דער צווייטער זײַט זײַנען פֿאַראַן זייער אַ סך ווערטלעך, וואָס אין זיי איז פֿאַראַן מער ווי תמימות. חידושדיק באַזונדערס איז ר' נחמנס באַרימערײַ. אין משך פֿון דער צײַט, אַז זײַנע פֿאַרערערס האָבן אים גענומען הייבן אין הימל אַרײַן, און זײַנע תלמידים, אַשטייגער ווי ר' נתן נעמיראָווער, האָבן גענומען אויפֿכאַפּן יעדער וואָרט זײַנס ווי אַ נײַע תורה און אים זאָגן שבחים אין פּנים אַרײַן, האָט זיך בײַ אים געשטאַרקט דער גלייבן, אַז ער איז דאָס דער אויסדערוויילטער צדיק, דער באַשעפֿער פֿון יענער געלײַטערטער חסידות פֿון משיחס צײַטן, וואָס וועגן איר האָט דער בעש"ט נביאות געזאָגט אין זײַן באַוווסטן בריוו. וויפֿיל מאָל האָט ר' נחמן זיך באַרימט אין דעם קרייז פֿון זײַנע חברים, אַז ער איז אַ „גרויס חידוש אויף דער וועלט"; „אַ חידוש ווי איך איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען"; „ווען איך וואָלט געוואָלט מגלה זײַן פֿון מײַן איך, וואָלט די גאַנצע וועלט געלאָפֿן נאָך מיר". מיט אַ גאַוודיקער ענוות פֿלעגט ער זאָגן, אַז ער איז אַ גרעסערער עניו פֿון אַלע מפֿורסמים און ער האַלט זיך פֿאַר אַ גאָרנישט, אָבער אויך די מפֿורסמים האָבן אין זײַנע אויגן קיין באַטרעף ניט — אַ שטאָך קעגן די אַנדערע צדיקים, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען זײַן גרויסקייט. און מיט דער זעלביקער ענוות זאָגט ער: „וואָס מיט מיר וועט זײַן, ווייס איך ניט, אָבער דאָס האָב איך געפּועלט בײַ השם יתברך, אַז דער גואל צדק וועט זײַן פֿון מײַנע קינדס־קינדער"; „מײַן פֿײַערל וועט שוין פֿלאַמען, ביז משיח וועט קומען". מיט אַן אָנצוהערעניש אויף די צדיקים וואָס ווערן

1 שיחות מהר"ן, כתב־יד, בלאַט 24.

רייך פון די „פדיונות“ פון זייערע פאַרערערס פלעגט ער זאָגן: „צי וואָלט איך דען ניט געקאָנט זיין אַ גוטער ייד ווי אַלע מנהיגים, וואָס חסידים פאָרן צו זיי און ווייסן ניט צוליב וואָס זיי פאָרן און קומען נאָך אַמאָל און ווייסן ניט צוליב וואָס? אָבער איך האָב דאָס ניט געוואָלט“. אין דער אמתן איז די זאַך ניט געווען געווענדט אין וועלן, נאָר אין קאָנען: דער גרעסטער רוב חסידים האָבן ר׳ נחמנען ניט אָנדערקענט פאַר אַ „גוטן יידן“, און די צדיקים האָבן ניט געוואָלט אַריינעמען אים אין זייער קאָמפּאַניע. און הערפאַר האָט ער געמוזט טרייסטן זיינע פאַרערערס מיט נביאות: „לעתיד לבוא וועט די גאַנצע וועלט זיין בראַסלעווער חסידים“[1].

אַז דער ספר „ליקוטי מוהר״ן“ איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט דער מחבר זיינער געמאָלדן, אַז ער איז די „אתחלתא דגאולה“, און אַז די גאַנצע וועלט „באַדאַרפן לערנען אים, ביז זיי וועלן אים קענען אויף אויסווייניק“, וואָרעם „עס איז פאַראַן אַ גרויסער עמקות אין זיין תורה“. „איין מאָל, — דערציילט זיין תלמיד — האָט ער געלויבט זיין ספר און האָט געזאָגט, אַז דורך לערנען אים קאָן מען ווערן אַן אמתער בעל־תשובה, און ער האָט שטאַרק געגלוסט, אַז מען זאָל אָפּדרוקן זיין ספר אַ סך מאָל און ער זאָל פאַרשפרייט ווערן איבער דער וועלט. און ער האָט געזאָגט, אַז די מענטשן זאָלן לערנען אין דאַוונען לויט אָט דעם ספר. און ער האָט געזאָגט, אַז איטלעכער מענטש דאַרף זיך מיען צו קויפן אָט דעם ספר, און ווער עס האָט ניט פאַר וואָס צו קויפן, זאָל פאַרקויפן אַ קישן פון צוקאָפּנס און קויפן“. און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז מען באַדאַרף קויפן זיינע ספרים, וואָרעם אַפילו ווען זיי שטייען אין אַלמער ברענגען זיי אַ גרויסע טובה און דינען ווי אַ גוטע שמירה פאַר די שטוב־כלים און פאַרן געלט פון אַלע היזקות[2].

געווים באַדאַרף מען אַרויסשטעלן אַ גרויסן חלק פון די אַלע לויבגעזאַנגען אויפן חשבון פון די דערציילערס, דאָס הייסט ר׳ נתן און זיינע חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין צונויפשטעלן די „ליקוטי מוהר״ן“: מחמת זיי האָבן געוואָלט גרעסער מאַכן זייער רבין און זיין ספר, האָבן זיי אַריינגעלייגט אים אין מויל אַריין

1 חיי מוהר״ן, חלק ב׳ 8, 9, 12, 13 18, 22, 23.

2 דאָרט, 25, 26, 29.

זייערע אַלע לויב־רייד און רעקלאַמעס. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז אַ גרויסע מאָס פון איבערנעמען זיך און באַרימעריי איז געווען אין ר׳ נחמנען אַליין. ער האָט אַליין געגלייבט אין זיך, ווייל זיינע תלמידים האָבן אין אים געגלייבט, און דאָס וואָס חוץ זיין באַגייסטערטן קרייז האָט ער געהאַט געגענער און אַפילו דם־שונאים, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ווילן צו דערווייזן גאָר דער וועלט, אַז ער איז דער איינציקער וואָס איז באַשטימט אָנ־צוזאָגן דער וועלט דעם אַבסאָלוטן אמת.

און שונאים האָט ער געהאַט זייער אַ סך. דער גרעסטער טייל צדיקים פון יענעם דור האָבן אים באַטראַכט ווי אַ פרעמדן אַריינרייסער, וואָס איז ביי קיינעם פון זיי ניט געווען קיין תלמיד און איז פון קיינעם פון זיי ניט אָנדערקענט געוואָרן פאַר אַ גוטן יידן. זיין פעטער ר׳ ברוך פון טולטשין און מעדזשיבאָזש האָט, ווייזט אויס, זיך באַצויגן צו זיין פלימעניק מיטן ביטול פון פראַק־טישן מענטשן צום „תמים“ און פאַנטאַזיאָר און אפשר אויך מיט דער קנאה צו אַ קאָנקורענט, וואָס האָט פרעטענזיעס אויפן בעש״טס ירושה. ר׳ נחמן האָט זיין פעטער געצאָלט מיט דער זעלביקער מאָס, און איין מאָל אַ שבת האָט ער גערעדט פאַר זיינע חסידים הארבע דיבורים קעגן זיין פעטער, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ פולער שפּאַלטונג אין דער משפחה[1]. קיין פריינדלעכע באַציונג צו ר׳ נחמנען זעען מיר ניט אויך מצד אַנדערע גרויסע צדיקים; אַפילו דער אַלטער באַרדיטשעווער, וואָס האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם בעש״טס אייניקל, איז סוף כל סוף ניט ביישטאַנען אים אין זיין מחלוקת מיטן שפּאָלער זיידן. זיין ספר „ליקוטי מהר״ן“ איז אַרויס אָן שום הסכמה פון די צדיקים[2], און אויך דער מחבר

1 ימי מהרנ״ת, דף ג׳—ד׳. דאָס איז געווען, לויט ר׳ נתנס פאַרשריי־בונג, זומער 1803.

2 אין ערשטן דרוק פון יאָר תקס״ח האָב איך קיין שום הסכמה ניט געפונען. אין דעם נייעם ספר „עשר אורות“ פון ר׳ ישראל בערגער (תרס״ה, ז׳ 109) איז אָפּגעדרוקט אַ הסכמה פון ר׳ יעקב יצחק לובלינער אויפן ספר „ליקוטי מהר״ן“, געחתמעט כ״ו טבת תקס״ח. די הסכמה קומט ביי מיר אויס חשודיק איבער כמה טעמים: דער לובלינער רופט אָן דעם בראַסלעווער „מיין מחותן“ (?) און חתמעט זיך „אוהבו הגם שאינני יודעו ומכירו“ (זיין פריינד, הגם ער ווייס אים ניט און קען אים ניט); ער זאָגט עדות, אַז דעם ספר האָט דער

דערמאָנט ניט אין זיין ספר קיין איין צדיק און ברענגט ניט קיין איין מאמר אין נאָמען פון די פריערדיקע אָדער שפּעטערדיקע רביים. אַפילו דעם בעש"טס נאָמען רופט ער ניט אָן. איידער דער ספר איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז איין כתב־יד ר׳ נחמנס פאַרברענט געוואָרן, וואָס דאָס איז געווען פאַר די חסידים אַ רעטעניש. אין יאָר תקס"ו האָט דער סופר ר׳ נתן אָנגעשריבן לויט זיין רבינס דיקטאַט אַ ספר, אַ „הייליקן און פאָרכטיקן", וואָס האָט געדאַרפט איבערשטורעמען די וועלט, ווען ער וועט אַרויסגיין. אָבער ער האָט דערצו ניט זוכה געווען. אַז ר׳ נחמן איז אָנהייב תקס"ח געקומען קיין לעמבערג זיך צו היילן פון זיין שווערער קרענק, האָט ער גערופן צו זיך איינעם פון זיינע חברים און האָט אים דערציילט מיט גרויס געוויין און מיט זיפצן, אַז ער האָט ביי זיך אין דער היים אין בראַסלאַוו אַן אָנגעשריבענעם ספר, וואָס פאַר אים איז ער דאָס געשטראָפט געוואָרן פון הימל: זינט דאָס געשריפטס ליגט ביי אים אין שטוב, זיינען ביי אים געשטאָרבן ווייב און קינדער, און איצט זעט ער ברוח הקודש, אַז ער אַליין וועט אויך שטאַרבן, אויב דער ספר וועט ניט פאַרברענט ווערן. און דערפאַר האָט ער געהייסן זיין חבר תיכף פאָרן קיין בראַסלאַוו, אַרויסנעמען די כתבים וואָס זיינען באַהאַלטן אין אַן אַלמער און זיי פאַרברענען. דער חבר האָט געטאָן וואָס מען האָט אים געהייסן — און אַזוי אַזוי איז פאַרשווונדן פון „דער וועלט" אַ ספר, וואָס איז געווען „רזין דרזין", און דער דור האָט צו אים קיין זכיה ניט געהאַט[1].

וואָס איז געווען די ריכטיקע סיבה, פאַרוואָס די שריפט איז פאַרברענט געוואָרן און וואָס איז געווען איר אינהאַלט? עס ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער נוסח פון דעם ספר הליקוטים, און אין אים זיינען מסתמא געווען שאַרפע רייד קעגן די אויטאָריטעטן פון דער חסידות, און אַז צווישן עולם איז באַוווּסט געוואָרן אַ

מחבר אים צוגעשיקט אין כתב־יד און פאַרבאָט אַנדערע אים אָפּצודרוקן, אָבער ער דערמאָנט ניט דעם נאָמען פון דעם אַרויסגעבער ר׳ נתן נעמיראָווער, און יענער ווידער האָט אויך ניט דערמאָנט דעם לובלינער רבין אין זיין באַרימטער דערציילונג.

1 ימי מהרנ"ת, דף ו׳, ז׳, ט"ו, י"ט; חיי מוהר"ן חלק א׳, ז׳ 72—75.

ביסל פון דעם אינהאַלט[1], האָט מען ר׳ נחמנען געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט האָבן אַ ביטערן סוף, אויב ער וועט זיך דערוועגן אָפּצודרוקן דעם ספר. און דעריבער איז ער געווען געצוווּנגען אים צו באַהאַלטן און אָפּצודרוקן אַן אַנדער נוסח. אָבער אויך אין דער אויסגעבעסערטער פאָרם איז דער ספר ניט אָנגענומען געוואָרן ביי חסידים, חוץ דער בראַסלעווער גרופּע.

בכלל זיינען די בראַסלעווער געשטאַנען מחוץ דער חסידישער מחנה, און אין אַ סך ערטער האָט מען זיי גערודפט. ר׳ נחמן באַקלאָגט זיך אין אַ בריוו צו זיינע אָנהענגער, וואָס ער האָט געשיקט אין יאָר 1807 פון זאַסלאַוו: „מיר איז דערעסן צו זיצן אין בראַסלאַוו פון וועגן די גרויסע צרות און קלאָפּאָטעס וואָס זיינען געקומען אויף מיר, און איצט וועל איך גיין פון געצעלט צו געצעלט, און ניט אויף צו באַזעצן זיך אויף שטענדיק, נייערט נאָר אויף וויינען דערווייל“. זיין ברודער יחיאל צבי, וואָס איז געשטאַנען בראש פון אַ חבורה בראַסלעווער חסידים אין קרעמענטשוג, פלעגן די מתנגדים מבזה זיין און דערנידעריקן, און ר׳ נחמן טרייסט אים אין זיין בריוו: „אַזוי ווי אַלע מינים קערנער קאָנען ניט אויסוואַקסן, סיידן דער זאָמען ווערט פאַרפוילט אין דער ערד, און נאָך זיין פאַרפוילן בליט ער אויף און שפּראָצט אַרויס און ווערט אַ גרויסער בוים, אַזוי ווייסטו אויך הורך דעם וואָס מען דערנידעריקט דיך ביז צו דער ערד, גרויס ווערן און בליען אין דער וועלט“[2]. אין זיינע אָפטע נסיעות „איבער דער אוקראַינע“ פלעגט ר׳ נחמן אַריינקומען אין דעם גבול פון אַנדערע צדיקים און צוציען צו זיך פדיונות־געבער, און דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן יענע וואָס זייערע הכנסות זיינען געמינערט געוואָרן. אין די יאָרן תקס״ו און תקס״ז האָט ער געמאַכט זיין „גרויסע נסיעה“ איבער אַ סך קהילות פון אוקראַינע (זאַסלאַוו, אָסטראָ, דובנע, קרעמענטשוג און די פּאָלעסיער שטעט), און קיינער האָט

1 אין חיי מוהר״ן (ז׳ 72) ווערט דערציילט, אַז ר׳ נחמן האָט צוערשט איבערגעגעבן די כתבים צוויי פון זיינע מקורבים „און האָט זיי געהייסן אַרומפאָרן איבער די שטעט און צו זאָגן דאָרט אַ ביסל“ פון דעם אינהאַלט פון ספר.

2 חיי מוהר״ן, חלק א׳, 71.

ניט געוווּסט וואָס האָט אים דערצו געבראַכט[1]. זײַן תּלמיד ר׳ נתן דערציילט אין זײַנע זכרונות, אַז „אַזאַ שווערער טילטול איז געווען אַ גרויסער וווּנדער, וואָרעם ער האָט אין דער דאָזיקער נסיעה קיין שום געלט ניט געקליבן. אדרבא, ער האָט אויסגעגעבן פֿון זײַן קעשענע אַ גרויסע סומע אויף די הוצאות פֿון וועג״. צו זײַנע אָנהענגער פֿלעגט ער זאָגן: „אויב די וועלט וואָלט וויסן, צוליב וואָס ער פֿאָרט, וואָלט מען געקושט איטלעכן טריט זײַנעם״, וואָרעם „אין איטלעכן טריט וועגט ער אַראָפּ די וועלט צו דער זײַט פֿון זכות״. ווי עס ווײַזט אויס, האָבן די טילטולים געווירקט שלעכט אויף זײַן געזונט; אין יענער צײַט האָט זיך בײַ אים געשטאַרקט די סוכאָטע, וואָס ער איז אין עטלעכע יאָר אַרום פֿון איר געשטאָרבן. אַ שטאַרקער הוסט מיט בלוט-שפּײַען האָט בײַ אים אויסגעצויגן די לעבנס-זאַפֿט. ניט געקוקט אויף גאָר זײַן געגנערשאַפֿט צו דאָקטוירים, פֿלעגט ער אַלע יאָר פֿאָרן קיין לעמבערג צו באַרימטע דאָקטוירים — און פֿלעגט זיך אומקערן אַהיים מיט פֿרישע טענות קעגן די „באַהעלפֿער פֿון מלאך המות״.

אין יענער צײַט, בעת עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן זײַן קערפּערלעכע און אויך זײַן גײַסטיקע קראַפֿט, האָט ר׳ נחמן אויפֿגעהערט צו „זאָגן תּורה״, נאָר ער פֿלעגט דערציילן זײַנע מקורבים אויסגעטראַכטע „מעשיות״, וואָס אין זיי זאָלן זײַן באַהאַלטן „נסתּרות״, סודותדיקע זאַכן[2]. זײַן תּלמיד ר׳ נתן און זײַנע חברים האָבן פֿאַרשריבן די דאָזיקע מעשיות מיטן פֿולן גלויבן, אַז עס שטעקן אין זיי וועלט-סודות. אַזוי אַרום איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דער ספֿר „ספּורי מעשיות״, וואָס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פֿאָלק אין אָפּשריפֿטן און איז נאָכן מחברס טויט אָפּגעדרוקט געוואָרן (תּקע״ה). דאָ איז ניטאָ דער קורצער משל מיטן קלאָרן נמשל, ווי דאָס איז געוויינטלעך אין די ספֿרים פֿון דעם בעש״טס עלטערע תּלמידים. דער קראַנקער טרוימער פֿון בראַצלאַוו דערציילט לאַנגע אויסגעטראַכטע מעשיות, די פֿרוכט פֿון אַ ניט-אײַנגעצאַמטער

---

1 דאָרט, 67 א״וו; ימי מהרנ״ת, דף י״א א״וו.

2 ר׳ נתנס הקדמה צו די „ספּורי מעשיות מר׳ נחמן״, פֿון יאָר תּקע״ה, אָן דרוק-אָרט; זע „ימי מהרנ״ת, דף כ״ה — כ״ו; חיי מהר״ן, חלק א׳ 31 א״וו.

פּאַנגאַזיע, ווייט פון דער ווירקלעכקייט און פון געזונטן מענטשן-פאַרשטאַנד, אַז מען „בבא-מעשה“, מער ניט וואָס ער לייגט אין זיי אַריין עפּעס אַן אומקלאָרע כוונה און וויל, אַז אַנדערע זאָלן טרעפן וואָס ער האָט געמיינט.

אַזוי אַשטייגער איז די כוונה פון דער „מעשה בחכם ותם“ צו באַווייזן די ריכטיקייט פון דעם פריער דערמאָנטן געדאַנק: וויל איז צו די תמימים און ווי איז צו די חכמים. עס זיינען אַמאָל געווען צוויי ברידער: איינער אַ „בר הבנה“, אַ פאַרשטאַנדיקער, און דער צווייטער „אַ תם, וואָס האָט געהאַט אַ פּשוטן און נידעריקן שכל“. דער תם האָט זיך מפרנס געווען פון שוסטעריי און איז תמיד געווען אַ שמח בחלקו, און דער קלוגער פלעגט אַרומוואָגלען איבער פאַרשיידענע מדינות און פלעגט איבערגיין פון איין מלוכה צו דער אַנדערער, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט דאָקטאָריע און איז געוואָרן אַ באַרימטער דאָקטער און אַ „גרויסער פילוסוף“. אָבער ער האָט פון דעם אַלעם קיין הנאה ניט געהאַט און איז געווען איינזאַם און אָפּגעזונדערט פון געזעלשאַפט. וואָרעם „פון זיין גרויסער חכמה האָט ער ניט געהאַט מיט וועמען צו רייד ן“. איין מאָל האָט דער קיניג געוואָלט באַשטימען אַ ממונה איבער דעם אוצר המלוכה און האָט געשיקט שלוחים צו זוכן אַ פּאַסיקן מענטשן דערפאַר. און אָט אַ וווּנדער: אויסגעקליבן האָט דער קיניג דעם תם, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פּשוטן שכל, און האָט ניט געוואָלט האָבן דעם חכם, וואָס האָט ווע גן אַלץ געהאַט ספקות און האָט שטענדיק געפרעגט קשיות: פאַרוואָס און צוליב וואָס. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער תם איז געוואָרן אַ מיניסטער אין קיניגס הויף, און דער חכם איז אַלץ געפאַלן נידעריקער. און איין מאָל האָט אים אַ טייוול געשלאָגן אין מיטן גאַס, דערפאַר וואָס ער האָט געלייקנט אין שדים און אין די סגולות פון בעל-שם. די מעשה ענדיקט זיך דערמיט, וואָס דער מיניסטער דער תם הייסט דעם בעל-שם אַרויסנעמען פון בלאָטע זיין צעמזיקטן ברודער און דערוויזט אים, אַז עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט שדים און אַז די בעלי-שמות פירן מיט זיי מלחמה. דער דערציילער האָט ניט געשפירט, אַז דורכדעם וואָס ער פירט אַריין אין זיין דערציילונג דעם טייוול און דעם בעל-שם ווי אַ ‏‏deus ex machina, פּטרט ער

אַוועק זיין גרונד-געדאַנק און מאַכט פון דער „תמימות“ אָפּער-גלייבעריי.

אָט אין דעם זעלביקן וועג פון באָבע-מעשיות פון ערגסטן מין איז דער מחבר געגאַנגען אויך אין די איבעריקע „מעשיות“. אין דעם רוב פון זיי ווערט דערציילט וועגן אַ מלך וואָס בלאָנדזשעט אַרום איבער פאַרשיידענע מדינות, וועגן בן-מלך און בת-מלכּה וואָס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען און זיינען ווידער געפונען געוואָרן דורך כּישוף, וועגן גזלנים און רויבערס אויפן ים און אויף דער יבשה און כּדומה נאָך אַזעלכע זאַכן, ווי אין קינדער-מעשהלעך. אין דער „מעשה מיטן בעל-תפילה“ גייט אַ צדיק אַרום פון איין לאַנד אין צווייטן און מיט זיינע רייד און מיט זיינע מופתים לייטערט ער אויס די מלכים פון אַלע נישטיקייטן פון דער וועלט— פון געלט-גייציקייט, כּבוד, קריגס-מוט, געשלעכטלעכע תּאווה וכדומה — און דערנענטערט זיי צו דינען גאָט מיט תורה, תפילה און תשובה. אין דער „מעשה פון זיבן בעטלערס“ — וואָס איז די לענגסטע דערציילונג אין דער גאַנצער זאַמלונג — ווערט דערציילט, ווי אַזוי עס וואָגלען אַרום איבער דער וועלט זיבן בעטלערס קאַליקעס: אַ בלינדער, אַ טויבער, אַ שטאַמלדיקער, אַ הינקעדיקער א״א, און דערוויזן, אַז זיי זיינען קאַליקעס נאָר אַנטקעגן דער וועלט וואָס איז, לויט זייערע רייד, פול מיט מאָראַלישע פעלערן. דער בלינדער בעטלער זאָגט, אַז זיינע אויגן זיינען פאַרמאַכט, ווייל ער וויל ניט אָנקוקן אַזאַ וועלט וואָס איז גאָרנישט ניט ווערט; דער טויבער זאָגט, אַז ער וויל ניט הערן די פוסטע רייד, וואָס קלינגען אין דער וועלט, און אַזוי ווייטער. און דערווייל דערציילט איטלעכער בעטלער אַ וואונדער-לעגענדע, ווי אַזוי ער איז געקומען צו אַזאַ מדרגה. אין אָט דער מעשה האָבן די פאַרערערס פון בראַסלעווער צדיק איינגעפונען אַ באַזונדער „טיפקייט“, אָן אַ שיעור רמזים און סודות אין איטלעכן וואָרט; אָבער אויך דאָ איז שווער אָפּצוקלייבן דאָס עכטע פון דער פסולת פון די פוסטע מעשיות. די איבעריקע „מעשיות“ זיינען נאָך ערגער לויטן אינהאַלט און סטיל און קומען ניט אַפילו צו דער מדרגה פון פשוטע פאָלקס-מעשיות. וואָרעם פון אַלע שטאַרצט אַרויס דער שקר צוליב דעם אומפאַרשטענדלעכן „אמת“. שלעכט זיינען דאָ סיי דער משל סיי דער נמשל.

אַלע מעשׂיות ר׳ נחמנס זיינען לויט מיין מיינונג, פיבער־פאַנטאַזיעס פון אַ מענטשן וואָס איז קראַנק אויפן גוף און אויף דער נשמה. און אומזיסט האָבן מאָדערנע פאָרשער זיך געמיט נאָכצוגיין די בראַסלעווער חסידים און צו זוכן אַ טראָפּן געדאַנק אין אָט דעם הויבן פלוידערייען. ניטאָ דאָ ניט קיין רעליגיעזער געדאַנק און ניט קיין שיינקייט פון פּאָעטישער שאַפונג. דער סטיל איז גראָב און מיאוס, און די שפּראַך — אַ שלעכטע העברעישע איבערזעצונג פון יידיש, וואָרעם אַזוי האָט ר׳ נתן געשריבן די מעשׂיות, ווי דער רבי האָט זיי דערציילט, כדי זיי ניט צו דערווייטערן פון זיין „פּשוטן" שטייגער רעדן[1]. און פונדעסטוועגן האָבן בראַסלעווער חסידים זיך ניט געפוילט צו זוכן אין דעם ספר „מעשׂיות" סודות און רמזים, און עס האָבן זיך אײנגעפונען תמימים, וואָס האָבן געשריבן אויף אים לאַנגע פּירושים[2]. „צוליב דעם נוצן פון דער מאַסע" איז דער ספר געוואָרן אָפּגעדרוקט מיט אַן איבערזעצונג אין יידיש, לויט דעם ווילן פון דעם מחבר, וואָס האָט געוואָלט

1 ספורי מעשיות למהר"ן, די צווייטע הקדמה צום סוף: און מיילערער ר׳ נתן זצ"ל האָט זיי מעתיק געווען אויף לשון קודש און האָט זיך מיט אַ פיוון אַראָפּגעלאָזן צום פשוטן לשון כדי דער ענין זאָל ניט ווערן אומגעביטן. אָט איז אַ מוסטער פון אָט דעם לשון: מעשה במלך אחד שהיו לו ששה בנים ובת אחת ואותה הבת היתה חשובה בעיניו מאוד והיה משעשע עמה מאד (אַ מעשה מיט אַ קיניג וואָס האָט געהאַט זעקס זין און איין טאָכטער און די טאָכטער איז געווען ביי אים זייער חשוב און ער האָט געשפּילט מיט איר זייער). פעם אחת היה מתוועד עמה ביחד (איין מאָל האָט ער זיך געטראָפן מיט איר) ונעשה ברוגז עליה (און ער איז אויף איר ברוגז געוואָרן) ונזרקה מפיו דיבור: הלא טוב יקח אותך (און עס איז געפאַלן אים פון מויל אַ וואָרט: דער ניט־גוטער זאָל דיך נעמען)... ויישב עצמו (האָט ער זיך מיישב געווען)... והנה נשליך את מעשה החכם ונתחיל לספר במעשה התם" (לאָמיר אַוועקוואַרפן די מעשה פון חכם און אָנהייבן דערציילן די מעשה פון תם). „ותיפף נפל חלשות" (און באַלד איז ער געפאַלן חלשות). עס גייען אויך אַריין אין דער שפּראַך פון די מעשיות אַ סך ווערטער גענומען פון רוסיש און פויליש: זאַלאָגאַ (משכון), סאָנד (געריכט), סקאַסקי (רייסטער פון די איינוווינער), פּראַפּירשטיק (פענדריק), קוויאַטן (קוויטן) א"אַ.

2 אין לעמבערגער דרוק זיינען צוגעגעבן צום טעקסט פּירושים צו איי־ניקע סיפורים, געשריבן פון ר׳ נתנען (אַרויסגענומען צום גרעסטן טייל פון זיין ספר „ליקוטי הלכות"); און זע אויך „רמזי המעשיות" פון אַ שפּעטערן מחבר (לעמבערג 1882).

זען דעם ספר מעשיות „געשריבן פון אויבן לשון קודש און אונטן לשון לע״ז״[1].

אין יאָר 1810 איז אין בראַסלאַוו געווען אַ גרויסע שריפה און עס זיינען פאַרברענט געוואָרן דער גרעסטער טייל הייזער פון שטאָט, דערין אויך ר׳ נחמנס הויז. דעמאָלט האָט דער צדיק פאַרלאָזן די פּאָדאָליער שטאָט, וווּ ער איז אָפּגעווען אַ יאָר אַכט, און איז אַריבער קיין אומאַן אין קיעווער גובערניע, וואָס איז באַרימט אין דער געשיכטע פון די אוקראַינער פּאָגראָמען. אַז ער האָט דערזען דעם אומאַנער בית־הקברות, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים, אַז ער וויל נאָכן טויט געפינען זיין רו אויף דעם אָרט, וווּ עס זיינען געקומען צו קבורה הונדערטער יידישע קדושים פון יאָר תקכ״ח. דער קראַנקער האָט געשפּירט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך זיין אָנקומען האָט זיך געשטאַרקט זיין קראַנקהייט. ראש השנה תקע״א האָבן זיך צו־נויפגעקליבן אַ סך פון זיינע חסידים צו הערן זיין תורה. ר׳ נחמן האָט זיך געשטאַרקט און האָט געזאָגט זיין לעצטע דרשה. אין דריי וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן. (חול המועד סוכות, אָקטאָ־בער 1810).

אין זיינע לעצטע טעג האָט ר׳ נחמן געזאָגט עטלעכע מאָל צו זיינע חסידים: „איך וויל בלייבן צווישן אייך, און איר וועט קומען אויף מיין קבר״[2]. דער דאָזיקער אָנזאָג איז געבליבן אַ חוק פאַר די בראַסלעווער חסידים. דער באַגייסטערטער תלמיד ר׳ נתן, וואָס האָט געגלייבט אין זיין רבין מער ווי דער רבי האָט אַליין געגלייבט, האָט זיך געשטעלט אַ ציל אין לעבן צו פאַר־שפּרייטן אין דער וועלט דעם קולט פון דעם „הייליקן״ וואָס איז געשטאָרבן אָן אַ צייט. לויט זיין איניציאַטיווע פלעגן זיך צו־נויפקלייבן אין אומאַן אַלע יאָר הונדערטער פאַרברענטע חסידים, ערב ראש השנה פלעגן זיי גיין צו ר׳ נחמנס קבר און יום־טוב פלעגן זיי דאַווענען אין אַ באַזונדער מנין. אין משך פון דער צייט איז ביים קבר אויסגעבויט געוואָרן אַ בית־מדרש, וואָס איז גע־וואָרן אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר אַלע בראַסלעווער חסידים וואָס זיינען צעשפּרייט איבער אוקראַינע.

1 די ערשטע הקדמה צו די „ספורי מעשיות״.

2 חיי מוהר״ן חלק א׳, 76—90; חיי מוהרנ״ת, דף כ״ו—ל״ו.

ר׳ נתן האָט אָפּגעדרוקט זיין רבינס ספרים, וואָס זיינען בעצם זיינע, מחמת דעם גרעסטן טייל פון זיי האָט ער געשריבן לויט ר׳ נחמנס פירזאָג, און די איבעריקע זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט דעם וואָס ער האָט פון אים געהערט מיט אַ סך יאָרן צוריק. אין יאָר תקע״א זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זאַהילעוו־פּאָדאָלסק די ספרים „ליקוטי מוהר״ן תניינא״ און „קיצור ליקוטי מוהר״ן״, ווו עס זיינען צונויפגעקליבן אַלע מימרות ר׳ נחמנס, וואָס זיינען צעשפּרייט אין די צוויי ספרים „ליקוטים״. אין יענעם יאָר איז אַרויס נאָך אַ זאַמלונג מימרות זיינע אונטערן נאָמען „ספר המדות״ — אַ מין קורצע מאָראַלישע ענציקלאָפּעדיע לויטן אַלף־בית (אמת, אמונה, בנים, בטחון, כבוד, ממון, עצבות, צדיק, תפלה און נאָך אַ סך אַנדערע זוך־ווערטער). אין דער הקדמה זאָגט ר׳ נתן, אַז זיין פאַרשטאָרבענער רבי האָט אַליין דאָס אָנגעהויבן מסדר צו זיין און האָט אָנגעזאָגט, ער זאָל אָנשרייבן דעם ספר אין אַ קליינעם בענדל, כדי איטלעכער זאָל עס קאָנען שטענדיק טראָגן מיט זיך און אַריינקוקן אַלע מאָל. ר׳ נתן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין בראַסלאַוו, האָט געגרינדט אַ באַזונדערע דרוק אויף צו דרוקן ר׳ נחמנס ספרים, און אין משך פון אַ סך יאָרן פלעגט ער זיי אַרויסלאָזן אין פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס מיט זיינע אייגענע הוספות. דורך דעם איז געמאַכט געוואָרן אַ פּירסום פאַר דער שיטה פון בראַסלאַווער צדיק. דער ליטעראַרישער פּירסום איז געווען גרעסער, ווי עס האָט פאַרדינט די גרופּע בראַסלעווער חסידים, וואָס די אַנדערע גרופּעס האָבן זיי גערודפט[1].

---

1 ימי מהרנ״ת, דף ל״ו—מ״ו; הקדמות צום ספר „קיצור ליקוטי מוהר״ן״ און „ספר מדות למוהר״ן״. דער מחבר פון דער סאַטירע אויפן חסידיזם „מגלה טמירין״ (819!) ברענגט פון ר׳ נחמנס ספרים מער ציטאַטן, ווי פון די ספרים פון די איבעריקע צדיקים, מחמת ער האָט על פי טעות געמיינט, אַז אָט דער צדיק איז אַ פּוסק אחרון אין חסידות, אַ מין באַנייער פון דעם בעש״טס תורה. די דאָזיקע הפלאדיקע סאַטירע איז אָנגעשריבן אין דעם תמימותדיקן און לעבערלעכן סטיל פון דעם „ספר המעשיות״, וואָס ר׳ נתן האָט אָפּגעדרוקט פיר יאָר פריער, אין 1815.

§ 44. די צדיקים־הערשאַפט אין אוקראַינע

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אין זיינע לעצטע יאָרן. — די פאַרזאַמלונג אין באַרדיטשעוו מכּוח דער גזירה פון דער רעגירונג (1803). — דער גירוש פון די דערפער און ר׳ שניאורס זלמנס נסיעה קיין אוקראַינע. — דער צפונדיקער צדיק און דער דרומדיקער צדיק (ר׳ ברוך טולטשינער). — דער שפּאָלער זיידע, דער המונישער צדיק. — ר׳ מרדכי נעסכיזשער. — דער „אַפּטער רב״ יהושע העשל אין מעדזשיבאָזש; זיינע גוזמאות, זיינע ברכות פאַר די פּדיונות־ברענגערס און זיין תורה. — די טשערנאָבילער דינאַסטיע; ר׳ מאָטל און דאָס איינמאָנען אָפּצאָל פאַרן רבין; זיין מאָגערע תורה און זיין פעטע פּרנסה. — ר׳ ישראל רוזשינער און דעם צדיקס „הויף״. — אינעווייניקסטע ירידה און אויסווייניקסטער אויפשטייג.

מיט אַ יאָר פריער איידער עס איז געשטאָרבן דער יינגסטער צווישן די צדיקים ר׳ נחמן בראַסלעווער, איז אַוועק פון דער וועלט דער עלטסטער פון זיי, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער (תשרי תק״ע), און צוויי יאָר שפּעטער איז געשטאָרבן ר׳ ברוך פון טולטשין און מעדזשיבאָזש, דעם בעש״טס איינִיקל (כסלו תקע״ב). ביידע האָבן געוועלטיקט אין אוקראַינע, דער ערשטער געקרוינט מיטן שם פון הייליקייט, דער צווייטער מיט אויסווייניקסטן גלאַנץ (אויבן, §§ 30—31). אַ קאָנקורענץ־קאַמף פאַר דער מאַכט האָט געהערשט צווישן די צוויי צדיקים, וואָס זיינען געווען פאַרשיידן לויט זייערע כאַראַקטערן. דער באַרדיטשעווער פלעגט נאָך אויף דער עלטער אַרומפאָרן איבער די אוקראַינער קהילות מיט רעש און טומל, אַרומגערינגלט פון זיינע באַגייסטערטע באַגלייטער, און פלעגט נאָך אַלץ שטורעמען די וועלטן דורך זיינע שרייענדיקע תפילות און טענות צום רבונו של עולם. טיילמאָל פלעגט אָט די התלהבות אים אַריינברענגען אין „חלישות הדעת״ און ער פלעגט „אַראָפּפאַלן פון זיין מדרגה״[1], אָבער ער האָט שטענדיק געזאָרגט פאַרן כלל. דערמיט האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון דעם בעש״טס איינִיקל, וואָס איז גאָר ניט

1 „עשר אורות״, ז׳ 50. די דאָזיקע מסורה האָט אויף וואָס זיך סומך צו זיין, הגם זי געפינט זיך אין אַ באַזונדערס לעגענדאַרישן מקור. דאָס וואָס עס שטייט דאָרט, „אַז רבי ברוך מעדזשיבוזשער איז געווען צעקריגט מיטן באַרדיטשעווער רב זיין גאַנץ לעבן״ ווערט באַשטעטיקט אויך אין אַנדערע מקורים. זע נאָך „דברי שלום״ פון דעם קוידענאָווער צדיק, ז׳ 56 (ווילנע תרמ״ב).

ראַיִי געווען צו זיין אַ פֿירער פֿון פֿאָלק: ר' ברוך האָט געזאָרגט נאָר פֿאַר זיך, צו פֿאַרשטאַרקן זיין פּאָדאָליער „פֿירשטנטום”, און האָט פֿאַר די צרות פֿון פֿאָלק קיין האַרץ ניט געהאַט.

און די צייט איז געווען זייער אַ שווערע פֿאַר ייִדן. אין די ערשטע יאָרן פֿון 19טן י"ה האָבן די מיניסטאָרן אין פּעטערבורג זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן די ייִדישע פֿראַגע אויף זייער שטייגער, דורך גזירות און קייזערלעכע באַפֿעלן. די דעפּוטאַטן פֿון די קהילות, וואָס זיינען גערופֿן געוואָרן אין דער קרוינשטאָט אַריין, זיינען געקומען צוריק מיט טרויעריקע בשורות: די רעגירונג קלערט אַרויסצוטרייבן ייִדן פֿון די דערפֿער און אָפּצונעמען אַזוי אַרום פּרנסה ביי צענדליגער טויזנטער משפּחות, און אויך זייערע נשמות איז זי אויסן צו כאַפּן דורך אַ באַפֿעל, אַז ייִדישע יונגע לייט זיינען מחויב צו לערנען די לאַנדשפּראַך און אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן (לויטן געזעץ־פּראָיעקט פֿון 1802—1804).

בעת דער טרייטער ר' נחמן בראַסלעווער האָט זיך דערשראָקן נאָר פֿאַר דער „שמד־גזירה”, האָבן מער ניכטערע מנהיגים איינגעזען אַ גרעסערע סכנה אין דער צעשטערונג פֿון דעם עקאָנאָמישן מעמד פֿון פֿאָלק. אין יענער צייט האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די ראשי־הקהילות פֿון אַלע רוסלענדישע פּראָווינצן, כּדי זיך מיישב צו זיין וועגן דעם ענין, און אין אוקראַיִנע איז באַרדיטשעוו אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אָרט פֿון דער אַסיפֿה. אין דער אַסיפֿה האָבן זיך באַטייליקט ר' לוי יצחק, ר' ברוך טולטשינער, דער שפּאָלער זיידע און נאָך אַנדערע אוקראַיִנער צדיקים. וואָס אָט די הייליקע לייט האָבן דאָרט געטאָן — ווייסן מיר ניט, אָבער צווישן די מתנגדים גייט אַ טראַדיציע, אַז אָנשטאָט צו פֿאַרנעמען זיך מיט די ענינים פֿון כּלל האָבן די רביים זיך אַרומגעקריגט איבער זייערע קאָנקורענץ־עסקים. דער שטאָלצער „פֿירשט” ברוך טולטשינער האָט זיך אַרומגעריסן מיט זיינע חברים און האָט וועגן דעם ציל פֿון דער אַסיפֿה גאָר ניט געקלערט[1].

און אַז אין דער פּראָווינץ רייסן איז די גזירה פֿון גירוש

1 די באַרדיטשעווער אַסיפֿה, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יאָר תקס"ב אָדער תקס"ג, ווערט דערמאָנט אין גאָטלאָבערס זכרונות („הבוקר אור” תר"מ, ז' 384 א"וו). ער האָט וועגן איר געהערט אין זיינע יונגע יאָרן אין וואָלין.

פאַרווירקלעכט געוואָרן (אין יאָר 1808), איז דער אָנפירער פון די חסידים ר' שניאור זלמן געקומען צו פאָרן קיין אוקראַינע, כדי צו קלייבן געלט לטובת די אַרויסגעטריבענע ישובניקעס. אונטערוועגנס איז דער רב אַריין צו ר' ברוך טולטשינער און געבעטן ביי אים, ער זאָל אים העלפן אין זיין וויכטיקער שליחות, אָבער יענער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער „סכנה", וואָס אַ צדיק פון אַן אַנדער מדינה וועט קלייבן געלט אין אַ מדינה וואָס געהערט צו אים, דעם בעש"טס אייניקל, און וועט אַזוי אַרום פאַרקלענערן זיינע פערזענלעכע הכנסות. און דאָס איז געווען דער שמועס צווישן די צוויי צדיקים, דעם צפונדיקן און דעם דרומדיקן, וועלכע ר' שניאור זלמן שילדערט אים אין זיין בריוו צו זיינע חסידים אין מאָהילעוו-פאָדאָלסק[1]:

„איך האָב אים [ר' ברוכן] אויסגעוואָרפן, פאַר וואָס איז ער אַ כפוי טובה [אומדאַנקבאַר]: די צוויי מאָל וואָס איך בין געווען אין פעטערבורג [די אַרעסטן פון 1799 און 1801] זיינען דאָך געווען צוליב זיין זיידן דעם בעש"ט ז"ל, און איך וואָלט דאָך געקאָנט זאָגן: זיין אייניקל לעבט נאָך, זאָל ער קומען און פאַרענטפערן אַלע קשיות וואָס מען האָט אויף אים געפרעגט [דאָס הייסט אַרויסוואַרפן די שולד אויפן אייניקל פון באַשעפער פון חסידות]. און דערנאָך האָט ער ביי מיר געפרעגט: „צוליב וואָס באַדאַרפסט איר דאָס אַליין [קלייבן געלט פאַר די אַרויסגעטריבענע]? ער קאָן דאָך [דער צדיק] וויכער מאַכן דעם דין דורך אַריבערפירן די האַנט

לויט זיינע רייד האָט זיך באַטייליקט אין דער אַסיפה אויך ר' מענדל סאַטאַנאָווער, דאָס איז דער משכיל מענדל לעפין, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ לערער אין הויף פון פוילישן פירשט טשאַרטאָריסקי אין פאָדאָליע. צווישן די פאַרבעטענע זיינען געווען אַ סך רבנים און פרנסים, צווישן זיי דער מדקדק טוביה פעדער, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן אין זיין פּאַמפלעט „קול מחצצים" קעגן דער איבערזעצונג פון תנ"ך אויף יידיש, וואָס עס האָט אָנגעהויבן מענדל לעפין.

1 דער דאָזיקער וויכטיקער בריוו ווערט געבראַכט אין ספר „בית רבי" חלק א', 86, ניט אָנצווייזן דעם מקור. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער מחבר אים אָפּגעשריבן פון די כתבים פון דער פאַמיליע שניאורסאָן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות. די אומפאַרשטענדלעכע ערטער האָב איך דערקלערט אין קלאַמערן. זע אויך טייטלבוים, „הרב מלאדי" חלק א', 14—48.

איבערן שטערן און איבערן פנים [דורך תפילה]". האָב איך צו אים געזאָגט: יעקב אבינו האָט דאָך אוודאי געוווסט ווי אַזוי ווייך צו מאַכן דעם דין, און פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט: איך וועל אים איבערבעטן דורך אַ מתנה; און דער אמת איז, אַז מען מוז אי ווייכער מאַכן דעם דין אי אַ מתנה. — און דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט: „צי איז דאָס פאַר אייער כבוד אַרומצופאָרן איבער אַזעלכע ווייטע שטעט?" האָב איך אים געענטפערט: בין איך דען גרעסער פאַר ר' פנחס בן יאיר, וואָס איז כל ימיו אַרומגעגאַנגען קלייבן אויף פדיון שבויים?... און ער האָט מיר געענטפערט: „וואָס זייט איר געקומען אין מיין מדינה?" האָב איך אים געענטפערט צוויי תירוצים: ערשטנס, שטייט אין פסוק: לה' הארץ ומלואה, און צווייטנס — אַז איך האָב ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם צער און די יסורים פון די דאָרפסלייט, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן פון זייערע ערטער אין די שטעט און וואַלגערן זיך אויף די גאַסן געשוואָלן פון הונגער און גייען אויס. האָט ער מיר געענטפערט: „וואָס אַרט דאָס אייך?"...

דער גאַנצער אונטערשייד צווישן די צוויי צדיקים טרעט אַרויס אין דעם דאָזיקן שמועס. דער איינער ווייס נאָר איין זאַך: נעמען פדיונות פון דער מאַסע גלויביקע, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אין אַרענדע אין זכות פון זיין זיידן דעם בעש"ט, און ער באַנעמט ניט, וואָס אַרט דאָס יענעם צפונדיקן רב, וואָס אַזויפיל מענטשן זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע וווין-ערטער און שטאַרבן פון הונגער, און צוליב וואָס באַדאַרף ער זיך אַרומוואַלגערן אין ווייטע מדינות צו קלייבן נדבות פאַר זיי, בעת ער וואָלט געקאָנט יוצא זיין מיט אָנשפאַרן דעם שטערן אויף דער האַנט און אָפּפּרעפּלען עטלעכע תפילות צום אויבערשטן, ער זאָל מבטל זיין די שלעכטע גזירה. און דער צווייטער, דער גרעסטער פון אַלע צדיקים פון זיין דור, ליידט צוזאַמען מיט זיינע ברידער און קאָן ניט אַריבערטראָגן דעם צער און די יסורים פון טויזנטער פאַרטריבענע און הונגעריקע. אַן אַנדער טראַדיציע, וואָס איז פאַרשפּרייט געווען צווישן די מתנגדים[1], גיט צו צו דער שילדערונג עטלעכע כאַראַקטעריסטישע

1 א"ב גאָטלאָבער אין זיינע „זכרונות", אין זעלביקן אָרט, ז"ז 313—324, 381 — 333. דער גרעסטער טייל פון זיינע רייד ווערט באַשטעטיקט דורך

שטריכן. אונטערוועגס קיין טולטשין האָט ר' שניאור זלמן אָפּגעטראָטן אין בראַסלעוו, כדי צו באַזוכן דעם פאַרשטויסענעם „אייניקל", ר' נחמנען. און אַז ער האָט אים דערציילט, צוליב וואָס ער פאָרט אַרום, האָט ר' נחמן, וואָס האָט געקאָנט זיין פעטערס גענג, זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און געפרעגט, מיט אַ וואָרט־שפּיל: פעטערבורך און פעטער ברוך! דאָס הייסט, ווי אַזוי קאָן אַ פאַרשטאַנדיקער מענטש וואָס איז איסן געווען אין פעטערבורג האָבן צו טון מיט פעטער ברוכן, וואָס איז אַ קנאַפּער חכם? און אין דער אמתן האָט ר' שניאור זלמן געפונען אין דעם פאָדאָליער רבין אַ פּוסט האַרץ און גייסטיקע שיפלות וואָס האָט קיין גלייכן ניט. צוערשט האָט ר' ברוך געמיינט, אַז ר' שניאור זלמן איז געקומען צו אים אויסצודריקן די אונטערטעניקייט־געפילן דעם יורש פון דעם בעש"ט. און מיט אַמאָל האָט ער דערהערט, אַז ער קלייבט זיך גאָר צונויפצוזאַמלען נדבות פאַר די רייסישע אָרעמע לייט און אַרויסצופירן געלט פון פאָדאָליע. איז ער באַלד אַריין אין כעס. אויף דעם אורחס בקשה אים צו העלפן אין זיין שליחות לטובת דעם פאָלק, האָט ר' ברוך געענטפערט: „דער אייבערשטער וועט העלפן יידן". און אַז ר' שניאור זלמן האָט געענטפערט, אַז מען טאָר זיך אויף אַ נס ניט פאַרלאָזן, האָט ער געקראָגן אַ גראָבן און אַ באַליידיקנדיקן ענטפער. ר' ברוך האָט אויפגעוואָרפן זיין גאַסט, וואָס בשעת ער איז געווען אַרעסטירט אין פעטערבורג, האָט ער גערעדט וועגן קבלה מיט גויים (אַן אָנצוהערעניש אויף זיין בקשה וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם קיסר מיט אַ דערקלערונג פון זיין שיטה). און ר' זלמן האָט געענטפערט: „אמת, איך האָב גערעדט מיט אַ גוי, אָבער דער דאָזיקער גוי ווייס אין קבלה מער ווי אַ סך רביים אין וואָלין און פאָדאָליע". דעמאָלט האָט דער באַליידיקטער „אייניקל" אויסגעשריגן: „זאָלסט ניט סמייען צו ריידן אַזוי פאַר אַ מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיין קאָפּ דעם בעש"טס תפילין!" דערויף האָט ער געקראָגן אַן ענטפער: „תפילין וואָס מען האָט זיי זיבן יאָר ניט בודק געווען זיינען על פי דין פסול".

דעם געבראַכטן בריוו ר' שניאור זלמנס צו זיינע אָנהענגער אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק. און נאָך אין „בית רבי", ז' 83—90 (דער מחבר באַמיט זיך צו פאַרענטפערן ר' ברוכן).

איז ר' ברוך אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און האָט אויסגערופֿן: „איך ווייס וויל, אַז שוין לאַנג איז די אמונה בײַ דיר אין האַרצן אָפּגעמעקט". אַז ר' שניאור זלמן איז אַרויס פֿון שטוב, האָבן פֿאַנאַטישע חסידים אַרומגערינגלט זײַן אַכסניה און געוואָלט אים שלאָגן, אָבער ער איז אַנטרונען געוואָרן דורכן פֿענסטער.

לעבן די צוויי אייניקלעך דעם בעש"טס—דעם דורכגעטריבענעם אין טולטשין און דעם תמים אין בראַסלאַוו — שטייט פֿאַר אונדז אַ צדיק פֿון אַן אַנדער מין, דאָס איז דער אויבן דערמאָנטער ר' אריה לייב „דער שפּאָלער זיידע". אָט דער ישובניק האָט אין זײַנע יונגע יאָרן זוכה געווען צו זען איין מאָל דעם בעש"ט, און זינט דעמאָלט איז ער געגאַנגען אין זײַנע וועגן: ער איז געווען אַ מלמד און אַ שוחט בײַ ישובניקעס, און דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען איבער פֿאַרשיידענע שטעט אין אוקראַינע, אָדער ווי די מסורה וויל האָבן: „ער האָט אָפּגעריכט גלות". נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדינט צוויי יאָר ווי אַ שמש אין זלאַטאָפּאָל, האָט ער זיך באַזעצט אין דער שכנישער שטאָט שפּאָלע (קיִעווער גובערניע). דאָרט איז ער „נתגלה" געוואָרן ווי אַ הייליקער מאַן, וואָס היילט קראַנקע מיט פֿאַרשיידענע סגולות, גיט עצות אין וועלט-זאַכן און ווײַזט אַ וועג אין חסידות. אין זײַן נײַעם זיץ-אָרט האָט ר' אריה לייב געפֿונען מענטשן אײַנגעזונקען אין גשמיות, וואָס האָבן ניט אָפּגעהיט די מצוות און האָבן מיט זייערע קינדער ניט געלערנט קיין תורה, און ער „האָט זיי דערנענטערט אונטער די פֿליגלען פֿון דער שכינה"[1]. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן, דערפֿאַר האָט מען אים גערופֿן „דער זיידע", וואָרעם ער האָט זיך ניט געוואָלט צירן מיטן טיטל „רבי" אָדער „צדיק"; אַנדערע ווידער זאָגן, אַז ער האָט דעם טיטל ניט געקראָגן דערפֿאַר, ווײַל ער איז ניט געווען קיין זון פֿון אַ גוטן ייִדן און האָט ניט געלערנט בײַ קיין רבי[2]. ער איז געווען אַ צדיק פֿאַרן המון און ער האָט צוגעצויגן דאָס פֿאָלק דורך זײַן התלהבות בײַם דאַווענען, דורך פֿרומע ריקודים, וואָס ער פֿלעגט אָפּריכטן שבת און יום טוב, און דורך דעם וואָס ער פֿלעגט מיט ברייטער האַנט טיילן צדקה אָרעמע לײַט פֿון די

1 סדר הדורות ההדש, ז' 47, 43.

2 גאָטלאָבערס „זכרונות", דאָרט גופֿא, 384 א"ו.

„פדיונות"־געלטער, וואָס זיינע פאַרערערס פלעגן אים ברענגען. דער שפּאָלער זיידע איז געווען כל ימיו אַ „גוטער ייד" פון געוויינטלעכן טיפּ: ער פלעגט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, אויסהאָרכן די בקשות פון איטלעכן, געבן אַן עצה איינעם, אַ ברכה אַ צווייטן, אַ סגולה צו אַ קרענק אַ דריטן, פלעגט באַגייסטערן אַלעמען דורך דערציילונגען וועגן הייליקע מענטשן און בכלל דורך „שיינע מעשיות"[1]. אַמאָל פלעגט ער נאָכמאַכן דעם באַרדיטשעווער רב מיט זיין איינשטעלן זיך פאַר כלל־ישראל בייִם רבונו של עולם. מען דערציילט וועגן אים, אַז אין אַ יאָר פון ניט־געראָטעניש, ווען עס איז געווען אַ הונגער אין לאַנד, האָט דער „שפּאָלער זיידע" צונויפגערופן אַ בית־דין פון גרויסע צדיקים און האָט געמאָלדן, אַז ער לאָדט צום דין כביכול גאָט ברוך הוא: פאַרוואָס שפּייזט ער ניט די טויזנטער יידישע נפשות מיט ווייבער און קינדער? און עס איז ניט אַזעלכע קיין סך צייט, ווי מען האָט גענומען פירן פון וויטע לענדער קיין אוקראַינע ווייצענער מיט קאָרן און ווייץ, און אָנשטאָט דעם הונגער איז געוואָרן אַ גרויסע זעט. איין מאָל האָט מען געפונען דעם זיידן אין זיין חדר ליגנדיק אויף דער ערד מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פיס, און ער האָט געשריען: רבונו של עולם, וואָס מאָנסטו פון דיין פאָלק ישראל? עס איז שווער צו גלויבן, אַז זיי זאָלן קאָנען אָפּהיטן אַפילו איין מצוה אין אָט דעם ביטערן גלות, און זיי היטן אָפּ כמה מצוות און מעשים־טובים". טיילמאָל פלעגט ער אָנשרייען אויף די מענטשן וואָס קומען צו אים מיט בקשות און פלעגט זיי זידלען, אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ קונץ אין דער מלחמה קעגן דעם בייזן מקטרג: „דורך זיינע געשרייען פלעגט ער מאַכן פון קללות ברכות", און די וואָס פלעגן פון אים אַרויסגיין פלעגן וויסן, אַז זיי וועלן אין גיכן געהאָלפן ווערן.

משמעות אַז אַ סך צדיקים פון יענעם דור האָבן געקוקט אויבן שפּאָלער זיידן פון אויבן אַראָפּ ווי אויף אַ המונישן „גוטן יידן". מיר האָבן שוין געזען, אַז דער שפּאָלער זיידע האָט זיך געפילט באַליידיקט פון דער „חוצפה" פון דעם יונגן אייניקל ר׳

1 אָפּגעדרוקט אין אַ נייעם ספר „תפארת מהרא"ל משפאלי" (פאַרפאַסט פון יודל ראָזענבערג פון לאָדזש).

נחמנען, בעת ער איז געווען אין זלאטאפאל, און האט אים גע= רודפט. דער עלטערער איניקל, ר׳ ברוך טולטשינער, האט גע= האלטן דעם אלטן פאר א נידעריקערן פון זיך, און אז ער האט זיך געטראפן מיט אים אויף דער דערמאנטער בארדיטשעווער אסיפה, האט ער אים געפרעגט מיט א שטאך: „פארוואס רופט מען דיך זיידע און ניט באבע? דו היילסט דאך אויסן שטייגער פון אלטע ווייבער מיט סגולות“. די טראדיציע זאגט, אז דער שפאלער זיידע האט אויף דעם געענטפערט אויך מיט א שארפן שטאך: „אויב ניט דיין זיידע (דער בעש״ט), וואלסטו גאר קיין באטערף ניט גע= האט“[1]. ר׳ אריה לייב שפאלער איז געשטארבן אין יאר 1812. נאך ביזן היינטיקן טאג דערציילט מען וועגן זיינע מופתים צווישן אוקראינער חסידים[2].

דעם שפאלער זיידנס חבר איז געווען ר׳ מרדכי נעסכי= זשער (געשטארבן 1800). זיי האבן זיך יונגערהייט געטראפן ביידע אין גאליציע ביים מגיד מיכל זלאטשעווער. ר׳ מרדכי איז צוערשט געווען רב אין לעשנאוו בראדער קרייז, וווּ עס האט געבליט א חבורה חסידים שוין אין יאר 1772 (אויבן, § 20), און ארום 1790 האט ער זיך באזעצט אין נעסכיזש ניט ווייט פון קאוועל אין וואלין. דארט איז ער מפורסם געווארן ווי א צדיק א „בעל= מופת“: „ער האט געוויזן אין דער וועלט מופתים אין הימל און אויף דער ערד — לעבעדיק צו מאכן טויטע, צו היילן קראנקע, און מתיר מאכן עגונות; אין יענע טעג זיינען געקומען א סך קראנ= קע פון אלע אומות און זיינען געלעגן אין זיירע ווענער פאר זיין דירה, און ער פלעגט אריינגיין און זאגן זיי פשוטע סגולות... איז דאס געווען א גרויסער וואונדער“[3]. דער מחבר פון דעם ספר „זמיר עריצים“ (תקנ״ח) רעכנט צו דעם נעסכיזשער רבין צו דער צאל „רבנים פדיונות=נעמערס: ר׳ איציק לאנצוטער דער קיניג פון די צבועיאקעס (מלך צבועים) און דער רב פון סוחיז“ (נעסכיזש);

1 גאטלאבערס זכרונות, דארט 386.

2 צונויפגעקליבן אין דערמאנטן ספר „תפארת מהרא״ל“, און דאס רוב זיינען זיי פוסטע מעשיות.

3 זכרון טוב: מעשיות פון דעם צדיק ר׳ יצחק נעסכיזשער, ר׳ מרדכיס זון (ווארשע 1892), ז׳ 6, 98 — 104 א״א; תפארת מהרא״ל, 101, 104.

ער באַקלאָגט זיך „אויף די ליטווישע פרויען, וואָס האָבן פלילען ווי אַ פושל (כנפים ככנפי החסידה — זכריה ה׳ 9), און טוען פליען בויען זיך אַ הויז אין קאָזשעניץ אָדער סוחייז און פטרן זייער געלט אומויסט"[1]. ר׳ מרדכי האָט איבערגעלאָזט אַ כתב־יד אַ קליינעם קונטרס, וואָס איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „רשפי אש" (וואַרשע, 1869); אָבער קיין שום אָריגינעלע זאַך געפינט זיך ניט אין די מאָגערע פירושים צו פאַרשיידענע פסוקים פון תנ"ך און צו דעם בעש"טס ווערטלעך.

דער גרעסטער טייל פון די אויבן דערמאָנטע צדיקים האָבן זייער מעמד ניט איבערגעלאָזן בירושה זייערע זין. דער שטול פון באַרדיטשעווער איז געבליבן ליידיק נאָך זיין טויט, און אפילו דער טולטשינער מושל האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זון אויפן בעש"טס שטול, פונקט ווי די דאָזיקע דינאַסטיע איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין איר זייטן־צווייג — ר׳ נחמן בראַסלעווער. דער שפּאָלער זיידע האָט אויך קיין אייניקלעך ניט געהאַט. און נאָר דער נעסכיזשע־צדיק האָט געלאָזן נאָך זיך צוויי זין, וואָס אין אַ שפּעטערדיקער צייט האָבן זיי זיך פאַרנומען מיטן עסק פון גוט־יידישקייט (ר׳ יצחק נעסכיזשער און זיין קאָוולער ברודער). צום סוף פון דער תקופה וואָס מיר האַלטן ביי איר האָט ר׳ ברוך געקראָגן אַ יורש אין מעדזשיבאָזש: ר׳ אברהם יהושע העשיל, וואָס איז באַוווסט אונטערן נאָמען דער אַפּטער רב. יונגערהייט האָט ער געלערנט ביי ר׳ אלימלך ליזענסקער. דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין די פּוילישע קהילות אַפּט און קאָלבישעוו און אין דער מאָלדאַווישער שטאָט יאַס, ווו ער איז געווען שטאָט־רב. אויף דער עלטער, נאָך ר׳ ברוכס טויט, האָט ר׳ העשיל זיך באַזעצט אין מעדזשיבאָזש און איז דאָרטן געזעסן ביזן טויט (1825).

די חסידישע לעגענדע איז געצוווּנגען צום טייל מודה צו זיין: דער אַפּטער רב האָט געהאַט אַ מידה צו דערציילן גוזמאות, וואָס האָבן פאַרחידושט די צוהערער. די תמימים צווישן זיי האָבן

[1] זמיר עריצים, עמוד יוד — י"א. ר׳ מרדכי ווערט דערמאָנט אויך אין דער רשימה פון די צדיקים אין כ"י „שבר פושעים", ג׳ 18, און „זמרת עם הארץ", ג׳ 27: אין ערשטן הייסט ער „הרב דסוחייז", און צווייטן: „ח־ב דנאַסחיז".

געגלויבט, אַז עס שטעקן אין זיינע רייד „גרויסע סודות“, נאָר עס איז אויף אים אַ גזר מן השמים, ער זאָל זיין אין דער בחינה פֿון „גוזמא קטני“. אַזוי האָט ער געזאָגט אויף זיך, אַז זיין נשמה האָט שוין דורכגעמאַכט צען גילגולים און אין אַלטע צייטן איז זי געווען אין גוף פֿון אַ כהן גדול, נשיא און ריש גלותא, און עס איז נאָך געבליבן אין זיין זכרון די צייט, ווען ער האָט געדינט ווי אַ כהן גדול אין בית-המקדש.

הונדערטער חסידים פֿלעגן קומען צו פֿאָרן צום אַפּטער צדיק און ברענגען אים „קוויטלעך“ מיט פּדיונות. איין מאָל פֿאַר די ימים נוראים, אַז עס האָט זיך צונויפֿגעקליבן ביי אים אַ גרויסער עולם, האָט ער צוגענומען ביי אַלע בעטערס זייערע קוויטלעך און אַריינגעלייגט אין צוויי קעשענעס פֿון זיין בגד, ווייל ער האָט ניט באַוויזן זיי איבערצולייענען, און דערנאָך האָט ער אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף די קעשענעס און האָט געזאָגט: איך בענטש אַלע מענטשן פֿון די קוויטלעך וואָס ליגן דאָ מיט קינדער, מיט לאַנג לעבן און מיט רייכער פּרנסה און אַ גוט יאָר. אַז דער נעסכיזשער רב איז איין מאָל געקומען צו אים צו גאַסט, האָט ער אים דערציילט, אַז איין מאָל האָט ער פֿון פּחד פֿאַר אַ מסור וואָס האָט אים פֿאַרמסרט ביי דער רעגירונג געהייסן פֿאַרברענען אַלע קוויטלעך וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן ביי אים אין שטוב, און מען האָט זיי געברענט דריי טעג נאָכאַנאַנד. דער נעסכיזשער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פֿון געלעכטער איבער דער דאָזיקער גוזמא[1].

ר' העשיל פֿלעגט דרשענען אין חסידות שבת און יום טוב, און זיינע דרשות וואָס זיינע תּלמידים האָבן פֿאַרשריבן זיינען שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „אוהב ישראל“[2]. דער דאָזיקער צונאָמען איז אויסגעקריצט אויף זיין מצבה, לויט ווי ער האָט געהייסן זיינע זין פֿאַרן טויט, זיי זאָלן אים ניט לויבן מיט אַנדערע טיטלען[3]. אין זיין ספֿר האָבן מיר אָבער ניט געפֿונען קיין

---

1 זכרון טוב, ז' 13; עשר אורות, 114 — 117; סדר חדורות החדש, 61 (אין דעם פרק „תלמידי ר' אלימלך“).

2 געדרוקט אין יאָר תרכ"א, פון איינעם פון זיינע אייניקלעך, משולם זוסיא זינקאָווער.

3 דער נוסח פון דער מצבה איז אָפּגעדרוקט ביי האָראָדעצקין „החסידים והחסידות“ באַנד II, ז' קפ"ה.

באַשטעטיקונג דערפאַר, אַז ליבשאַפט צו יידן איז דער יסוד פאַר זיין תורה. ניטאָ דאָ קיין שום נייער אויפטו. דער מחבר חזרט איבער וואָס עס האָבן געזאָגט די פריערדיקע, און בפרט זיין רבי ר׳ אלימלך. אין איין אָרט[1] מאַכט ער אַן אונטערשייד צווישן אַ רב און אַ צדיק: „פאַראַן צוויי מינים לערערס ביי יידן: איינער איז דער וואָס ווייזט יידן די וועגן פון תורה און מצוות, אַלע חוקים און דקדוקים און די דינים פון איסור והיתר, און אַלע פאַלן אין דיני ממונות צווישן אַ מענטשן און זיין חבר; און נאָך איז פאַראַן (אַ צדיק) וואָס פאַראייניקט און פאַרבינדט די הערצער פון יידן מיט זייער פאָטער אין הימל און דערהייבט זיי דורך זיינע שטראָף־רייד צו פאַרבינדן זיי דורך אַן איבערשטן פאַרבונד און אַראָפּצוברענגען פאַר זיי שפע און ברכה און לעבן פון מקור פון די ברכות. אַזאַ צדיק דאַרף שטענדיק זיין אין גרויס דביקות, די מענטשן זאָלן אים ניט באַאומרויקן, הגם ער באַהעפט זיך טיילמאָלס מיט אַחינו בני ישראל צו לערנען זיי די רייד פון לעבעדיקן גאָט" — און מען באַדאַרף מוסיף זיין: צו נעמען פון זיי קוויטלעך און פדיונות, ווי עס איז געזאָגט אויבן.

איין משפחה אין אוקראַינע האָט אַרויסגעבראַכט אַ לאַנגע קייט פון צדיקים, וואָס האָט זיך ניט איבערגעריסן אין משך מער פון הונדערט יאָר: דאָס איז די טשערנאָבילער דינאַסטיע. אַז דער אַלטער ר׳ נחום טשערנאָבילער איז אין יאָר 1798 געשטאָרבן (אויבן, § 30), איז אַרויף אויף זיין שטול זיין זון ר׳ מרדכי, וואָס חסידים האָבן אים גערופן מיטן צערטל־נאָמען ר׳ מאָטל[2]. דער דאָזיקער צדיק האָט געפירט זיינע שאָף אין משך צוואַנציגער יאָרן, און דער מלאכה פון שערן די שאָף איז דער זון געווען מער בריה פאַר זיין פאָטער. דער מגיד ר׳ נחום איז אין זיין דור געווען דער פאַרשפרייטער פון דעם בעש״טס נייער תורה, און אַגב־אורחא האָט ער פון זיין הייליקייט געצויגן חיונה. דער זון אָבער האָט שוין איבערגענומען די תורה פון גרייטן און האָט געקראָגן

1 אוהב ישראל, ליקוטים צו פרשה יתרו, נאָענט צום סוף פון ספר (דרוק וואַרשע תרמ״א, דף צ״ט).

2 מיט דעם נאָמען ווערט ער אויך אָנגערופן אין די מתנגדישע ספרים „זמיר עריצים", „שבר פושעים" און „זמרת עם הארץ" (מאטיל מצארנאביל, מאטל צארנאבילר).

בירושה אַן איינגעשטעלטע פרנסה, און ער האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרגרעסערן און אויסצופוצן זיין געשעפט אויפן פיינסטן אופן. ר' מאָטל איז געגאַנגען אין וועג פון דעם טולטשינער „פירשט": האָט זיך אויסגעבויט אין טשערנאָביל אַ גרויסאַרטיק הויז, און האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע חסידים אַ שטענדיקן יאָריקן אָפּצאָל („מעמדות"), וואָס פלעגט איינגעמאָנט ווערן דורך באַזונדערע משולחים[1]. דער מתנגדישער בן=דור רעכנט אים צו צו יענע צדיקים, „וואָס זיצן בכבוד איטלעכער אויף זיין שטול מיט אַ קיניגלעכער קרוין אויפן קאָפּ, עסן פון דאָס בעסטע, פאַרברענגען אין פאַרגעניגנס זייערע טעג אויפן חשבון פון אָרעמע לייט נעבעך"[2]. דער אָפיציעלער טיטל ר' מאָטלס איז געווען אַזוי ווי זיין פאָטערס: „דער מגיד"; אָבער פון זיינע דרשות זיינען איבערגעבליבן שריפטלעך גאָר ווינציק, אי דאָס האָבן על פי רוב אויפגעשריבן אַנדערע, וואָרעם ווי עס ווייזט אויס איז דער דרשן ניט געווען פעיק צו האַלטן אַ פען אין האַנט. אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן ליקוטים פון זיינע דרשות אין אַ קליינער זאַמלונג „ליקוטי תורה"[3], וואָס דערין געפינען מיר נאָך אָפּשניצלעך פון דער תורה פון די עלטערע רביים, די שאַפונגס=קראַפט האָט זיך אָפּגעטאָן פון די זין פון די ערשטע צדיקים, און זיי האָבן צדיבערגעשטייגט זייערע טאַטעס נאָר מיט דער פעיקייט צו אויסוויקסטער אָרגאַניזירונג. אַז ר' מאָטל איז געשטאָרבן אין יאָר 1837, האָבן זיינע אַכט זין צעטיילט צווישן זיך אוקראַינע: איינער איז געבליבן זיצן אין טשערנאָביל, דער צווייטער אין האָרנאָסטאַיפּאָל, דער דריטער אין ראַכמעסטריווקע, דער פערטער אין סקווירע און

1 האָראָדעצקי, החסידים והחסידות, חלק ג', עמוד פ"ה (אַ פאַמיליען=טראַדיציע).

2 זמיר עריצים (תקנ"ח), דף יוד עמוד א': „יושבים בכבוד איש על הסאו וכתר מלכות בראשם, אוכלים מעדנים ומבלים ימיהם בנעימים בדמי העניים פעגומים".

3 מיט דער הקדמה פון זיין זון זוסי יצחק (טשערנאָוויץ 1860). אין די ערשטע דרוקן זיינען אָפּגעדרוקט „הדרכות" אין מוסר און עבודת השם, און דערנאָך צונויפגעקליבענע איינטיימשן פון פסוקים פון תנ"ך און שטיקלעך דרשות. טיילמאָלס איז פאַרצייכנט ביי די ליקוטים: „העתק מכתב יד אדמו"ר בעצמו". דערפון איז געדרונגען, אַז דאָס וואו עס איז ניט פאַרצייכנט אַזוי איז געשריבן ניט כיצן מחברס האַנט.

די איבעריקע אין אַנדערע שטעט פון קיעווער גובערניע. זיי און זייערע קינדער און קינדסקינדער האָבן געוועלטיקט אין משך פון גאַנצן 19טן י"ה, ביז די טשערנאָבילער דינאַסטיע איז אונטערגע־גאַנגען.

נאָך אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט קאָנקורירט מיט איר אַ צווייטע דינאַסטיע — די משפחה פון דעם מעזעריטשער מגיד: דער יונגער ישראל, אַ זון פון דעם צדיק שלום פּאָהרעבישטשער און אַן אייניקל פון ר' אברהם מלאך, האָט זיך באַזעצט אַרום 1815 אין קליינעם שטעטל רוזשין (קיעווער גוב') און האָט דאָרט אויסגעבויט אַ רבישן „הויף", נאָך אַ מער געהויבענעם פאַר דעם טשערנאָבילער. מאַסן חסידים האָבן געשטראָמט צום נייעם צענטער, און דער נאָמען פון ר' ישראל רוזשינער איז באַרימט געוואָרן אין גאַנץ אוקראַינע. פון דאָרט איז אַרויסגעקומען אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, מחמת פּאָליטישע געשעענישן, די „סאַדיגערער די־נאַסטיע", וואָס האָט פאַרפּלייצט בוקאָווינע און רומעניע אין האָט זיי פאַרבונדן מיט די חסידישע צענטערס אין אוקראַינע.

---

§ 45. דער ניצחון פון חסידיזם אין גאַליציע

די שוואַכקייט פון דער מתנגדות אין גאַליציע. — דער בונד פון דג חסידים און מתנגדים קעגן דעם שותפישן שונא אין עסטרייך: דער השכלה. — דער צווישנשייד צווישן דער געמיינדע חסידים און דער אויסוויינינקסטער וועלט אין נאַפּאָלעאָנס תקופה. — ר' אלימלך ליזשענסקערס זון און זיינע תלמידים. — ר' מענדל פרישטיקער אָדער רימאַנאָווער. — ר' נפתלי צבי ראָפּשיצער. — חילוקי דעות צווישן צוויי צדיקים בנוגע נאַפּאָלעאָנס נצחונות. — ר' וואָלף זבאַראַזשער און זיין הויכע מאָראַלישע געשטאַלט. — ר' משה לייב בראָדער אָדער סאַסאָווער. — ר' משולם פייבוש העליר פון זבאַראַזש און זיין תורה „לקוטי יקרים", „דרך אמת". — ר' אורי סטרעליסקער וואָס ווערט אָנגערופן „דער שרף".

אין גאַליציע האָט דער חסידיזם אָנהייב 19טן י"ה אָפּגעהאַלטן אַ פולן ניצחון. אין אָט דעם לאַנד, וואָס דאָרט איז די רבנות פון לאַנג אָן געווען פאַרכאַפּט פון פאַרשיידענע מיסטישע שטרעמונגען, האָבן זיך ניט געפונען אַזעלכע פאַנאַטישע געגנער, ווי דער וויל־

נער גאון אַשטייגער און זיינע תּלמידים. די ערשטע צייט פֿלעגן די מתנגדים אין די גרויסע גאַליציאַנער קהילות בראָד און קראָקע נאָך פֿאָלגן די ווילנער איפּרופֿן און האָבן געפּרווט איינצושרעקן דעם חסידישן „שטן“ דורך די תּקיעות פֿון כּרוזים און חרמות. אָבער אַז דער שטן האָט זיך פֿאָרט ניט דערשראָקן און האָט אדרבא פֿון טאָג צו טאָג זיך אויסגעשפּרייט אויף מער קהילות, איז דער כּוח פֿון דער מתנגדות אַליין שוואַכער געוואָרן. בעת דעם ערשטן איבּרודער, אין יאָר 1772, איז אין בראָד אויסגערופֿן געוואָרן אַ האַרבער חרם אויף דער „כּת“, און בעת דער צווייטער מחלוקת פֿון יאָר 1781 איז דאָרט פֿאַרברענט געוואָרן דער ספֿר „תּולדות יעקב יוסף“. אָבער אין אַכטצן יאָר אַרום, 1798 און 1799, האָט ניט געהאָלפֿן די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע פֿון דעם פֿאַנאַטישן דרשן ר׳ ישראל, וואָס ער האָט געפֿירט אין די גאַליצישע שטעט, אויפֿצורייצן דעם מתנגדישן מיעוט קעגן דעם חסידישן רוב (אויבן, § 40).

פֿאַראַן נאָך אַ טעם דערפֿאַר, וואָס אין דער עסטרייכישער גאַליציע האָט צוערשט איבּגעהערט די מלחמה צווישן חסידות און מתנגדות. דאָ זיינען ביידע צדדים געווען געצוווּנגען צו מאַכן שלום, ווייל קעגן זיי איז אויפֿגעשטאַנען אַ שותּפֿישער שונא — די השׂכּלה פֿון הערץ האָמבערג, וואָס האָט אין יענער צייט געפֿירט רעפֿאָרמירטע צוואַנג־שולן פֿאַר יידן און דייטש מיט דער הילף פֿון דער עסטרייכישער רעגירונג[1]. די מתנגדים און חסידים האָבן אין משך פֿון צוואַנציק יאָר (1787 — 1806) צוזאַמען געקעמפֿט קעגן דער „גזירה“ פֿון דער השׂכּלה, ביז זיי איז געראָטן אויסצופֿועלן אַ קייסערלעכן באַפֿעל צו שליסן די נייע שולן. אָבער אויך דערנאָך איז די „סכּנה“ ניט אַריבער: הערץ האָמבערג זיצט נאָך אין ווין ווי אַ ראָטגעבער פֿון דער רעגירונג אין די יידישע ענינים און זוכט מיטלען, ווי אַזוי „אויפֿצוקלערן“ די גאַליציאַנער יוגנט; די רעגירונג דערלויבט ניט יונגע לייט חתונה צו האָבן, אײדער זיי גיבן אָפּ עקזאַמען אויף האָמבערגס לערן־ביכער („בני ציון“ און

1 דובנאָוו, נייסטע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק, ב׳ I, § 38 (פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע, 1925); וועלט־געשיכטע דעם יידישן פֿאָלקעס, באַנד 8 (בערלין 1929).

אַנדערע), פאַרבאָט אַריינצופירן חסידישע און קבלה־ספרים פון פּוילן און רוסלאַנד קיין גאַליציע; באַמיט זיך צו דערציען די כשרע יידישע בחורים אין קאַזאַרמעס פאַר סאָלדאַטן, — הײַנט וואָס ווערט זיין מיט יידישקייט? די השכלה איז אַ סם המות פאַר דער חסידות נאָך מער ווי פאַר דער רבנות, און דעריבער מוזן ביידע לאַגערן אָרטאָדאָקסן זיך פאַראייניקן קעגן דער נייער קולטור־באַוועגונג. אַזוי אַרום האָט זיך געענדיקט דער אינעווייניקסטער רעליגיעזער קאַמף, בכדי צו באַשיצן די אַלטע קולטור בכלל.

אַ וואַנט האָט די חסידות אויפגעשטעלט צווישן אירע מאמינים און צווישן דער אויסווייניקסטער וועלט. עס האָבן זיך געטאָן מעשים אין דער וועלט, מלוכות זיינען איינגעפאַלן אין דעם שטורעם פון די געשעענישן אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה, אין גאַליציע גופא האָט דער שטורעם אָפּגעריסן דעם מערבדיקן טייל (קראָקעווער קרייז) פון עסטרייך און צוגעגעבן צום הערצאָגטום וואַרשע (1809—1813) — אָבער דער חסידישער לאַגער איז געשטאַנען פעסט ווי אַ פעלז אין מיטן ים אונטער די פליגלען פון די צדיקים, וואָס האָבן אין יענער צייט זיך געפּרוכפּערט און געמערט. די צדיקישע הייזער זיינען געוואָרן קיניגלעכע דינאַסטיעס אין אָט דעם קליינעם וועלטל און האָבן זיך געפירט זייער אייגענע פּאָליטיק אין הימל און אויף דער ערד. זיינען זיך אָט די „מלכים“ געזעסן צווישן באַגייסטערטע מאמינים און האָבן געשפּילט די ראָלע פון פאַרמיטלער צווישן זיי און דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

דער ערשטער צווישן די גאַליצישע צדיקים, דער באַשעפער פון דער טעאָריע פון „פאַרמיטלעריי“, ר' אלימלך ליזענסקער (§ 28), האָט קיין אייגענע דינאַסטיע ניט געגרינדעט. זיין זון ר' אלעזר, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ רב אין ליזענסק, האָט זיך אויסגעצייכנט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט זיין פאָטערס ספר „נועם אלימלך“ צוזאַמען מיט בריוו וועגן מדות פון חסידות. אַז מען האָט ר' אלעזרן געפרעגט, וואָס האָט זיין פאָטער געזאָגט פאַרן טויט, האָט ער געענטפערט: „קוקט אַריין אין ספר נועם אלימלך, וועט איר וויסן“[1]. דער זון האָט ניט גע־

1 סדר הדורות החדש, 60.

האָט וואָס מוסיף צו זיין צו די רייד פון פּאָטער, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט בירושה כתבים, און ניט די פעיקייט פון אַ לערער און פירער[1].

דעם רבינס טעטיקייט האָבן ווייטער געפירט זיינע תלמידים. דער אויסגעצייכנטסטער צווישן זיי איז געווען ר׳ מנחם מענדל פּריסטיקער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט רימאַנאָוו און איז באַוווסט אויך אונטערן נאָמען מענדל רימאַנאָווער. אין דער חסידישער ליטעראַטור איז וועגן אים דערציילט גאָר ווי־ניק[2]. און אין זיינע דרשות וואָס זיינע תלמידים האָבן אָפּגע־דרוקט נאָך זיין טויט[3] איז שווער צו געפינען עפּעס נייס און אָריגינעלס. אָבער מיר האָבן אַ בפירושן סימן, אַז דער דאָזיקער צדיק איז געווען בשעתו באַרימט צווישן חסידים: זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין דער רשימה פון די צדיקים צווישן 1798 — 1800, וואָס ווערן אָנגערופן „ראשי בריוני" אין די כתבים פון דעם

1 חוץ דעם לאַנגן בריוו וואָס ר׳ אלעזר האָט געשריבן לויטן פּאָטערס באַפעל און וואָס איז אָפּגעדרוקט צום סוף פון ספר „נועם אלימלך" (אויבן, § 28), זיינען אין אַ שפּעטערער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך צוויי בריוו זיינע. דער ערשטער איז געשריבן נאָך פאַר זיין פּאָטערס לעבן און אין זיין נאָמען, דאָס איז אַן ענטפער אויף דער שאלה פון איינעם אַ חסיד וועגן ענינים פון חסידות („בית מלך", מונקאַטש תרנ״ד, צום סוף; עשר צחצחות, 36 — 38, פּעטריקאָוו 1910); און דער צווייטער איז אַ בריוו פון ר׳ אלעזרן צו ר׳ מענדל רימאַנאָווער וואָס דערציילט אַ מעשה נורא, ווי אַזוי ר׳ אלימלך האָט נאָכן טויט אַרויסגעטריבן אַ דיבוק פון אַ פרוי דורך דעם וואָס ער האָט זיך איר באַוויזן אין קרייז פון איר פאַמיליע און האָט זי געבענטשט („אמרי שפר", לעמבערג, 1884; עשר צחצחות, 39—40). מען באַדאַרף נאָך רעווידירן די עכטקייט פון די לעצטע בריוו.

2 סדר הדורות החדש, 61—62; שם הגדולים החדש, אונטער זיין נאָ־מען. שפּעטערדיקע לעגענדעס וועגן אים האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מעשיות וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאָלק וועגן זיין תלמיד ר׳ נפתלי צבי ראָפּ־שיצער (עשר צחצחות, ז׳ 85 א״ו).

3 מנחם ציון, אמרות טהורות, חידושי תורות, אשר יצאו מפה קדוש הרב הצדיק מנחם מענדיל דק״ק פריסטיק ואחר תקע אהלו בק״ק רימנוב". אין אָט דעם קליינעם ספרל זיינען צונויפגעקליבן זיינע דרשות צו שבתים און ימים־טובים דורך זיין תלמיד יחזקאל פּאנעט, אַ רב אין זיבנבערג (אין דרוק זשיטאָ־מיר 1857). דעם ספר „דברי מנחם" וואָס ווערט צוגעשריבן דעם דאָזיקן צדיק האָב איך ניט געזען.

פאַנאַטישן מתנגד ר׳ דוד מאַקאָווער[1]: „מנדיל פריסטיקער" איז דער לעצטער אין דער דאָזיקער רשימה, וואָס אין דער שפּיץ ווערן אין איר אָנגערופן די גרעסטע צדיקים: יצחק לוי באַרדיטשעווער, מלך ליזענסקער, זלמן ליאָזנער און אַנד׳. ווי עס ווייזט אויס, איז ר׳ מענדל פריסטיקער געגאַנגען אין די וועגן פון זיין רבין דעם ליזענסקער, און דערפאַר האָט ער צערייצט דעם כעס פון די מתנגדים. מיט ביטערן שפּאָט שרייבט דער מאַקאָווער מגיד וועגן דעם צדיק „מנחם (מענדל) וואָס איז אַרויסגעגאַנגען דינען מלך ליזענסקער" און וואָס די חסידים באַרימען זיך מיט אים, אַז ער „ווייס אַלץ און גיט זיי צו וויסן וואָס עס וועט זיין": „מנדל פריסטיקער איז אונדזער טרייסטער (מנחם שלנו), ער וועט אונדז פירן, לויט זיין אָנזאָג וועלן מיר גיין און קומען, ער איז אונדזער מלך און ער וועט אויסשתדלען כל טוב פון אונדזער־טוועגן"[2]. זיין השפעה איז משמעות נאָך מער אויסגעוואַקסן, ווען ער האָט זיך אַריבערגעקליבן פון פריסטיק קיין רימאַנאָוו. דאָרט האָט ער געהערשט איבער דער עדה חסידים אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנס ממשלה אין צענטראַל־אייראָפּע און האָט דערלעבט די מפּלה זיינע אין דער מלחמה אין רוסלאַנד און פוילן

די דאָזיקע געשעענישן האָבן, לויט דער לעגענדע, געבראַכט צו אַ מחלוקת צווישן דעם רימאַנאָווער צדיק און איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים ר׳ נפתלי צבי הורוויץ פון ראָפּשיץ. דער לערער האָט געהאַלטן, אַז נאַפּאָלעאָנס ניצחון וועט ברענגען אַ ישועה פאַר יידן אין פוילן, און דערפאַר האָט ער געהייסן זיינע תלמידים מתפּלל זיין פאַר דעם ניצחון, און דער תלמיד האָט געטענעט פאַרקערט, אַז אויב דער פראַנצויזישער באַצווינגער וועט גובר זיין, וועט זיך פאַרשפּרייטן די כפירה, יידישע יונגע לייט וועלן זיין געצוווּנגען צו לערנען אין גוישע שולן און דינען פאַר סאָלדאַטן, און דעמאָלט וועט קומען אַ סוף צו חסידות און צום גלויבן אין צדיקים[3]. אַן אַנדערע לעגענדע זאָגט,

---

1 שבר פושעים, נו׳ 18; זמרת עם הארץ, נו׳ 23.

2 זמרת עם הארץ, נו׳ 28.

3 פרענק, יהודי פולין בימי מלחמות נפוליון, ז׳ 18 (וואַרשע, 1913). דער מחבר גייט נאָך דער חסידישער לעגענדע, וואָס שיידט ניט פונאַנדער די צייטן, און אין איין אָרט (ז׳ 14 א״וו) נעמט ער אַריין אין דער מחלוקת

אַז די צוויי גאַליציאַנער צדיקים האָבן זיך צעקריגט בעת די לעצטע מלחמות נאַפּאָלעאָנס אין רוסלאַנד. ר׳ מענדל האָט געוואָלט גלייבן, אַז דער קיסר נאַפּאָלעאָן איז דאָס איינער פון די מלכים פון גוג ומגוג, וואָס זייער מלחמה דאַרף זיין אידער משיח וועט קומען, און ער האָט אין זיין תּפילה זיך געמיט, אַז ער זאָל מנצח זיין אין דער מלחמה, כּדי די גאולה זאָל קומען. אין זיין באַגייסטערונג האָט ער געטענעט, אַז גלייכער איז פאַר יידן, עס זאָל פאַרגאָסן ווערן אַ סך בלוט צווישן פריסטיק און רימאַנאָוו, אַבי משיח זאָל קומען. און ר׳ נפתּלי איז געווען קעגן דעם, ביז די צוויי צדיקים האָבן געמוזט פאָרן קיין קאָזשעניץ צום גרויסן מגיד ר׳ ישראל, ער זאָל פּסקענען אין דער שאלה[1], ווי עס ווערט דערציילט ווייטער (§ 46).

וועגן לעבן און טעטיקייט פון ר׳ נפתּלי ראָפּשיצער איז גאָרנישט ניט געבליבן אין זיכּרון אויף דורות, חוץ פאָלקס-לעגענדעס און צדיקים-מעשיות, וואָס די פאַנטאַזיע איז אין זיי מער פון דעם אמת[2]. מען דערציילט וועגן אים שטותעריי, למשל, „אַז זיין נשמה איז געווען פון דער מצווה סוכּה וואָס אין דער תּורה, און אין דער אמתן פלעגט ער אַ גאַנץ יאָר עוסק זיין אין דער דאָזיקער מצווה: איטלעכן טאָג פלעגט ער מאַכן עפּעס אַן אַרבעט אין זיין סוכּה, איין טאָג פלעגט ער אַריינקלאַפּן אַ פלעקל און אַ צווייטן טאָג פלעגט ער לערנען מסכת סוכּה, און אַלע טאָג פלעגט ער דערמאָנען דעם נאָמען סוכּה און פלעגט אַלץ ווענדן זיינע רייד, ביז ער פלעגט קומען צו אַ זאַך פון דער סוכּה". און אַלע זיינע טועכצן און רייד האָבן די מאמינים געזען רק הייליקע

אויף דעם צדיק אלימלך ליזענסקער, וואָס איז געשטאָרבן 1786, איידער נאַפּאָליאָן האָט נאָך אָנגעהויבן זיין קאַריערע. — די מיינונג וואָס ווערט צוגעשריבן ר׳ נפתּלי ראָפּשיצער איז אין דער אמתן אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ בריוו פון ר׳ שניאור זלמן ליאַדיער אין יאָר 1812. זע ווייטער § 47.

1 עשר אורות, ז׳ 74; עשר צחצחות, 87..

2 אין ספר הדורות החדש (70) און אין שם הגדולים החדש (אונטער זיין נאָמען) שטייט, אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ קליין ספרל „אילה שלוחה: רמזי תּורה לסדר בראשית ושמות". אין ספר „עשר צחצחות" ווערט דערמאָנט נאָך אַ זאַמלונג דרשות מיטן נאָמען „זרע קודש"; אָבער אָט די אַלע ספרים זיינען שפּעטערדיקע און זייער אויטענטישקייט איז מוטל בספק.

רמזים. אין זיינע דרשות שבת צו שלש־סעודות פלעגט ער „אַנטפּלעקן סודות פון דער תורה“, און אַפילו אין די וואָכעדיקע שמועסן זיינע מיט זיין ווייב און מיט דער דינסט האָט מען אַרויסגעפונען וואונדערלעכע סודות. איינער פון די פוילישע צדיקים האָט עדות געזאָגט, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַט כּוח אָפּצובריינגען משיחן נאָך פאַר דער צייט פון דער גאולה, מער ניט וואָס פון איבן האָט מען אים פאַרהאַלטן, ווייל מען האָט אים געגעבן אַ ווייב אַ כּעסנטע, וואָס האָט אים געשטערט אין עבודת השם. אין ערשטן זיווג איז ער געווען אַן איידעם פון אַ גביר אין בראָד; איין מאָל האָט ער געטראָפן זיין יונגע ווייבל שטייענדיק פאַרן שפּיגל און זיך פּוצנדיק, האָט ער געזאָגט צו איר: וואָס פּוצסטו זיך אַזוי שטאַרק? מיר ביסטו געפעלן אויך אָן פּוץ. האָט זי אים געענטפערט, אַז זי וויל געפעלן ווערן אויך אַנדערע. ווי ער האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד אַנטלאָפן קיין זלאָטשעוו צום צדיק ר׳ מיכל, און לויט זיין עצה האָט ער זיין ווייב אָפּגעגט. מען דערציילט, אַז ער פלעגט זיך ניט יאָגן נאָך „פּדיונות“, ווי אַ סך פון זיינע חברים: „די צדיקים ווילן האָבן, עס זאָלן קומען צו זיי די וואָס דאַרפן האָבן הילף, און זיי זאָלן פאַר זיי מתפּלל זיין, אָבער דער ראָפּשיצער רב שטייט אויף אין דער פרי און טוט תפילה, אַז אַלע וואָס גענייטיקן זיך אין הילף זאָלן געהאָלפן ווערן אין דער היים און זאָלן ניט באַדאַרפן קומען קיין ראָפּשיץ“. יונגערהייט האָט ר׳ נפתלי געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות פון די מתנגדים און אויף דער עלטער פלעגט ער זאָגן: „ווען די וועלט זאָגט, אַז מתנגדים ווערן מגולגל אין הינט, איז דאָס אמת“. די בני דור האָבן עדות געזאָגט אויף ר׳ נפתלין, אַז ער איז געווען אַ גרייסער פּיקח. איין מאָל האָט אים געפרעגט דער גרויסער לובלינער רבי: „עס שטייט דאָך אין דער תורה: תמים תהיה עם ה׳ אלהים, און ניט חכם תהיה?“ דערויף האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט: „בכדי צו זיין אַ תמים מיט גאָט איז נייטיק אַ גרויסע חכמה“[1]. ר׳ נפתלי איז געשטאָרבן אין יאָר 1827 און איז באַגראָבן אין דער שטאָט לאַנצוט[2].

---

1 עשר צחצחות, 84—92.

2 דאָרט, 100: אָפּגעשריבן די אויפשריפט אויף זיין מצבה.

פון די פינף זין פון באַרימטן גאַליציאַנער צדיק מיכל זלאָטשעווער (איבן, § 21) האָט זוכה געווען צום טיטל „קדוש" ר' וואָלף זבאַרעזשער[1] (אַן ערך צווישן 1792 און 1820). די הייליקייט פון אָט דעם צדיק איז ניט געווען קיין „קדושה" פון דעם מין וונדער־מאַכערס, נאָר זי איז אַרויסגעקוואָלן פון אמתער מאָראַלישער שלמות, וואָס קיין סך צווישן די צדיקים האָבן זיך מיט אַזעלכער ניט אויסגעצייכנט. אַ גאַליציאַנער פון אַ דור שפּעטער[2] שילדערט ר' וואָלפן ווי אַ מענטשן, „וואָס זיין תמימות און זיין הייליקייט איז גאָר ניט משער צו זיין, בפרט אין פולקומענקייט פון די מידות און אין ליבשאַפט צו מענטשן". מען דערציילט וועגן אים, אַז איין מאָל האָט זיין ווייב זיך צעקריגט מיט דער דינסט און האָט געוואָלט גיין מיט איר צום בית־דין כדי צו מאָנען פון איר דעם שאָדן פאַר אַ כלי וואָס זי האָט צעבראָכן. דעמאָלט האָט ר' וואָלף זיך אָנגעטאָן און האָט זיך אויך געלאָזט גיין צום בית־דין. די רביצין האָט געמיינט, אַז איר מאַן גייט דאָס טענען פאַר אירטוועגן פאַר די דיינים, און האָט צו אים געזאָגט: איך וועל אַליין גיין, צוליב וואָס דאַרפסטו מטריח זיין דיין כבוד צוליב אַ געלט־תביעה? אָבער דער צדיק האָט איר געענטפערט: איך גיי ניט פון דיינטוועגן אין בית־דין, נאָר כדי צו טענען פאַר דער דינסט, וואָרעם זי איז אַ יתומה, און עס איז אַ מצווה זיך איינצושטעלן פאַר איר, ווי עס שטייט אין פסוק (איוב ל"א 13): „אם אמאס משפט עבדי ואמתי בריבם עמדי"... (צי האָב איך פאַרוואָרפן דאָס רעכט פון מיין קנעכט און דינסט אין זייער שטרייט מיט מיר). ר' וואָלף איז געווען אָפּגעהיט אין כבוד פון איטלעכן מענטשן, און אַפילו פון די סאַמע דערונטערדיקע. איין מאָל זיינען געזעסן ביי אים זיינע חסידים שבת צו שלש סעודות, „און זייער שטייגער איז געווען צו זיצן פאַר אים מיט פאָרכט און פחד און

---

1 אין סדר הדורות החדש (ז' 53) ווערט ער אָנגערופן זאב וואָלף און אין „שם הגדולים החדש" (אין אות וואָו, נאָענט צום סוף) בנימין וואָלף. שווער צו באַשטימען, וועלכער איז דער אמתער נאָמען.

2 מענדל באָדעק, דער מחבר פון „סדר הדורות החדש", וואָס האָט געווים גענומען זיינע ידיעות פון ערשטן מקור. ביי גאָר זיינע גוזמאות איז ער מער באַגלייבט ווי אַלע שפּעטערדיקע מחברים אין זייערע סיפורי צדיקים.

אין שטילקייט, כּדי אים ניט מבלבל צו זיין אין דער צייט ווען ער איז פֿאַרטיפֿט אין זיינע הייליקע מחשבֿות"; דערווייל איז אַריין איינער אַ מענטש און האָט זיך אַוועקגעזעצט בּיים טיש צווישן די געסט, גענומען אַ רעטעך, צעשניטן אים אויף שטיקער און גענומען עסן און כראָמשקען מיט די ציין בּיים קייען. האָבּן די אַנדערע חסידים אויף אים אָנגעשריען: פֿרעסער איינער, פֿאַרוואָס בּיסטו מבלבל דעם הייליקן רבּין? האָט זיך דער ייד שטאַרק פֿאַרשעמט. דער צדיק האָט בּאַמערקט זיין צער און האָט געזאָגט: מיר ווילט זיך עסן רעטעך, גיט מיר, וועל איך עסן. האָט דער ייד אים געגעבּן אַ שטיק רעטעך. און דער צדיק האָט געגעסן דעם רעטעך און דורך דעם בּאַרויקט דעם יידן וואָס איז פֿאַרשעמט געוואָרן דורך זיינע חבֿרים.

און ווי גרויס ר' וואָלפֿס צדקות איז געווען, אַזוי גרויס איז אויך געווען זיין ענוות. איין מאָל איז ר' וואָלף געפֿאָרן מיט אַ בּעל-עגלה אויף אַ בּרית צו איינעם פֿון זיינע חסידים. עס איז געווען ווינטער-צייט, און די קעלט גרויס. אין מיטן דער סעודה האָט ר' וואָלף זיך דערמאָנט, אַז דער בּעל-עגלה איז געבּליבּן אין דרויסן היטן זיינע פֿערד, און ער קאָן זיך צוקילן. דעמאָלט איז ער שטילערהייט אַרויס אין דרויסן און האָט געזאָגט צום בּעל-עגלה: גיי אַריין אין שטוב און וואַרעם זיך אָן אַ בּיסל, און איך וועל דאָ אויפֿפּאַסן די פֿערד. דער בּעל-עגלה האָט געמוזט פֿאָלגן וואָס דער צדיק הייסט, איז אַריין אין שטוב און האָט זיך געזאַמט מער ווי אַ ווײַלע. אַז די געסט האָבּן געזען, אַז דער צדיק זאַמט זיך צופֿיל אין דרויסן, זיינען זיי אַרויס אים זוכן און האָבּן אים געפֿונען שטיין בּיי די פֿערד ציטערנדיק פֿון קעלט. — אין גאָר דער חסידישער לעגענדע האָבּ איך ניט געפֿונען קיין גלייכן צו דער מאָראַלישער שיינקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די הומאַנע מעשׂיות ווי אָט די. אויסגעצייכנטע צדיקים פֿון אָט דעם מין זיינען מכפּר אויף די זינד פֿון זייערע חבֿרים, וואָס האָבּן געמאַכט געשעפֿט מיט זייער פֿלומרשטיקער „קדושה".

צו דעם מין צדיקים וואָס מאָראַלישע השתּלמות איז פֿאַר זיי געווען דער עיקר אין חסידות, קאָן מען צורעכענען אויך ר' משה לייב בּראָדער אָדער סאַסאָווער (סאַסאָוו איז אַ שטעטל אין בּראָדער קרייז, וווּ ער האָט זיך בּאַזעצט זיינע לעצטע יאָרן

און איז דאָרט געשטאָרבן אין יאָר 1807). יונגערהייט האָט ער געלערנט אין ניקאָלשבורג אין דער ישיבה פון ר׳ שמעלקא הורוויץ, וואָס איז געווען נוטה צו חסידות. שפּעטער איז ער געווען אַן איינגייער בײַ ר׳ אלימלך ליזענסקער. פון זײַן לעצטן רבין האָט ער משמעות ניט איבערגענומען דעם געשעפט=צדיקיזם. און זײַן טעטיקייט איז ער געווען מער אַ לערער אין חסידות, איידער אַ וווּנדער=מאַכער, און אין זײַן מאָראַלישער תורה איז זײַן טון געווען איינס מיט זײַן וואָרט. „גמילות חסדים“ איז פאַר אים געווען דער הויפּט=זייל, וואָס אויף אים האַלט זיך די וועלט. שטענדיק פלעגט ער זאָרגן וועגן שפּײַזן אָרעמע לײַט, היילן קראַנקע און אויסלייזן תפוסים; „ער פלעגט תמיד נעמען אַן אָנטייל אין איטלעכנס צער, אַזוי ווי די צרה וואָלט געווען געקומען אויף אים גופא“. ער פלעגט פילנעווען קינדער יתומים און צוואָגן זיי די קעפּלעך און היילן זיי פון קרעץ און גרינה דורך צוקלעפּן פלאַסטערס. ער פלעגט זאָגן: „דער מענטש וואָס קאָן ניט אויסזויגן דאָס בלוט פון די געשווירן און קרעץ פון יידישע קינדערלעך, דער האָט אַפילו צו אַ העלפט פון אהבת ישראל ניט דערגרייכט“[1]. איין און דער זעלביקער געדאַנק האָט געפונען זײַן אויסדרוק אין דער זעלביקער פאָרם בײַ דעם קאַטוילישן חסיד פראַנציסק פון אַסיזי אָנהייב 13טן י״ה און בײַ דעם יידישן חסיד סוף 18טן י״ה; די ליבשאַפט צו מענטשן, רחמנות אויף געפּלאָגטע און אומגליקלעכע — אָט דער געפיל לעבט גלײַך בײַ ביידע הייליקע. גלײַך זיינען זי געווען אויך אין דער מידה פון ענוות. ר׳ משה לייב פלעגט אין זיינע בריוו צו זײַן חתימה שטענדיק צוגעבן „אני השפל והנבזה“. זײַן ליבשאַפט צו שלום האָט אים דערווייטערט פון אַלע מחלוקתן פון יענער צייט. אין אַ בריוו צו די רבנים (מרחשון תקנ״ו, 1795) בעט ער זיי צו האָבן רחמנות אויף זײַן גערודפטן חבר ר׳ שלמה לוצקער, דעם מעזריטשער מגידס אַ תלמיד. ער בעט זיך בכלל בײַ זיי, זיי זאָלן אָפּשטעלן די מחלוקת, מיט אַזעלכע האַרציקע ווערטער: „איך דער נידעריקער און נישטיקער קום צו בעטן בײַ אחינו בני ישראל, עס זאָל זײַן שלום אויף דער וועלט. זינט עס איז ניטאָ קיין שלום, איז ניטאָ גאָרנישט... דער ס״ם (סמאל) האָט געוואָרפן פיילן אין

---

1 סדר הדורות החדש, 75.

שוים-שטיינער, כדי צו מאַכן העצעס צווישן תלמידי חכמים און אנשי מעשה, יראים ושלמים. ווי איז צו די אויערן וואָס הערן אזעלכס!... איך ווייס אויף זיכער, אַז דיין פאָלק זיינען אַלע געלויבט, אַלע געקעכט"[1]. בכלל פלעגט ר׳ משה לייב מקיים זיין דעם געבאָט: זאָלסט דן זיין איטלעכן מענטשן לכף זכות. יונגער-הייט פלעגט ער אַמאָל אַוועקגיין פון בית מדרש און אַריינגיין אין אַ שענק, ווו „פרייע" בחורים פלעגן הוליען, פלעגט עסן און טרינקען און טאַנצן מיט זיי; „ער פלעגט דאָס טון צוליב מצוה: כדי זיי אָפּצוהיטן פון זנות[2]. וועגן אָט דעם צדיק האָט מען דער-ציילט די באַוווסטע לעגענדע, אַז איין מאָל ערב יום-כיפור פאַרנאַכט, ווען ער האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען אין שול צו „כל-נדרי", איז מען אים געגאַנגען זוכן און מען האָט אים געפונען אין אַ שטוב האַלטנדיק אַ קינד אויף דער האַנט; דאָס קינד האָט געוויינט, מחמת זיין מאַמע איז אַוועק אין שול און האָט דאָס געלאָזן אַליין, און דער רבי האָט דאָס גענומען איינשלעפערן מיט זיין געזאַנג[3].

דער סאַסאָווער צדיק האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין כתב-יד אַ קליינעם קונטרס מיט שטיקלעך דרשות און ווערטלעך, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ יאָר פופציק נאָך זיין טויט („ליקוטי רמ"ל, זשיטאָמיר, 1857). טייל פון זיינע קורצע ווערטלעך זאָגן עדות אויף זיינע מיינונגען און אויף זיינע מידות: „זע דיין אייגענע שפלות, וועלן דיינע אויגן ליכטיק ווערן פון דעם אייבערשטנס דערהייבנקייט"; „נאַראָנים פייניקן זייער גוף מיט תעניתים און קאַל-טע מקוואות, און אויב דו וועסט איינהאַלטן דיין כעס, וועט עס דיר דען ניט זיין בעסער פאַר טויזנט תעניתים"; „אויב דיר גע-פעלט ניט וואָס דיין חבר טוט, דעמאָלט טו אַ קוק, צי דיינע אייגענע מעשים זיינען ווי געהעריק, און הערנאָך זאָלסטו לערנען און שטראָפן דיין חבר"; „עס זיינען שוין געווען מענטשן וואָס זייער מויל האָט ניט אויפגעהערט לערנען, און פאָרט האָבן זיי

---

1 דער בריוו איז אָפּגעדרוקט צום סוף פון דעם קונטרס „צוואת הריב"ש" אין לעמבערגער דרוק 1862. זע „דברי צדיקים", ז׳ 41, מפּוח דער מחלוקת קעגן ר׳ שלמה לוויצקער.

2 עשר צחצחות, 42—44.

3 דאָרט, 49.

ניט פאַרזוכט קיין טעם פון יראת שמים, דו שטעל זיך טאַקע אָפּ אויף דער תורה, כדי דו זאָלסט וויסן דעם פירוש פון די תרי״ג מצוות און אַלע תקנות און סייגים פון די רבנן, אָבער ניט צו־ליב פּילפּול״.

אין יענער צייט האָט נאָך געלעבט איינער פון די ערשטע גרינדערס פון גאַליציאַנער חסידיזם, ר׳ משולם פייבוש העלער פון זבאַראַזש, אַ תלמיד מובהק פון דעם מגיד מיכל זלאָטשעווער. יונגערהייט האָט ער נאָך געזען דעם גרויסן מעזעריטשער מגיד און זיין חבר ר׳ מענדל פּרימישליאַנער[1], אָבער זיין תורה האָט ער איבערגענומען פון זיין לאַנדסמאַן מיכל זלאָטשעווער. אין די לעצטע יאָרן פון זיין רבין האָט ער זיך באַטייליקט אין צונויפשטעלן די גרויסע זאַמלונג „ליקוטי יקרים״ (לעמבערג 1792), וואָס אין זיי זיינען געבראַכט די רייד פון די פיר הייליקע (ארבעה מטיבי לכת): דעם בעש״ט, דעם מגיד דוב בער מעזריטשער, ר׳ מענדל פּרימישליאַנער און ר׳ מיכל זלאָטשעווער[2].

צו די רייד פון זיינע לערערס האָט ער צוגעגעבן פון זיך דערקלערונגען, וואָס זאָגן עדות אויף זיין טיפן אַריינדרינגען אין דער תורה פון חסידות. אין זיינע פירושים, וואָס זיינען שפּעטער

1 ליקוטי יקרים, דף כ׳ עמוד ג׳ (לעמבערג 1792).

2 מיר איז געראָטן אויפצודעקן דעם אַנאָנימען מחבר (אָדער איינעם פון די מחברים) פון דער אַלטער זאַמלונג „ליקוטי יקרים״ (זע אויבן, §§ 11, 15 און וויטער אונטן אין די הוספות) אויף אַזאַ אופן: אויף דף כ׳ עמוד ג׳ פון דעם ספר אין דרוק 1792 שטייט: „אני הכותב למען אהבת אמיתי [עמיתי] ורעי אשר מעודי גדלתי [עמו?] בתורת ה׳ ויראתו לפי קט שכלנו, וגבה טורא בינינו. ובעת הפרדו מאתי ביקש ממני להעלות על הכתב יושר דברי אמת ואמונה הנשמע מפי משכילי הדור אנשי מופת בעלי רוח הקודש אשר עיני ראו ולא זר כמלאכי אלקים פחדם ויראתם, וכולם ממעין אחד שתו, האלקי ר׳ ישראל בעש״ט ז״ל. ואני לא זכיתי לראות רק פני תלמידו האלקי ר׳ דוב בער ז״ל... וכמה פעמים הייתי לפני האשל הגדול ר׳ מנחם מנדיל מפרימישלייאן ע״ה, וביותר להבדיל בין המתים והחיים אשר שמעתי מפה קדוש מו׳ יחיאל מיכל נ״י״. (איך בין דער וואָס שרייבט פון וועגן דער ליבשאַפט פון מיין חבר און פריינד, וואָס פון יוגנט אויף בין איך געוואַקסן (מיט אים?) אין גאָטס תורה און אין זיין פאָרכט לויט אונדזער קליינעם שכל, און אַ באַרג האָט זיך דער־הויבן צווישן אונדז. און אין דער צייט ווען ער האָט זיך צעשיידט מיט מיר, האָט ער געבעטן פון מיר אַרויסצוברענגען אויף דער שריפט די רייד פון אמת

פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויך אין אַ באַזונדער ספר „דרך אמת“, באַקלאָגט זיך דער מחבר אויף די „שפעטערס און כופרים... וואָס באַליידיקן גאָטס מלאכים דורך שקרים און ליגנס וואָס זיי טראַכטן אויס פון קאָפּ“ — דאָס איז אָן אָנצוהערעניש אויף די מעשים פון די מתנגדים בעת דער ערשטער מחלוקת. דער מחבר טאַדלט די גמרא-לערנערס וואָס גרייסן זיך מיט זייער קענטשאַפט און מאַכן אַראָפּ די גלייביקע וואָס זיינען ניט אַזוי שטאַרק בקי אין תלמוד. די בקיאים און די איבערגעשפּיצטע מוחות לערנען תורה ניט לשמה, נאָר צוליב אָן אויסוויינקסטן ציל און ווערן געשטרויכלט אין חטא פון גרויסהאַלטערישקייט. און נאָר די וואָס לערנען פון גליסט אָפּצוהיטן די מצוות וואָס שטייען אין דער תורה, זיינען ראוי צום נאָמען „חכמים“. דערויף דרשנט ער דעם פּסוק: „אמור לחכמה אחותי

און אמונה וואָס זיינען געהערט געוואָרן פון די לערערס פון דור, וווּנדער-מענער וואָס פאַרמאָגן רוח הקודש, וואָס מיינע אייגענע אויגן האָבן געזען זייער פחד און פאָרכט פון מלאכים פון גאָט, און אַלע האָבן זיי געטרונקען פון איין קוואַל, פון געטלעכן מאַן ר׳ ישראל בעל שם ז״ל. און איך האָב זוכה געווען צו זען נאָר זיין תלמיד דעם געטלעכן מאַן ר׳ דוב בער ז״ל... און אַ סך מאָל בין איך געווען פאַר דעם גרויסן בוים ר׳ מנחם מענדל פּרימישליאַנער ע״ה, און מער פון אַלץ, אָפּצושיידן צווישן די טויטע און די לעבעדיקע, האָב איך געהערט פון הייליקן מויל פון ר׳ יחיאל מיכל זיין ליכט זאָל שיינען).—דאָס זעלביקע געפינט זיך אויך אין דעם קונטרס „דרך אמת“ פון ר׳ פייבוש זבאַראַזשער, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ שפּעטערער צייט (טשערנאָוויץ 1855) און איז דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין דער זאַמלונג „קבוצת יעקב“ (געדר׳ תרנ״ז). און ניט נאָר דער דאָזיקער אַריינפיר פון דעם שרייבער, נייערט דער גאַנצער ווייטערדיקער מאמר אין אַלטן „ליקוטי יקרים“ (פון דף כ׳ ביז ל״א) איז אָפּגעדרוקט מיט קליינע שינויים אין דעם דערמאָנטן קונטרס „דרך אמת“ אין נאָמען פון ר׳ פייבוש (אין דער זאַמלונג „קבוצת יעקב“ פון דף כ״ו ביז דף מ״א). ווי עס ווייזט אויס, האָט ר׳ פייבוש דאָס געשריבן לויט דער בקשה פון זיין חבר, וואָס האָט געלערנט מיט אים צוזאַמען יונגערהייט, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון אים („אַ באַרג האָט זיך דערהויבן צווישן אונדז“...). איך בין משער, אַז ר׳ פייבוש האָט געשריבן נאָר דעם טייל פון ספר „ליקוטי יקרים“, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אני הכותב“... און די איבעריקע טיילן, די פריערדיקע און די שפּעטערדיקע, האָבן פאַרפאַסט אַנדערע. זע נאָך סדר הדורות החדש, 36, און שם הגדולים החדש אונטער פייבוש: ביידע דערמאָנען די דרושים פון ר׳ פייבושן אין די ליקוטי יקרים. און אפשר האָבן זיי געהאַט אַן אַנדער דרוק, וואָס אין אים איז דער נאָמען פון מחבר דערמאָנט בפירוש.

את" (משלי ז' 4: זאָג דער חכמה: דו ביסט מיין שוועסטער), דאָס הייסט האָב ליב די חכמה מיט אַ ריינער ליבע, אַזוי ווי דו האָסט ליב דיין שוועסטער, אָן שום פניה, און ניט ווי דו האָסט ליב דיין ווייב צוליב קערפּערליכן פאַרגעניגן[1]. די רבנים וואָס זיינען קעגן חסידות וואַרפט ר' פייבוש אויף צוויי זינד: גרויסהאַלטערישקייט און קנאה — זיי זיינען מקנא די פירערס פון די חסידים, וואָס זיי האָבן אַ גוטן נאָמען, און די מאַסע פון פאָלק איז צו זיי צוגעבונדן, בעת צו די לומדים ווענדט זיך קיין מענטש ניט, און דערפאַר טראַכטן זיי אויס בילבולים אויף די צדיקים און „קלערן אויס שקרים און ליגנס, אַזוי ווי דאָס האָט געטראָפן אין אונדזער צייט"[2]. די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון דער רעליגיעזער מחלוקת, אָבער אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ר' פייבוש דערלעבט צום ניצחון פון דער חסידות אין גאַליציע. פּרטים פון זיין לעבן ווייסן מיר ניט, דאָס גלייכן איז ניט באַוווּסט דאָס יאָר פון זיין טויט[3].

איין צדיק איז געווען אין יענעם דור, ר' אורי סטרעליסקער, וואָס איז געווען באַוווּסט מיטן צונאָמען „שרף". ער האָט געקראָגן דעם צונאָמען מחמת דעם, וואָס בעתן דאַווענען פלעגט ער זיך שטאַרק צעהיצן „און ברענען ממש ווי פייער", און דערפאַר האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ געטלעכן מלאך, ווי איינעם פון די שרפים וואָס שרייען איבערן כסא הכבוד אין הימל[4]. איינער פון ר' אורים רביים איז געווען דער ליטווישער „קדוש", ר' שלמה קאַרלינער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין לודמיר אין וואָלין אין יאָר 1792 (איבן, § 24). די לעגענדע דערציילט גוזמאות וועגן סטרעליסקער צדיק: „אַז ער פלעגט לייענען די תורה, פלעגט ער זען די אותיות פון דער ספר תורה און שוואַרצן פייער אויף ווייסן פייער", אַזוי ווי בעת די תורה איז געגעבן געוואָרן איבן באַרג סיני. איידער ער פלעגט גיין אין בית-מדרש אַריין דאַווענען, פלעגט ער זיך געזעגענען מיט זיין הויזגעזינד,

1 ליקוטי יקרים, דף כ"א עמוד ד'; דרך אמת, אין דער זאַמלונג „קבוצת יעקב", דף כ"ט.

2 ליקוטי יקרים, דף כ"ד עמוד ד'; קבוצת יעקב", דף ל"ג.

3 חוץ שפּעטערדיקע לעגענדעס אין ספר „אמונת צדיקים" (וואַרשע 1900).

4 סדר הדורות החדש, 74—75; עשר צחצחות, 76—93.

וואָרעם ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער שטאַרבן בעתן דאַוונען פון גרויס דבקות. עס האָט אים געדוכט, אַז אין זיינע לעצטע טעג וועט ער זוכה זיין איפצושטייגן אין שטורעם אין הימל אַריין, אַזוי ווי אליהו הנביא אין זיין צייט. אין קליינעם גאַליצישן שטעטל סטרעליסק פלעגן זיך צונויפקומען מאַסן חסידים; דער רוב פון זיי זיינען געווען אָרעמע לייט, און קיין עשירות האָבן זיי זייער רבין ניט געקאָנט אַריינברענגען, אָבער ר׳ אורי האָט געהאַט אַן אינעווייניקסטע באַדערפעניש אין אַט דער פאַרזאַמלונג פון חסידים אַרום זיך, וואָרעם אין אַט דער סביבה פלעגט ער זיך אָנוואַרעמען אין אָנצינדן צו דער עבודת הבורא. ער פלעגט זאָגן, אַז אַ חסיד באַדאַרף פאָרן צו זיין רבין אַפילו טויזנטער מיילן ווייט און ער מעג צוליב דעם אַפילו זיך אָפּזאָגן פון דאַוונען און לערנען, וואָרעם איין וואָרט פון אַן אמתן צדיק איז מתקן די נשמה מער פון אַלע מצוות. ר׳ אורי איז געשטאָרבן אין יאָר 1826.

---

§ 46. נאַפּאָלעאָנס ניצחונות: חסידות נעמט איין קרוין־פוילן

דער וווקס פון חסידיזם אין מהומה־צייט. — דאָס פּאָר צדיקים אין לובלין און קאָזשעניץ. — דער „לובלינער רב״; פאַרוואָס קומט אים דער נאָמען „חוזה״. — זיין ענטפער דעם רב וואָס איז מקנא זיין פירסום. —דער וואָרזאָגער און יועץ פאַר א „פדיון״. — צדיקיזם שטופּט אַרויס די חסידות. — דער קאָזשעניצער מגיד: דערהייבט מחשבות זרות צום מקור פון קדושה און לאָזט זיך אַראָפּ צו די טיפענישן פון טומאה; באַווייזט מופתים אין לעבן פון יחיד און פון ציבור. — די בהלה אין וואַרשעווער הערצאָגטום מחמת דער גזירה פון מיליטער־דינסט און דער פאַרבאָט צו האַנדלען מיט שאַרפע געטראַנקען. די צדיקים זיינען זיך משתדל אויבן און די גזירות ווערן בטל. — דער לובלינער און דער קאָזשעניצער בעת נאַפּעלעאָנס לעצטער מלחמה: דער פּרווו „אַראָפּצוברענגען משיחן״ און די שטראָף: דער קאָזשעניצער שטאַרבט און דער לובלינער פאַלט אַראָפּ אום שמחת־תורה תקע״ה. — דער דריטער פון דער קאָמפּאַניע, דער „ייד הקדוש״ פון פּשיסכע קאָנקורירט מיט זיין רבין דעם לובלינער און ווערט אַליין אַ רבי. — אויפשטייג פון דער חסידים־הערשאַפט.

אין גאַליציע האָט דער חסידיזם זיך באַפעסטיקט נאָך מיט אַ גאַנצן דור פריער, איידער ער האָט איינגענומען קרוין־פוילן,

וואַרשע מיט איר אַרום. אָבער אויפֿן גרענעץ פֿון 18טן און 19טן יאָרהונדערט האָט דער חסידיזם געזיגט אויך אין דער מדינה און האָט געגרינדעט צוויי צדיקישע דינאַסטיעס — פֿון דעם קאָזשעניצער מגיד און פֿון לובלינער רבין, וואָס איז פֿריער באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען ר' יעקב יצחק לאַנצוטער (אויבן, § 32). אין די ערשטע יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט איז קרוין=פּוילן געוואָרן אין גאַנצן חסידיש, און די דערמאָנטע צוויי פֿירערס האָבן געקיניגט אָן באַגרענעצונג. אין יענעם פּעריאָד איז פּוילן געשטאַנען אונטער דער פֿראַנצויזישער ממשלה. דורך נאַפּאָלעאָנס ניצחון איבער פּרייסן איז פּוילן באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער דייטשער אויבערהערשאַפֿט (1806), און עס איז געשאַפֿן געוואָרן די „מלוכה אויף אַ ווײַלע“ — דאָס וואַרשעווער הערצאָגטום, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין משך פֿון זיבן יאָר (ביז 1813) מיט נאַפּאָלעאָנס חסד. די גרויסע מלחמות צום סוף פֿון דעם פּעריאָד (1812 — 1815) און נאַפּאָלעאָנס מפּלה האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער פֿראַנצויזישער ממשלה, דער ניצחון=גאַנג פֿון חסידיזם איז אָבער ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. די מהומה=צייט האָט ניט פֿאַרהאַלטן די אויסשפּרייטונג פֿון דער רעליגיעזער באַוועגונג צווישן יידן, אדרבא זי האָט זי נאָך מער פֿאַרברייטערט. אַז עס איז געקומען דער נייער סנחריב און האָט אויפֿגעשטורעמט גאָר די וועלט, איז אויך אויפֿגערודערט געוואָרן דאָס יידישע וועלטל אין מזרח=אייראָפּע. צענדליגער טויזנטער מענטשן האָבן געזוכט אַנטרינונג און שוץ פֿון די מלחמות פֿון „גוג ומגוג“ אין די געצעלטן פֿון די צדיקים, די ווונדער=טוערס, דעם רבונו של עולמס פּאָליטיקער, וואָס האָבן צו טון מיט די „שרי האומות“ אין הימל — וואָס פֿירן מלחמות צווישן זיך אויבן, פּונקט ווי די מלכים דאָ אויף דער וועלט.

דאָס צדיקים=פּאָר פֿון לובלין און קאָזשעניץ האָבן געפֿירט די חסידישע טשערעדע אין פּוילן אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג. מיר האָבן שוין געזען (§ 32), וואָס עס האָבן געהאַלטן פֿון אָט דעם פֿיר די קליינע גרויסע מתנגדים, אָבער די גלייביקע מאַסע האָט פֿאַרגעטערט אירע פֿירער און באַקרוינט זיי מיט וואָלקנס פֿון ווונדער=לעגענדעס. וועגן ר' יעקב יצחקן, וואָס איז מפֿורסם געוואָרן אונטער דעם נאָמען „דער לובלינער רבי“, פֿלעגט מען זאָגן, אַז ער דערקענט איטלעכן מענטשנס מעשים לויט זיין כתב אויף די

קוויטלעך וואס מען דערלאנגט אים (צוזאמען מיט א „פדיון"). אז ער קריגט א קוויטל פון א כשרן און ערלעכן יידן, דעמאלט טוט ער א קוק אויף דעם בריינדלעך, און אז עס פלעגט קומען א קוויטל פון א זינדיקן מענטשן, פלעגט ער זיך אפווענדן פון דעם. איין מאל האט א פשוטער בעל-עגלה אים געשיקט א קוויטל דורך אן אנדערן, און אז דער צדיק האט אויף דעם א קוק געטאן, האט ער געזאגט: איך זע, אז א ליכטיקייט שיינט ארויס פון אט דעם מענטשנס נאמען. איז מען געגאנגען און מען האט געפונען דעם בעל-עגלה, ווי ער טאנצט אין מיטן גאס צווישן אן עולם מענטשן, כדי משמח צו זיין א יתום און א יתומה צו זייער חופה. און דא גופא איז מען געוואר געווארן, אז אט דער בעל-עגלה האט עס טאקע געמאכט די שמחה. אז מען האט איבגעזאגט, אז די ארעמע כלה האט ניט געקאנט קויפן קיין טלית פארן חתן, און הערפאר קאן דער שידוך בטל ווערן, האט ער באלד גענומען און געקויפט פאר זיין איינן ביסל געלט א טלית און געגעבן א מתנה דעם חתן, און איצט איז ער דאס זיך משמח מיטן גליקלעכן פאר. אט די צדקה האט דאס באלויכטן דעם בעל-עגלהס נשמה, און דער צדיק האט דאס ארויסגעזען די שיין וואס האט ארויסגעלויכטן פון זיין קוויטל.

אזעלכע מיני וואונדער-מעשיות זיינען פארשפרייט געווארן צווישן עולם אויף צו שטארקן דעם גלויבן, אז דער לובלינער רבי פארמאגט רוח הקודש און אז בכלל „קאן ער זען וואס עס טוט זיך פון איין עק וועלט ביזן אנדערן". איינער פון זיינע תלמידים, צבי הירש זידיטשעווער, האט אויף אים עדות געזאגט אזוי: „דעם לובלינערס אויגן האט כביכול דער רבי ר' מלך [אלימלך ליזענסקער] אויך נישט געהאט". די בני-דור פלעגן אים אנרופן „דער לובלינער חוזה"[1]. די רבנים האבן אים מקנא געווען, און איינער פון זיי האט דעם „חוזה" געפרעגט: פארוואס קומען א סך יידן צו דיר הערן תורה, און צו מיר קומען זיי ניט, איך בין דאך א גרעסערער בקי אין דער תורה ווי דו? דערויף האט דער צדיק אים געענטפערט: ביי מיר איז דאס אויך א חידוש, ווארעם איך

1 סדר הדורות החדש, 62—64, אין נאמען פון די צדיקים צבי אלימלך דינאווער און ר' שלום בעלזער; רמתים צופים, מעשיות פון צדיקים (ווארשע 1881); עשר אורות, 83 א"וו, 88.

ווייס, אַז איך בין ווינציק ווערט. נאָר אפשר לאָזט זיך די זאַך דערקלערן דערמיט, וואָס איך האַלט זיך ניט פֿאַר ראוי צו כּבוד, און דערפֿאַר קומען מענטשן צו מיר, און דו וווּנדערסט זיך, פֿאַר וואָס מען קומט צו דיר ניט, און דערפֿאַר פֿאַר׳אָזן זיי דיך[1]. אין אָט דעם ענטפֿער שטעקט אַ סך אינעווייניקסטע גאווה אָנגעטאָן אין אויסווייניקסטער עניוות.

דער לובלינער רבי האָט שטאַרק אויסגענוצט זיין פּירסום ווי אַ בעל־רוח־הקודש. לויט זיין מהות נאָך איז ער געווען אַ פּראַקטישער צדיק, אַ וואָרזאָגער, אַ בעל־עצה אין די וועלטלעכע עסקים און פֿלעגט מתפּלל זיין לטובת זיינע באַזוכער פֿאַרן געצאָלט פֿון פּדיון. אין זיינע שמועסן האָט ער געגעבן אַ זייער פּשוטן טעם איבערן מנהג פֿון די חסידים צו ברענגען דעם צדיק „ממון פּדיון נפש" ווי אַ באַלוינונג פֿאַר דער תּפֿילה: „אַז דער צדיק שטעלט זיך תּפֿילה טון צו השם יתברך פֿאַר זיין חבר, ווערט דאָס פֿאַררעכנט פֿאַר אַן עזות און מען וואָלט אים געקאָנט פֿרעגן (אין הימל), פֿאַר וואָס טוט דיין חבר אַליין ניט קיין תּפֿילה? דעריבער איז גוט פֿאַרן צדיק צו נעמען געלט, און דעמאָלט וועט ער האָבן אַן ענטפֿער פֿאַרן מקטרג: איך בין דערפֿאַר מתפּלל, ווייל מען האָט מיר געגעבן אַ באַלוינונג, און איך קום פֿאַר מיין באַלוינונג"[2]. און דער רבי האָט מיט התמדה מתפּלל געווען אויף אַלצדינג וואָס זיינע פֿאַרערערס האָבן ביי אים געבעטן: אויף הצלחה אין געשעפֿט, אויף עשירות וכדומה.

אין טעאָרעטישע ענינים איז ער ניט געווען קיין גרויסער מאָדים. אין דעם לובלינער רבינס דרשות, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן בעת זיין לעבן („דברי אמת", זשאָלקווע 1808), פֿאַרנעמט דער צדיקיזם אַ גרעסערן אָרט פֿאַר דער חסידות. דער מחבר חזרט איבער די ווערטער פֿון זיין רבין ר׳ אלימלך ליזענסקער: דער צדיק קאָן אַראָפּציִען פֿאַר די וואָס גלייבן אין אים „בני חיי ומזוני", גליק און הצלחה פֿון אויבן; „זאָלסט אונטערהאַלטן דעם רבין, וואָס ווערט אָנגערופֿן טאַטע, און ער וועט דיר העלפֿן אין אַלץ וואָס דו ווייסט באַדאַרפֿן, וואָרעם ער איז באַהעפֿט מיט השם יתברך,

1 סדר הדורות, 64—65.

2 עשר אורות, 94, 96.

און ער וועט זיך בענטשן, עס זאָל מיט דיר קיין צרה ניט געשען, און ער וועט ווייטער מאַכן די שלעכטע גזירות" (פּרשה ויחי). דער טייטש פון אָט דעם מאמר אויפן מאַרק-לשון איז קורץ און קלאָר: גיב דעם צדיק, כדי ער זאָל דיר געבן. דער צדיק האָט בכוח צו ווירקן אין הימל ניט בלויז לטובה פון דעם יחיד, נייערט אויך לטובת הכלל: „אַראָפּצוציען" אָדער מקרב צו זיין די גאולה, „צו ברענגען אַ דין (שטראָף) אויף יידישע שונאים" וכדומה (פּרשה כי תשא, ויקהל). מיט אַזעלכע מיני שאלות פאַרנעמט זיך ר' יעקב יצחק אויך אין זיינע שריפטן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן היפּש יאָרן נאָך זיין טויט און וואָס זייער עכטקייט איז מוטל בספק („זאת זכרון", „זכרון זאת", אין יאָר 1869).

דעם לובלינער רבינס חבר, דער מגיד ישראל קאָזשעניצער האָט זיך געפירט אויף זיין אייגענעם שטייגער אין חסידות. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דורך אַרויפברענגען „מחשבות זרות" צום מקור פון הייליקייט. דעם מגידס זון, ר' משה, זאָגט עדות אויף אים אין זיין ספר „באר משה" (פּרשה יתרו) אָט וואָס: „מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט: גלייב מיר, מיין זון, אַז עס איז ניט געווען קיין איין מחשבה זרה פון זינט איך בין געבאָרן געוואָרן(!) און ביזן היינטיקן טאָג, וואָס זי זאָל זיין געקומען צו מיר בעתן דאַווענען און איך זאָל זי ניט האָבן דערהויבן צו איר מקור". ר' ישראל האָט געהאַט אַ מנהג בעתן לערנען גמרא צוצוגעבן דעם טיטל „הקדוש" צו די נעמען פון די תנאים און אמוראים וואָס ווערן דאָרט דערמאָנט: אביי הקדוש, רבא הקדוש; און אויך די מפרשים פלעגט ער באַקרוינען מיטן זעלביקן טיטל: „רש"י הקדוש", „בעלי תוספות הקדושים"[1].

אָבער מער ווי ער האָט געלערנט פאַר זיך און מיט תלמידים, האָט-ער זיך פאַרנומען מיט טון „מופתים" פאַר דער מאַסע באַזוכערס, וואָס פלעגן קומען קיין קאָזשעניץ נאָך אַן עצה, נאָך אַ רפואה. אין דעם פּרט האָט ער אַריבערגעשטיגן דעם לוב-

---

1 סדר הדורות החדש, 40.

לינער. באַזונדערס גרויס איז געווען זיין שם צווישן די חסידישע ווייבער, וואָס האָבן געגלייבט אין דעם כּוח פון זיין ברכה און תּפילה צו היילן עקרות, דערפון האָבן באַזונדערס געהאַט צו רעדן די ליצני הדור (אויבן, § 32). און ער אַליין האָט טאַקע דאָס מודה געווען, ווען ער זאָגט אין מעזעריטשער מגידס נאָמען: „דער צדיק באַדאַרף מתפּלל זיין פאַר יידן, אָפּצוגעבן היילונג פאַר קראַנקע, דערמאָנונג פאַר עקרות און פאַר איטלעכן אַלץ וואָס ער באַדאַרף“[1]. אין ז׳יין ספר „עבודת ישראל“, וואָס זיין אייניקל האָט אָפּגעדרוקט אין אַ שפּעטערער צייט[2], פאַרטייפט דער מגיד די תּורה פון צדיקיזם, וואָס ער איז געווען בקי אין איר ניט נאָר טעאָרעטיש, נייערט אויך פּראַקטיש. ער איז מודה, אַז דער צדיק וואָס פאַרנעמט זיך מיט מתקן זיין די נידעריקע וועלט איז עלול זיך צו פאַראומרייניקן מיט אירע זינד: „ווען דער צדיק שטראָפט דאָס פאָלק און דערנעענטערט זיך צו זיי, קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז עפּעס וואָס זאָל זיך ניט צוקלעפּן צו אים פון דעם שמוץ און פון דעם געשטאַנק פון זייערע זינד, פּונקט ווי דער וואָס פירט אַרויס מיסט און גאַס קאָן זיך ניט העלפן, עס זאָל זיך ניט צוקלעפּן צו אים אַ ביסל מיסט, און דעריבער גענייטיקט זיך דער צדיק אין וואַשן“ (פּרשה פּרה). „פאַראַן צדיקים וואָס זייער עיקר עבודה איז עוסק צו זיין אַ גאַנצן טאָג אין תּורה, און פאַראַן צדיקים וואָס זייער עיקר עבודה איז דורך תּפילה און יחודים, אויפצוקלייבן די פונקען פון קדושה פון שטייב און שפּענדלעך אַרויס“ (פּרשה נח).

אָפטמאָל דערמאָנט ר׳ ישראל דעם צדיקס חוב צו ווירקן אין די אייבערשטע וועלטן לטובת דעם כּלל־ישראל, „כּדי ווייכער צו מאַכן די גזירות און מבטל צו זיין ביטערע צרות“. „דער צדיק קאָן בטל מאַכן אַלע גזירות קשות, ווען ער זאָגט פאַר השם יתברך: רבונו של עולם, וואָס באַדאַרפסטו זיך שפּאַרן מיט דיינע קינדער, זיי זאָלן זיך אומקערן צו דיר דווקא פון דוחק און נויט,

---

1 עבודת ישראל להמגיד מקוזיניץ, פרשה ויגש אין אָנהייב.

2 אין יוזעפאָוו 1842. נאָך דעם מחברס טויט זיינען נאָך אָפּגעדרוקט געוואָרן: „נר ישראל“ — אַ פּירוש אויף די ליקוטי רב האי גאון (1846), „אור ישראל“ און „נזר ישראל“ אויפן „זוהר“.

פון גזירות און צרות? אמער זאלסטו זיי ברענגען צוריק צו דיר פון שמחה, ווי א פאטער וואס בעט זיך איבער מיט א זון". „די צדיקים לערנען מיט השם יתברך, ווי אזוי ער זאל זיך נוהג זיין מיט זיינע קינדער, זיין אויסדערוויילט פאלק, מבטל צו זיין שלעכטע גזירות און צו באנייען גוטע גזירות, ישועות ונחמות"[1]. און טאקע, אין די צייטן פון קאזשעניצער מגיד און פון זיין חבר דעם לובלינער האבן זיך פארמערט די גזירות אויף יידן און האבן זיי געצוואונגען ארויסצוגיין פון דעם גדר פון יחידישן לעבן און אריינצוטון זיך אין כלל-ענינים.

באזונדערס האבן איבערגערודערט די יידישע מאסן פון ווארשעווער הערצאגטום צוויי גזירות: די פוילישע רעגירונג האט באשטימט צו נעמען יידישע יונגע לייט אין עלטער פון 21 ביז 28 יאר פאר סאלדאטן (1808) און האט שטארק אנגערירט זייער עקאנאמישן מצב דורך א דעקרעט וואס פארבאט יידן צו האנדלען מיט משקאות (1812). די ערשטע גזירה האט אנגעמאכט א בהלה צווישן טויזנטער משפחות, וואס זיינען געשטאנען פארן אונטערגאנג, ווען מען זאל צונעמען זייערע שפייזערס (אין יענעם עלטער זיינען יידישע יונגע לייט געווען מטופל מיט ווייבער און קינדער), און דער צווייטער דעקרעט האט געקאנט צעשטערן דעם מאטעריעלן באזיס פון יידישן קיבוץ, מחמת דער האנדל מיט משקאות איז אין יענער צייט געווען דער הויפט-קוואל פון דער יידישער פרנסה אין שטעט און אין דערפער, דער טריבער קוואל וואס די פוילישע פריצים האבן זיי איבערגעלאזט[2]. די איבערגעשראקענע חסידים האבן זיך געווענדט נאך הילף צו די צדיקים אין לובלין און קאזשעניץ, און יענע האבן זיך געגרייט צו „מלחמה" דורך די צוויי סגולות פון דער אלטער ארדענונג: תפילה און געשאנק. די צדיקים האבן אנגעמאכט א רעש אין די הימלען מיט זייערע תפילות, און די פרנסים פון די קהילות האבן לויט זייער

---

1 עבודת ישראל, א פירוש צו פרקי אבות, פערטער פרק.

2 פרענק, יהודי פולין בימי מלחמות נפוליון, 22 א"וו, 25 א"וו, 35 (ווארשע 1912); דובנאוו, די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאלק, I, §§ 44, 53 מיט מילואים לויט דער נייער דייטשער אויסגאבע „וועלטגעשיכטע דעם יידישן פאלקעס", ב. VIII, § 43, 52.

עצה געגומען זיך משתדל זיין פֿאַר די הערשער פֿון לאַנד, אַז זיי זאָלן מבטל זיין די גזירות, און האָבן קיין „געשאַנקען" ניט געקאַרגט. בנוגע דעם מיליטער-דינסט האָט באַזונדערס געווירקט דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פֿון דער מאַסע, וואָס האָט ניט געוואָלט איבערענטפֿערן אירע קינדער צו אַ קערפּערלעכן און גייסטיקן טויט, אַזוי אַז די רעגירונג האָט סוף כל סוף מסכּים געווען צו נעמען אויסקויף-געלט פֿון אַלע רעקרוטן אין דער פֿאָרם פֿון אַן אַלגעמיינעם אָפּצאָל וואָס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף די קהילות. דער פֿאַרבאָט אויף די משקאות וואָס איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף צוויי יאָר איז בטל געוואָרן פֿון זיך, אַדאַנק דעם רוסיש-פֿראַנצויזישן קריג, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צום וואַרשעווער הערצאָגטום. די חסידים אָבער האָבן בתמימות געגלייבט, אַז דאָס אַלץ האָבן פּועל געווען די צדיקים מיט זייער השתדלות אין הימל.

אַז עס איז אויסגעבראָכן דער פֿראַנצויזיש-רוסישער קריג אין יאָר 1812, און די פּוילישע פּריצים זיינען צוגעשטאַנען צו נאַפּאָלעאָנס אַרמיי, האָט דער קאָזשעניצער מגיד מתפּלל געווען אויפֿן ניצחון פֿון נאַפּאָלעאָן און פּוילן, ווייל דער פֿירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך איינשטעלן פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד[1]. די דאָזיקע תּפֿילה האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג, און נאַפּאָלעאָנס מפּלה איז געווען נאָענט. די מלחמה פֿון „גוג ומגוג" האָט אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פֿון די אייראָפּעישע לענדער, און יידן האָבן דערשפּירט די טריט פֿון משיחן, וואָס קומט אָן. האָבן דעמאָלט די צדיקים זיך צונויפֿגערעדט, אַז עס איז געקומען די צייט צו פֿאַרגיכערן די גאולה און „אַראָפּצוברענגען משיחן". עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די גרעסטע צווישן זיי: דער לובלינער רבי, דער קאָזשעניצער מגיד און ר' מענדל רימאַנאָווער, און זיי האָבן אָפּגערעדט צו שטורעמען די מלכות-השמים מיט גרויס אימפּעט אין די סוכּות-טעג פֿון יאָר תּקע"ה (1814) און פֿאָדערן, אַז מען זאָל אַראָפּשיקן דעם מלך המשיח. מען האָט אויך באַשלאָסן, אַז ווען דער גואל וועט קומען, זאָל מען אָפּשאַפֿן דעם תּענית פֿון תּשעה באב און מאַכן דעם טאָג פֿאַר אַ יום טוב. אָבער אין דער פּמליא של מעלה איז מען ברוגז געוואָרן פֿאַר

---

1 פֿרענק, אין דערמאָנטן בוך, 54; עשר אורות, 74, 78.

אַזאַ העזה, און אַלע די רביים וואָס האָבן געוואָלט צואײַלן דעם קץ זײַנען באַשטראָפט געוואָרן, אײדער זײ האָבן באַוויזן עפּעס אויפצוטון. ערב סוכות תקע"ה איז געשטאָרבן דער קאָזשעניצער מגיד, אַ האַלב יאָר נאָך אים איז אַוועק פון דער וועלט ר' מענדל רימאַנאָווער, און נאָך אין דרײַ חדשים אַרום איז געשטאָרבן דער לובלינער רבי. וועגן דעם לעצטנס פּטירה דערציילט די חסידישע לעגענדע אָט וואָס: שמחת תורה בײַנאַכט נאָך די הקפות האָט דער רבי זיך מתבודד געווען אין זײַן צימער און האָט געשריען און געוויינט דערויף וואָס דער גלות ציט זיך אַזוי לאַנג; פּלוצים איז זײַן קול אַנטשוויגן געוואָרן, און אַז די רביצין איז אַרײַן אין צימער, האָט זי אים דאָרט ניט געפונען. מערניט פון דער ווייטנס האָט מען געהערט הויכן אָפּענעם פענסטער קרעכצן. איז מען געגאַנגען זוכן, און מען האָט געפונען דעם צדיק, וואָס איז געווען אַרויסגעפאַלן פון פענסטער, ווי ער ליגט און קרעכצט אין מיטן גאַס. חסידים גלייבן, אַז עמעצער פון דער „סיטרא אחרא" האָט אים אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגעוואָרפן פון פענסטער, און מתנגדים טײַטשן דעם פאַל פּשוט מיט דער נאַטור: אַז דער צדיק האָט געכאַפּט אַן איבעריקן טרונק בראָנפן לכּבוד יום-טוב און האָט זיך אײַנגעשיכּורט, און אַז ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענסטער, איז ער אַרויסגעפאַלן. נאָך דער מעשה איז דער צדיק אָפּגעלעגן קראַנק ניין חדשים. זײַנע באַזוכער האָט ער אויסגעזאָגט דעם סוד: אַז ער איז געשטראָפט געוואָרן, מחמת ער האָט געוואָלט דוחק זײַן דעם קץ. אום תשעה באב תקע"ה (אויגוסט 1815), אין דעם טאָג ווען די צדיקים האָבן געהאָפט צו פײַערן דעם משיחס יום-טוב, איז דער לובלינער רבי געשטאָרבן[1].

צו אָט דעם הייליקן פּאָר פון לובלין און קאָזשעניץ קומט נאָך צו אַ דריטער צדיק, וואָס איז באַרימט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער פּשיסכער ייד". זײַן אמתער נאָמען איז געווען יעקב יצחק, נאָר אַז ער איז געקומען קיין לובלין און איז געוואָרן אַ

1 סדר הדורות החדש, 65: „נודע ומפורסם שהיה להרב הקדוש מלובלין יגיעה גדולה בעבודה ותחנונים ומסירת נפש על הגאולה, אולם בעוונותינו הרבים שאין הדור היה ראוי לכך לא בא בן ישי ונפטר הרב הקדוש"; צדרבוים, כתר כהונה, 125 (אָדעס 1866); עשר אורות, ז' 91.

תלמיד פון רבי יעקב יצחק, האָט מען איינגעפונען, אַז עס גע־שיקט זיך ניט, מען זאָל דעם תלמיד און דעם רבין אָנרופן מיט איין נאָמען, און עס איז געבליבן, אַז מען זאָל אים רופן פּשוט „ייד", „היהודי". שפּעטער האָט די לעגענדע אַריינגעלייגט אַ באַזונדער־מיין אין אָט דעם צונאָמען: אין זיין נשמה זאָל זיין געווען אַ ניצוץ פון „מרדכי היהודי" פון דער מגילה[1].

געווען איז ער אַ זון פון אַ רב אין גראָדזיסק, און יונגערהייט האָט ער געלערנט אין דער גרויסער ישיבה אין אַפּט; דאָרט האָט ער זיך באַפריינדט מיטן צוקונפטיקן באַרימטן צדיק יהושע העשל אַפּטער (אויבן, § 44), וואָס האָט געווירקט אויפן פעיקן ישיבה־בחור און האָט אים אַרויסגעפירט אויפן וועג פון חסידות. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו קומען צום לובלינער רבין אין שטוב, וואָס איז געווען ווי אַ מין הויכע שול פאַר חסידות. און פּונקט ווי דער יונגער בחור האָט פריער אַריינגעבראַכט אין התפעלות זיין רבין און זיינע חברים דורך זיין בקיאות אין לערנען און הורך זיין שאַרפן פּילפּול, אַזוי האָט ער הערנאָך זיך אויסגעצייכנט דורך זיין ברען אין דאַוונען און האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַ „קדיש" — און אַזוי רופט מען אים עד־היום: „דער ייד הקדוש".

אין יענער צייט איז ער געווען אַ גמרא־מלמד אין דער שטאָט פּשיסכע און אין די אַרומיקע ישובים. דאָרט איז ער בייגעשטאַנען אַ נסיון. איין מאָל — דערציילט די לעגענדע — איז אַריין ביינאַכט צו אים אין צימער דעם בעל־הביתס טאָכטער אַ נאַקעטע און איז געבליבן שטיין פאַר אים, אַזוי ווי זי וואָלט אים אויפגעפאָדערט צו „טון אַן עבירה. דער יונגערמאַן האָט זיך שטאַרק איבערגע־שראָקן און איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער אין דרויסן און האָט די גאַנצע נאַכט אַרומגעבלאָנקעט אין קעלט און שניי. שפּע־טער איז די „זינדיקע" געקומען צו אים און האָט געוויינט פאַר אים און געטענעט, אַז זי ווייס אַליין ניט וואָס מיט איר איז גע־ווען יענע נאַכט, און ער האָט זי געטרייסט און געזאָגט: איך ווייס איך, אַז דאָס איז ניט געווען מיט דיין ווילן, נאָר דער שטן האָט אָנגענומען דיין געשטאַלט, בכדי מיך צו כאַפּן.

---

1 שם הגדולים החדש, אות יוד, סימן קמ"ח; סדר הדורות החדש, 65—66.

אַט דער גיבור וואָס האָט געקענט בייקומען דעם יצר-הרע איז געווען אויך אַ גיבור אויף טרינקען: ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ טרונק בראָנפן „כדי זיך צו שטאַרקן איבער דער שוואַכקייט פון האַרץ". איין מאָל, אַז עס איז בײַ אים אויסגעגאַנגען דער לעצטער גראָשן, האָט ער אויסגערופן אין בית-מדרש אין לובלין: ווער עס וויל קויפן אַ חלק לעולם הבא, זאָל מיר געבן עטלעכע גראָשן צו קויפן יי"ש! און אַז קיינער האָט ניט אָנגענומען זיין אָנבאָט, האָט ער אַראָפּגענומען זיין גאַרטל, פאַרמשכונט אים אין שענק, אויסגעטרונקען זיין גלאָז בראָנפן, און געזאָגט: איצט האָב איך געקויפט עולם הבא פאַר זיך אַליין[1]. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן בײַ דעם גלוסט צו רעליגיעזער התלהבות, וואָס צוליב איר האָבן חסידים זיך דערלויבט צו באַנוצן אַפילו שאַרפע משקאות און אַנדערע פיזישע רייץ-מיטלען. אַ טרונק בראָנפן האָט ליב געהאַט, ווי מיר האָבן געזען, אויך דער לובלינער רבי און פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט געמינערט זיין „הייליקייט".

אין אַ קורצער צייט האָט דער תלמיד דעריאָגט זיין רבין אין חסידות און האָט פאַר זיך געמאַכט אַ שטעטל אין פשיסכע. אַ סך פון די וואָס פלעגן פריער קומען קיין לובלין זיינען איצט אַריבער צום „ייד הקדוש" אין פשיסכע. אַז דער לובלינער האָט דערזען, אַז זיינע הכנסות ווערן קלענער, איז ער ברוגז געוואָרן אויפן תלמיד, וואָס האָט אָפּגערישעט דעם רבין בײַ זיין לעבן. פליאָטקע-מאַכערס האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די מחלוקת צווישן די צוויי צדדים[2]. אַזוי איז צוגעקומען צו די רבישע הייזער אין לובלין און קאָזשעניץ נאָך אַ רביש הויז אין פשיסכע. „דער ייד הקדוש" האָט צוגעצויגן צו זיך אַ סך תלמידיסטן, וואָס האָבן

1 נפלאות היהודי, ז' 12 — 13 (אין די פאַרצייכענישן פון רב יוסף לעווינשטיין פון סיעראַצק), 53 און נאָך אין אייניקע ערטער (פּעטריקאָוו 1908). אויך אין דערמאָנטן ספר „רמתים צופים" געפינען זיך אַ סך מסורות וועגן פשיסכער ייד הקדוש.

2 נפלאות היהודי אין דער הקדמה, ז' 4 א"וו, 13 — 15ן; תפארת היהודי (מעשיות פון לעבן פון די פוילישע צדיקים, וואַרשע 1908) אין עטלעכע ערטער.

געהאַט הנאה פון זיינע שאַרפע פּילפּולים[1], און האָט אַרויסגעלאָזט וויכטיקע תלמידים, וואָס זיינען געוואָרן שפּעטער באַרימטע צדיקים: ווי ר׳ שמחה בונם פּשיסכער, ר׳ יהודה לייב לענטשנער, ר׳ מענדל קאָצקער. בכלל איז דער „ייד הקדוש" געווען מער לערער אין חסידות ווי אַ פּראַקטישער גוטער ייד, און דערמיט אונטערשיידט ער זיך פון זיינע עלטערע חברים אין לובלין און קאָזשעניץ.

עס איז באַשערט געווען, אַז די דריי פּוילישע צדיקים זאָלן שטאַרבן כמעט אין איין יאָר. דער „פּשיסכער ייד" איז געשטאָרבן „פּאַר די זינד פון דור" אין יאָר 1814, און נאָך אים זיינען אַוועק פון דער וועלט דער קאָזשעניצער מגיד און דער לובלינער רבי. דער „ייד הקדוש" האָט זיך ניט באַטייליקט אין דעם פּרווו „אַראָפּצוברענגען משיח", וואָס האָט גורם געווען דעם טויט פון זיין געגנער דעם לובלינער. ער איז געשטאָרבן, קענטיק, ווייל עס זיינען אים אויסגעגאַנגען די כוחות פון גרויס התלהבות: דער גוף איז פאַרברענט געוואָרן אין פלאַקער פון דער נשמה וואָס האָט שטענדיק געברענט מיט אַ רעליגיעזן פייער.

דאָס יאָר 1815, וואָס שטייט אויפן גרענעץ פון צוויי תקופות אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון יידן, באַצייכנט אויך אַ גרענעץ־פּונקט אין דער געשיכטע פון חסידיזם. אין קרוין־פוילן הייבט זיך אָן אַן אויפשטייג פאַרן חסידיזם.

---

1 אין די צוויי ספרים וואָס זיינען דערמאָנט אין די פריערדיקע הערות ווערן געבראַכט אַ סך חידושי תורה אין דעם „יידס" נאָמען; דאָס זיינען פּילפּולדיקע איינטייטשונגען פון תלמודישע הלכות.

§ 47. דער צענטער אין רייסן בעת ר' שניאור זלמנס לעצטע יאָרן

משנה מזל — משנה מקום. דאָס אריבערקלייבן זיך פון ליאָזנע קיין ליאַדי. — דער ליאַדיער רב זוכט שלום און באַזוכט די פירערס פון די מתנגדים אין זיין לאַנד. — זיין בריוו וועגן שלום צווישן די צדדים. — די מחלוקת צווישן די חסידים: ר' אברהם קאַליסקער אין ארץ ישראל און זיינע טענות קעגן דער שכלדי־קייט וואָס אין ספר „תניא": „גאַר דאָס בייז קומט פון שכל". — צו דעם שטרייט פון די מיינונגען קומט צו אַ מחלוקת וועגן דער גבאות פאַר ארץ־ישראל. — פּאָלעמישע בריוו צווישן ר' אברהם קאַליסקער, ר' שניאור זלמן און דעם באַרדישטעווער רב. — די מחלוקת צווישן ליאַדיער רב און רב ברוך טולטשינער: דער חילוק צווישן דעם פילאָסאָף פון חסידות און דעם סוחר מיט חסידות. — דער רוסיש־פראַנצויזישער קריג: ר' שניאור זלמן איז פאַרן קיסר אלכסנדר קעגן נאַפּאָלעאָן: זיין נבואה אום ראש־השנה תרע"ג (1812). — זיין אַנטלויפן פון ליאַדי און זיינע טילטולים אין טיף רוסלאַנד קריגס־צייט (אויגוסט — דעצעמבער 1812). — זיין פּטירה ניט ווייט פון קורסק און זיין קבורה אין האַדיאַטש (יאַנואַר 1813). — דאָס הויז שניאורסאָן. — ר' שניאור זלמנס ספרים וואָס זיינען אָפּגעדרוקט נאָך זיין טויט. — די צדיקישע הייזער אין ליטע: אין סטאָלין־קאַרלין און לעכעוויץ־קוידענאָוו.

דער מלחמה־פּעריאָד צווישן די חסידים און מתנגדים האָט זיך געענדיקט אויך אין רייסן, נאָך דעם גרויסן שטורעם וואָס האָט פאַרוואָרפן דעם צדיק שניאור זלמנען צוויי מאָל אין דער פּעטערבורגער פעסטונג. עס האָבן אויפגעהערט די רדיפות אין דעם פּריוואַט־לעבן פון די סעקטאַנטן, נאָכדעם ווי זיי זיינען געוואָרן אין אַ סך קהילות דער רוב און אין אַנדערע קהילות פון וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניע אַן אָנזעעוודיקער מיעוט. די מתנגדים האָבן אָנגעהויבן צו פאַרקוקן דעם איסור פון זיך מתחתן זיין און פירן געשעפטן מיט די „מוחרמים". געבליבן זיינען נאָר די באַזונדערע מנינים פאַר מתנגדים און חסידים, און די באַזונדערע פירערס — די רבנים ביי די ערשטע און די רביים ביי די לעצטע.

אויך זיין זיך־אָרט האָט ר' שניאור זלמן איבערגעביטן: אַז ער איז געקומען צוריק פון פּעטערבורג, האָט ער זיך אַרויסגע־צויגן פון זיין געבורטשטאָט ליאָזנע און האָט זיך באַזעצט אין

קליינעם שטעטל ליאַדי, אין דער שכנישער מאָהילעווער גובערניע (אַן ערך אין 1802). זינט יענער צייט הייבט מען אים אָן צו רופן דער „ליאַדיער רב" אָנשטאָט דער „ליאָזנער רב" פון דער פריערדיקער תקופה. פאַר וואָס האָט דער צדיק עיקר געווען פון זיין שטאָט? די פאַמיליען־מסורה זאָגט די סיבה ניט אויס, זי באַנוגנט זיך מיט דער אומקלאָרער באַמערקונג: „מחמת אַ באַהאַלטענעם טעם" (מטעם הכמוס אתו)[1]. אפשר האָבן דערצו געבראַכט די אינטריגעס פון זיינע שונאים אין זיין געבוירנשטאָט, וואָס האָבן געשטערט זיין רו, בעת ווען דער רב האָט געוואָלט זיצן בשלום צווישן דער עדה פון זיינע איבערגעגעבענע מאמינים. זיין שטרעבונג צו לעבן בשלום מיט די פורערס פון די מתנגדים אין זיין סביבה האָט דער רב אַרויסגעוויזן אין דעם פּרזוו וואָס ער האָט געמאַכט אין יענער צייט: ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די שכנישע שטעט פון דעם קרייז און פלעגט באַזוכן דאָרט די רבנים, כדי זיי צו באַווייזן, אַז אין דער תורה פון חסידות איז ניטאָ קיין זאַך אַזעלכס וואָס איז קעגן די הארבסטע טראַדיציעס פון ידישקייט. צוערשט איז ער געקומען צום אַלטן רב משה חפץ אין שטאָט טשאַוס וואָס האָט פון קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוווסט, חוץ די דלת אמות פון תלמודישן פילפול. דער פאַנאַטישער זקן האָט אויפגענומען דעם אורח ניט גאָר פריינדלעך און האָט תיכף גענומען אויספרעגן אים, צי ער איז אַ בקי אין תלמוד. „וויפיל הוויות פון אביי ורבא זיינען פאַראַן אין אונדזער גמרא?"—דאָס איז געווען די ערשטע שאלה, וואָס זאָגט עדות אויף דעם באַגריף פון ידישקייט, וואָס דער פרעגער האָט געהאַט. ר׳ שניאור זלמן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט וואונדערלעכער בקיאות אין אַלע ווינקעלעך פון תלמוד, האָט באַלד געענטפערט אויף דער פראַגע און נאָך אויף אַ סך אַנדערע פון דעם מין, און האָט אפילו געקליגט זיך אַרייַנצופינען עפעס אַ גירסא אין גמרא, וואָס דער פרעגער אַליין האָט פון איר ניט געוווסט. דעמאָלט איז דער אַלטער בעל־פילפול געווען באַפרידיקט און האָט זיין אורח אָפּגעגעבן כבוד[2]. דערנאָך

1 ראָדקינסאָן, תולדות עמודי החב״ד, 78; בית רבי, חלק א׳, 78; טייטלבוים, הרב מלאדי, חלק א׳, 127.

2 פון אַ חסידישער מסורה אין „בית רבי", חלק א׳, 77.

איז דער ליאַדיער רבֿ געפֿאָרן צום תּלמודיסט און רײַכן מעצענאַט ר׳ יהושע צײטלין, וואָס איז געשטאַנען בראָש פֿון די שקלאָווער מתנגדים און איצט איז ער זיך געזעסן ווי אַ פּירשט אין זײַן מאַיאָנטעק אין מאָהילעווער גובערניע. צײטלין האָט אים געשטעלט פֿראַגעס, וואָס זײַנען געווען געענטפֿערט צו די מיינונגען פֿון דעם בעל־התניא אין אמונה־זאַכן. אַז ר׳ שניאור זלמן האָט אים אויס־געוויזן עפּעס אַן ענין פֿון „זוהר“, האָט דער מתנגד געענטפֿערט בײַז, אַז מיר פּסקענען ניט קיין דין לויטן „זוהר“, דעמאָלט האָט ר׳ שניאור זלמן תּיכּף ומיד געפֿונען אַ ראָיה פֿאַר זײַנע רייד אויך פֿון דער גמרא, און דערמיט האָט ער צײטלינגען באַרויִקט. די רבנים האָבן אײַנגעזען, אַז זיי האָבן פֿאַר זיך אַ גרויסן למדן, וואָס איז פּונקט אַזאַ בקי ווי זיי און „געוועלטיקט איבער אַלע אוצרות פֿון תּלמוד“, וואָס מען קאָן אים ניט חושד זײַן אין ביטול צום לערנען תּורה. דער הריטער רבֿ, וואָס ר׳ שניאור זלמן האָט אים באַזוכט, ר׳ יואל אַמטשיסלאַווער, האָט אים אויפֿגענומען מיט גרויס כּבֿוד און האָט זיך דערמאָנט, אַז יונגערהייט האָט ער געלערנט עפּעס אַ הלכה פֿון ר׳ שניאור זלמנען, בעת ער האָט געלערנט אין וויטעבסק, איידער ער איז אַוועק צום מעזריטשער מגיד[1].

ר׳ שניאור זלמן האָט זיך געמיט צו פֿאַרענטפֿערן די עטלעכע שינויים וואָס די חסידים האָבן אַרײַנגעטראָגן אין די רעליגיעזע מנהגים און צו דערווײַזן, אַז עס איז דערין ניטאָ קיין אָפּנייג פֿון יידישן דין. אַ רבֿ פֿון אַ קהילה האָט זיך באַקלאָגט, אַז די חסידים פֿירן אַרײַן אין אַ חטא די איבעריקע יידן פֿון דער קהילה, מחמת זיי צווינגען זיי צו עסן פֿלייש פֿון בהמות געקוילעטע מיט געשליפֿענע חלפֿים, וואָס עס איז אויף זיי אַרויסגערופֿן געוואָרן אַ חרם אין יאָר 1772. דערויף האָט דער ליאַדיער רבֿ געענטפֿערט מיט אַן אויספֿירלעכן בריוו, וואָס אין אים שטעלט ער אַנטקעגן די איצ־טיקע צייט אין דעם נאָענטן עבֿר[2]. פֿון דעם בריוו איז צו זען, אַז דער שרײַבער האָט אין יענער צייט זיך באַטייליקט אין דער

1 דאָרט, 78; טײטלבוים, הרבי מלאדי, 129—130.

2 בית רבי, 69—81. אָנגעשריבן נאָכן יאָר תקס״ג, וואָס ווערט דער־מאָנט אין אים צוזאַמען מיטן נאָמען פֿון ר׳ חיימען, דעם גרינדער פֿון דער באַרימ־טער וואָלאָזשינער ישיבה, אין יענעם יאָר.

לאַנד־אַסיפה אין שקלאָוו, אין צוזאַמען מיט די רבנים און פּרנסים פון די קהילות האָט ער אַרומגערעדט די „ענינים פון כלל, דער איבערשטער זאָל זיך מרחם זיין“[1]. מכּוח דער שאלה וועגן קוילען מיט געשליפענע חלפים שרייבט ער מיט אַ געפיל פון נצחון, אַז עס איז ניטאָ קיין שום חטא אין אָט דעם מנהג, וואָס איז אָנגענומען „אין אַלע מדינות פון אוקראַינע, קליין־פּוילן (גאַ־ליציע) און פּאָדאָליע און אין דעם רוב פון דער מדינה וואָלין“, און אַפילו אין ארץ־ישראל. ער ברענגט דאָס עדות־זאָגן פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער פון יאָר 1803, וואָס האָט געזאָגט אין נאָמען פון זיין רבין דעם ווילנער גאון, אַז עס איז קיין שום איסור ניטאָ אויף דער שחיטה מיט געשליפענע חלפים, און וואָס מען האָט דעריף אויסגערופן אַ חרם אין יאָר 1772, איז דערביי געווען אַ באַזונדער מיין — אָפּצושיידן די מתנגדים פון די „אַפּיקורסישע“ חסידים; צוליב דעם האָט מען אַפילו געאסרט זיך מתחתן צו זיין מיט די סעקטאַנטן. אָבער „אַז עס זיינען אַוועק יאָרן נאָך דער פּטירה פון גאון ז״ל, איז געוואָרן פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט און קלאָר, אַז עס איז ביי אונדז אַפילו קיין שמץ מינות ניטאָ, און דערפאַר זיינען מותר געוואָרן די שבטים איינע פאַר די אַנדערע, און מען איז זיך מיט אונדז מתחתן שטענדיק, און דאָס אייגענע זיינען בטל געוואָרן אַלע איבעריקע דערווייטערונגען און גזירות פון יאָר תקל״ב, די גרינגע און די האַרבע, וואָס זיינען געווען בשוגג און מחמת ניט־וויסן פון דער עדה“. אין סוף פון זיין בריוו פאַר־זיכערט דער ליאַדיער דעם מתנגדישן רב פון יענער קהילה, אַז פון איצט און ווייטער וועלן די חסידים שוין ניט אויפהייבן קיין שום מחלוקת, ווי עס האָט געטאָן בהכרח פריער, אָנהייב זומער תקנ״ת, דער פירער פון די גערדפטע חסידים[2]; שוין ווינטער תקנ״ט,

---

1 די יאָרן 1803 און 1804 פלעגן די פאַרטרעטער פון די קהילות זיך צונויפקלייבן צו באַהאַנדלען דעם פּראָיעקט פון „דעם געזעץ וועגן יידן“, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזט אין דעצעמבער 1804. און שפּעטער זיינען זיי געווען פאַרנומען מיט מבטל זיין די גזירות פון דער רעגירונג, און בפרט דעם גירוש פון די דערפער.

2 מחמת מיר ווייסן ניט דעם נאָמען פון דער קהילה, קאָנען מיר אויך ניט וויסן וועגן וואָסער חסידישן פירער גייט דאָ די רייד. אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז דאָס איז די ווילנער קהילה, וווּ עס איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת

נאָכדעם ווי ער איז געקומען צוריק בשלום פון פעטערבורג, האָט ר׳ שניאור זלמן פאַרזאָגט דעם דאָזיקן מנהג, ער זאָל זיך ניט נוקם זיין אָן די מתנגדים די יאָגערס דורך מסירות, און דעמאָלט האָט דער מנהיג אים ניט געפאָלגט; אָבער איצט װעלן די חסידים זיין „אונטערטעניק די בכבודע קצינים די מנהיגים [די פרנסים פון די קהילות], וואָס זיי איז געגעבן געוואָרן פון קיסר ירום הודו די מאַכט צו שטאַרקן דעם דין פון אונדזער הייליקער תורה, און זיי (די חסידים) װעלן זיי ניט זיין ווידערשפעניק צו גיין קעגן זיי, ווי אין די ערשטע צייטן“. דער שרייבער ענדיקט מיט די ווערטער: „כה דברי המבקש, דורש שלום ומבקש שלום“.

די באַמיונג פון דעם ליאַדיער רבֿ צו פאַרמיטלען צווישן די פאַרטייען האָט מיטגעווירקט צו פאַרשטאַרקן דעם שלום. די מתנגדים האָבן ניט געשטערט די רו פון דעם צדיק, וואָס אויך אין די קרייזן פון די לומדים האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אויטאָריטעט אין תלמוד. אָבער אַז די שונאים האָבן אים אָפּגעלאָזט, איז אויפגעשטאַנען אויף אים אַ צרה פון אינעווייניק: אין דעם קרייז פון די צדיקים איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, וואָס איז צום גרעסטן טייל ניט געווען קיין מחלוקת לשם שמים, און אויף ר׳ שניאור זלמנען זיינען אָנגעפאַלן זיינע אייגענע חברים. דער ערשטער האָט געשטערט דעם שלום אין לאַגער פון די חסידים ר׳ אברהם קאַליסקער, ר׳ שניאור זלמנס חבר פון זיינע יונגע יאָרן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און איז דאָרט געוואָרן דער פירער פון די חסידים נאָך ר׳ מענדל וויטעבסקערס טויט (אויבן, § 21, § 25). אַ צייט לאַנג זיינען ביידע מנהיגים געשטאַנען איטלעכער אויף זיין פּאָסטן, איינער אין רוסלאַנד, דער צווייטער אין ארץ־

צווישן די פאַרטייען אין יאָר תקנ״ח — תקנ״ט בעת די וואַלן צו דער קהילה־פאַרוואַלטונג, איז דעמאָלט געשטאַנען בראש פון דעם מנין פון די חב״ד־חסידים ר׳ מאיר רפאלס. און אפשר וועגן אים שרייבט דאָס ר׳ שניאור זלמן אין זיין בריוו: „אין יענער צייט האָבן זיי געהאַט אַ ראש איינעם וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חכם, און ער האָט מיר ניט געוואָלט פאָלגן און געזאָגט, אַז ער איז קליגער פאַר מיר“; אָבער דאָ איז ער אַליין מודה, אַז „אָנהייב זומער תקנ״ח האָט ער געדאַרפט ראַטעווען די באַעוולטע און גערודפטע“. מען וועט קאָנען אַ סך אָפּלערנען פון דעם בריוו פאַר דער געשיכטע פון דער מחלוקת פון 1798—1800, ווען עס וועלן ווערן אויפגעקלערט די פרטים פון דער צייט און די נעמען, וואָס זיינען דערווייל פאַרהוילן.

ישראל. און עס איז געווען אַ פרײַנדשאַפט צווישן זיי: דער ליאָזנער צדיק פלעגט יאָר־אויס יאָר־איין שיקן זיין חבר דאָס געלט וואָס ער פלעגט אײַפקלייבן לטובת דעם חסידישן קיבוץ אין ארץ־ישראל, און דער טבריהר צדיק פלעגט שיקן „הייליקע בריוו" (אגרות קודש) קיין חוץ לארץ און אויפמונטערן זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן כאַלגן זייער גרויסן פירער ר׳ שניאור זלמן. חילוקי דעות צווישן די צוויי חברים האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין יאָר תקנ״ז, ווען עס איז אַרויס פון דרוק דער ספר „תניא". די פילאָסאָפישע שיטה וואָס דער רבֿ האָט אַרײַנגעטראָגן אין חסידות איז ר׳ אברהם קאַליסקער ניט געפעלן געוואָרן: וואָס האָט צו טון דער האַרצנס־גלויבן מיט חקירה? „איך האָב געזען דעם ספר הבינונים וואָס כבוד תורתו האָט אָפּגעדרוקט — שרייבט ר׳ אברהם צום מחבר[1] — און איך האָב אין אים ניט געפונען אַזאַ גרויסן נוצן צו ראַטעווען נשמות... אונדזערע לערערס זיינען געווען שטאַרק באַוואָרנט און אָפּגעהיט אין זייערע רייד, ניט צו לאָזן הערן עפּעס דעם רוב חסידים סיידן נאָר אויפן וועג פון מוסר און זיי אַרײַנצופירן אין דעם גלויבן אין חכמים... דער עיקר פון אמונה און יראה איז דער מקור פון די ברכות און פון דעם פאַרבאָרגענעם גוטס, און אַלע שכלדיקע זאַכן זיינען דער מקור פון צרות, רחמנא ליצלן (כל השכליים הוא מקור הדינין). דערפאַר דאַרף איטלעכער וואָס היט זיין נשמה זיך דערווייטערן פון זיי, וואָרעם דער אָנהייב פון אַלדאָס בייז איז פון שכל, וואָס פון אים ווערן דערוועקט קיטרוגים. אין צדיקים זאָגן אַזאַ שיחת־חולין איבערן פסוק „ובת כהן כי תחל לזנות" (ויקרא כ״א 9), אַז דער אָנהייב איז דער שכל, פון אים ציט זיך די זנות, און אַ סך זיינען געוואָרן אַפּיקורסים פון „די שכלדיקע". דאָס איז געווען דער אויפשטאַנד פון דעם בעש״טס חסידות, דער אָנשכלדיקער, דער אַראַציאָנאַלער, קעגן דער ראַציאָנאַלער חסידות אין דער תורה פון חב״ד.

אַזוי איז געבאָרן געוואָרן דער אידעען־קאַמף אין חסידישן

1 אין זיין בריוו פון יאָר תקנ״ז, קרית ספר, ערשטער יאָרגאַנג, ז״ז 144 א״וו, אין דעם אַרטיקל פון בראַווער „על המחלוקת בין הרש״ז מלאדי ור׳ אברהם מקאליסק". דער דאָקומענט איז איבערגעדרוקט פון דעם ספר „ליקוטי אמרים" פון ר׳ מענדל (וויטעבסקער), וואָס איך האָב אים ניט געהאַט (דאָרט, 142 אין דער הערה).

לאַנגער באַלד נאָכדעם ווי דער „תניא" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, ער איז אָבער פאַרהאַלטן געוואָרן אויף עטלעכע יאָר, ווייל פּלוצים איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה די גאַנצע חסידישע באַוועגונג. אין די יאָרן 1799 און 1801 איז דער באַשעפער פון דער חב"דישער שיטה אַרעסטירט געוואָרן און אַוועקגעפירט קיין פּעטערבורג ווי אַ מורד במלכות; זיינען אַנטשוויגן געוואָרן די טענות קעגן אַרעסטירטן צדיק, ביז ער איז באַפרייט געוואָרן, און די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ הכשר אויפן חסידיזם. דעמאָלט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די אינעווייניקסטע מחלוקת. צו די חלוקי דעות איז אין יענער צייט צוגעקומען נאָך אַ מחלוקת וועגן שיקן די נדבות־געלטער קיין ארץ־ישראל. ר' אברהם קאַליסקער, וואָס איז געווען ממונה אויף צעטיילן דאָס געלט אויפן אָרט, פלעגט שיקן קיין חוץ לארץ אויפצוקלייבן נדבות באַזונדערע משולחים פון זיך, וואָס פלעגן זיך אַריינרייסן אין גבול פון ר' שניאור זלמן, וואָס איז געווען געשטעלט איבערן קלייבן דאָס געלט אין רייסן און די שכנישע מדינות. אָט די צעמישענישן האָבן געבראַכט צו סיכסוכים צווישן דעם מנהיג אין חוץ לארץ און די משולחים פון ארץ־ישראל. עס האָבן זיך אויך געפונען אויף ביידע זייטן מענטשן, וואָס האָבן זיך גענומען אויפבלאָזן די מחלוקת דורך לשון הרע און רכילות און דורך וואַרפן חשדים אויפן צד שכנגד, אַז מען באַגייט זיך ניט ערליך מיטן געלט, אַז מען וויל האָבן די גאַנצע דעה וכדומה[1],

1 אויף איינעם פון אַזעלכע העצערס באַקלאָגט זיך ר' אברהם קאָליסקער אין זיין בריוו צו ר' שניאור זלמן פון יאָר תקס"א(?): איינער אַ פאַנאַטישער חסיד פון ר' שניאור זלמנס תלמידים, אלעזר דיסנער, איז געקומען קיין ארץ־ישראל און פלעגט מבזה זיין ר' אברהמען און אָנריידן אויף אים שלעכטס אין זיינע בריוו צו זיין רבין. אַזעלכע העצערס האָבן זיך געפונען אויך צווישן ר' אברהמס משולחים, וואָס פלעגן אָנריידן פאַר אים אויף ר' שניאור זלמנען, ווען זיי פלעגן קומען אַהיים. ר' אברהם קאָליסקערס לאַנגער בריוו איז אָפּגעדרוקט אין דערמאָנטן אַרטיקל בראַווערס (קרית ספר, 145 — 150) מיט אַ פאַרצייכעניש: שנת תקס"א. די דאָזיקע דאַטע איז ביי מיר שטאַרק מסופקדיק. ביז פסח תקס"א איז ר' שניאור זלמן געזעסן אין פּעטערבורג, נאָכדעם ווי ער איז דאָס צווייטע מאָל אַרויס פון תפיסה, און אויך נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, איז נאָך ניט געווען געענדיקט דער עסק מיטן מסור אביגדור. די בשורה וועגן זיי באַפרייונג איז מסתמא אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל ערשט שפּעטער, און עס איז שווער צו גלייבן, אַז אין דעם מאָמענט זאָל ר'

און אָט די האָבן געבראַכט צו אַן אָפענער שפּאַלטונג. אין יאָר 1803 זיינען געקומען צו ר׳ שניאור זלמנען משולחים פון ארץ־ישראל און האָבן געפאָדערט ביי אים אין ר׳ אברהמס נאָמען, ער זאָל איבערגעבן זיי דעם גאַנצן ענין פון קלייבן די נדבות, און אָפּרופן די משולחים וואָס פאָרן אַרום קלייבן אין דעם ליאַדיער רבס נאָמען. ר׳ שניאור זלמן האָט זיך געשפּירט באַליידיקט פון דער פאָדערונג און האָט ווייטער געטאָן זיין אַרבעט, אָבער די משולחים האָבן ניט געוואָלט צונעמען ביי אים דאָס געלט. אַזוי האָט מען זיך צעקריגט. די אָרעמע־לייט אין ארץ־ישראל האָבן געליטן נויט, און איטלעכער פון די צדדים האָט אַרויסגעוואָרפן די שולד אויפן צד שכנגד. ר׳ אברהם האָט געשיקט אַ בריוו מיט טענות צום ליאָדיער רבס מחותן, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, און ער האָט באַשולדיקט זיין געגנער „במילי דשמא ובמילי דארעא": אַז ער טרעט אָפּ פון דעם בעש״טס וועג און אַז ער פאַרכאַפּט געלט. דער באַרדיטשעווער רב האָט געענטפערט, אַז ער געפינט ניט אין אין דער שיטה פון חב״ד קיין שום אָפּנייג פון דעם דרך פון בעש״ט און פון מעזריטשער מגיד, וואָס האָט בשעתו זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיין תלמיד שניאור זלמנען, און וואָס איז שייך דאָס פאַרהאַלטן די נדבות פאַר ארץ־ישראל איז שולדיק ר׳ אברהם, „וואָס האָט אַליין געשיקט שלוחים צו פאַרדאַרבן די אָרדענונג און האָט פאַרמערט מחלוקתן"[1].

אַ לאַנגע תשובה צו זיין געגנער האָט געשריבן אין יענער צייט (אַן ערך 1805) ר׳ שניאור זלמן אַליין. אין דער גאַנצער מחלוקת זעט ער נאָר די האַנט פון רכילותניקעס און העצערס, און ער הייבט אָן מיטן מאמר פון חכמים: „ברית כרותה ללשון הרע, אם אינה מתקבלת כולה מתקבלת מקצתה". (לשון־הרע

אברהם האָבן געשריבן צו דעם באַפרייטן אַ בריוו פול מיט שטראָף־רייד אָנשטאָט אַ באַגריס־בריוו. אָנשטאָט תקס״א דאַרף אפשר זיין תקס״ב אָדער תקס״ג, דאָס הייסט נאָענט צו דער צייט פון די וויטערדיקע בריוו.

1 בית רבי, חלק א׳, 81 — 86; האָראָדעצקי, החסידות והחסידים, חלק ב׳, ז״ז מ״ג א״וו; טייטלבוים, הרב מלאדי, חלק א׳, 141 — 145, 236 א״וו; בראַווער, אין אויבן דערמאָנטן אָרט 227 א״וו. דער דאָזיקער בריוו־בייט איז פאָרגעקומען אַן ערך אין די יאָרן 1804 — 1805.

האָט שוין אַזאַ טבע, אויב זי ווערט ניט אָנגענומען אין גאַנצן, ווערט זי אָנגענומען טיילווייז), און שרייבט ווייטער: „אַ משך פון אַ סך יאָרן זינט עס האָבן געשאַרפט זייער צונג ווי אַ שווערד די רייזנדערס וואָס פאָרן פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ און פון ארץ־ישראל אַהער, עס איז איבערגעפולט געוואָרן די מאָס און עס איז הייך געוואָרן דער פּאַרג [וואָס שיידט אונדז פונאַנדער]. און בפרט אַז דער אָרט (ארץ־ישראל) איז גורם, וואָרעם דער חורבן איז געווען פאַר שנאת חנם, און שנאת חנם קומט נאָר פון רכילות און לשון־הרע". דער שרייבער דערמאָנט די פריינדשאַפט־בריוו וואָס ר' אברהם פלעגט אים שיקן אין משך 22 יאָר און חידושט זיך, ווי אַזוי האָט זיך ביי אים דאָס איבערגעביטן די שטימונג דן צו זיין זיין פריערדיקן פריינד פון לכתחילה אָן לכף חובה סיי אין הימל־זאַכן סיי אין ערדישע זאַכן. ר' שניאור זלמן דערמאָנט אים די יוגנט־זינד, בעת זיי זיינען ביידע געווען אין יאָר תקל"ב אין מעזריטש, און דער מגיד האָט אָנגעשריען אויפן יונגן אברהמען פאַר זיין לייכטזיניקייט און עקסט־עמקייט אין די ענינים פון חסידות (אויבן, § 21), און איצט האָט דער זעלביקער פאַרזינדיקטער תלמיד די העזה איפצוואַרפן זיין חבר, אַז ער טרעט פלומרשט אָפּ פון דעם גרויסן מגידס וועג. פון דעם דאָזיקן ענטפער איז קענטיק, אַז אין זיין בריוו צום באַרדיטשעווער רב באַקלאָגט זיך ר' אברהם אויפן ליאַדיער רב, אַז ער איז אָפּגעטראָטן פון דעם חסידישן פרינציפּ, וואָס איז באַגרינדעט אויפן פסוק „וצדיק באמונתו יחיה", דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה, און ניט מיט זיין פאַרשטאַנד, ווי עס מיינען די חב"דניקעס, וואָס פאָדערן אַריינטראַכטונג אָנשטאָט דבקות און בלינדן גלייבן.

די פּאָלעמיק אין די „הייליקע בריוו" האָט געדויערט עטלעכע יאָר[1]. אין דער מחלוקת האָט זיך אַריינגעמישט אויך דער ליטווישער צדיק ר' מרדכי לעכעוויצער, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון ר' אברהם קאַליסקער, בעת ווען דער באַרדיטשעווער האָט געהאַלטן פאַרן ליאַדיער רב. אין יאָר 1810 איז געשטאָרבן

1 בראַווער דאָרט גופא, 229 — 237, לויט פתבי־יד און אויסגעקליבענע ערטער פון דערמאָנטן ספר „ליקוטי אמרים" פון ר' מענדל וויטעבסקער.

ר׳ אברהם אין טבריה און דאָס פייער פון מחלוקת האָט גענומען איינלעשן זיך.

די זעלביקע אינעווייניקסטע שפּאַלטונג וואָס האָט דערווייטערט די נאָענטע אין טבריה און ליאַדי האָט געבראַכט אויך צו אַן אויסוויינקסטער שפּאַלטונג צווישן דעם פּוילישן פון חסידות אין דעם סוחר מיט חסידות, ר׳ ברוך טולטשינער. די שיטה פון פאַרטיפטער חקירה וואָס איז ניט געפעלן געווען דעם תמימותדיקן מאמין פון ארץ־ישראל האָט געמוזט דערוועקן נאָך אַ גרעסערע געגנערשאַפט ביים בעש״טס איינקל, וואָס איז אַליין גאָר ניט געווען אַזאַ נאַיווער מאמין, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט צו האַלטן די פאָלקסמאַסן אין בלינדן גלויבן, כדי זיי זאָלן גיין ווי די שאָף נאָך זייערע פּאַסטעכער די צדיקים, וואָס האָבן זיי צוזאַמענגעשאָרן. אַ סך איז דאָ געווען קאָנקורענץ און קנאה: ווער איז גרעסער — דעם בעש״טס איינקל אָדער דעם מגידס תלמיד? ווער איז ראוי צו שטיין בראש פון אַלע צדיקים: דער הוילמדיקער ייד וואָס האָט פון פּראַקטישן צדיקיזם געמאַכט אַ „גוטן עסק“, אָדער דער צבּונדיקער ייד, וואָס האָט דערהויבן די חסידות צו דער מדרגה פון אַ סיסטעם? פון קנאה־וועגן האָט ר׳ ברוך זיך געשטעלט אויפן צד פון די ארץ־ישראלדיקע משולחים אין זייער מחלוקת מיט ר׳ שניאור זלמן מכח דער גבאות איבער די חלוקה־געלטער. די פאַרבאַהאַלטענע פיינטשאַפט איז געוואָרן אַן אָפענע שנאה, ווען ר׳ שניאור זלמן איז געקומען אין ר׳ ברוכס מדינה, כדי צו קלייבן נדבות פאַר די אַרויסגעטריבענע פון די דערפער אין רייסן אין יאָר 1808, און ר׳ ברוך האָט מיט אים גערעדט האַרבע דיבורים, פאַרוואָס ער איז אים מסיג גבול (אויבן, § 44). איינזאַם איז געווען ר׳ שניאור זלמן אין דער פרעמד, צווישן חסידים, וואָס זיי איז געווען גענוג דער גלויבן אין צדיקים און האָבן קיין תורה פון זיי ניט פאַרלאַנגט, און צווישן צדיקים, וואָס זיינען ניט געזעסן קיין וועגווייזערס פאַר זייערע אָנהענגער, נאָר זיי האָבן געדינט פאַר סרסורים אין דער אייבערשטער וועלט און געקראָגן זייער מעקלער־געלט אין דער אונטערשטער וועלט.

ר׳ שניאור זלמנען איז נאָך באַשערט געווען, אַז אין זיינע לעצטע יאָרן זאָל זיין רו ווידער געשטערט ווערן דורך פּאָליטישע מהומות, וואָס האָבן אמת אָנגערירט אַלע איינוואוינער פון רוב-

לאַנד. דער אַריינרייס פון די פראַנצויזן קיין ווייסרוסלאַנד אין יאָר 1812 און דערנאָך זייער אַנטלויף צוריק דורך אָט דעם לאַנד האָבן אָנגעטאָן גרויסע צרות די איינוווינער פון לאַנד, און בפרט יידן. דער ליאַדיער רבֿ, וואָס איז באַפרייט געוואָרן אין יאָר 1801 לויטן באַפעל פון קיסר אַלכּסנדר I, איז אים געווען דאַנקבאַר זיין גאַנץ לעבן, און בשעת דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך צעטיילט די מיינונגען ביי יידן צווישן אָנהענגער פון נאַפּאָלעאָן און פון רוסלאַנד, האָט ער זיך געמיט מיט אַלע כּוחות אַריבערצוציען די חסידים אויפן צד פון רוסישן קיסר. אין דעם ענין האָט ער געהאַט וויכטיקע טעמים פון דעם שטאַנדפּונקט פון יידישקייט. אין איינעם פון זיינע בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן בעת דער מלחמה צו זיין גוטן פריינד ר׳ משה מייזלש אין ווילנע שרייבט ער: „דעם ערשטן טאָג ראש־השנה פאַר מוסף האָט מען מיר באַוויזן: אויב באָנאַפּאַרטע וועט מנצח זיין, וועט גרייס ווערן די עשירות ביי יידן און דער יידישער מצב וועט געהויבן ווערן, אָבער זיי וועלן זיך אָפּשיידן און דערווייטערן פון זייער פאָטער אין הימל[1]; און אויב עס וועט מנצח זיין אונדזער האַר אַלכּסנדר, איז הגם עס וועט זיך פאַרמערן אָרעמקייט ביי יידן און דער יידישער מצב וועט דערנידעריקט ווערן, אָבער יידן וועלן זיך פאַרבינדן און באַהעפטן מיט זייער האַרץ צו זייער פאָטער אין הימל; און דאָס וועט דיר זיין אַ סימן אַז אין די נאָענטע טעג וועט צוגענומען ווערן ביי אייך די גלוסטיקייט פון אייערע אויגן (מחמד עיניכם) און מען וועט אָנהייבן נעמען זעלנער פון אחינו בני ישראל[2]... און למען השם פאַרברענען דעם דאָזיקן בריוו"[3]. די לעצטע בקשה לאָזט זיך דערקלערן דער-

1 דאָס הייסט, מען וועט געבן יידן גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אין פראַנקרייך און די איבעריקע לענדער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער איר איינפלוס, אָבער עס וועט זיך שטאַרקן פריידענקעריי.

2 אויב די רוסן וועלן מנצח זיין, וועלן יידן בלייבן אויף אַ נידעריקן שטאַנד, אָבער מען וועט זיי ניט אָפּרייסן פון זייער גלויבן. אָבער אַז די מלחמה וועט לאַנג געדויערן, וועט אַרויסגיין אַ געזעץ צו נעמען יידישע יונגעלייט פאַר זעלנער.

3 בית רבי, חלק א׳, ז׳ 92 — 94; הרב מלאדי, חלק א׳, 156; ראָדקינסאָן, עמודו חב"ד, 83. אין דעם לעצטן בוך זיינען די נעמען פון די קיסרים מחמת מורא פאַר דער צענזור באַצייכנט מיט ראשי־תבות: ב"פ (באָנאַפּאַרטע) און א"א (אדוננו אלכּסנדר).

מיט, וואָס דער בריוו איז געשיקט געוואָרן ווען דער פראַנצויזישער חייל איז אַריין קיין ליטע און רייסן, און עס איז געווען אַ סכנה, אַז אויב דער בריוו וועט אַריינפאַלן צו די פראַנצויזן אין די הענט, וועלן זיי באַשטראָפן דעם רב וואָס רייצט אויף די מאַסע קעגן נאַפּאָליאָנען.

עס איז געווען אַן אָפענער סוד, אַז אַ סך רוסישע יידן פאַרנעמען זיך מיט פאַטריאָטישן שפּיאָנאַזש לטובת זייער פאָטערלאַנד און לאָזן וויסן די רוסישע קאָמאַנדירן אַלצדינג וואָס זיי האָבן געזען אין שונאס לאַגער. ר׳ שניאור זלמן אַליין האָט זיך באַקאַנט מיט די רוסישע גענעראַלן וואָס האָבן געלאַגערט ביי זיין שטעטל און האָט זיך געפונען אונטער זייער שוץ. אַז די פראַנצויזישע אַרמייען זיינען צוגעקומען נאָענט צום רבס שטאָט, האָבן די קאָמאַנדירן אים געגעבן אַן עצה צו אַנטלויפן מיט זיין הויזגעזינד קיין צענטראַל-רוסלאַנד. אין אויגוסט 1812 (אלול) איז דער אַלטער רב אַנטלאָפן פון לאַדי אין דער שכנישער סמאָלענסקער גובערניע, און דערנאָך זיינען זיי, ער מיט זיין הויזגעזינד, פאַרוואָגלט געוואָרן אין משך פינף חדשים פון שטאָט צו שטאָט, געיאָגט פון שונא, האָבן געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער אום ווינטער, ביז דער אַלטער איז קראַנק געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן קורסק און האָט געמוזט זיך לייגן אין בעט אַריין. 24 טעג אין טבת תקע״ג (יאַנואַר 1813) איז דער צדיק געשטאָרבן, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיין גוף אָפּגעפירט אין דער שכנישער שטאָט האַדיאַטש (פּאָלטאַווער גוב׳) און ער איז דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל. אין אַ בריוו פון אַ שפּעטערדיקער צייט (תקע״ד), וואָס עס האָט געשיקט ר׳ שניאור זלמנס זון, ר׳ דוב בער, צום דערמאָנטן ר׳ משה מייזלש, זיינען געשילדערט אַלע פּלאָגן וואָס דער רב האָט געהאַט אויסצושטיין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, און מיר באַקומען פון דעם אַ בולט בילד פון יענע שטורמישע צייטן בכלל[1].

---

1 ר׳ דוב בערס בריוו געפינט זיך ביי מיר אין אַן אָפּשריפט, וואָס עס האָט מיר געגעבן איינער אַ מענטש וואָס איז נאָענט צו דער פאַמיליע שניאורסאָן. דער זעלביקער ניסח איז אָפּגעדרוקט אין „בית רבי״, חלק א׳ ז״ז

„באַלד ווי עס איז אַריין דער שונא דער אַלגעמיינער צורר דער רוצח וואָס איז באַוווסט מיט זיין נאָמען נאַפּאָלעאָן אין עק פוילן, קיין קאָוונע און ווילנע, האָט (דער פאָטער) גענומען זיך אַן עצה האַלטן מיט אונדז, ווי אַזוי צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד דווקא, מחמת ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער (נאַפּאָלעאָן) וועט זיך ניט האַלטן צו גרויס זיך צו באַגאַרישן צו גיין אייך קיין רוסלאַנד, קאָן זיין, אַז ער וועט זיך באַפעסטיקן און וועט בלייבן אין די פוילישע מדינות (אָבער השם יתברך האָט אים צו נאַר גע־מאַכט, און דאָס איז דער יסוד פון זיין מפלה), אָבער דאָס איז אַ גרויסע צרה פאַר יידן, וואָרעם קיין איינער וועט ניט בלייבן ביי זיין יידישקייט און ניט ביי זיין פאַרמעגן... (דאָ רעדט דער שרייבער אַרום באַריכות אין זיין פאָטערס נאָמען די שעדלעכע ווירקונג פון דעם „שטן" נאַפּאָלעאָן און די „שטאַרקייט נ׳ון ניצחון" וואָס האָט אָנגעכאַפּט דאָס גאַנצע פאָלק אין פראַנקרייך אונטער זיין אָנפיר)... די אַלע רייד האָבן אַרויסגעקוואָלן פון זיין מויל, און ער האָט זיך באַקלאָגט מיט גרויס ביטערניש אַלע ווילע און האָט געזאָגט תהלים אַ גאַנצן טאָג און מתפלל געווען מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דער איבערשטער זאָל פאַרשטאַרקן זיין גענאָד און אַוועקטרייבן דאָס אומגליק. אַז ער (דער שונא) איז געקומען נאָענט צו באָריסאָוו אויף מינסקער וועג, האָט (דער רב) געשיקט שלוחים קיין טאָלאָטשין און געלאָזט אַלץ וויכן אין וויטעבסק לויט דער בקשה פון דעם אהרן הגדול[1] און מיט דער גאַנצער נשמה האָט ער זיך געמיט צו שיקן שפּיאָנעם. אָבער דערנאָך האָט ער פאַרשטאַנען מיט זיין רוח הקודש און מיטן כ״ח פון זיין פאַרשטאַנד, אַז (דער פראַנצויזישער חייל) וועט זיך אויסשפּרייטן ביז קיין רוסלאַנד, און וויל ער האָט תכלית שנאה פיינט געהאַט נאַפּאָלעאָנען, איז ביי אים געבליבן צו אַנטלויפן, ווייל ער האָט געזאָגט: גלייכער זאָל

95 — 102 און אין ספר „הרב מלאדי" אין דער הוספה, ז״ז 238 — 246, און אַ ביסל אומגעענדערט אין „עמודי חב״ד" פון ראָדקינסאָן, ז״ז 81 — 94, דאָ ווערן געבראַכט די וויכטיקסטע פראַגמענטן.

1 דאָס הייסט איינער פון די קאָמאַנדירן, וואָס האָט געבעטן דעם רב, ער זאָל אים צושטעלן ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון שונא דורך אויסשפּירערס לטובת דער רוסישער רעגירונג.

איך שטאַרבן איידער צו לעבן אונטער אים, און זאָל איך ניט זען דאָס אומגליק פון מיין פאָלק. און ווי גרויס עס איז געווען די איילעניש צו אַנטלויפן, קאָן מען גאָר אין שריפט ניט איבערגעבן. און אויך וואָס ער איז געווען אַלט און שוואַך, און די קעלט און ווינטער און די שווערע אַרומשלעפּעניש איז גאָר ניט געווען פאַר זיין כּוח, מיט די קליינע קינדער פון אונדזערע פיר משפּחות. אָבער ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט זען אַפילו איין טאָג אונטער זיין ממשלה און זיין דינסט. און מיר זיינען אַנטלאָפן אויף צוויי וועגענער, און דאָס גאַנצע הויזגעזינד, 28 נפשות גרויסע און קליינע, מיט אַלע גרינגע חפצים וואָס מיר האָבן געקאָנט מיטנעמען האָבן מיר גענומען, און אַלע שווערע חפצים זיינען געבליבן, אַן ערך 2 טויזנט רובל (ווערט), ווי תבואה און יי״ש און שטוב־כּלים און האָלץ, ווי עס איז באַוווסט דעם גענעראַל וואָס איז געשטאַנען דעמאָלט אין ליאַדי, וואָס האָט געהייסן אַליאַנאָוו... און אויך דער גענעראַל איבער אים, וואָס האָט געהייסן נעבראַווסקי וואָס איז געשטאַנען אין קראַסנע אין אָנהייב פון דער מלחמה.

„און איצט קום איך דערציילן מיין פריינד, וואָס מיר האָבן געזען גאָטס נסים אינטערוועגס פון ליאַדי ביז דער צייט פון זיין פּטירה ז״ל... אַז עס איז אונדז קלאָר געוואָרן וואָסערע מעשים עס טוט אָפּ דער שונא דאַוניש [דער פראַנצויזישער מאַרשאַל דאַוו, [Davoust] ימח שמו אין שקלאָוו און דובראָוונע, האָט (דער פאָטער), ניט געוואָלט בלייבן קיין איין רגע, און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן קיין קראַסנע, בכדי צו זיין צוזאַמען מיט די דערמאָנטע גענעראַלן, אַליאַנאָוו און נעבראַווסקי, און זיי האָבן אונדז געגעבן זייער גוטע פּאַספּאָרטן... אין קראַסנע, ערב שבת פאַר ראש חודש אלול, איז געקומען פּלוצים די גאַנצע מחנה פון שונא און אויך די מחנה פון וויטעבסק אַרום פערציק טויזנט, און אונדזערע זיינען געווען נאָר אַכט טויזנט אין אַ געניידער צאָל. און דער גענעראַל נעבראַווסקי איז געווען פון דעם קאָרפּוס פון קניאַז באַריאַטינסקי [באַריאַטינסקי?] וואָס איז געשטאַנען ביי סמאָלענסק מיט זיבעציק טויזנט מאַן. און אַז (דער שונא) איז געקומען קיין קראַסנע ביי האַלבן טאָג ערב שבת קודש, איז געפאַלן אַ גרויס געוויין אויף אונדזער גאַנצן הויז־געזינד, ווייל עס איז גאָר קיין עצה ניט געווען וואָס צו טון, סיידן צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. און אונדזער באָבע

און אַלע ווייבער און קינדער האָבן אויפֿגעהויבן אַ געוויין, אַז מען קאָן גאָר ניט באַשרייבן. און אונדזער האַר מיין פֿאָטער און מיין לערער ז"ל איז צוגעטראָטן מיט כּוח און האָט אָנגעשריען אויף זיי: וואָס וויינט איר, מען דאַרף ניט אַנטלויפֿן אין וואַלד, נייערט פֿירן די נסיעה אויף פֿערד. און דער זעלביקער גענעראַל איז אַליין געקומען צו אים און האָט אים געזאָגט בזה הלשון: דער פֿרומער ייִשיש, אַנטלויף וואָס גיכער קיין סמאָלענסק, וואָרעם דער שונא איז ווי זאַמד פֿון ים און האָט בײַ דרײַ הונדערט קאַנאָנען. און באַלד ווי מיר האָבן דאָס דערהערט, זײַנען מיר אַלע אָפּגעפֿאָרן... און באַלד ווי מיר זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן, איז געקומען דער צווייטער צד און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן, און מיר האָבן געהערט דעם רעש פֿון די גרויסע רעדער קלאַפּ נאָך קלאַפּ אַן ערך דרײַ שעה. און מיר זײַנען געלאָפֿן זיך צו ראַטעווען ביז 13 וויאָרסט נאָענט צו סמאָלענסק, און דאָרט איז געווען אַ וועג דורכצוגיין הינטער אַ וואַלד, און אַז עס האָבן אונדז געזען די אַנטלויפֿער פֿון די אינדזוועריקע [פֿון דער רוסישער אַרמיי], האָבן זיי אונדז צוגעשריען צו אַנטלויפֿן אין וואַלד אַרײַן און מיר זײַנען דאָרט געבליבן די גאַנצע נאַכט פֿון שבת קודש, און די פּרטים פֿון אַלע נסים קאָן מען ניט אויסשרײַבן. און אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי זײַנען מיר אָנגעקומען קיין סמאָלענסק, און דאָרט איז ניט געווען קיינער ניט פֿון די פּראַנצויזן און ניט פֿון אינדזוועריקע, ווײַל זיי [די רוסישע קאָמאַנדירן] האָבן קיין זאַך ניט געוווּסט. און זיי האָבן בײַ אונדז געפֿרעגט צו הערן [וועגן דער באַוועגונג פֿון דעם שונאס אַרמיי], און מיר האָבן געשיקט צום דערמאָנטן קניאַז. און תיכּף ומיד ביז האַלבן טאָג האָבן זיך צונויפֿגעקליבן מאַסן חיל פֿון אינדזוועריע אַן ערך 30 טויזנט און 120 האַרמאַטין. און מיר האָבן ניט געקאָנט אַרויסקומען פֿון שטאָט, און מיר האָבן זייער געוויינט, ווײַל דאָס אומגליק איז געווען פֿאַרפֿול אין שטאָט, און דער שונא איז געשטאַנען נאָענט. און פֿאַרנאַכט זײַנען מיר איבער געוואַלד אַחיס אין גאַס, איבן וועג פֿון מאָסקווע און דראָגאָבוזש. און דער פֿאָטער ז"ל האָט אונדז געהייסן פֿאָרן אום שבת, ווײַל ער האָט געזאָגט, אַז מען מעג און עס איז אַ מצווה זיך צו ראַטעווען פֿון מזיקים. און זונטאָג זײַנען מיר אַנטלאָפֿן מיטן גובערנאַטאָר פֿון דער דערמאָנטער שטאָט טאָלסטאָי קיין וויאַזמע, און מיטוואָך זיי-

נען מיר אַרויסגעטריבן געוואָרן און זיינען אַנטלאָפן קיין מאָזשאַיסק. און פון מאָזשאַיסק האָבן מיר געמאַכט אַן אומוועג לויט (דעם פאָטערס עצה), וויל ער איז געווען בקי אין דער קאַרט (קאַרטע), און מיט זיין רוח הקודש האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער שונא וועט גיין [אַרום און אַרום און וועט פאַרקרימען זיין וועג, דערפאַר האָט ער געקלערט אַרומצופאָרן אַרום דער שטאָט מאָסקווע. און מיר זיינען געווען דעם פאַרגאַנגענעם ראש־השנה אין טריצע זערקאַ [טראָיצע סערגיע]... און ער האָט מיך גערופן און געזאָגט צו מיר: עס איז מיר זייער שלעכט, מיין זון... דער שונא שטאַרקט זיך. און איך האַלט, אַז ער וועט נעמען אויך מאָסקווע. און האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן. און אויך איך האָב געוויינט און בין אַוועק.

„ראש־השנה האָט ער אונדז גערופן און האָט אונדז געזאָגט רייה פון מונטערקייט און טרייסט: „היינט האָב איך געזען בעת מיין תפילה, אַז עס איז געענדערט געוואָרן צום גוטן, און אונדזערער האָט מנצח געווען, און הגם [דער שונא] וועט איינעמען מאָסקווע, נאָר ער וועט קיין תקומה ניט האָבן, און עס וועט פאַר אונדז קומען פאַרגרינגערונג און אויסלייזונג, וואָרעם אַזוי איז אָנגעשריבן היינט אויבן". און מיר זיינען געגאַנגען און געגעסן און געטרונקען אין גוטן מוט און מיר זיינען געווען פריילעך און גוט געשטימט. און מיר זיינען געפאָרן אין גאָראָה יורייעוו בײַ דער גובערניע וולאַדימיר 70 וויאָרסט. שבת שובה פאַר דער תפלת מוסף האָט [דער רבֿ] גערופן מיך און מיין איידעם ר׳ מענדל און האָט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו וויינען און זיינע טרערן זיינען געפאַלן אויף זיינע באַקן טראָפנווייז, און ער האָט געשריִען: „ווי, עס וועט חרובֿ ווערן גאַנץ ביעלאָרוסיע, בעת דער שונא וועט גיין צוריק, און דאָס איז אַ געצאָלט פאַר דער גזרה פון כמעלניצקי, וואָס איז אין רייסן און ליטע גאָר ניט געווען, נייערט נאָר אין וואָלין און אוקראַינע"... און איך האָב צו אים געזאָגט: אָ פאָטער, ער איז דאָך נאָך ניט געקומען קיין מאָסקווע, און אויב ער וועט יאָ איינעמען, וועט ער אפשר זיך אומקערן פון אַן אַנדער זייט. און ער האָט געענטפערט: מאָסקווע וועט ער געווים איינעמען אין ניכן, הגם זיין כוח גייט אויס און ער קאָן ווערן געשוועכט פאַר אַ טויטן, זיין שווערער ניצחון וועט אים טויטן און וועט אים פירן קיין

מאָסקווע, אָבער באַלד וועט זיין מפּלה זיין אַ פּאַלן וואָס ני־
דעריקער קאָן גאָר ניט זיין, וואָרים ער וועט זיך דאָרטן ניט
האַלטן און וועט זיך אומקערן דורך בּיעלאָרוסיע דווקא, און ניט
דורך מאַלערוסיע. און דאָס איז דער סימן אויף מיינע רייד״. און
אַזוי איז געווען.

„ערב יום־כּיפּור זיינען מיר געקומען קיין וולאַדימיר, און
מאָנטאָג פאַר יום־כּיפּור האָט דער שונא איינגענומען מאָסקווע,
און ערב יום־כּיפּור איז אַנטלאָפן געוואָרן דער גאַנצער סענאַט
דורך וולאַדימיר. און אַז איך האָב געזען, ווי עס לויפן זייערע
קאַראָטן, בין איך באַלד געלאָפן צו אים און האָב אָנגעהויבן
וויינען מיט מיין ביטערן האַרצן און האָב אים געוויזן דורכן פענצטער־
זע, פאָטער, ווי דער סענאַט לויפט, און ווו איז דיין הבטחה,
אַז דער שונא וועט האָבן אַ מפּלה באַלד ווי ער וועט קומען קיין
מאָסקווע? און ער איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיך אַרומגע־
נומען און האָט געריעדט פון טיפן האַרצן און האָט געזאָגט:
„דו זעסט, אַז איך בין אין תּפילין, און איך וועל קיין ליגן ניט
זאָגן. איך שווער ביי גאָט און ביי מיין נשמה, אַז ער וועט ווייטער
פון מאָסקווע ניט גיין, נאָר ער וועט בקרוב זיך אומקערן, און
ניט קיין פּעטערבורג, נאָר זיין ציל וועט זיין זיך אומצוקערן און
צו געפינען שפּייז דורך בעלאָרוסיע, נאָר מען וועט אים ניט לאָזן
צו רו און זיין מפּלה וועט זיין אין גיכן, מעגסט מיר גלויבן״.
און אונדזער האַרץ האָט זיך געשטאַרקט, און מיר האָבן שטאַרק
געווינט דעם דאָזיקן יום־כּיפּור, אַזוי אַז עס איז אונדז שיער די
נשמה ניט אַרויס.

„און מיר זיינען געפאָרן אין גאָראָד אָסי (אין אַ צווייטן נוסח:
יורייעוו), דאָרט זיינען מיר געזעסן זיכער בּיים טייך אָקאַ, און
פון דאָרט זיינען מיר דורכגעפאָרן די גובערניעס ראַזיאַן און טאַמבאָוו
און אָריאָל ביז קורסק, אַן ערך 12 הונדערט ווייאָרסט, ביז האַלב
כּסלו, אין שטאַרקן פראָסט און גרויס ענגשאַפט און יסורים פון
הונגער און קעלט, נאָר גראָב ברויט און וואַסער, און רייך פון
די גוישע הייזער. ניטאָ קיין שווערער גלות פון דעם. און אין
איטלעכן דאָרף שטשירעט מען די ציין און מען זידלט און מען
שילט. נאָר מחמת גאָטס גענאָד איבער אונדז און די אויגן פון די
אַרונים, האָבן זיי ניט געלאָזט אונדז טאָן קיין שלעכטס,

וואָרעם מיר זיינען געפאָרן אַ גרויסער עולם מער ווי זעכציק פורן. און אין קורסק איז אָנגעקומען אַ שטאַפעט פון טאָלסטאָי צום גענעראַל פון דאָרט, אַז מען האָט אָפּגעטייבן דעם שונא פון טעג פון קאַלוגע ביז וויאַזמע. דאָרט האָבן מיר זיך געפרייט און געדאַנקט גאָט פאַר דאָס גוטס און חסד. און עס איז געווען נאָך גרעסער די שמחה, ווען מיין זוגתי האָט געהאַט אַ בן־זכר אין קורסק. און מיר האָבן געמאַכט אַ ברית־מילה (און אַ סעודה) מיט ווייסן הירזש און מיט רעטעך און מיט אַ סך גוטן יי״ש. און פון דאָרט זיינען מיר געפאָרן אין דאָרף פּיענאָ. און י״ט כסלו האָבן מיר געהערט, אַז דער שונא האָט געהאַט אַ גרויסע מפּלה לעבן קראַסנע און אַז מען טרייבט אים ווי אַ הונט, און מיר האָבן זיך גאָר געפרייט, ווייל עס איז מקוים געוואָרן אַלצדינג, עס האָט ניט געפעלט אַ האָר.

„אָבער וואָס איז שייך אונדזער ווייל זיין, איז מיר ביטער ביז גאָר, וואָרעם ווי מיר זיינען געקומען עפּעס צו זיך, איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ. פאַר גרוים ביטערניש, וואָס איז אַלץ טיפער געוואָרן וואָס פון שעה, האָט [מיין פאָטער] פאַרדאָרבן די גאַל און האָט זיך אויך שטאַרק צוגעקילט מחמת אַלטקייט און שוואַכקייט. און נאָר פינף טעג, ווי ער איז שלאַף געוואָרן און האָט מקיא געווען גאַל, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און איז נפטר געוואָרן מוצאי שבת קודש פּרשה שמות כ״ד טבת פון פאַרגאַנגענעם יאָר. און איך בין געווען אין וועג, ווייל [דער פאָטער] האָט מיך געהאַט געשיקט צו געפינען פאַר אונדז אַ דירה אין קרעמענטשוק. חבל על דאבדין! אַוועק איז דער כבוד פון ישראל! זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין אַלע צייטן. נאָך זיין פּטירה האָט מען אים אַוועקגעפירט אין אַ יידישער שטאָט, קיין גאָראָר האַדיאַטש אין גוב׳ פּאָלטאַווע... אין דער בית־עולם דאָרט איז אין אַ קליינעם וועלדל... און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם אָרט. און מיר האָבן אויסגעבויט אַ הילצערן געוועלב און אויך אַ גרוים הויז, און מען האָט צוגעגרייט ציגל אויף צו בויען אַ מויער, ווי אויף די קברים פון צדיקים, וואָס מען קומט [אַהין] מנדר צו זיין און מתפלל צו זיין אין אַן עת צרה״[1]...

1 אין סוף פון בריוו איז ר׳ בער מאריך וועגן דעם, אַז עס איז נייטיק „זיך צוצובינדן צום קיסר ירום הודו, וואָס איז פאַר דער טובה פון

אַזוי איז געפאַלן דער ריז פון דער חסידישער באַוועגונג אין דער מהומה־צייט, אין מיטן דעם שטורעם פון מלחמה און פּאָליטישע איבערקערענישן. ער האָט אָבער באַוויזן צו לאָזן נאָך זיך אַ דינאַסטיע: זיינע זין און אייניקלעך פון דעם הויז שניאור־סאָן זיינען געשטאַנען בראש פון די צפונדיקע חסידים אין משך פון הונדערט יאָר, ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה. אויך אין דער ליטעראַטור האָט „דער אַלטער רבי" (ווי מען רופט אים ביזן היינטיקן טאָג) זיך געשאַפן אַן אייביקן נאָמען. חוץ דעם ספר „תניא" און דעם סידור און פּרקים פון זיין „שולחן ערוך", וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך ביי זיין לעבן, זיינען אַרויס נאָך זיין טויט זיינע איבעריקע שריפטן. אַן ערך אַ יאָר נאָך זיין טויט האָבן זיינע זין אָפּגעדרוקט די טיילן פון שולחן ערוך, וואָס דער רב האָט באַוויזן צו מאַכן אויף זיי אַ פּירוש (קאָפּוסט תקע"ד). זיינע דרשות אויף די פּרשיות פון דער תורה אויף בראשית און שמות זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „תורה אור" (קאָפּוסט תקצ"ז), און אויף די איבעריקע חומשים אונטערן נאָמען „ליקוטי תורה" (זשיטאָמיר תר"ח). נאָר די אַלע חיבורים קומען ניט צום „תניא" — דער אײנציקער ספר אין דער חסידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אַ סיסטעמאַטישע פאָרם.

רייסן איז געבליבן די מעטראָפּאָליע פון צפונדיקן חסידיזם אויך אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. אין ליטע האָט דער וווקס פון חסידיזם זיך אָפּגעשטעלט אין דער געגנט פון ווילנע און גראָדנע, וואָס דאָרט זיינען פאַרבליבן איינציקע קליינע קיבוצים, און די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך איינגעצאַמט אין מינסקער גובערניע, וואָס איז האַלב ליטע און האַלב רייסן. אָבער אויך דאָ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער כוח פון דער באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַרלין. „קאַרלינער" ווי אַ נאָמען פאַר אַלע צפונדיקע חסידים באַנוצט נאָר דער מסיר אביגדור דער פּינסקער, וואָס פאַר אים האָבן עקסיסטירט מערניט זיינע שונאים אין דער שכנישער

אחינו בני ישראל ממש... און אַז דער אייבערשטער וועט העלפן דעם קיסר יר"ה, און עס וועלן פאַלן זיינע שונאים אונטער אים, וועט ער אַוודאי זיך דערמאָנען אָן יידן צו דערהייבן זייער מצב מיט אַלע מיני פרייהייטן". דאָ איז צו הערן דעם אָפּקלאַנג פון די האָפענונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט אין רוסלאַנד נאָך דעם פראַנצויזישן קריג.

שטאָט קאַרלין, און פֿון אים איז דער נאָמען אַריבער אין די אָפֿיציעלע דאָקומענטן פֿון דער דריטער מחלוקת (אויבן, §§ 38—39). מיר האָבן שוין געזען (§ 33), אַז דער קאַרלינער צענטער איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי צדיקים־הייזער: אין סטאָלין און לעכעוויץ. בעת דער לעצטער מחלוקת (1798), ווען ר׳ שניאור זלמן איז אַרעסטירט געוואָרן, זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן די צוויי „קאַרלינער" צדיקים — ר׳ אשר סטאָלינער און ר׳ מרדכי לעכעוויצער. אָבער זיי זיינען באַלד באַפֿרייט געוואָרן, מחמת די רעגירונג האָט ניט געפֿונען קיין שום סכּנה אין זייער פּיר. די צוויי צדיקים זיינען זיך געזעסן איטלעכער אויף זיין „שטול" אין זייערע קליינע שטעטלעך און האָבן זיך פֿאַרנומען ווינציקער מיט תּורה, איידער מיט וועלט־זאַכן, מיט געבן עצות און ברכות זייערע מאמינים. אין דער מהומה־צייט פֿון פֿראַנצויזישן קריג איז ר׳ אשר אַריבער פֿון סטאָלין קיין קאַרלין. ווייזט אויס, אַז לכתּחילה האָט ער דאָס געטאָן געצוווּנגענערהייט, בעת אַלע זיינען געלאָפֿן פֿון דעם מלחמה־בראַנט. נאָר שפּעטער האָט ער אויסגענוצט די הייליקייט פֿון דעם אָרט, וואָס אויף אים האָט נאָך געשוועבט דער אָנדענק פֿון זיין פֿאָטער דעם גרויסן ר׳ אהרן, כּדי צוציצייַען די מאַסן צום הייליקן קבר. לעבן פֿאָטערס קבר איז אויך באַגראָבן געוואָרן ר׳ אשר, ווען ער איז געשטאָרבן אין טיפֿן עלטער. צו די צוויי קברים האָבן געשטראָמט אַ סך מאמינים אין דער ווייטערדיקער תּקופֿה. ר׳ אשר האָט איבערגעלאָזן זיין אָרט זיין זון וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען ר׳ אהרן קאַרלינער דער צווייטער[1].

דעם קאַרלינערס חבר, ר׳ מרדכי לעכעוויצער, האָט געוואָלט אויך טראָגן די קרוין פֿון „תּורה" און האָט געהאַט עטלעכע תּלמידים, אָבער קיין ספֿר האָט ער נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט. פֿון זיין געגנערשאַפֿט צום בעל התּניא איז צו זען, אַז ער איז אויך געווען קעגן דער „שכליות" און נאָמען פֿון אַבסאָלוטן גלויבן. די צוויי צדיקים, פֿון סטאָלין־קאַרלין און פֿון לעכעוויץ, האָבן זיך מחותּן געווען מיט זייערע קינדער, און פֿון דעם זיווג איז געבאָרן געוואָרן דער צדיק שלמה חיים, וואָס האָט געגרינדעט אַ דריטן צענטער פֿאַר חסידות אין מינסקער גובערניע, אין שטעטל קוידענאָוו.

---

1 זיין תּורה איז אָפּגעדרוקט אין ספֿר „בית אהרן" (בראָד 1875).

און איז געוואָרן דער ראש פון דער דינאַסטיע פון די קוידענאָווער צדיקים. נאָך ר' מרדכים טויט (אַן ערך 1812) איז נאָך געבליבן אַ צדיקיש הויז אין ליעכעוויץ אונטער דעם אָנפירן פון זיין זון ר' נח, און דערנאָך איז די פירונג אַריבער צו די קוידענאָווער[1]. לגבי דער גרויסער דינאַסטיע פון דעם ליאַדיער רב זיינען די צדיקישע הייזער אין דער ליטע געווען קליינע דינאַסטיעס, ווי עס איז בכלל געווען קליין און באַגרענעצט די חסידישע באַוועגונג אין דער מעטראָפּאָליע פון דער רבנות.

1 ד ב ר י ש ל ו ם פון ר"ש פערלאָוו פון קוידענאָוו, אין דער הקדמה (ווילנע 1882).

דאָס דריטע בוך
דאָס לעבן פון די חסידים

נײַנטער קאַפּיטל

דאָס לעבן פון די חסידים און זייערע מידות אין דער ערשטער תקופה

§ 48. די חסידישע נשמה

די רעזולטאַטן פון פּסיכישער ווירקונג; דער אומבייט אין גייסט פון מאמין: אַ פאַרבעסערונג אָדער אַ פאַרערגערונג? — דער „ביטול היש" אָדער די אָפּשאַפונג פון דעם צווישנשייד צווישן ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע. — די מידה פון ביטחון און די אונטערדריקונג פון דאגות ברענגען נשמה־רו, אָפּטימיזם און פאַטאַליזם, דער חסיד מאַכט צו־נישט די ווירקלעכקייט, אָבער די ווירקלעכקייט מאַכט אים פאַר אַ גאָרנישט און ציט אים אַראָפּ פון דער אויסגעפאַנטאַזירטער וועלט אין דעם ערדישן זומפּ אַראָפּ. — ווי ווייט האָט חסידות מיטגעווירקט צו פאַרשטאַרקן דעם עלעמענט פון מאָראַל אין דער רעליגיע? — די געבאָטן פון בין אדם למקום און פון בין אָדם לחברו. דער שווער־פּונקט ווערט אַריבערגערוקט פון מאָראַל צום גלויבן. די אָפּשטויסונג פון עצבות און די פאַרשיכורטקייט מיטן גלויבן. — דער צדיקים־קולט, זיינע מעלות און חסרונות. — די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעמענטן אין חסידות.

מיר האָבן שוין געזאָגט אין דעם אַריינפיר צום בוך, אַז די חסידות איז אויסן ניט צו רעפאָרמירן דעם גלויבן, נאָר אויסצו־בעסערן די נשמה פון גלויביקן. איצט, אַז מיר זיינען דורכגעגאַנגען צוויי תקופות אין דער געשיכטע פון חסידיזם, די תקופות פון איר אויפבלי און אויסשפרייט, באַדאַרפן מיר באַטראַכטן די פּסיכישע אומענדערונג וואָס זי האָבן אַריינגעבראַכט און אַנאַליזירן, ווי ווייט דערין איז פאַראַן אַן אויסבעסערונג און ווי ווייט אַ פאַר־ערגערונג. ביז איצט האָבן מיר געזען די פאַרשיידענע שינויים אין צושטאַנד פון באַוועגונג. מיר האָבן באַטראַכט די היסטאָרישע דינאַמיק, איצט מוזן מיר זיך צוקוקן צו די רעזולטאַטן פון דער

פסיכישער ווירקונג פון חסידות, בעת זי איז שוין צוגעקומען צו איר שטילשטאַנד־פּונקט און האָט געשאַפן איר אייגענע סטאַטיק, אַ באַשטימטן סדר אין לעבן פון יחיד און אין לעבן פון כלל אין אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק.

דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער חסידות: דער „ביטול־היש“, דאָס הייסט די אָפּשאַצונג פון דעם צווישנשייד צווישן דער אונטערשטער און דער אייבערשטער וועלט, האָט געבראַכט צו אַ טיפער פסיכישער איבערקערעניש. וויבאַלד דער מענטש גלייבט, אַז אַלצדינג וואָס ער נעמט אויף מיט זיינע נאַטירלעכע חושים איז ניט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע אָפּשפּיגלונג פון געשעענישן וואָס קומען פאָר אין אַ פאַרבאָרגענער וועלט, — האָט ממילא קיין טעם ניט צו פאַרבינדן דאָס וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט דורך אַ קייט פון סיבות און פועל־יוצאס, וואָס דאָס אויג קאָן זיי דערזען, נאָר מען מוז עס פאַרבינדן מיט סיבות וואָס זיינען פון אינדרויסן. אַזוי איז די וועלט איבערגעקערט געוואָרן קאַפּויער, עס איז צעשטערט געוואָרן דער לאָגישער סדר, וואָס איז איינגעבאָרן אין דעם מענטשנס נשמה. ניטאָ דאָ קיין אָרט פאַר דער אַרבעט פון שכל וואָס מעסט און וועגט אַלע געשעענישן מיט דער מאָס פון זיין השגה, נאָר מען מוז „אַרויפּברענגען זיי צו זייער מקור“ אין דער איבערנאַטירלעכער וועלט, וואָס איז אָפּגעהאַנגען נאָר פון בלינדן גלויבן[1]. אַזוי אַרום איז די ווירקלעכקייט געוואָרן פאַנטאַזיע, און די פאַנטאַזיע — ווירקלעכקייט. אמת, אין אָט דער פאַנטאַסטישער ווירקלעכקייט האָט דער געיאָגטער און געפּלאָגטער ייד געפונען פאַר זיך אַ באַהעלטעניש פון דער ביטערער רעאַלער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט, אָבער אָט די לעצטע רעכנט זיך אָפּ מיט איטלעכן וואָס וויל זיך פון איר אַרויסנעמען און שטראָפט אים כפל כפליים. דער חסיד מאַכט צו־נישט די ווירקלעכקייט, און די ווירקלעכקייט מאַכט אים צו־נישט און צעטרעט דעם מענטשן, וואָס פּאַסט זיך ניט צו צו אירע פאָדערונגען אין דעם קאַמף פאַרן קיום.

---

1 אויסגענומען פון דעם כלל איז אין אַ געוויסער מאָס די שיטה פון חב״ד, וואָס האָט זיך געקליגט אַריינצוברענגען אַ ליכטיקן שטראַל פון שכל אין דער געדיכטער כמאַרע פון מיסטיציזם.

דאָ קומט צו הילף די מידה פון ביטחון, דער צווייטער פרינציפ פון דער פראַקטישער חסידות. די דאָזיקע מידה איז גע־דרונגען פון יענעם גלויבן אין עקסטרעמער השגחה פרטית, וואָס ליגט אין יסוד פון חסידות (אייבן, ב׳ I, § 11). אין דער תורה פון די שפּעטערדיקע צדיקים איז דער פּרינציפּ פון ביטחון איינ־געדריקט אין אַן אַבסאָלוטער פאָרם: דער מענטש דאַרף זיין זיכער, אַז דער אייבערשטער וועט ממלא זיין זיינע פאַרלאַנגען, הגם אַ סך מאָל האָט ער זיך אָפּגענאַרט אין זיין האָפענונג. דער וואָס איז זוכה צו דער מידה פון ביטחון, „דער דאַגעט ניט מכּוח דעם וואָס ער וועט עסן מאָרגן, און ער געפינט זיך אויף דער מדרגה פון ברוך ה׳ יום יום“[1]. ווער עס פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, דער ווערט ניצול פון אַלע צרות. אַ וואָס: טאָג־טעגלעך זעט מען אַז אויך בעלי־ביטחון ליידן צרות און פּיין אָן אַ מאָס? — איז דערויף פאַראַן אַ תירוץ: „דורך ביטחון ווערט דער מענטש פּטור פון דאגות“; „ווער עס האָט ביטחון דער האָט קיין שום פּחד ניט“; „פון ביטחון קומט שלום“; „ווער עס האָט ביטחון, דעם ווערן די יאָרן ניט געקירצט“. און מען מוז מודה זיין, אַז אין די דאָזיקע ווערטלעך איז פאַראַן אַ סך פּסיכאָלאָגישער אמת: דער חסיד, וואָס די מידה פון ביטחון איז טאַקע איינגעוואָרצלט אין זיין נשמה, ווערט טאַקע פּטור פון יענע זאָרג און שרעק פאַר די צרות, וואָס פּייניקן דעם מענטשנס נשמה מער ווי די צרות גופא.

דער „ביטחון“ פון די חסידים איז אַן אויסגעמיש פון אָפּטי־מיזם און פאַטאַליזם. דער אָפּטימיסט איז זיכער, אַז דער פאָטער אין הימל וועט אים ניט לאָזן פאַלן אונטער זיין משא, און אויב ער וועט פאַלן, וועט ער אים אויפהייבן, און אויף איטלעכער צרה, האַלט ער, דאַרף מען זאָגן „גם זו לטובה“, וואָרעם השם יתברך פירט דעם מענטשן אין וועגן וואָס דער שכל קאָן זיי ניט משיג זיין; און דער פאַטאַליסט, ווי שטאַרק ער זאָל ניט גלייבן אין דער באַשטימונג פון הימל, איז דאָך זיכער, אַז דער צדיק קאָן ווירקן אויפן אייבערשטן ווילן און איבערבייטן די שלעכטע גזרה

[1] ספר המדות פון ר׳ נחמן בראַסלעווער, אונטערן זוך־וואָרט „בטחון“; פון דאָרט זיינען גענומען אויך די ווייטערדיקע ציטאַטעס.

דורך תשובה, תפילה און גוטע מעשים. אָבער די גוטע מעשים זיינען ניט געווענדט צו קיין צוועק אין ערדישן זינען, טון מעשים טובים הייסט אָפּהיטן די מצוות, כדי צו געפינען חן אין גאָטס אויגן. דער חסיד זוכט הילף פון אויבן, אַנשטאָט צו זוכן זי אין דער נאָענט אַרום זיך, אין זיין אייגענער טעטיקייט, וואָס איז געווענדט צו דעם געגאַרטן ציל דאָ אויף דער ערד.

אַזוי אַרום האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט בטלנים, וואָס פאַרגלאָצן די אויגן צום הימל אַרויף, און באַמערקן ניט, וואָס עס טוט זיך אונטן אויף דער ערד, און דערפאַר ווערן זיי געשטרויכלט אויפן לעבנס־וועג און ווערן געשלאָגן אין דעם קאַמף פאַרן קיום. און אויב דער נאַטירלעכער לעבנס־אינסטינקט, וואָס איז אייגן צו איטלעכער באַשעפעניש, צווינגט דעם רוב פון זיי צו פאַרנעמען זיך מיט „דרך־ארץ״, צו זוכן זיך אַ פּרנסה צו דערנערן זיך, אין אַזאַ פאַל קאָנען זיי ניט אונטערשיידן צווישן אַן ערלעכער און אַ מיאוסער פּרנסה, זיי האָבן קיין מאָס ניט צו אויסטיילן וועגן די ערדישע מיטלען אויף צו דערגרייכן זייער ציל. עס זיינען רעכט אַלע עסקים פון „אַרענדע״ אין די דערפער וואָס געהערן צו די פּריצים, מען זעט ניט קיין עוולה אין האַנדלען מיט שאַרפע משקאות צווישן פאַרשיכורטע פויערים, עס שטייט אָן יעטווידער מיאוסע שאַכער־מאַכעריי אין שטעטלעך און דערפער, דער טאַנדעט־האַנדל, די פאַקטעריי, וואָס איז בעצם אַ קנעכטישער דינסט ביים פּריץ אָדער ביים באַאַמטן, וואָס האַלט דעם פאַקטאָר זיינעם גאָר פאַר קיין מענטשן ניט, וואָס איזדעקעוועט זיך איבער אים תמיד און צווינגט אים צו זינגען פאַר אים „מה יפית״. דער חסיד שפּירט אין דעם אַלעמען קיין שום פּחיתות הכבוד ניט, ביי זיך אין האַרצן איז ער „מבטל דעם יש״, ער איז מבטל דעם טיראַנישן פּריץ, דעם שיכורן פויער, די מיאוסע פּרנסה, וואָס איז פאַרבונדן מיט אָפּנאַרעריי אויף שריט און טריט. מיט פאַרמאַכטע אויגן טאַפּטשעט ער זיך דורך דער דאָזיקער בלאָטע אויף זיין וועג צו יענער וועלט, וואָס איז הײלע הייליקייט און ריינקייט. אים דוכט זיך אויס, אַז ער פאַראומריינקט ניט זיין נשמה מיט דער שמוץ פון אָט דער נידעריקער וועלט. אָבער ער האָט אַ טעות: אין דער אמתן קלעפּט זיך צו אים צו אַ סך פון דער שמוץ, און דעם חסידס נשמה איז צעבראָכן און צעריסן צווישן נידעריקן און געהויבענעם, צווישן

אומריינעם און ריינעם, צווישן וואָכעדיקייט און הייליקייט. זי האָט ניט די גאַנצקייט און האַרמאָניע, וואָס עס דאַרף האָבן אַ נשמה, וואָס שוועבט אַרום צווישן דער אונטערשטער און דער אויבערשטער וועלט. עס פעלט איר די מאָראַלישע קראַפט אָפּצורייניקן דאָס לעבן פון דער ערדישער אומריינקייט.

און דאָ שטעלט זיך די פראַגע: ווי ווייט האָט חסידות געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם מאָראַלישן עלעמענט אין דער רעליגיע? לכתחילה, אַ פריאָרי, מעג מען איינשטעלן דעם כלל, אַז דער מאָראַלישער עלעמענט איז אַן עיקר אין איטלעכער ראַציאָנאַליסטישער רעליגיע און איז אַ טפל־זאַך אין אַ מיסטישער רעליגיע. די לעצטע — און די חסידות איז אַ קלאָרער באַווייז דערפאַר — שטרעבט אַוועקצושטעלן אין דער ערשטער ריי די „מצוות פון בין אדם למקום“ און די „מצוות פון בין אדם לחברו“ אין דער צווייטער ריי. די באַהעפטונג מיט גאָט, דער התלהבותדיקער ברען בעתן דאַווענען און די סימבאָלישע כוונה ביים אָפּהיטן די מצוות און די רעליגיעזע מנהגים — אָט די אַלע פרינציפן פון חסידות ציִען אָפּ דעם מענטשנס זינען פון די חובות פון דעם יחיד בנוגע צו זיין מיטמענטשן און בכלל פון די ענינים פון דער געזעלשאַפט און דער אונטערשטער וועלט. אין דער חסידישער ליטעראַטור וועט איר, להיפוך צו דער אַלטער אַגדה־ און מדרש־ליטעראַטור, געפינען גאָר ווייניק זאַכן פון מאָראַל און עטיק. אמת, ניטאָ דאָ יענער געפעלשטער „מוסר“ פון די רבנים און מגידים פון דער פריערדיקער צייט, וואָס פלעגן שרעקן מיט בייזע רוחות און מיט חיבוט הקבר, מיט די יסורים פון גיהנם וכדומה. אָבער דאָ איז אויך ניטאָ קיין אָרט פאַר דער געהויבענער מאָראַל פון „חובות הלבבות“, פאַר דער עטיק און גייסט פון אבן־עזרא, רמב"ם און רלב"ג, וואָס דעם בעש"טס איניקל ר' נחמן האָט זייערע ספרים צוגערעכנט צו דער צאָל אַפּיקורסישע ביכער (אויבן, § 43). אַ סך צווישן די צדיקים האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע געהויבענע מאָראַלישע מידות, ווי דער בעש"ט, ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, ר' שניאור זלמן ליאַדיער, ר' וואָלף זבאַראַזשער און אַנדערע. אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען מער „הייליק“ אין מיסטישן זינען (גענויער, זיי האָבן אַזוי אויסגעוויזן אין די אויגן פון זייערע מאמינים), איידער ריין אין מאָראַלישן זינען, און אייניקע פון זיי

האָבן זיך אַפילו אויסגעצייכנט מיט זייערע מיאוסע מידות (ר' ברוך טולטשינער א"א).

מיר מעגן אָננעמען די הנחה, אַז די חסידות האָט אַריבער־געריקט דעם צענטער אין דער רעליגיע פון מאָראַל צום גלויבן. די אַלטע חסידים האָבן איינגעטייטשט דעם באַגריף באַהעפטן זיין מיט גאָט אין זינען פון באַהעפטן זיך מיט זיינע מאָראַלישע מידות: „אַזוי ווי ער איז אַ באַרעמהאַרציקער און דערבאַרעמדיקער, זיי איך דו אַ באַרעמהאַרציקער און דערבאַרעמדיקער", „אַזוי ווי ער באַקליידט נאַקעטע, אַזוי באַקלייד דו אויך נאַקעטע" אאַז"וו (שבת קל"ג, סוטה י"ד); אין די נייע חסידים האָבן געפונען אין דעם פרינציפ פון דביקות ניט מער ווי די מיסטישע באַהעפטונג פון דעם מענטשנס נשמה מיט איר באַשעפער דורך אַ התלהבותדיקן דאַוו־נען און דורך אַרויפברענגען די מחשבות צו זייער מקור. פאַראַן דאָ אַ שטרעבן מתקן צו זיין דעם יחידס נשמה, פאַראַן ליבע צו גאָט, אָבער דאָ איז ניטאָ קיין ליבע צו מענטשן. די מענטש־לעכע מאָראַל איז פאַרשטויסן אין אַ ווינקעלע.

אין וואָס באַשטייט דער תיקון פון דער נשמה אין חסידישן זינען? דאָס איז די באַזיגונג פון דעם שלעכטס אין דער וועלט הירכן ווילן, דאָס מבטל זיין דאָס בייז אין געדאַנק דורך „דערווייטערן עצבות" און דורך דינען גאָט מיט שמחה. אין אָביעקטיוון זינען איז דאָס זיך אַליין אָפגענאַרט, וואָרעם אין דער אמתן איז דאָך פאַראַן בייז אויף דער וועלט, און עס איז פאַראַן איבער וואָס אַריינצופאַלן אין עצבות. מער ניט וואָס אין סוביעקטיוון זי־נען האָט דער מענטש בכוח צו באַזיגן די עצבות און מבטל צו זיין זי ביי זיך אין האַרצן, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין בייז אויף דער וועלט ניט געווען, אָדער איינריידן זיך, „אַז דאָס בייז איז דער שטול פאַרן גוטן". אויב דאָס איז ניט זיך אַליין אָפגענאַרט, איז דאָס אַן אויטאָסוגעסטיע, אַן איינרייעדעניש, אַ מין היפנאָז, וואָס נעמט זיך פון פאַרשטאַרקן די פאַנטאַזיע איבער דער ווירק־לעכקייט. בכדי אַריינצוקומען אין אַ געהויבענער שטימונג, ניצט מען אויס פאַרשיידענע מיטלען: די מאמינים קלייבן זיך צונויף אין איינעם און וואַרעמען אונטער איינע די אַנדערע דורך באַגייסטערטע תפילות אָדער דורך דערציילונגען וועגן די מופתים און מעשי־נסים פון די הייליקע צדיקים; אָפטמאָלס טרינקט מען בראָנפן,

מען טאַנצט און מען זינגט און מען רעגט אויף צוגלייך דעם גוף און די נשמה. די פאַרשיכורטקייט פון גלויבן פירט אַריין דעם מענטשן פון דער חושים-וועלט און ברענגט אים אַריין אין אַן איבערקלערטער וועלט, פול מיט ליכטיקייט און פרייד. דערין שטעקט דער צוצי-כּוח פון דער חסידות פאַר די פאָלקס-מאַסן.

די שטאַרקסטע באַוועג-קראַפט אין דער אַנטוויקלונג פון חסידיזם: דער צדיקים-קולט האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו דער סביבה, וואָס שטרעבט צו דער „דערהייבנדיקער אָפּנאַרעריי", וואָס איז לויט דעם רוסישן פּאָעטס אַ וואָרט „אונדז טייערער ווי טויזנטער נידעריקע אמתן". עס ליגט אין דער נאַטור פון מאַסן-מענטש, בפרט פון יונגע מענטשן, די טענדענץ צו פאַרקערפּערן זייערע העכסטע אידעאַלן אין דער געשטאַלט פון אַן איבער-מענטש, אַ „הייליקן מאַן", אַ „געטלעכן מאַן", — אַ טענדענץ וואָס שטאַמט נאָך פון דער פּאַרציטיקער געצנדינעריי. און אָפטמאָל טרעפט, אַז דער תמימותדיקער גלייבער פאַרגעטערט אַ מענטשן, וואָס איז לחלוטין ניט קיין גייסטיקע און מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. פאַראַן טאַקע צדיקים, וואָס זיינען ראוי באמת צו דעם נאָמען און זיי ווירקן מיט זייער גייסט אויף דער סביבה, אָבער עס זיינען פאַראַן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אַליין אָן שום גייסט, און זיי קאָנען זיך גרייסן נאָר מיט דער גרויסקייט פון זייערע פאָטערס אָדער רביים און ווערן דערהייבן צום טיטל „הייליקער" נאָר דערפאַר, ווייל עס איז פאַראַן אַן עולם וואָס גלייבט אין זייער הייליקייט.

אָט די מענטשלעכע געטשקעס האָבן זיך פאַרמערט ביז גאָר אַדאַנק איינעם פון די פּרינציפּן פון חסידות, וואָס לייגט אַרויף אויפן מאמין דעם חוב פון „צוגעבונדן זיין צום צדיק" (התקשרות לצדיק) און פאַרזיכערט אים, אַז נאָר דורך דער הילף פון צדיק קאָן ער פועלן עפּעס פאַר זיך אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. אויך דאָ באַווייזט די פאַנטאַזיע די ווירקלעכקייט: דער חסיד באַקליידט דעם צדיק מיט הייליקייט און בוקט זיך צום באַשאַף פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, וואַרפט אַרויף אויף אים אַלע זיינע פאַרלאַנגען און רעכנט, אַז דערמיט האָט ער יוצא געווען, וואָרעם מען האָט דאָך אים פאַרזיכערט, אַז דורך דער באַהעפטונג מיטן צדיק באַהעפט ער זיך כביכול מיט גאָט.

און נאָך אַ ראָלע שפּילט דער צדיק, אַ וויכטיקע געזעל-

שאַפטלעכע ראָליע: זיין הויז איז אַ צענטער, וווּ עס קלייבן זיך צונויף אַלע מינים חסידים, בטלנים און פּראַקטישע מענטשן, גאָט־זוכער וואָס קומען נהגה צו זיין פון קדושה און אויך מענטשן וואָס זוכן אַן עצה, פּרנסה און רפואה. אַט די פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר ניט אויפגעהערט, זיינען געווען באַזונדערס פייערלעך און טומלדיק בעת די ימים־נוראים, און זיי זיינען דאָס געוואָרן די אַקומולאַציע־צענטערס, וווּ עס האָט זיך אָנגעקליבן די קראַפט, וואָס האָט באַוועגט די רעדער אין דער מאַשין פון חסידיזם. פון דאַנען האָבן זיך אויסגעשפּרייט די וואָלקנס פון מיסטיציזם איבערן גאַנצן לאַנד, און דאָ האָט דער חסיד געפונען באַפרידיקונג פאַר זיינע באַדערפענישן, די פערזענלעכע און די געזעלשאַפט־לעכע, די מאַטעריעלע און די גייסטיקע.

עס זיצט זיך אַזוי דער צדיק ביים טיש שבת צו שלש־סעודות, און אַרום אים אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג חסידים. אין דעם פאַרנאַכטיקן האַלב־טונקל לאָזט זיך הערן זיין שטים: ער זאָגט תורה איבער דער סדרה פון דער וואָך אָדער איבער איינציקע פסוקים, וואָס זיינע פאַרערערס גיבן אים אויף. ער טייטשט די פסוקים אויס „לויט דער קבלה", שטעלט זיך פּלוצים אָפּ אויף אַ ווײַלע ווי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, און מיט אַמאָל צעפלאַמט ער זיך און נעמט אַנטפּלעקן „סודות פון דעה תורה". און דער עולם שלינגט איין דעם צדיקס רייד מיט דער גרעסטער דאַרשטיקייט און געפינט אין זיי מער, ווי דער דרשן אַליין האָט געמיינט. על־פּי־רוב זיינען אָט די דרשות אומקלאָרע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס מען קאָן זיי אויסטייטשן אויף פאַרשיידענע אופנים. דער באַגייסטערטער חסיד גלייבט, אַז ער האָט געהערט די רייד פון דער שכינה גופא, וואָס האָט אין יענער הייליקער שעה גערעדט איבערן צדיק, און אַזוי אַרום האָט אויך ער, דער פּשוטער מענטש, אַ חלק אין די העכסטע הייליק־קייטן, און זיינע געדאַנקען שוועבן אַרום אין דער אויבערשטער וועלט. און ער גייט אַרויס פון צדיקס שטוב אַ פאַרכישופטער פון דער געהייבענער זעונג און אַזוי ווי אויסגעלייטערט פון די נישטיקייטן פון דער וועלט.

און אָט איז נאָך אַ בילד פון אַ וואָכעדיקן טאָג: עס זיצן חסידים אין אַ קלויז אָדער אין אַ שטיבל ביי דער שול און דערציילן זיך וואונדער־מעשיות וועגן די צדיקים פון בעש"ט ביזן היינטיקן

טאָג. איטלעכער זוכט צוצוגעבן וואָס מער גוזמאות, כדי אַריינצוברענגען די צוהערער אין אַ וואָס גרעסערע התפעלות, און אַלע זיינען זיי צעפּלאָמט אין אַ הייליקן פייער און זעען זיך אין אַ וועלט, וואָס איז פול מיט וואונדער, מיט רעטעגישן און סודות, וואָס באַשיידן זיי קאָנען נאָר די צדיקים. און אָט רייסט זיך אַרויס אַ ניגון ביי איינעם פון דער חבורה, און די פאַרדבקעטע נשמה גיסט זיך אויס אין דעם ניגון, און דער גאַנצער עולם כאַפּט אונטער און ווערט אַריינגעצויגן אין ניגון, און די צוהערער ווערן געקנופּט און געבונדן אין איין געפיל, אין געפיל פון „עלית נשמה“, פון „התפשטות הגשמיות“.

אַזוי ווערט געשאַפן די באַזונדערע „חסידישע נשמה“, אַ כּפּעציעלע פסיכיק, וואָס פאַרבינדט אַלע חסידים פון דער גרופּע אין איין ניט־צערייסלעכן פאַרבונד. דערין שטעקט דער כּוח פון חסידות, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פעלז אין ים, און אַלע שטורעמווינטן פון דער צייט האָבן זי אַ צייט לאַנג ניט געקאָנט אַ ריר טון.

אָבער אָט די וואונדער־לעגענדע האָט אויך געהאַט אַ צווייטע, פינסטערע זייט: אונטער אָט דעם כּישוף־צודעק האָבן זיך געמערט עלעמענטן פון פוילעניש און ירידה, און אַ סך מיאוסקייט איז געווען אין אָט די עלעמענטן. דעם חסידס נשמה פלעגט אויפנעמען השפּעה פון קוואַלן וואָס געפינען זיך אויסער דעם רעאַלן לעבן און האָט זיך מיטן גרעסטן כּוח אַנטקעגנגעשטעלט קעגן די געדרייבנסטע שטרעבונגען פון דער נייער צייט. עס זיינען אויסגעוואַקסן מענטשן, אָפּגעזונדערט פון גאָר דער וועלט, איינגעשלאָסן אין אַ פאַנטאַסטישן קרייז, וואָס זיינען געגאַנגען בלינה קעגן דעם שטראָם פון דער געשיכטע. די פּרינציפּן פון חסידות האָבן אַרייגעבראַכט אַ צעמישעניש אין לעבן פון יחיד, פון דער פאַמיליע, פון דער געזעלשאַפט און האָבן אַריינגעבראַכט גרויסע שינויים אין די מידות און אין די באַגריפן פון אַ סך דורות. לאָמיר אַ קוק טון, ווי אַזוי אָט די שינויים האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם אַלטעגלעכן לעבן און וואָס זיינען געווען זייערע רעזולטאַטן פאַרן מצב פון פאָלק.

---

§ 49. די חסידים און זייערע רביים

די דערציונג. — פריצייטיקע חתונות. — די לאגע פון דער פרוי. — שילדערונגען פון לעבן פון חסידים און צדיקים אין די שריפטן פון די מתנגדים און משכילים. — א מעשה מיט א חסיד וואס איז געפארן צום רבין, וואס ער האט געזען דארט און וואס אזא נסיעה האט געקאסט. — די ראלע פון „גבאי" אין צדיקס הויז. — דער „פדיון" איבער אלץ. — דער צדיק פארט „איבער דער מדינה"; עסן און טרינקען אין די קרעטשמעס; דעם צדיקס ברכות און די קללות פון לעבן. — א מעשה מיט ר' לוי יצחק בארדיטשעווער וואס האט מטמא געמאכט א ריינע און מטהר געווען א „טמאה". — די ראלע פון א בעל-יועץ אין אלע ענינים פון לעבן.

דער גאנצער פאר־דער־פריערדיקער דערציונגס-סדר, וואס די פוילישע יידן פון סוף 18טן י"ה האבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט, איז געבליבן איבערגעהיט אין לעבן פון די חסידים, און זיי האבן נאך פון זייער זייט צוגעלייגט נייע שלעכטע מנהגים. פון פינפטן ביזן דרייצנטן יאר האט יעדער יינגל געלערנט אין חדר און האט אריינגעזופט פון די מלמדים א משונהדיקע מישענינע פון חומש, משנה און גמרא. חומש פלעגט מען לערנען לויט די סדרות, וואס מען האט אלע שבת געלייענט אין שול. טיילמאל פלעגט מען מיט די קליינע קינדער אנהייבן לערנען חומש ניט פון בראשית, וואס האט געקאנט פארכאפן מיט זיינע שיינע מעשיות, נאר פון ספר „ויקרא" מיט די דינים פון קרבנות, און די „מהדרים" צווישן חסידים האבן נאך אין אזא קאפויערדיקן סדר געזען א באזונדערע סגולה צו הייליקן דעם קינדס נשמה. פון די נביאים און כתובים האבן מען געלערנט גאר ווייניק — נאר די הפטורות, די תפילות, תהילים און די מגילות. דאס הויפט-לערנען איז אבער געווען גמרא און איריע מפרשים, און מיטן דאזיקן לערנען פלעגט מען מאטערן קינדער פון זיבן יאר אן. אז דאס יינגל איז אלט געווארן דרייצן יאר און געווארן בר-מצווה, פלעגט מען אים, באלד חתונה מאכן מיט א מיידל פון א יאר צוועלף[1]. די דערציונג פון מיידלעך האט

---

1 א סך ביישפילן אין די חסידישע לעגענדעס (אויבן, אין די דערציילונגען וועגן ר' אברהם מלאך, נחמן בראסלעווער א"א); גאטלאבער, זכרונות מימי נעורי, פרק א'.

זיך אָפּגעשיידט פֿון דער דערציִונג פֿון יינגלעך דערמיט, וואָס קיין באַזונדערע חדרים פֿאַר מיידלעך זיינען ניט געווען, מחמת זיי זיינען פּטור פֿון דער מצווה צו לערנען תּורה, מען פֿלעגט נאָר אין שטוב איסלערנען זיי די מצוות און מנהגים, בפֿרט די וואָס פֿרויען מוזן אָפּהיטן.

אַזוי אַרום האָבן דאָס געמוזט אָנהייבן אַ פֿאַמיליע־לעבן אַ יינגל, וואָס האָט מער ווי תּלמוד קיין זאַך ניט געוווּסט פֿון דער וועלט, און אַ מיידל, וואָס איר העכסטע אויסבילדונג איז געווען, וואָס זי האָט געקאָנט זאָגן „עברי" אין סידור, לייענען די „צאינה וראינה" און מעשה־ביכלעך אין יידיש (עס זיינען געווען אַ סך, בפֿרט מיידלעך פֿון אָרעמע עלטערן, וואָס האָבן אַפֿילו דאָס ניט געקענט). אָבער דאָס מיידל איז דאָך געשטאַנען העכער פֿאַרן יינגל מיט דעם, וואָס זי האָט פֿאָרט געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין וועלטלעכע ענינים און איז געווען צוגעפּאַסט לכל הפּחות צו שטובאַרבעט, בעת ווען דער יינגל האָט קיין שום צוגרייטונג ניט געהאַט צום לעבן און איז ניט געווען מסוגל צו פֿאַרדינען אויף ברויט. אַן אַלגעמיינער מינהג איז געווען, אַז די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה פֿלעגט דאָס יינגל דער מאַן עסן קעסט אָדער ביי זיין פֿאָטער אָדער ביי זיין שווער און פֿלעגט ווייטער לערנען ווי פֿריער — גמרא, פּוסקים און קבלה, און דאָס מיידל די פֿרוי פֿלעגט אַרבעטן צוזאַמען מיט איר מוטער אָדער שוויגער אין שטוב. אַז דאָס פּאָר־פֿאָלק פֿלעגט עלטער ווערן און האָבן קינדער, פֿלעגן זיי מוזן אַראָפּגיין פֿון די עלטערנס קעסט, און דעמאָלט פֿלעגט די פֿרוי נעמען זיך פֿאַר אַ פּרנסה: פֿאַרקויפֿן סחורה אין אַ קראָם אָדער עפֿענען אַ שענק אָדער קרעטשמע, און דער מאַן פֿלעגט אַרומגיין ליידיק און פֿאַרברענגען זיין צייט ביים רבין אין הויף, ביז ער פֿלעגט איבערגעזיאַלד ווערן אַריינגעצויגן אין זיין ווייבס אָדער אין זיינע עלטערנס עסקים און נעמען זיך פֿאַר איינער פֿון די מיאוסע פּרנסות, וואָס יידן האָבן אין יענער צייט זיך פֿאַרנומען מיט זיי[1]. נאָר ווייניק פֿון זיי האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט אין

1 אַ סך מעשיות אין די „שבחי הבעש"ט" און אין די אַנדערע לעגענדעס־זאַמלונגען; ימי מהרנ"ת פֿון ר' נתן נעמיראָווער; חיי מוהר"ן; גאָטלאָבערס זכרונות, פּרק א'.

זייערע געשעפטן, בפרט דורך אַרענדע פון די פריצישע מאַיאָנטקעס, און זיינען געוואָרן רייכע כותים, אָדער זיינען עולה לגדולה געווען אין רוחניות צו ווערן „צדיקים“, דאָס הייסט, גענומען זיך פאַר דער פרנסה פון פאַרמיטלערס צווישן רבונו של עולם און יידן, אַ פרנסה וואָס האָט אַ סך אַריינגעטראָגן אויף דער וועלט.

היפּש שילדערונגען פון לעבן פון די חסידים און צדיקים געפינען מיר אין די שריפטן פון די מתנגדים, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן סוף 18טן און אָנהייב 19טן י"ה. אמת, די דאָזיקע ליטעראַטור איז שטאַרק טענדענציעז קעגן חסידות, אָבער דאָך מעגן מיר אויסנוצן איר עדות-זאָגן, ווי ווייט דאָס ווערט באַשטעטיקט ערשטנס דורך דער חסידישער לעגענדע און דורך דער חסידישער תורה און, צווייטנס, דורך דעם, וואָס מיר ווייסן וועגן די חסידים פון די שפּעטערדיקע דורות וואָס זיינען נעענטער צו אונדז.

באַזונדערס אַ סך דערציילט וועגן לעבן פון די צדיקים אין זיין דור דער קעמפּעדיקער מגיד דוד מאַקאָווער, וואָס איז אונדז באַוווּסט לויט זיינע שריפטן „שבר פושעים“ אָדער „זמרת עם הארץ“ (אויבן, § 41). זיין עדות זאָגן איז זייער וויכטיק פאַר די לעצטע צענדלינגער יאָרן פון 18טן י"ה, מחמת זיין חיבור איז פאַרענדיקט געוואָרן שרייבן אַרום יאָר 1800. חוץ אָט דאָס עדות-זאָגן מצד די רבנים, האָבן מיר נאָך אַ צווייטן באַשולדיקונגס-עדות מצד די משכילים. אין יאָר 1816 האָט איינער פון די ערשטע גאַליצישע משכילים, פון דעם קרייז פון יוסף פּערל און נחמן קראָכמאַל, אָנגעשריבן אַ ביכל אין דייטש „איבער דאָס וועזען דער סעקטע חסידים“. צוליב אָט דעם ביכל, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין כתב-יד און איז ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן[1], האָט דער מחבר אויסגענוצט ניט נאָר די חסידישע ליטעראַטור, נייערט אויך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט אַליין אין די קרייזן פון דער „כת“ אין גאַליציע און אין די נאָענטע געגנטן פון רוסלאַנד. אויפן סמך פון זיינע ערפאַרונגען שילדערט ער בפּרטיות די מידות פון די חסידים און צדיקים און באַשטעטיקט זיינע רייד דורך ציטאַטעס פון דער חסידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין אַ סך הערות צום טעקסט פון זיין בוך.

1 זע אין 3טן טייל דעם אַנאַליז פון מקורים, נו' 19.

אַז אין די שילדערונגען פון דעם משכיל האָבן מיר ווי אַ מין דערגאַנצונג צו די שטראָף־רייד פון דעם רבנישן מתנגד, אַ דערגאַנצונג אין אינהאַלט און אין צייט, מחמת אַז די שריפט נעמט אַרום אויך די ערשטע 15 יאָר פון 19טן י״ה און דערגייט אַזוי אַרום ביז צום סוף פון דער צווייטער תקופה פון חסידיזם, וואָס מיר האַלטן איצט. אין אונדזער ווייטערדיקן פאָרטראַג וועלן מיר אויסנוצן אַז די צוויי עדות און אויך די עדות־זאָגן פון זייערע בני־דור („ספר הויכוח" פון ר׳ ישראל לייבל וכדומה) און מיר וועלן זיי אַנטקעגנשטעלן קעגן אַנאַנד אין אַזעלכע זאַכן, וואָס דאַרפן דורך דעם היסטאָריקער דעם פאָרשער אַנאַליזירט ווערן.

אַז איז אַ פרק, וואָס איז אין העברעישן אָריגינאַל געשריבן אין געגראַמטער פראָזע און וואָס איז באַצייכנט מיט „נוסח ברכות החסיד ומנהגו"[1]. אין אים ווערט געשילדערט אין אַ סאַטירישער פאָרם די ריזע פון אַ חסיד, וואָס איז געפאָרן מיט אַ „פדיון" צום רבין און וואָס ער האָט דאָרט געזען:

„אַז עס קומט אויף זיי [די חסידים] עפעס אַ פעסט אָדער אַ שלאַק, אַ מכה פון היץ אָדער קעלט, אָדער עס פלאָגט זיי אָרעמקייט און נויט, אָדער דער מענטש ווערט באַגנבעט, אָדער גאָט האָט פאַרהאַלטן זיין פרוי פון האָבן אָדער עס האָט אים געטראָפן אַ שאָדן, אָדער עס כאַפט אים אָן אַ ווייטאָג אין אבר, אַן אומגליק און בראָך, אָדער ער איז געבאָרן אַן עקר, — פירט ער אַוועק דעם פאַלשן נביא פוטער און מילך, קאָרן און מעל. דער דאָזיקער שוטה [דער חסיד] קריכט איבער בערג צו פאָרשן און צו זוכן דעם זעער, אפשר וועט ער געבן אַ רפואה צו זיין ווייטאָג און געפינען זיין אָקס און זיין אייזל אָדער זיין בגד פון לייב, ביז ער הערט עפעס אַ שוואַכע שטים פון אַ קנעכט אַ קטן אָדער אַן אשה אָדער פון אַ דינסט אַ פאַרשקלאַפטע וואָס זאָגט אַזוי: ווען געהערסטו און וווהין גייסטו, דו אָרעמאַן אין גייער? און ער דערציילט איר [דער פרוי] גאָר זיין אומגליק און שטרויכלונג [און זאָגט]: דעם נביא דעם זעער

---

1 „שבר פושעים, סימן ד׳; „זמרת עם הארץ" סימן ו׳. איך האָב זיך געמיט פעסטצושטעלן דעם ריכטיקן נוסח לויט צוויי וואַריאַנטן און האָב איבערגעהיפט די פוסטע מליצות, ווי ווייט דאָס שאַדט ניט דעם עצם שילדערונג. דאָ ווערט די שילדערונג געגעבן אין געוויינטלעכער פראָזע.

זיך איך. זאָגט זי צו אים: פאַראַן דאָ אַ זעער... כאַפּ זיך אַרײַן אין שטאָט, דאָרט װעסטו געפינען אָפּרו, גײ צו אים אַװעק באַלד, װאָרעם איצט איז די באַװיליקטע שעה און ער [דער צדיק] בענטשט מאַנסביל, װײַבער און קינדער, און זײַן תפילה קומט לײדיק ניט צוריק, בתנאי אַז מען צאָלט אים אָפּ זײַן לױן מיט אַ מתן בסתר. ער זאָגט „כתר", און די גיב אים אויף פדיון־נפש 160 גראָשן (ק״ס גדולים)[1], און באַלד װעסטו זען, אַז מלאכים אַראָפּ־ און אַרויפגײן צו באַזוכן און צו הײלן די קראַנקע. דער שוטה פאָלגט איר עצה, און דאָס בײטל מיט געלט נעמט ער מיט. און דערװײל האָט ער פאַרשפּעטיקט די צײַט פון דאַװנען, און עס קומט די צײַט פון עסן, װען עס װערט [בײַם צדיק] געשלאָסן די טיר. דער רב עסט אַ גאַנצע סעודה, און דער גאַנצער עולם אַרום אים װי אַ מױער. די חסידים עסן מיטן רבין איבער די זעט און טרינקען בראָנפן אין װאַסער־גלעזער, עסן שעפּסענע און רינדערנע פלײש, ביז עס גײט זײ שױן צוריק פון האַלדז. און דערנאָך לײגט ער זיך אין בעט אַרײַן, און מען װעקט אים ניט פון זײַן שלאָף, װאָרעם זײַן כװנה איז לשם שמים.

„דער גבאי היט בײַ דער טיר אויסצופרעגן איטלעכן חולה, צו װיסן, װי איז זײַן נאָמען און זײַן פאַמיליע־נאָמען און פון װאָסער מדינה איז ער, און פון װאָסער גלױבן, צי פון די חסידים אָדער פון די מתנגדים. און איטלעכער ענטפערט מיטן האַלבן מויל. און דער גבאי פאַרשרײַבט אין בוך: דער זאָגט, איך בין פון דער אין דער שטאָט, און פאַר מײַנע גרױסע זינד איז שױן עטלעכע יאָר, װי עס טריקנט מיר דער האַלדז, און יענער זאָגט, פון אַן אַנדער שטאָט, און עטלעכע יאָר װי מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ בלינדעניש. און דער זאָגט, אַז עס איז געקומען די היץ פון קדחת, און שיער האָט עס אים אין דער ערד ניט אַרײַנגעבראַכט, און אויף אַלעמען איז געקומען דער מאָגער צו נעמען, און די שטוב איז לײדיק, און זײ זײַנען געפאַלן ניט אויפצושטײן. און דער

1 אין אַן אַנדער אָרט (אין דעם דײַטשן פּ״י װעגן דער סעקטע חסידים, 45) שטײט, אַז דער צדיק נעמט קלײנע מטבעות, צעטײלט זײ אין קופּקעלעך און מישט זײ װידער צונויף, און נאָך אָט דער מאַניפּולאַציע טוט ער תפילה אויפן פדיון.

גבאי זאָגט: עס וועט זיין גוט, האָט קיין מורא ניט, ווי זיי זיינען געקומען, אַזוי וועלן זיי אַוועק. אָט די מגילה [וואָס דער גבאי האָט פאַרשריבן פון דעם אורחס רייד] טראָגט ער אַריין צום רבין אין זיין באַהאַלטענעם קאַבינעט און זאָגט אים אָן, ווער איז דאָס דער אָרעמאַן און דער גייער. אַז דער רבי הערט דאָס, [אַז דאָס איז אַן אָרעמאַן], ווערט אים אומעטיק אויפן האַרצן, און אַז ער הערט פון אַ נגיד און אַ גביר, דעמאָלט זינגט ער. און דאָס גאַנצע פאָלק פעדערן זיך צו קומען צו זיין טיר, נאָר דער רבי זאָגט: עס איז ניט די צייט איינצוקלייבן די טשערעדע, ווייל עס פאַלן צו די שאָטנס פון דער נאַכט; מאָרגן אין דער פרי וועט דער איבערשטער לאָזן וויסן, ווער עס איז הייליק און נאָענט צו אים...

„דער אורח נעכטיקט איבער אין גאַס, און דער רבי ליגט ברייטלעך אויף זיין געלעגער. און אין דער פרי לייענט ער איבער די מגילה [פון דעם גבאי] און פאַרשט אַלץ אויס און קוקט דורך, און זאָגט: עפנט די טירן און זאָל אַריינקומען דאָס געטרייע פאָלק און איך וועל זיי בענטשן, ווי עס בענטשן די כהנים! און ער גייט אַוועק אין מקווה, ביז עס גייט פאַרביי די צייט פון דאַווענען, און ער נעמט מיט זיך מיט די מגילה. און דאָרט איז ער מכוון כוונית און קוקט זיך גוט איין אין די געלט און מתנות. און דער גבאי זאָגט, אַז דער רבי קליגט זיך מיט המצאות אויף צוצופאַסן די ריכטיקע שעה, — און איר גיט געלט אויף פדיון נפש, גיט ביז דער לעצטער פרוטה, וואָרעם איצט איז די ריכטיקע צייט, ווען ער וועגט אין צײלט דאָס געלט, צו צעטיילן דאָס יתומים און אַרויסצונעמען געפאַנגענע פון געפאַנגענשאַפט. און זאָגט ניט: וואָס וועלן מיר עסן, וואָרעם דער רבי קאָן אַלץ, און ער וועט אייך שענקען זיין ברכה און וועט אָפּטון פון אייך קלאָגן און זיפצן, און זשאַלעוועט ניט אייער געלט. — דער גבאי קלייבט צונויף דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן ביי זיך און עס בלייבן ביי זיי מער ניט די פאָלעס פון זייערע קליידער. דער גבאי ציילט איבער דאָס געלט מיט כוונה, כדי ער זאָל קיין טעות ניט האָבן, און טראָגט אַוועק דאָס געלט צום רבין. דער רבי הייבט אָן מתפלל צו זיין, שיסט ווערטער ווי פיילן, פון צייט צו צייט לאָזט ער הערן אַ געזאַנג, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויער. און נאָכדעם

ווי ער האָט מתפלל געווען אַ שטילע תפילה, אַנטלויפט ער פון שול צו גריבער אין קליינע נקבים, און זאָגט אשר־יצר און היילט קראַנקע, און דער עולם זיצט מיט אויסגעשטעלטע אויערן צו דער היליקייט...

„בשעת דער תפילה ליגט פאַר אים [פאַרן צדיק] די מגילה, און בשעת ער זאָגט „כתר“ צילעווט ער זיין שאָס, כדי צו טרעפן אויף משה בן גיטל וואָס איז נאַקעט און בלויז; און ביים זאָגן „שומע תפלה“ איז ער מכוון אויף שמואל בן עדה וצילה; און ביים פאַלן תחנון איפן פנים איז ער מכוון אויף די ווייבער און מיידלעך. און דער גבאי הופט אוים הויך אויפן קול: זאָלן זיי קומען אַלע מיט אַ מאָל! און דער רבי הייבט אויף זיינע הענט, און עס קומען אַריין די עקרות, די הינקענדיקע און די בלינדע מיט צעבראָכענע הערצער, מיט אַ כך אומגליקן און צרות. און דער רבי שטעלט זיך אויף מיט די חסידים מיט קולות און פלאַמען, און זיינע הענט זיינען אויסגעשפרייט איבער מענער און כלות, דערנאָך קומען די אָרעמע לייט קבצנים, די לייכטזיניקע ווייבער, וואָס גנבענען געלט ביי די מאַנען, און ברענגען עסנס און גוטע זאַכן, און דער רבי בענטשט מיט אַ פולן מויל, און זיינע אויגן זיינען צום הימל געווענדט: זאָל גאָט דיר געבן קינדער. די עקרות פאַרזיכערט ער: איבער אַ יאָר נעמסטו אַרום אַ זון...

„און אָט די נאַראָנים און שוטים גלייבן און גיבן אַוועק דאָס געציילטע געלט, און עס בלייבט ביי אים [ביים חסיד וואָס וויל פאָרן אַהיים] ניט אויף הוצאות אין וועג. אונטערוועגס כאַפּט אים אָן דער הונגער, וואָרעם ער האָט קיין געלט ניט געהאַט, און אַזוי ווי ער אַליין האָט ניט צו עסן, האָט ער אויך ניט צו עסן פאַר זיין בהמה. ביז ער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן זיין פערד, בכדי איפּצוהאַלטן ביים לעבן זיין נשמה, און ער שרייט אוים מיט אַ ביטערן קול: ווי איז מיר, וואָס האָב איך געטאָן! פאַר אומזיסט און נישט האָב איך פאַרשווענדט מיין כוח, פון אָט דעם פערד האָט דאָך מיין הויזגעזינד געצויגן חיונה; דעם רבים תפילה איז נאָך אַ ספק, צי זי העלפט, אפשר העלפט זי ניט, און אָט דאָס פערד האָט דאָך געווים געטריי געדינט“...

פון אָט דער שילדערונג טיילט זיך אוים קלאָר די געשטאַלט פון דעם גבאי אין דעם רבינס הויז. ער איז דער גאַנצער מאַכער דאָרט, ער נעמט צו די פדיונות, ער גיט איבער דעם רבין די

סודות פון אַלע וואָס קומען צו אים בעטן, אַזוי אַז דער וווּנדער־מאַן זאָל קאָנען ענטפערן איטלעכן ווי עס געהער צו זיין. דער מחבר פון „וועזען דער סעקטע חסידים" דערגאַנצט די שילדערונג דורך אַ סך פּרטים פון די צדיקישע הויפן אין גאַליציע און פּאָדאָליע[1]: „אין צדיקס הויז און אומעטום וווּ ער שטעלט נאָר זיין פוס שטייען ביי די טירן היטערס. מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין געלט אויף אַ נתינה פאַרן צדיק אָדער וואָס האָבן ניט קיין פעליבתיש אויסזען, לאָזט מען אין שטוב ניט אַריין; בכל אופן האָבן זיי איבצושטיין אַ סך שוועריגקייטן, ביז זיי זיינען זוכה אַריינצוקומען צום צדיק אין חדר אַריין און אָנצוקוקן פון זיין ליכטיקן פנים. אָבער דאָס איז אַלץ נאָר גערעדט וועגן זען און ניט וועגן הערן, וואָרעם דער וואָס וויל מיטן צדיק רעדן, דאַרף אַזוי פיל האָרעווען, אַז ער פאַרלירט זיין אַפּעטיט. מיט אַ סך מיטלען קאָן מען דערלעבן דאָס גליק צו כאַפּן אַ שמועס מיטן רבין: מיט געלט, מיט געזעלשאַפטלעכער חשיבות, מיט דער באַמיונג צוצוציען צו אים מענטשן וואָס קומען צו אים מיט מתנות. אַ סך פון די טיר־היטערס [די גבאים] קליגן זיך צו פירן זייער האַלע אַזוי, אַז זיי הערשן איבער דעם צדיק; זיי לאָזן אַראָפּ אין די אייגענע קעשענעס היפשע סומעס, וואָס די אורחים באַצאָלן זיי פאַר דערלויבן אַריינצוגיין אין צדיקס חדר, כדי אַ קוק צו טון אויף אים, צו דערלאַנגען אים זייער בקשה, צו פרעגן ביי אים אַן עצה. ווי געהויבן איז דער אָנבליק, בשעת אַ מאַסע מענטשן שפּאַרן זיך אַריין אין רבינס חדר מיטן שטאַרקן גלוסט אים צו זען. ניט איינער פון זיי מוז אָננעמען פאַר ליב קלעפּ פון דעם צדיקס משרתים, הערפאַר וואָס ער האָט זיך איבערגעוואַלד אַריינגעריסן אין שטוב. אַ סך אָרעמע לייט, וואָס האָבן געהאַט די העזה צו קומען אָן געלט, מוזן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך דורכגערעדט מיטן צדיקס אָנטרייבער און האָבן געזען זיין קאַראָט מיט זיינע פערד. און עס האָט געטראָפן אַמאָל, אַז איינער פון די אָרעמע לייט, וואָס האָט ניט געהאַט די זכיה אַריינצוקומען אין צדיקס חדר, איז צוגעלאָפן צו זיין קאַראָט און האָט אַ קוש געטאָן דאָס איינגעשפּאַנטע פערד".

1 פ״י „איבער דאָס וועזען דער סעקטע חסידים", ז״ז 37 א״וו.

מיר האָבן געזען דעם צדיק פּיי זיך אין דער היים, צווישן אַן עולם חסידים וואָס ברענגען מתנות און זוכן מופתים. איצט וועלן מיר אים זען אונטערוועגנס, ווען ער „פּאָרט אַרום איבער דער מדינה" צו שערן די שאָף פון זיין טשערעדע און צו באַשענקען זיי מיט ברכות, אַז זיי זאָלן באַגליקן אין זייערע געשעפטן און זאָלן האָבן פּרנסה בריווח און זאָלן זיך פּרוכפּערן און מערן, כדי זיי זאָלן ווידער האָבן דעם זכות צו ווערן געשוירן, ווען דער צדיק וועט ווידער אַמאָל זיי באַזוכן. אָט איז אַ בילדל פון דעם מין, געשילדערט הורך איינעם פון די רבנים[1]:

„אַ פיינע מעשה וואָס איך האָב געזען אונטערוועגס, בעת איך בין געזוען אין אַן אַכסניא, פון איינעם פון די חסידישע פירער, וואָס פלעגט פאַרברענגען זיינע טעג אין אַרומפאָרן פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט, צו קלייבן רייכטום און געלט. דער גבאי איז געקומען פריער צוצוגרייטן פאַר זיי שפּייז צום עסן, און האָט געשריען אויפן קול: גרייט צו עופות און פיש, וואָרעם דער רבי קומט מיט זיינע תלמידים, און זיי וועלן דאָ איבערנעכטיקן, ווייל די זון איז פאַרגאַנגען, און זיין שטייגער איז ניט צו פאָרן ביינאַכט אין דער פינסטער! זאָגט דער בעל־הבית: פון וואַנען קומט צו מיר פליייש, אַז ביי מיר איז קיין זאַך ניטאָ, מיין שטוב איז ליידיק, איך בין אַ געפאַלענער אָן הילף! דער רבי איז געגליכן צו אַ מלאך, און איך בין אַן אָרעמאַן, ער וועט דאָ קיין נחת ניט געפינען, איך האָב גאָר נישט חוץ דאָס ביסל מעל אין זעקל. ענטפערט דער גבאי: ביסט אַ נאַר און אַ גראָבער יונג! זאָרג ניט און זיי זיך ניט מצער, און זיי געדיט פון אומעט און טרויער. דער געטלעכער מאַן האָט אַזוי געזאָגט: זאָל מען אונדז צוגרייטן אַ מאָלצייט, וועל איך אים אָראָפּשיקן אַ ברכה; די שפע וועט ניט אויסהערן, און ער מיט זיינע קינדער וועלן לעבן אין עשירות, איך וועל זיי שענקען אַ ברכה אָן אַ מאָס און אָן אַ שיעור. און ער האָט אים מיט זיינע גלאַטע רייד איבערגערעדט, און דער בעל־הבית איז געלאָפן צו זיין ווייב און האָט איר געזאָגט: אַ הייליקער מאַן קומט צו אונדז, וועמען ער בענטשט, וועט זיין געבענטשט, און ער וועט

1 שבר פושעים, סימן 6; זמרת עם הארץ, סימן 9 (פּאַרקירצט).

דיר ניט פאַלן צו שווער. איך וועל גיין און פאַרמשכונען דאָס ביסל צירונג, וואָרעם דער וואָס נעמט אויף בײַ זיך אין שטוב אַ תלמיד־חכם, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געבראַכט אַ קרבן־תמיד. דו האָסט קיין קינדער ניט, איצט וועסטו געהאָלפן ווערן, זאָרג ניט און קלער זיך ניט, מיט גאָטס הילף וועסטו האָבן אַ קדיש. דער גבאי איז געקומען און האָט געזאָגט צו אים: לאָמיר אים מאַכן אַ סעודה, און זאָרג ניט, ווי אַזוי, וואָרעם מיט גאָטס הילף וועסטו ווערן דערפרייט מיט קינדער, און עס וועט ניט ווערן טײַערער און זיפּון. און אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי פאַרקויפט די צירונג. און אין דרײַ חדשים אַרום האָט זי ניט געהאַט מיט וואָס צו ווייזן זיך אין גאַס צווישן ווײַבער, און זיי זײַנען געבליבן אָן שפּייז און קליידער, און פון רבין איז ניטאָ קיין זכר, און עס קומט צו גיין דער מלוה און מאָנט, ער זאָל אים באַצאָלן די חובות. זאָגט דער אָרעמאַן: נעם בײַ מיר צו די ברכה [דעם צדיקס], וואָרעם מיר איז מער קיין זאַך ניט געבליבן, חוץ דאָס הוילע לײַב. זאָגט ער [דער מאָנער]: זאָל דאָס בלײַבן בײַ דיר, מיט דער ברכה וועסטו מיך ניט מסלק זײַן. און זיי האָבן בײדע זיך געקריגט, און מען האָט אים [דעם בעל־הבית] געשמידט אין קייטן אויף אַ יאָר און צוויי, און מען האָט גע־מוזט אים אויסלייזן דורך פדיון־שבויים". און דער מתנגדישער כאַ־טיריקער ענדיקט: „אַט דאָס קומט אַרויס פון זייער [דעם צדיקס] ברכות: נאָך יעדער ברכה אַ קלאַפּ און אַ בראָך" (אתה כל ברכה — יגון ואנחה).

אַפילו די גרעסטע צדיקים, וואָס טויזנטער גלייביקע פלעגן שטראָמען צו זיי, האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון צו פאָרן „איבער דער מדינה". אין „ספר הויכוח" פון ר' ישראל לייבל[1] ווערט גע־בראַכט אַ מעשה, וואָס דער מחבר האָט געהערט פון גראָדזיסקער רב, וועגן אַ נסיעה פון באַרימטן באַרדיטשעווער רב לוי יצחק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מיאוסן סקאַנדאַל.

„ר' לוי [יצחק] איז איין מאָל געפאָרן דורך אַ דאָרף, און אַז זיי זײַנען דאָרט פאַרבײַגעפאָרן, האָבן זײַנע תלמידים געזען, אַז אין שטוב ליגט אַ קראַנקע יידענע. האָבן זיי געזאָגט צום

---

1 אין דרוק תקנ"ח, דף י"ט.

בעל־הבית, אַז ער זאָל געבן דעם רבין אַ פדיון, כדי ער זאָל פאַר איר מתפלל זיין. זאָגט דער בעל־הבית: איך וועל גיין פרעגן ביי איר אַליין, אויב זי וועט וועלן, דעמאָלט וועל איך געבן. און די יידענע האָט ניט געוואָלט. אַז דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל ניט, מען זאָל אים געבן אַ פדיון, האָט ער אויף מאָרגן נאָכן דאַווענען זיך צעשריִען, אַז מען זאָל איינשפּאַנען זיין קאַרעטע, און איז באַלד אַוועקגעפאָרן און האָט געזאָגט, אַז אין שטוב איז פאַראַן אַ טומאה. און דער בעל־הבית האָט געזאָגט: איך לאָז אייך ניט אָפּ, ביז איר וועט ניט זאָגן, וואָס פאַר אַ טומאה איז פאַראַן ביי מיר אין שטוב. האָט דער רבי געענטפערט: דיין שנור איז טמא, זי האָט מזנה געווען, און איך היים, אַז דיין זון זאָל זי אָפּגטן. אַז איר מאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט: איך וועל אים אויספרוּוון, צי ער וועט האַלטן זיין געבאָט אָדער ניט. איז דער מענטש מיט זיין ווייב נאָכגעפאָרן דעם רבין מיילן ווייט אין אַן אָרט, ווו מען קען זיי ניט, און האָט געגעבן זיין ווייב אַ גילדערנעם רענדל, צו געבן דעם רבין אַ מתנה און צו בעטן ביי אים, אַז זי זאָל זיין געליבט פון מאַן, ווייל זי האָט געזאָגט: מיין מאַן האָט מיך פיינט. האָט דער רבי געפרעגט, צי איר מאַן איז אייך דאָ אין שטאָט, און האָט געשיקט נאָך אים און געזאָגט צו אים: פאַר וואָס האָסטו אַ שנאה אויף דיין ווייב? איך זאָג דיר, אַז זי איז אַן אמתע צדיקת, און איך זאָג דיר אָן, אַז דו וועסט האָבן פון איר פיינע קינדער. האָט דער מאַן געענטפערט: אויב דער רבי זאָגט מיר דאָס אויף קלאָר, גיי איך איך זיך צו וווינען מיט איר, ווי דער שטייגער פון דער וועלט איז. און נאָך דעם ווי זיי זיינען אַרויס פון רבינס הויז, האָט [דער מאַן] געשיקט אַ שליח נאָכן פאָטער, ער זאָל קומען אין רבינס שטאָט אַריין, און דער פאָטער האָט זיך באַוויזן פאַרן רבין. האָט דער רבי צו אים געזאָגט: וואָס וועט זיין מיט דיין שנור, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז זי איז טמא? זאָגט ער: איר מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז איר אַליין זאָגט אויף איר, אַז זי איז אַן אמתע צדיקת! און זיי האָבן אים פאַרשעמט".

עס איז שווער צו גלייבן, אַז דער באַרימטער באַרדיטשעווער צדיק איז אויף אַזאַ גראָבן אופן געמאַכט געוואָרן צום ליגנער. אָבער מיר האָבן שוין געהערט אַן אַנדער עדות־זאָגן פון אַ בן־

דור (אויבן, § 30) וועגן די נסיעות פון אָט דעם צדיק בכדי צו קלייבן פּדיונות, און אין אַזעלכע זאַכן קאָן אַמאָל געשטרייכלט ווערן אַפילו אַן איסגעפּרוּווטער „הייליקער". דער רבי האָט פאַר־איבל גענומען דעריף, וואָס די קראַנקע ייִדענע אין דאָרף האָט ניט געוואָלט אָננעמען זיין ברכה, און האָט זי באַליידיקט מיטן חשד פון „טומאה", און דאָ איז ער אַריינגעפאַלן אין דער נעץ וואָס די מתנגדים האָבן פאַר אים אויסגעשטעלט.

דער גאַליציִשער משכּיל זאָגט עדות[1], אַז דאָס רוב צדיקים האָבן פערד און אַ קאַרעטע צו שפּאַצירן פאַר זיך און פאַר זייער הויזגעזינד, און דער עיקר צוליב פּאָרן צו זייערע אָנהענגער אין דער סביבה. בעת אַזעלכע נסיעות קריגן זיי פיינע מתנות פון די רייכע חסידים, און זיי ציִען אויך צו נייע מענטשן צו חסידות פון צווישן די מתנגדים און די נייטראַלע. אַז אַ צדיק קומט אין אַ וואָסער עס איז שטאָט, ברענגט מען פאַר אים אַלע ענינים פון דער קהילה און פאַרשיידענע סיכסוכים אין פּריוואַטע געשעפטן, און ווי ער פּסקנט, אַזוי בלייבט עס; „און ווייל איז דעם צד וואָס האָט זיך מתקרב געווען צום רבין מער, ווי דער צד שכּנגד!" — איז מוסיף דער שרייבער מיט אַ מיאוסן חשד. און ער רעכנט אויס אַלע פראַגעס און בקשות, וואָס מען קומט מיט זיי צום בעל־מופת: חוץ דער בקשה פון היילונג פאַר קראַנקע און דערמאָנונג פאַר עקרות, פרעגט מען אַן עצה אין געשעפט־זאַכן, ווי אַזוי איינצומאָנען אויף וועקסלען און ווי אַזוי צו פאַרהאַלטן אַ צאָלונג, צי עס איז כּדאַי צו אַרענדירן אַ פּראָפּינאַציע און ווי אַזוי מען קאָן זיך אַרויסמאַכן פון צו באַצאָלן אַרענדע־געלט, ווי אַזוי צו בויען אָדער צו קויפן און פאַרקויפן אַ הויז, זיך אַריינלייגן אין אַ האַנדל־אָדער מעקלערײַ־געשעפט, זיך משדך זיין מיט דער אָדער מיט יענער משפחה אָדער אָפּלאָזן אַ שידוך, — בכלל אין אַלע פאַלן פון לעבן פרעגט מען דעם צדיק, און ער גיט אַן ענטפער אויף איטלעכער פראַגע מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז די פרעגערס זיינען ניט מספּק אין זיינע ווערטער און זיינע הבטחות. דער מחבר פון „ספר הויכּוח" זאָגט עדות[2], אַז איטלעכער אַרענדאַר פון דער סעקטע

---

1 וועגן דער סעקטע חסידים, 33, 39, 40 א"וו.

2 דף ו"א, אין דרוק תקנ"ח. — דאָרט דף י"ט ווערט דערציילט, אַז דער רבי גיט דעם אַרענדאַר פּאַפּיר, וואָס אויף דעם זאָל ער אָנשרייבן די

חסידים פאָרט צום רבין, איידער ער שליסט אָפּ אַ נייעם קאָנטראַקט מיטן פריץ, און בעט ביי אים, „ער זאָל האָבן חן ביים פריץ".

---

§ 50. אין די רבישע הויפן

די הייזער פון די צדיקים און זייערע הויפן אין קליינע שטעטלעך. — אַ צדיק קומט אין שטאָט אריין, קומט אריין מזל-ברכה אין שטאָט: מאַסן פאָרערס צום רבין, באַוועגונג און פרנסה. — די זאַמל-טעג אין תשרי, דער יריד אויפן הימל און אויף דער ערד. — שבת צו דער דריטער סעודה איז די באַווליקטע הייליקע שעה; די פאַרזאַמלונגען אין בין-השמשות און אין נאַכטיקער פינסטערקייט, דעם רבינס דרשות, די באַגייסטערונג פון די צוהערער. — די פאַרזאַמלונגען פאַרבינדן דעם צדיק מיט דער וועלט אַרום אים: דער סוד פון זיינע „וואונדער-מעשים". — די פאַרזאַמל-ערטער פון חסידים: אין „קלייזל" און אין מקווה. — ליידיק-גייערס פאַרלאָזן ווייב און קינדער און האַלטן זיך אויף אין רבינס הויף. — יונגע בחורים אַנטלויפן פון זייערע עלטערנס היים און קומען אָן אין דעם רבינס „גוואַרדיע". — דאָס לעבן פון די פרויען אין די רבישע הויפן: די מתנגדים זיינען חושד יידישע טעכטער אין אָפּנייג פון צניעות; דאָס אַרויפּברענגען שלעכטע מחשבות און הרהורים וועגן פרויען בעתן דאַוונען. — די טיטלען: דער רבי, דער גוטער ייד, דער רב.

די הייזער פון די צדיקים און זייערע „הויפן" אין אַ סך שטעט, בפרט אין קליינע שטעטלעך, זיינען געוואָרן די צענטערס צו פאַרשפרייטן חסידות אין דער גאַנצער סביבה, וואָס אין איר האָט זיך דער צענטער געפונען. די מאַסן גלייביקער, וואָס פלעגן זיך צונויפפאָרן אין דעם צדיקס שטאָט און פלעגן אַמאָל אָפּזיצן דאָרט אַ לאַנגע צייט, האָבן אַריינגעבראַכט לעבן און רירעוודיקייט אין יידישן קיבוץ, האָבן פאַרברייטערט די צווייגן פון פרנסה, אַזוי אַז בכלל אַלע איינוואוינער האָבן דערפון גענאָסן. די פרנסים פון די חסידישע קהילות, און אַפילו די פריצים די בעלי-

---

בקשה-שריפט (ממוריאל) צום פריץ, און פאַרזיכערט אים, אַז דורך דעם וועט ער ביי אים אויסנעמען; „און [דער רבי] נעמט פאַר די עצות אַ גרויסע סומע (סך גדול)".

בתים פון די יידישע שטעטלעך, פלעגן מיט פאַרגעניגן צונעמען דעם צדיק, וואָס האָט זיך ביי זיי באַזעצט, ווייל זיי האָבן פון דעם געדעכנט צו האָבן נוצן פאַר דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און בכלל פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון זייער שטאָט. אַז איין צדיק פלעגט זיך באַזעצן אין אַ שטאָט צו נאָענט צו אַ צווייטן צדיקס וווין־אָרט און פלעגט אָפציען פון אים פאָרערס, פלעגן אויסברעכן מחלוקתן צווישן די צוויי קאָנקורירנדיקע צדיקים און צווישן די איינוווינער פון די שטעט, וואָס פלעגן זיך שטעלן איטלעכע אויפן צד פון זייער צדיק. אפילו אַ קבר פון אַ באַרימטן צדיק פלעגט אַריינברענגען פרנסה אין שטאָט: עס קומען מאַסן מענטשן מתפלל זיין אויפן הייליקן קבר, אַנידערלייגן בקשה־קוויטלעך אין אוהל אויפן קבר, און דערווייל האָבן חיונה פון די אורחים בעלי־אכסניות, קרעמערס, און שטאָטישע אָרעמע לייט[1].

ווי שוין אויבן געזאָגט, פלעגן אויף די תשרידיקע ימים־טובים די חסידים זיך צונויפקלייבן אין גרויסע מאַסן אין דעם צדיקס וווין־שטאָט. חוץ דער שרעק פאַרן יום־הדין, האָט נאָך געטריבן אַהין אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר: אין די חדשים אלול און תשרי פלעגן די ישובניקעס קומען אין שטאָט אַריין סיי צוליב דאַוונען בציבור און סיי צוליב האַנדל; די אַרענדאַרן פון די מאַיאָנטקעס פלעגן ברענגען צו פירן אין די נאָענטע שטעט אַריין: תבואה, גרינסן און אויבס, פאַרקויפן דאָס די קרעמער און שענקערס, און נאָך די ימים־טובים פלעגן זיי אויפמאָנען דאָס געלט פון זייערע קונים[2]. אַזוי זיינען די תשרי־טעג געווען ירידים סיי אין הימל סיי אויף דער ערד.

אָבער אויך אַ גאַנץ יאָר האָט מען ניט אויפגעהערט צו פאָרן אָן צו גיין צום רבין, כדי צו הערן פון אים תורה און צו בעטן ביי אים הילף אין וואָכעדיקע עסקים. אַלע שבת, פון שלש־סעודות־צייט ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין, פלעגן חסידים זיך צונויפקלייבן אין צדיקס הויז, און ער פלעגט זיי שפייזן מיט

1 וועגן דער סעקטע חסידים, ז״ז 23—30.

2 דאָרט, 52.

גייסטיקער שפייז. אָט איז אַ בילד פון אַ בן־דור, וואָס גיט איבער דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען[1]:

„אמת, דער גאַנצער שבתדיקער טאָג האָט זיך גערעכנט פאַר אַ באַוויליקטן טאָג, וואָס מען דאַרף אים פאַרברענגען אין רבינס הויז, אָבער די צייט פון דער דריטער שבתדיקער סעודה האָט זיך גערעכנט פאַר דער געוואונטשנסטער צייט צוליב דער נאָהענטקייט פון דעם חסיד מיטן צדיק. אַלע שבת נאָך מנחה קלייבן זיך צונויף אין רבינס שטוב די אָרטיקע חסידים און אורחים פון אַנדערע ערטער; און אויב קיין צדיק איז ניטאָ אין שטאָט, קלייבט מען זיך צונויף אין הויז פון איינעם פון די חשובע חסידים צו שלש־סעודות. דאָרט עסן זיי און טרינקען אַ סך בראָנפן, זינגען, טאַנצן, און אין יענער צייט טראָגט דער רבי פור פאַר די פאַרזאַמלטע זיינע פירושים אויף תורה און תלמוד און זיינע געדאַנקען, וואָס על פי רוב זיינען זיי פול מיט סודות און מיט פוסטע זאַכן. די דאָזיקע פאַרזאַמלונג געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און מען צינדט קיין ליכט ניט אָן, וואָרעם פינסטערניש פּאַסט זיך גוט פאַר אַזעלכע אסיפות. ווייזט אויס, אַז מען פאַרציט די דריטע סעודה ביז אין דער נאַכט אַריין, כדי צו פאַרלענגערן די שבת־רו פאַר די זינדיקע נשמות אין גיהנום, וואָס זיינען באַפרייט פון די עינויים, ביז דער צדיק און זיין קאָמפּאַניע ענדיקן די סעודה...

„דעם צדיקס דרשות, וואָס ער האַלט בעת דער דריטער סעודה, ווערן אַמאָל פאַרשריבן דורך זיינע תלמידים און דערנאָך איבערגעגעבן צום דרוקן... די תלמידים, וואָס ווערן צעהיצט פון די דאָזיקע שמועסן אין דער נאַכט־פינסטערניש, שוועבן אַרום אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע (וואָס איז זיי אייגן אָדער וואָס ווערט דערוועקט דורך טרינקען בראָנפן) אין די אייבערשטע וועלטן, בעת דאָרט הערשט גרויס שמחה און לייטזעליקייט. די נטיה צו ווונדער־זאַכן, צו דעם וואָס איז העכער פון דער נאַטור און קעגן דעם שכל, באַהערשט זייער גייסט און שטופּט פון אים אַרויס איטלעכן נאַטירלעכן און פשוטן באַגריף. און דער צדיק נוצט דאָס אויס צוליב זיין צוועק: ער דערווייטערט דעם פשוטן שכל פון

1 דארם, 53 א"וו.

די מאמרים פון דער תורה און תלמוד און טייטשט זיי אויס אויף אַ מיסטישן שטייגער, כדי צו פאַרשטאַרקן די חסידות און דעם גלויבן אין צדיק... אַזוי אַרום ווערט דער שכל הישר אין גאַנצן בטל, און אַלע געהויבענע מאָראַלישע אָנשווינגען פון די הייליקע שריפטן ווערן פאַרקרימט, אַז מען קאָן צום ריכטיקן זינען ניט צוקומען".

וועגן די אסיפות בעת דער שבתדיקער דריטער סעודה זאָגט ר' ישראל לייבל אין זיין „ספר הויכוח" (דף י"ט — כ') אָט וואָס: „זייער שטייגער אין דער דריטער סעודה איז, אַז דער גרעסטער צווישן זיי זאָגט תורה וואָס עס קומט אים אין מויל אַריין, און איטלעכער מאַן דהוא זאָגט תורה אויפן פסוק און אויפן מדרש וואָס מען פרעגט ביי אים, און ער [דער צדיק] מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז באַהעפט מיט השם יתברך, און דער אויבערשטער רעדט דאָס פון זיין מויל. אָבער פון זייער תורה איז צו זען, אַז ניט פון גאָט גייט דאָס. וואָרעם זייער תורה* איז ווי אין גראַמען, אַזוי ווי דער מאַרשאַליק זאָגט: אין איין באָד טוט מען שוויצן, און אויף איין שטול טוט מען זיצן, און אין איין געוועלב פאַרקויפט מען מיצן"*[1].

וויז, און דער רבי אַנטפלעקט פאַרבאָרגנס, אָן רייד און אָן ווערטער[2]. און דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט פלייש. דער רבי זאָגט צו איינעם פון די געסט: זאָג מיר דיין פסוק[3], און איך וועל ממלא

1 צווישן די שטערנדלעך שטייט אַזוי יידיש אין אָריגינאַל.

2 אין דעם וואַריאַנט „זמרת עם הארץ" (סימן י"ד) איז דאָ צוגעגעבן „שבת קודש פאַרנאַכט זיצן זיי אין דער פינסטער ביז צוויי און דריי אין דער נאַכט, און צעטיילט אַרום טיש, טרינקען זיי מער ווי זיי קאָנען פאַרטראָגן". ווייטער נוץ איך אויס דעם וואַריאַנט צוליב פאַרריכטן און ממלא זיי דעם גרונט-וואַריאַנט.

3 זע אויבן (ב' I, § 14) אין דער דערציילונג פון שלמה מיימו און ער [דער מעזעריטשער מגיד] האָט פאַרגעלייגט איטלעכן פון אונדז צו זאָגן פאַר אים אַ פסוק פון תנ"ך, און דערנאָך האָט ער פאַרבונדן אַלע פסוקים „צו איין געדאַנק".

זיין דיינע רייד און וועל דיר אַנטפּלעקן סודות... און ער [דער חסיד] זאָגט דעם פסוק, און דער צדיק ענטפערט אים אָפּ מיט אַ דונער־שטים: זינגט, זינגט, כדי עס זאָל מיר לייכטן דער גייסט פון שמחה, און איר וועט זען ווונדער. און דערנאָך עפנט ער זיין מויל און דרשעט, און ווער עס הערט לאַכט, ניטאָ דאָרט ניט קיין תורה ניט קיין יראה ניט קיין חכמה ניט קיין מוסר. ער הייבט אָן מיט אַ ברום און ענדיקט מיט שיכּרות. ניט דער ערשטער פאַל איז דער לעצטער פאַל, ניט דער לעצטער פאַל דער ערשטער פאַל, ער שטאַמלט און האַקט אָפּ אין מיטן און זאָגט: לאָמיר זינגען צוזאַמען, נאַר און גראָבער יונג, און זיי שאָקלען זיך אַלע ווי די ביימער אין וואַלד, און די ווייבער הערן די קולות הינטער די פענסטער, טאַנצן זיי אויך".

„וועגן צדיק ר' חייקל אמדורער דערציילט דער זעלביקער כאַ־טירקער אַז וואָס:[1] „שבת צו שלש סעודות זאָגן די חסידים [אויף ר' חייקלען]: ווי די רייד גייען אַרויס פון זיין מויל, אין נאָך מער, עס צעטיילט זיך פאַרן אויער אין פאַרשיידענע אופנים, פאַר איטלעכן לויט זיין ענין... אמת, אַ סך פון זיי [פון די צדיקים] זיינען ניט מסדר וואָס צו זאָגן פאַר זייערע תלמידים שבת צו שלש־סעודות, נאָר זיי זיצן און לייגן אַרויף זייערע הענט אויפן קאָפּ און אויפן פנים, גלאָצן מיט די אויגן, קנאַקן מיט די פינ־גער אַ שטיקל צייט, און ער [דער צדיק] זאָגט, אַז דורך דעם באַהעפט ער זיינע געדאַנקען מיט אויבן, ביז אויף אים וועט רוען דער גייסט. און ער זאָגט צו איינעם פון די תלמידים וואָס זיצן פאַר אים, ער זאָל אים פרעגן אַ פסוק וואָס וועט אים אַריינפאַלן אין מויל, און אַז דער צווייטער זאָל פרעגן אַן אַנדער פסוק, און אַזוי אויך דער דריטער, און ער [דער צדיק] הייבט אָן פאַר זיי צו זאָגן תורה לויט זייער שטייגער. ניטאָ קיין שום טעם אין זיינע רייד, און על פי רוב האָט עס נאָך אַ מיאוסן טעם, אַז עס ווערט שווער פאַרן אויער צו הערן, ווי איטלעכע זאַך וואָס גייט אַרויס אָן אַ כּוונה... און טיילמאָל שפּירט ער אַליין, אַז ער ווייס ניט וואָס ער רעדט, הערט אויף פּלוצים אין מיטן און הייבט אָן זינגען אַ שבתדיקן זמר".

1 שבר פושעים, סימן ל״ח; זמרת עם הארץ, סימן מ״ג.

. די פֿאַרזאַמלונגען ביים רבין שבת און יום־טוב און אויך אין דער וואָכן פֿלעגן אים צונויפֿבינדן מיט דער אַרומיקער וועלט. דער גבאי און אַנדערע מקורבים דעם צדיקס, וואָס פֿלעגן זיך אַריינלאָזן אין שמועסן מיט די באַזוכערס, פֿלעגן דערנאָך דערציילן דעם רבין אַ סך פּרטים פֿון זייער לעבן און אויך אַלע נייסן וואָס האָבן פּאַסירט אין דער יידישער וועלט. אָט די ידיעות פֿלעגט דער צדיק אויסנוצן צוליב זיינע „נבואות“, ברכות און „מופֿתים“, וואָס ער פֿלעגט מיט אַ ברייטער האַנט צעטיילן די פּדיונות־ברענגער[1].

חוץ דעם צדיקס הויז זיינען געווען נאָך צוויי ערטער, וווּ חסידים פֿלעגן זיך צונויפֿקומען: דאָס „שטיבל“ ביי דער שול אָדער דאָס קלייזל, און להבדיל די מקוה ביי דער באָד. דער חסיד האָט דערהייבן דעם מנהג פֿון טובל זיין זיך אין מקוה צו אַ גרונדגעבאָט פֿון עבודת הבורא. פֿאַרן דאַווענען פֿלעגט ער גיין אין מקוה, זיך אָפּטונקען אין וואַסער, וואָס זיין ריינקייט איז געווען שטאַרק מסופּקדיק, און פֿלעגט פֿאַרברענגען דאָרט אַ שעה צוויי אין שמועסן מיט זיינע חברים, וואָס פֿלעגן אויך קומען אין באָד אַריין, זיך טובלען און כאַפּן אַ שמועס. דאָרט פֿלעגן זיי אַרומריידן אַלץ אין דער וועלט, די הייכע פּאָליטיק פֿון מלכים און שׂרים, דעם אויפֿפיר פֿון יוסף בן שמעון, זיינע חסרונות און זיינע חטאים; דאָרט פֿלעגן זיי אויך באַריידן פֿאַמיליען־סודות און דערציילן פּליאָטקעס און רכילות, בפֿרט אויף זייערע געגנער[2]. פֿון מקוה פֿלעגט דער חסיד קומען אין שול אַריין שפּעט און דאָרט פֿלעגט ער דאַווענען אויף זיין שטייגער, מיט ברען און מיט רעש, און דערנאָך האָבן זיך געצויגן די שמועסן אין „קלייזל“ אָדער אין „שטיבל“, וואָס האָט געדינט פֿאַר איינס אי צום דאַווענען אי צום לערנען אי צום צונויפֿקלייבן זיך פֿאַר מענטשן וואָס גייען אַרום ליידיק אָן אַרבעט און אָן פּרנסה, וואָס פֿלעגן דאָרט פֿאַרברענגען דעם גרעסטן טייל טאָג. דאָרט זיינען זיי געזעסן און געטרונקען און געגעסן און געדרייטעט טאַבאַק, ביז דער

---

1 וויזען דער סעקטע חסידים, ז׳ 57 א״וו.

2 פֿון ר׳ נחמן בראַסלעווער איז געפֿאַלן אַ וואָרט: „מען מעג רעדן לשון הרע אויף אַ בעל־מחלוקת“ (ספר המדות, אונטער „לשון הרע“, סימן י״ד).

רויך פלעגט אנפילן די גאנצע שטוב. אזוי איז דער מקום־קודש געווארן א מין קלויז פאר די סעקטאנטן[1].

די בטלנות, וואס האט דערצו געבראכט, איז נאך מער אנטוויקלט און פארברייטערט געווארן אין די דאזיקע פארזאמלונגען, וואס האבן צוגעצויגן צו זיך אלע יענע, וואס האבן געזוכט זיך אפצורייסן פון זייערע צרות און ארויסשלאגן זיך פון די טאג־טעגלעכע דאגות[2]. א חסיד א לײדיקגײער, וואס איז ניט אין שטאנד מפרנס צו זיין זייב און קינדער, פארברענגט א גאנצן טאג אין רבינס הויף אדער אין „שטיבל", בעת זיין הויזגעזינד גייט אויס פון הונגער, און די אומגליקלעכע מוטער מוז ארבעטן עבודת פרך אין שטוב אדער אין קראם אדער אנקומען צו לייטנס גאב. דער חסיד איז מקיים די מצווה פון „דערוויטערן עצבות", און זיין פרוי פאלט אונטער דעם יאך פון זארג און נויט. דער חסיד לעבט מיט זיין גלייבן, אז דער צדיק וועט אים פארשאפן „בני חיי ומזוני". און זיין פרוי שפירט איטלעכע ווײלע, אז דער דאזיקער גלייבן איז ניט בכוח צו שטילן אירע קינדערס הונגער.

די וואונדער־מעשיות וועגן די צדיקים וואס האבן זיך פארשפרייט אין פאלק האבן באזונדערס צעהיצט די געמיטער פון די יונגע לייט און האבן זיי צוגעצויגן צו די רביישע הויפן. א סך יונגע לייט פלעגן אנטליפן פון זייערע רייכע עלטערן און קומען אין צדיקס הויז אריין, כדי אים צו באדינען און צו זיין צווישן זיין סוויטע. זיי זיינען געווען באוווסט אונטערן נאמען „דעם צדיקס יונגע לייט" און פלעגן אריינגענומען ווערן צווישן זיין גווארדיע, „דעם צדיקס מענטשן"[3]. אזעלכע תלמידים פלעגן אומעטום מפרסם זיין זייער רבינס גדויסקייט און פלעגן זיך איינשטעלן פאר זיין כבוד אומעטום, ווו מתנגדים פלעגן אים אנרירן. איין מאל האבן זיך באגעגנט א חסיד מיט א מתנגד אויפן וועג קיין לובלין. פרעגט דער חסיד דער מתנגד וואס קומט פון לובלין: „און וואס זאגסטו וועגן רבין?" — און באקומט א בייזע תשובה: „צוליב אים זיינען ביי אונדז טייערע געווארן הינער, אינדיקעס און גענדז" (דאס הייסט,

1 וועזען דער סעקטע חסידים, 58—60.

2 דארט, 63 א"ו.

3 דארט, 35.

די חסידים פרעסן א סך). פרעגט דער חסיד: פאר וואס זאלסטו רעדן אזוינס? אזוי פיל חשובע און אנגעזעענע מענטשן קומען צו אים געוואר ווערן. האט אים דער מתנגד געענטפערט: גייען דאך הונדערטער שרים און אדונים און גלחים באזוכן די אלקות אין צענסטאחאב אין קאלוואריא[1]. דעמאלט האט דער חסיד אויסגעשריען אויף א קול, גענומען א מעסער און צעשניטן זיין בגד, קריעה געריסן איבערן חילול הקידוש[2]. אמאל האט מען געפרעגט א חסיד: „אין וואס באשטייט דיין חסידות? דו ביסט דאך אן עם=הארץ, און אונדזערע חכמים ז"ל האבן געזאגט: אין עם הארץ חסיד". האט דער חסיד געענטפערט עזותדיק: „אונדזער גאנג אין בית=הכסא אריין און אונדזער רויכערן טיטון זיינען כעה פועל ווי אייער יום=כיפורדיק דאווענען". ביי איין חסיד האט מען געפרעגט: „דו קענסט דאך ניט קיין קבלה און קיין זוהר און ניט די שריפטן פון אר"י, הייסט ווו איז דיין חסידות?" און דער ענטפער איז געווען: וואס דארף איך קבלה, מיר זעען דאך מיט אונדזערע אויגן, אז אונדזער תפילה איז איבן פועל מער פון לערנען קבלה און זוהר.

די מתנגדים פלעגן נאך טענען, אז אין די צדיקישע הייזער ווערט ניט אפגעהיט קיין צניעות: ווייבער עקרות קומען צום רבין אויסגעפוצטע און פארפומירטע, טרינקען צוזאמען מיט מאנסביל און זיינען זיך מתקרב צום רבין צוליב „רפואה", און יענער פלעגט די עקרה בודק זיין און בענטשן: זאל דיר דער אויבערשטער געבן טראגן. דער פאנאטישער מתנגד ווארפט א חשד אויף דעם דאזיקן מתייחד זיין זיך מיט ווייבער און שפעט איבער זיי, וואס „מחמת דער גרויסער אחדות צווישן זיי איז איטלעכער צוגעקלעפט צו זיין חברס ווייב"[1]. אבער עס איז קיין ספק ניט, אז נאר ווי אן אויס=

1 אין דער פוילישער שטאט טשענסטאכאוו קומען נאך עד=היום זיך צונויף טויזנטער קאטוילוקן זיך בוקן פארן בילד פון דער מאדאנע אין דעם יאסנא=גורער קלויסטער.

2 זמרת עם הארץ, סימן כ"ח, כ"ט: פון דעם קונטרס וואס עס האט געשריבן דער מקובל ר' אהרן אוירבאך. פון דארט זיינען גענומען די ווייטערדיקע ציטאטעס.

3 שבר פושעים, סימן 34.

נאָך האָט געטראָפן אַ מאָל פון צעבּרעכן דעם צאָם פון צניעות. די מתנגדים האָבּן געפונען אַ סמך פאַר זייער חשד אין דער חסידישער תורה פון „אַרויפבּרענגען די מחשבות זרות" און אין די מיאוסע כתבים פון דעם בּראָדער חסיד דעם „פורץ גדר", וואָס האָט געדרשעט מכּוח דער קדושה וואָס קומט פון דער טומאה (איבּן, § 34). אָבּער אויך דאָ איז געווען מער ניבול פה, ווי טאַקע אַ היתר אויף מיאוסע מעשים.

די רבּנים האָבּן געפונען אויך אַ באַווייז פאַר זייער באַשולדיקונג אין אַ מאמר אין דעם גרונט-ספר פון חסידות „תולדות יעקב יוסף" (פּרשה ויקהל), וואָס דאָרט שטייט געזאָגט אין נאָמען פון בעש"ט: „ווי אַזוי זאָל מען מתקן זיין אַ מחשבה זרה? אויבּ דאָס איז אַ הרהור וועגן פרויען, זאָל ער [דער דאַוונער] מכוון זיין אים צו דערהייבּן און צו באַהעפטן מיט זייער שורש וואָס איז חסד. אין דעם סוד: „ואיש אשר יקח את אחותו חסד הוא" (ויקרא כ' 17). און דער סאַטיריקער שרייט אויס פון טיפן האַרצן[1]: „ווי איז מיר איבּן סוד וואָס זיי האָבּן אויסגעטראַכט! ווי טראָגן זיי אַריין פאַרשמוצטע מחשבות זרות אין היליקטום! זייער תפילה איז געגליכן צו אַ חלום, וואָרעם מען ווייזט אַ מענטשן אין חלום נאָר דאָס וואָס ער טראַכט (בּרכות נ"ד). און אַז זיי [די חסידים] ווילן די דאָזיקע מחשבה אַרויסשטופן, דעמאָלט הייבּן זיי אָן צו שרייען פיל גרויסע געשרייען מיט משונהדיקע רייד אין מיטן שמונה עשרה". און דאָ שילדערט ער, ווי אַזוי די חסידים דאַוונען: אין זייער בּרען לאָזן זיי אַרויס משונהדיקע קולות „מיט תנועות און האַקן די עלנבויגנס אָן גוף, פּאַטשן אין די הענט, בּיז עס קלינגט אין די אויערן, און זינגען ניגונים פון די שענק-לידער, מחמת שמחה, וואָס די תפילה גייט אַרויף דורך דער מחשבה זרה און איר ביטול".

שוין אין דער תקופה, וואו מיר האַלטן, האָט דער צדיק געהייבּן בּיים פאָלק מיטן נאָמען „דער רבּי" אָדער „דער גוטער ייד". אין דעם לעצטן נאָמען קען מען אפשר געפינען אַן אָנמענדערונג פון „בּעל-שם-טוב". ווי עס ווייזט אויס, פלעגט מען באַנוצן לכתחילה דעם נאָמען „דער גוטער ייד" נאָר בּנוגע צו צדיקים, וואָס שטאַ=

1 דאָרט, זמרת עם הארץ, סימן מ"א.

מען פון דער פאָלקסמאַסע, למשל ווי דער שפּאָלער זיידע, שפּיטער אָבער האָט מען איבערגעטראָגן דעם טיטל אויך אויף צדיקים בעלי־יחוסים: די זין פון צדיקים און תּלמידים פון צדיקים, וואָס האָבן איבערגענומען זייער רבישאַפט בירושה פון זייערע פאָטערס אָדער לערערס. צדיקים וואָס זיינען געווען מפורסם מיט זייערע גרויסע ידיעות אין תּלמוד און פּוסקים פלעגט מען אויך געבן דעם טיטל הרב (דער באַרדיטשעווער רב, דער ליאַדיער רב). אָבער דער אָפּטסטער נאָמען איז געווען „דער רבי". „גיין צום רבין, פאָרן צום רבין" — זיינען געוואָרן געוויינטלעכע אויסדרוקן אין דער פאָלקס־שפּראַך.

---

§ 51. אַ מוסטער פון אַ צדיקס הויז. רעליגיעזער פאַנאַטיזם

דאָס הויז פון דעם צדיק ר׳ חייקל אַמדורער.—באַזונדערע אַגענטן ציען אַריין יונגע לייט אין צדיקס שטאָט. — דעם רבינס „סגן" דער בעל־אכסניא און זיינע באַהעלפערס. — אַפּנאַרעריי, גנבה און גזלה. — יונגע לייט וואַרפן אַוועק ווייב און קינדער, און אַנטלויפן קיין אַמדור. — אָרעמע לייט און גבירים אין צדיקס הויז.—שקאַצערייען אין בית־מדרש, כדי צו פאַרטרייבן עצבות און צו דינען גאָט מיט שמחה. — צדיקישע הייזען אין ליזענסק און אין אַנדערע ערטער. — קאָמבינאַציע פור אַפּנאַרעריי און פאַנאַטיזם. — אַ מעשה מיט אַ מגיד אין דער שטאָט קאָמען. — אַ מאָרד־פאַל אין קראַסנאָסטאַוו. — רעליגיעזער פאַנאַטיזם קעגן נייעם שונא, דער השכּלה. — די גערודפטע ווערן רודפים.

אין די שריפטן פון די מתנגדים פון יענער תּקופה געפינען מיר אַ שילדערונג פון אַ צדיקס הויז, וואָס וואָלט געקאָנט דינען ווי אַ מוסטער פאַר גרעסטן טייל פון די צדיקישע הייזער, אויב ניט די גענערישע טענדענץ פון דעם שרייבער. אָבער ווען מיר וועלן אָט די טענדענץ האַלטן אין זינען, מעגן מיר באַניצן די

שילדערונג פון דעם בן־דור, וואָס האָט טאַקע באַשריבן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט, מער ניט ער האָט צוגעגעבן זיינע אייגענע איסטייטשן. ווען מיר אָט די סוביעקטיווע צוגאָבן אויס־לאָזן און מיר ווען אויסנוצן נאָר דעם פאַקטישן אינהאַלט.

מיר האָבן דאָ אין זינען דאָס הויז פון רב חיים חייקא אָדער חייקל אַמדורער, פון יענעם צדיק וואָס איז געווען, ווי מיר האָבן געזאָגט אויבן (ב' I, § 24), „אַ טיפּ פון אַ אוקראַינער צדיק אין אַ ליטווישער סביבה". דער אַנטי־חסידישער שרייבער, ר' דוד מאַקאָווער, האָט געוווינט ניט ווייט פון דער שטאָט אַמ־דור און האָט זיך צוגעקוקט צו אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן דאָרט אין צדיקס הויף. האָט איבערגעלאָזט אַ באַשרייבונג דערפון אין זיינע כתבים, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין אָפּשריפטן אין אָנהייב 19טן י"ה, אין די בני־דור וואָס האָבן געוווינט אין יענער געגנט, האָבן דאָס ניט אָפּגעלייקנט[1].

דער אַמדורער צדיק האָט נאָכגעטאָן זיין רבין, דעם מעזע־ריטשער מגיד: „ער פלעגט שיקן שלוחים אין אַלע יידישע שטעט איבערצורעדן און צו אָפּצופירן פון וועג. מען פלעגט זאָגן צו זיי [צו די וואָס זיינען נאָך ניט צוגעשטאַנען צו די חסידים]: דאָס איז אַ נייער וועג, [וואָס אויף אים] קאָנסטו זיך באַהעפטן מיט דיין באַשעפער דורך אַלע תרי"ג מצוות, וואָס ביז אַהער האָסטו די און דיינע עלטערן אָפּגעהיט נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי. און אַז דו וועסט מיטקומען מיט מיר צום רבין אין דער קהילה פון אַמ־דור, וועסטו פון אים הערן מער וועגן דאָזיקן וועג. וואָרעם דאָס איז דער שטייגער [פון די חסידים]: אומעטום וווּ עס איז פאַראַן זייערע אַ חבריתא, שטעלן זיי אַוועק איבער זיך איינעם פון זיי, וואָס איז מער פון אַלעמען בקי אין זייער שטייגער און מנהגים, און זעצן אים אַוועק אין אַ באַזונדערן חדר אויף אַ שטול, וואָס איז באַדעקט מיט גאָלד־פּאַפּיר (בנייר זהב הנקרא גאָלד־פּאַפּיר), און רופן אים אָן רבי און לאָזן זיך פון אים בענטשן שבת נאָך

[1] שבר פושעים, סימן 35—41; זמרת עם הארץ, סימן 42—48. ווייטער באַנוץ איך צוויי וואַריאַנטן, און איך לאָז דורך די איבעריקע זאַכן, בפרט די זידלערייען פון דעם שרייבער דעם מתנגד, ווי ווייט זיי האָבן ניט קיין שייכות צום עצם פאַקט.

איטלעכן דאַווענען. אַפֿילו ווען ער איז אַ שוטה און אַן עם-הארץ, אַזוי ווי ר׳ע חייקא, וואָס ער איז זייער רבי אין אַמדור[1], וואָס איטלעכער וואָס איז ניט פֿון זייער כּת וועט עדות זאָגן, אַז אַפֿילו אין זיין אייגענעם מנין, וואָס איז ממש ביי אים אין שטוב, דאַוונט ער נאָר פֿון צייט צו צייט. אַ סך מאָל קומט ער אַריין אין זיין מנין פֿאַר „קדושה“ און באַלד נאָך „קדושה“ אַנטלויפֿט ער, און אַזוי צו מנחה און צו מעריב. און אַז מען פֿרעגט ביי זיינע תּלמידים, פֿאַרוואָס טוט ער אַזוי, ענטפֿערן זיי און זאָגן: אַמאָל רייט ער און אַמאָל ליגט ער, ווייל ער האָט ניט געשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט“...

דער אַמדורער צדיק האָט געהאַט אַ גבאי, וואָס ווערט אָנגערופֿן אין די כּתבים „סגן“. „דער סגן, וואָס איז זיין געהילף (שני לו), אייזיק מאַנשעס, וואָס וווינט אין עק שטאָט אין דער אַכסניא לעבן קלייסטער, איז אַ באַוווסטער גנב און אַ רשע, וואָס איטלעכער אורח וואָס נעכטיקט איבער אין זיין שטוב, גנבעט ער [דער בעל-אַכסניא] ביי אים אַרויס אַלץ וואָס ער האָט, ווי דאָס איז באַוווסט געוואָרן פֿאַר פֿיל מענטשן, אַז אַזוי האָט ער געטאָן צוויי מאָל, אַז עס איז געקומען אין זיין שטוב אַן אורח פֿול מיט אַלדאָס גוטס, און אַרויס איז ער פֿון אים ליידיק, ווייל ער האָט ביי אים צוגעגנבעט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, בשותּפֿות מיט זייער גאַנצער חבריא. און עס איז באַוווסט די גנבֿה וואָס ער האָט געמאַכט ביי אַן אורח וואָס איז איינגעשטאַנען אין זיין שטוב אין יאָר תּקמ״א, ממש אַ מעשה ווי פּלגש בגבעה. ער האָט אים אויסגענאַרט: זיי האָבן אָפּגערעדט מיט איינעם פֿון זייער חברה, ער זאָל מאָנען ביים אורח [אַ חוב] אויף אַ באַשטימטער סומע, און דערנאָך איז געקומען יענער מענטש [דער תּובע] אין זיין חברה מיטן וויסן פֿון בעל-אַכסניא, אין דער צייט ווען דער אורח איז ניט געווען אין אַכסניא, און האָבן צוגענומען אַלץ וואָס דער אורח האָט געהאַט, אַ גרויסע סומע, און האָבן דאָס צווישן זיך צעטיילט, און דעם רבין זייערן האָבן זיי געגעבן דעם גרעסטן חלק, און זיי האָבן געזאָגט, אַז די גזלה האָט געמאַכט דער תּובע אַליין לויטן דין פֿון תּפֿיסה [וואָס זאָגט, אַז דער בעל-חוב מעג אַריינכאַפּן

1 דער שרייבער רופֿט אים שטענדיק מיט אַ שטאָך ר׳ע אַנשטאָט רבי חייקא.

זיין חוב, ווען ער קאָן דאָס טון...] און אַזוי האָבן זיי געטאָן מיטן מאַן פון רע חייקאס טאָכטער, וואָס זיי האָבן אים געצוווּנגען איבער געוואַלד צו געבן גט זיין פרוי".

דער זעלביקער „סגן" אייזיק מאנשעס איז געווען דער „ראש פון די פאַרפירערס" אין הויף פון אַמדורער צדיק. ער פלעגט זאָגן צו איטלעכן, וואָס איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ פון דעם רבינס מיסיאָנערן: „גיי אַריין צו אונדזער רבי חייקאן אין באַזונדער חדר און זיי זיך מתוודה פאַר אים אויף אַלע דיינע זינד וואָס דו האָסט געטאָן זינט דו לעבסט ביזן היינטיקן טאָג. און ער וועט דיר געבן אַ תיקון און וועט דיר מאַכן אַ פדיון, און עס וועט אַראָפּ פון דיר דיין זינד און דיינע חטאים וועלן פאַרגעבן ווערן. און אויב דו וועסט ניט זאָגן און וועסט וועלן איכבאַהאַלטן פאַר אים, וועט ער דיר זאָגן, וואָרעם ער ווייס וואָס דו טראַכטסט".

דעם סגנס באַהעלפערס ווי „מיסיאָנערן" זיינען געווען צוויי מענטשן, וואָס זיינען געווען באַוווּסט פאַר אָפּנאַרערס: אייזיק ראובנס פון זאַבלודאָווע און ישראל פון ווילנע. דער ערשטער „פלעגט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און איינריידן דעם עולם צו גלויבן אין זייער רבין", און דער צווייטער פלעגט שטעלן פאַלשע עדות, וואָס פלעגן עדות-זאָגן אויף די חטאים פון אַ ייִדן, בכדי אים צו צווינגען, ער זאָל גיין קיין אַמדור צום צדיק בעטן אַ תיקון פאַר זיין נשמה.

די מיסיאָנערן פלעגן ציִען צום אַמדורער צדיקס הויז גבירישע זין פון אַנדערע שטעט, על פי רוב יונגע לייט, וואָס זיינען נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט געווען אַלט. „אַז דער פאַרפירער איז געקומען צו אים [צו אַזאַ יונגנמאַן] אים איינצורעדן, זאָגט ער צו אים: נעם פון די גילדנס און מאַך דיר אַ קניפּל פון דעם געלט און גיי אין דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזן, און דו וועסט טון מיטן געלט וואָס דיין האַרץ גלוסט און דו וועסט דאָרטן עסן, וואָרעם תענית און סיגופים טאָר מען דאָרט ניט דערמאָנען, און דו וועסט זיין נאָר פריילעך און אויפגעלייגט, און דו וועסט אויך האָבן [געלט] אויף די פדיונות. און אַז ער האָט ניט קיין געלט אין זיין רשות, גנבעט ער אַוועק פון זיין ווייב אָדער פון זיין פאָטער און פאָרט מיט אים [מיטן מיסיאָנער] בשתיקה אָן דעם וויסן פון זיין פאָטער און מוטער און פרוי. און אַז דערפון ווערן געוואָר די פרוי און די קינדער [פון אַנטלאָפענעם], הייבן זיי אָן

שרייען מיט אַ ביטערן קול און וויינען און יאָמערן, [דאָס ווייב] איך איר מאַן, ווייל זי איז געבליבן ווי אַן אַלמנה, און זיינע קינדער קלאָגן: מיר זיינען געוואָרן יתומים אָן אַ פאָטער... און אַז דער פאַרפירער איז מיט אים אונטערגעגאַנגען, רעדט ער אים איבער און זאָגט צו אים: זינט דו לעבסט האָסטו פון דאַווענען קיין הנאה ניט געהאַט, ווייל דו האָסט געדאַוונט אין דער שטיל, אָן געזאַנג און אָן מאריך צו זיין. אָבער ניט אַזוי איז דאָ ביי אונדזער רבין, מען שרייט און מען זינגט, בפרט אונדזער רבי, ער האָט זייער אַ זיס קול און ער קען זינגען, און אַזוי אַלע דאַווענערס דאָרט, אַלע זינגען, און אונדזער רבי רב חייקא פּאַטשט מיט די הענט אַנטקעגן זיי. דאָרט וועסטו זוכה זיין צו דאַווענען, ווי עס געהער צו זיין, אין אַלע דריי מדרגות, דאָס זיינען קול, דיבור און מחשבה... און אין דער אמתן דער טיפש, אַז ער קומט אַהין און הערט זייער ניגון מיט זייער זיסן קול, ווערט ער צוגעקלעפּט צו זיי מיט גרויס ליבשאַפט און גייט זיי נאָך ווי אַן אָקס צום שעכטן". אַז דער צדיק האָט דערשפּירט, אַז דער אורח איז שוין צוגעגרייט צו פאַרשפּרייטן חסידות, האָט ער אים געגעבן רשות אומצוקערן זיך אַהיים. אינ־טערוועגס, אין גראָדנע, האָט דער יונגערמאַן זיך געטראָפן מיט זיין שווער און פאַר גרויס פּחד איז ער אַנטלאָפן פון אים און האָט זיך באַהאַלטן אין דער חסידאַרניע („בית החסידים"). זיין שווער איז אים נאָכגעלאָפן און האָט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך אומקערן צו זיינע אומגליקלעכע ווייב און קינדער, אָבער דער יונגער מאַן האָט מיט אים ניט געוואָלט פאָרן און האָט מיט גראָבע רייד געשטראָפט זיין שווער, דעם מתנגד, וואָס ער האָט ניט זוכה געווען משיג צו זיין דעם אמת פון די חסידים. אַז דער יונגערמאַן איז געקומען קיין מינסק, וווּ עס וווינט זיין פאָטער, איז ער ניט געגאַנגען זיך זען מיט אים, נאָר ער האָט זיך אויך דאָ באַזעצט ביי די חסידים, וואָס האָבן אים אויפגענומען מיט פּאַ־ראַד און האָבן אים נביאות געזאָגט, אַז ער וועט זוכה זיין „צו פירן רבישאַפט". דעמאָלט איז זיין פאָטער אַוועק צום „גאָראָד־ניטש", דעם פּאָליציי־עלטסטן פון שטאָט, און יענער האָט גע־צוווּנגען דעם אַנטלאָפענעם צום שטעלן זיך צום דין פאַרן קהילה־רב. דער רב האָט אים געשטראָפט, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו די חסידים, וואָס זיינען אַריינגעלייגט אין חרם, אָבער דער

יונגערמאַן האָט אים געענטפערט האַרבע דיבורים. דעמאָלט האָט מען אים געכאַפּט לויטן באַפעל פון קהל און אַריינגעזעצט אים אין תפיסה. אַז ער איז אַרויס פריי, האָט ער געמוזט אָפּגעבן זיין פרוי, אין זיינע עלטערן האָבן מיט אים ניט געוואָלט האָבן צו טון. שפּעטער איז ער אַנטלאָפן פון ליטע קיין וואָלין און איז דאָרט געוואָרן אַ באַרימטער רבי[1].

מיר האָבן שוין געזאָגט אויבן (I, § 24), אַז פאַרן געלט פון די פדיונות פלעגט דער אַמדורער רבי שפּייזן אַ סך אָרעמע לייט אין אַ באַזונדער גאָרקיך און געבן זיי נאַכטלעגער אויפן בוידעם פון הויז. אָבער — דערציילט ווייטער דער שרייבער — די אויסגעוויילטע פון די ג ב י ר י ש ע זין פלעגן עסן ביים רבינס טיש דאָס וואָס זיין ווייב קאָכט און פלעגן איר צאָלן חודשוויז. אין דער וואָכן פלעגט דער רבי עסן אין אַ באַזונדער חדר, און נאָר שבת פלעגט ער צושטיין צו דער שותפישער סעודה פון דער קאָמפּאַניע חסידים. די איבעריקע שטענדיקע אורחים פלעגן עסן ביי אייזיקן דעם „סגן", וואָס זיין עיקר פרנסה איז געווען דערפון. די גבירישע קינדער פלעגט מען אָפּהאַלטן אין אַמדור, ביז עס פלעגט זיך אויסלאָזן ביי זיי דאָס געלט פון קעשענע, און דעמאָלט פלעגט מען זיי געבן רשות זיך אומצוקערן זיך אַהיים, בתנאי זיי זאָלן אין זייערע מקומות דערציילן וועגן די וווּנדער, וואָס זיי האָבן געזען אין צדיקס הויז, און זאָלן צוציען נייע פּאָרעדס. „אַזוי צו אַזוי — איז מוסיף דער בן־דור — האָבן די מענטשן אין אַמדור פרנסה בריווח, ווייל אַ סך זיצן דאָרט, אַ דור גייט אַוועק און אַ דור קומט"[2].

אין חסידישן קלויז אין אַמדור האָבן נאָך ניט אויפגעהערט יענע שקאַנדאַלן פון די ערשטע סעקטאַנטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו פאַרטרייבן עצבות דורך געקינצלטע משונהדיקע מיטלען (אויבן, § 14, 18, 21). „מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר געהערט —

1 דער נאָמען פון דעם מענטשן ווערט ניט אָנגערופן אין ס"י „זמרת עם הארץ", וואָס דאָרט ווערט באַריכות דערציילט דער סוף פון דער מעשה מיטן אַנטלאָפענעם (סימן מ"ז). אין „שבר פושעים" ווערט די דערציילונג איבערגעריסן אין מיטן.

2 שבר פושעים, סימן 41.

דערציילט דער מגיד הרה מאַקאָווער[1] — פון איינעם אַ מענטשן וואָס האָט בײַ זיי געדאַוונט אַ שבת און האָט אונדז דערציילט וואָס ער האָט געזען מיט זײַנע אייגענע אויגן. און דאָס איז זײַן דערציילונג: איך בין אויך געקומען אין בית־מדרש פון ר׳ חייקאַ אין אַמדור שבת אין דער פרי דאָרט צו דאַוונען, און איך בין געשטאַנען מיטן פנים צו מזרח־וואַנט. און אַז דער ש״ץ איז געקומען צו „ישמח משה“ בײַ דער צווייטער שמונה עשרה, האָב איך דערהערט הינטער מיר אַ גרויסן רעש בײַ דער טיר, און די טיר איז געווען אָפן, ווײַל עס איז געווען זומער. האָט מיך אָנגענומען אַ חשק זיך אומצוקוקן. און איך האָב דערזען רשעים אין אַ דויפן שקצים [קליינע יינגלעך] שטיין אין פירהויז ניט ווײַט פון דער מזוזה. און אַז איך בין צוגעגאַנגען צו זיי, האָב איך געזען, ווי אַ גאַנצע חבריא זיצן רײַטנדיק אויף איין מענטשן (עושים מרכבה ביחיד): איינער פון זיי ליגט מיטן פנים צו דער ערד, און דער עולם רײַנגלט אים אַרום ווי אַ מויער, און אַ סך שטייען איבער אים און בייגן זיך אײַן, און איטלעכער הייבט אויף די האַנט און שלאָגט אים... און איך האָב געפרעגט דעם טעם פאַר אָט דער מיאוסער מעשה און האָב געזאָגט צום רשע: פאַרוואָס שלאָגסטו דײַן חבר? דעמאָלט האָט מיר געענטפערט דער געשלאָגענער אַליין, און איך האָב געהערט פון דער ערד זײַן שטים: ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן, און איך האָב פאַרבאָרגן מײַן פנים און דו וועסט נאָך מײַן הינטן, איך גיב איבער מײַן רוקן די שלאָגערס, איך האָב געטאָן און איך לייד. און איך האָב צו זיי געזאָגט: פאַר וואָס טוט איר דאָס אין מיטן דאַוונען? האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן דערפילט בעת דער תפילה, אַז זיי דאַוונען ניט מיט דער שמחה פון אַ מצווה און עס דערוועקט זיך בײַ זיי אַ ביסל עצבות, האָבן זיי דאָס זיך גענומען צום האַרצן און האָבן אַזוי געטאָן, און דורך דעם איז אַוועק טרויער און זיפצן, און עס איז געוואָרן ששון ושמחה“[1].

---

1 דאָרט, סימן 36; זמרת עם הארץ, סימן 42.

2 זע אויבן (I § 14) שלמה מיימונס דערציילונג וועגן חסיד, וואָס האָט געקראָגן געשמיסן אין הויז פון מעזעריטשער מגיד און לויט זײַן באַפעל, בכדי פריילעך צו מאַכן די פאַרזאַמלטע און צוצוגרייטן זיי צו דינען גאָט מיט שמחה.

וואס עס איז געטאן געווארן אין אמדור, האט מען געטאן אויך אין ליזענסק, און אין אנדערע צדיקישע הויפן אין אוקראינע און גאליציע. מיר האבן שוין אויבן (§ 28) גערעדט וועגן די מיאוסע מעשים פון די מיסיאנערן אין רבי אלימלך ליזענסקער סביבה. אין דער תקופה פון רעליגיעזן קאמף האבן ביידע צדדים זיך אויסגעצייכנט מיט איבעריקן פאנאטיזם, אבער אין חסידישן לאגער זעען מיר א באזונדער קאמבינאציע פון פ א ל ש ק י י ט און פ א נ א ט י ז ם, א נקמה־שטרעבונג פון גערודפטע וואס זיינען געווארן רודפים, דארט ווו דער רוב איז געשטאנען אויף זייער צד. דער מתנגדישער כאטיריקער ברענגט א סך ראיות דעריף אויפן סמך פון פאקטן.

א מעשה מיט א בארימטן מתנגדישן מגיד, וואס איז געקומען אין שטעטל קאמען (אין וואלין) און האט זיך אפגעשטעלט ביי איינעם א חסיד אין שטוב. די חברים פון בעל־הבית, חסידישע פאנאטיקער, האבן באשלאסן זיך נוקם צו זיין אין דעם מגיד, וואס האט קענטיק געהערט צו די שונאים פון דער סעקטע. אז זיי האבן זיך דערוואוסט, אז דער מגיד פארמאגט א הונדערט דוקאטן געלט, האבן זיי אפגערעדט מיטן בעל־אכסניא, ער זאל מאכן א בילבול אויפן אורח, אז ער האט געזינדיקט מיט זיין ווייב, דער בעל־הביתטע פון דער אכסניא. די יידענע איז אויך מרוצה געווארן עדות צו זאגן דעריף, נאכדעם ווי די פאנאטיקער האבן איר געגעבן א וועקסל אויף 20 דוקאטן, א באלוינונג פאר איר שאנד. דער רב פון דער קהילה האט זיך פארלאזן אויף דעם עדות־זאגן פון דער יידענע און האט פארמשפט דעם מגיד צו א שטראף. האבן די חסידים געכאפט דעם „נואף“, צוגענומען ביי אים זיין געלט און געשלאגן אים נאך דריי הונדערט מלקות, אז ער איז שיער ניט געשטארבן (כמעט שהגיע לשערי מות). דעמאלט האט די יידענע חרטה געהאט אויף איר עדות זאגן און איז געקומען צום גרויסן רב פון אסטרע, וואס האט אין יענער צייט זיך אויפגעהאלטן אין קאמען, און האט געזאגט: די דאזיקע רשעים האבן מיר אנגערעדט צו הרגען א טייערן יידן און האבן מיר געגעבן צוואנציק דוקאטן, און איך האב געלאזט זיך איבעררעדן, ווארעם ווייבער זיינען לייכטזיניק; אבער די מעשה איז שקר וכזב, און נאט אייך אוועק דאס געלט וואס זיי האבן מיר געגעבן. און זי האט געשריען פארן רב, ער זאל איר געבן א תשובה אויף איר זינד. און אז די חסידים האבן

געזען, אַז דאָ איז זייער פאַרברעכן אויפגעדעקט געוואָרן עפנטלעך און דער ענין האָט נאָך געקאָנט קומען צום קרימטלעכן געריכט, האָבן זיי געמוזט נעמען אויף זיך דעם קנס, וואָס דער אָסטרער רב האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט: באַצאָלן דריי הונדערט דוקאַטן דעם מגיד פאַר די דריי הונדערט מלקות און נאָך דאָס געצאָלט פאַר היילן זיך און אַנדערע שאָדנס. אַז עס איז געקומען די צייט צו צאָלן, און די באַשטראָפטע האָבן ניט געהאַלטן זייער צוזאָג, האָט מען זיי געשטעלט פאַרן קרייז-געריכט און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין טורמע, און זיי זיינען אַרויס פרי, ערשט אַז זיי האָבן באַצאָלט אַ גרויסע סומע שטראָף[1].

איין מאָל האָט דער פאַנאַטיזם פון די חסידים געבראַכט צו אַ שרעקלעכן מאָרד, וואָס זיין גלייכן געפינען מיר ניט אין דער געשיכטע פון די מחלוקתן פון יענער צייט[2]. אין קליינעם שטעטל קראַסנאָסטאַוו אין וואָלין איז אָנגעקומען פאַר אַ רב אַ תלמודיסט פון בראָד, וואָס האָט פיינט געהאַט די סעקטע חסידים און האָט געשטרעבט זי אויסצוואָרצלען. די חסידישע פאַנאַטיקער האָבן געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אים, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיין רייכן שווער ר' שמואל, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביים פריץ פון שטעטל. דעמאָלט האָבן די פאַנאַטיקער זיך צונויפגערעדט, שלום געמאַכט כלומרשט מיט ר' שמואלן, פאַרבעטן אים שבת צו שלש סעודות און געטרונקען מיט אים און אים אָנגעשיכורט, ביז ער האָט פאַרלאָרן זיין זינען. אין אַזאַ צושטאַנד האָבן זיי אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן צווישן די קראָמען און האָבן אים אַוועקגעקוילעט. אין דער פרי, אַז מען האָט געפונען דעם גע־הרגעטן, האָט דער וועכטער פון די קראָמען עדות געזאָגט, אַז ער האָט געזען, ווי מען האָט אים דערהרגעט, נאָר פאַר שרעק האָט ער ניט געקאָנט זיך רירן פון אָרט און האָט ניט דערקענט, ווער עס זיינען די מערדער. די אָרטיקע מאַכט האָט געכאַפּט די חשודיקע אין דעם מאָרד און האָט זיי איבערגעגעבן צום געריכט אין זשי־

---

1 שבר פושעים, סימן 43; זמרת עם הארץ, סימן 50.

2 די מעשה ווערט דערציילט צום סוף פון כ״י „שבר פושעים" (סימן 44) און אין אַ צווייטן וואַריאַנט צום סוף פון „זמרת עם הארץ" אָן אַ דאַטע. בכל אופן איז דאָס געשען פאַר 1798—1800.

טאָמיר. זייער אָנפירער משה דיין איז פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ שרעקלעכן טויט: מען האָט זיין גוף געפערטלט און אויפגעהאַנגען אין די פיר עקן פון שטאָט; די איבעריקע באַשולדיקטע זיינען פאַר־משפּט געוואָרן צו שווערער תפיסה און צו צוואַנגס־אַרבעט.

דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם, וואָס האָט אויפגעבליט אין דער תקופה פון דער מחלוקת צווישן די חסידים און מתנגדים, האָט געטראָגן גיפטיקע פרוכט אין דער שפּעטערדיקער תקופה, ווען די חסידות האָט באַזיגט איר ערשטע פיינדין, די רבנות, און האָט זיך מיט גרימצאָרן אַרויפגעוואָרפן אויף דער נייער פיינדין — דער השכלה. שוין אָנהייב 19טן י"ה באַקלאָגן זיך די גאַליציאַנער משכילים אויף די רדיפות מצד די חסידים. דער טיפער דענקער נחמן קראָכמאַל שרייבט אין זיין בריוו פון יאָר 1816: „אַז [די חסידישע סעקטע] האָט איצט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איז זי געוואָרן גרויס ביי זיך גאָר אַ שרעק, און דער אויבערשטער זאָל אונדז ראַטעווען פון דעם גערודפטן וואָס איז געוואָרן אַ רודף"[1]. אין אַ צווייטן בריוו דריקט ער אויס מיטגעפיל זיינעם אַ חבר, וואָס מען האָט אים איינגעשראָקן מיט אַ חרם, ביז ער איז געווען געצוווּנגען איבער־צוגעבן זיי זיינע וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף צו פאַרברענען. איין שרייבער פון די גאַליציאַנער משכילים, דער מחבר פון דעם אויבן דערמאָנטן בוך „איבער דאַס וועזן דער סעקטע חסידים" אין דייטש, האָט זיך ניט איינגעשטעלט עס אָפּצודרוקן, מחמת מורא, די חסידישע פאַנאַטיקער זאָלן אים ניט שלעכטס טון, און איז געווען געצווּנגען צו פאַרשפּרייטן זיין בוך אין אָפּגעשריבענע אַנאָנים. אין זיין בוך זאָגט ער אויך דעם סוד פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער סעקטע[2]: זיי האָבן אומעטום שפּיאָנען, וואָס זאָגן אויס די אָנפירער, פון דער סעקטע וועגן איטלעכן וואָס ווערט „פאַרכאַפּט" פון דער השכלה, און העמאָלט נעמען זיי אים רודפן דורך די תקיפים פון זיין קהילה אָדער דורך מסורות ביי דער מאַכט. די פירער האָבן געשפּירט, אַז

---

[1] כתבי ר' נחמן קרוכמאל, ערוכים ע"י ש. רבידוביץ, ז' תש"ז, (בערלין 1924), כאשר הרימה קרן כעת: גבה לבה עד להשחית והרחמן יצילנו מן הנרדף ששב להיות רודף.

[2] וועזן דער סעקטע חסידים, 66 א"וו. אין אַ סאַטירישער פאָרם איז די זאַך געשילדערט בפרוטרוט אין יוסף פערלס „מגלה טמירין" (1819).

די השכלה איז כּמעט פֿאַר חסידות, און דורך דעם וואָס זיי רודפֿן די משכּילים באַשיצן זיי זייער קיום.

אַזוי איז געשאָלסן געוואָרן דער היסטאָרישער קרייז: די פֿריערדיקע „רעפֿאָרמערס" זיינען געוואָרן קאָנסערוואַטאָרן און די גערודפֿטע זיינען געוואָרן רודפֿים.